STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06842

SHTOYB UN EYBIKAYT

Moisheh Grosman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראָסמאַן

✶

שטויב און אייביקייט

משה גראָסמאַן

שטויב און אייביקייט

פון די פאַרבליבענע כתבים
און פראַגמענטן פון דערשינענע ווערק

אַרויסגעגעבן פון משה גראָסמאַן־קאָמיטעט
קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ

תל־אביב, תש"ל — 1970

משה גראָסמאַן
שטויב און אייביקייט

ארויסגעגעבן פון משה גראָסמאַן־קאָמיטעט, קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ
מיט דער מיטהילף פון „ארגון יוצאי קוריב" אין ישראל

Moshe Grossman

DUST and ETERNITY

Published by the M. Grossman Commite in Caracas, Venezuela

„ישראל בוך", תל־אביב, ת.ד. 1777

©
כל הזכויות שמורות
Printed in Israel, 1970

דפוס „אורלי", תל־אביב

פון די אַרויסגעבער

אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן, אויפן שפּיטאָל־בעט, האָט משה גראָסמאַן ז״ל געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע כּתבים, נאָך נישט דערשינענע אין בוך־פאָרעם. מיר האָבן אויך געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן צו דער פּלאַנירטער זאַמלונג, קאַפּיטלעך און פראַגמענטן פון שוין דערשינענע ווערק, כּדי אָפּצושפּיגלען דעם גאַנצן שעפערישן וועג פון משה גראָסמאַן, וואָס האָט אין שטויב פון דער צייט געזוכט דאָס דערהויבענע פון דער אייביקייט, און אין דעם גייסט אויך באַשטימט אַ נאָמען פאַר זיין לעצט בוך...

נישט צופעליק האָט משה גראָסמאַן אָנגעהויבן זיין שרייבערישן וועג מיטן פּאַרמעסט צו דערציילן וועגן דער יִדישער אַרבעטער־סביבה, און גלייכצייטיק — צו געשטאַלטיקן די היסטאָרישע פיגורן פון די דענקער און קעמפער קאַרל מאַרקס און ראָזאַ לוקסעמבורג. ווי אַ זון פון שטעטל, פון יִדישער אָרעמקייט, האָט דער יונגער משה גראָסמאַן זיין שרייבערישע וויזיע באַהאָפטן מיט די חלומות פון וועלט־גאולה און מיטן געראַנגל פון זיין דור. און דערפאַר קאָן אויך זיין פאַר־שטענדלעכער זיין אַנטוישונג און פּראָטעסט, נאָכן דורכמאַכן די תּפיסה־„אוני־ווערסיטעטן״ אויף דער רוסישער ערד, אין „פאַרפישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי״... ער, דער גלייביקער און ברויזנדיקער אמת־זוכער, איז אויך געווען פון די ערשטע צו אַנטפּלעקן דעם וואָרן אמת, דעם טראַגישן סוף־פּסוק פון די אַלע וואָס זענען באַלוינט געוואָרן מיט פּיין און אומקום פאַר זייער מסירת־נפשדיקער טרייקייט צו דער אידעע פון אויסלייזונג.

אויך נאָך דער באַפרייונג און נאָכן אומקער פון רוסלאַנד, אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע, האָט משה גראָסמאַן זיך אָנגעטראָפן מיט פאַרפרעמדונג און שׂנאה מצד די וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ מוטיק וואָרט און פאַרן אַנט־פּלעקן די גרוילן פון דער סטאַלין־תּקופה.

אין ישׂראל האָט משה גראָסמאַן פאָרגעזעצט זיין שאַפערישע אַרבעט, מיטן געפינען אַ נייעם גלויבן און אָנהאַלט אין אויפטו פון ישׂראל און אין בונד פון ליבשאַפט און מיטזאָרג מיט יידן און יידישער קולטור־שעפערישקייט אומעטום. דער זשורנאַל „היימיש", וואָס משה גראָסמאַן האָט אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט, האָט געוועקט נייגער און אינטערעס אין אַ סך יידיש־סביבהס. אויף די בלעטער פון דעם זשורנאַל האָט משה גראָסמאַן געלאָזט הערן זיין וואָרט, ביז די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן.

טראָץ זיין בונטאַרישן גייסט און קעמפערישן נוסח, האָט משה גראָסמאַן זוכה געווען צו אָנערקענונג און כבוד אין ישׂראל און ביי יידן אין אַלע לענדער. אַ רעזולטאַט פון דעם איז אויך די איניציאַטיוו פון פאַרערער און פריינד, אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך — לזכר משה גראָסמאַן.

* * *

וואָס זאָגט דער נאָמען פון דאָזיקן בוך? נישט פאַראַן אין בוך קיין איין שאַפונג אונטערן דאָזיקן נאָמען. אלא וואָס? ס'איז אַ פּללדיקער נאָמען, אַ מחשבה־נאָמען, אַ סוף־פּסוק־געדאַנק:

מיר זענען אפשר שטויב, אָבער אויך — אייביקייט. אַ טייל פון אוניווערס און פון דער אייביקייט. שטויב און אייביקייט. אָדער אַפילו — שטויב אין דער אייביקייט. נאָר אין אַ מינוט פון עצבות כאַפּט זיך שיִער־נישט אַרויס אַן אַנדערע פאָרמולירונג:

אויך אייביקייט איז שטויב...

אָבער ווען מיר זאָלן באמת אַזוי פילן און מיינען — וואָלטן מיר דאָך קיין ביכער נישט געשריבן, און אַוודאי נישט געדרוקט, און אַרויסגעגעבן. איז משמע — אַז מיר האַלטן, אַז מיר מיינען און גלייבן — אַז מיר זענען יאָ אַ טייל פון דער אייביקייט, ווען אַפילו אַלס שטויב. נאָך מער: מיר מיינען, אַז ווען אַפילו אַלס שטויב. איז נישט ווי קיין גרויער שטויב, קיין אַנאָנימער, נאָר מיט זיין באַזונדערער פאַרב, מיט זיין באַזונדערן ריטעם. מיט דער פאַרב און מיט דעם ריטעם פון אונדזערע מיינען, פון אונדזער שעפערישקייט, פון אונדזער נשמה, וואָס האָבן אַוודאי — יאָ זייערס אַ נאָמען.

משה גראָסמאַן

3טער אויגוסט, 1961

ישראל־מאָטיוון

דאָס שליסעלע און דער שליסל

אָנקום

אויסטערליש.

אויף אַזאַ וועטער צום אָנקומען קיין ישראל — האָבן זיי זיך נישט געריכט.

אַזוי פיל צענדליקער קילאָמעטער צופויר שוין קאָלומביש געשאַרפּט די בליקן אין האָריזאָנט, אפשר זעט מען שוין דעם מינדעסטן קאָנטור פון הר הכּרמל?

די שיף האָט געשניטן די ים־וועלן, געאַקערט די כוואַליעס, צוריק־געטריבן כוואַליע־שטח. די אויגן האָבן געשלונגען יעדן מעטער דערנענ־טעניש. ווי לאַנג נאָך? ס'שווימען צוריק יאָרן. יאָרהונדערטער. יאָרטויזנ־טער. מרחקים. מ'פאָרט דאָך צוריק אַהיים. צו אייגנלאַנד. וויגט זיך די שיף. הוידעט זיך, פליעסקעט אַ ים־מעשהלע:

„כ'געדענק. וואָדען, כ'געדענק נישט? מ'האָט דאָך אויפן דאָזיקן וועג געפירט די פעטערס אייערע, געפאַנגענע, אַהערצו, צו די שקלאַפן־מערק, קיין צפון־אַפריקע, רוים. און אָט פאָרט מען צוריק. מיר קומען שוין נענ־טער, נענטער, נאָך נענטער".

און אָט איז מען אָנגעקומען. די שיף אַנקערט אין חיפה. און דאָ־גראָד אַזאַ אויסטערליש וועטער: שניי מיט בליצן, אַן אויסטערליש וועטער: שניי מיט בליצן צוזאַמען. אַווירבלווינט מישט דעם שניי, פלעכט אים אין בייטשן, טרייבט אים ירגזונדיק, בלאָזט מיט געבייזער, איילט מיט אַזאַ כּעס ווי ער וואָלט זיין אַן עקסטרער שליח פון ווייטן צפון — אַ שניישטראָף־עקספּעדיציע אויפן תנכישן זונלאַנד. און אין מיטן דערינען: דונערס וועלגערן דעם הימל. ווייסע דונערס. אויסטערליש. וואָס בייזערן זיך אַזוי די הימלען? מאַכט אפשר דער בורא עולם אַ קאָרעקטור אין דער נאַטור?

— רעבעקאַ, ס'איז דאָך אַן אמתע ערדציטערניש!

זי האָט אָװעקגעשטעלט די צװײ װאַליזעס און צװײ טעקעס אויף דער ערד, אים אָנגענומען בײ זײנע װײכע, פּוכקע הענט, אַרויפגעקוקט צו אים מיט איר תמיד גרײטן הילפבליק, אים סוגעסטירט זיכערקײט — װאָס איז אים אַזוי אָפּט נײטיק:

— יאָנאַטאַן, אוספּאָקוי שען, באַרוּיק זיך, קאָכאַני.

דער הױכער, אײדעלער יונתן הרכבי פון װאַרשע, שוין באַלד אַ בן־ארבעים, אַ װײכער, בלײכער, מיט אַ ביסל אָנגעיוירענעם בויך, מיט אַקאַ־דעמישע טיטולן, בקיאות אין לומדות, מיט זײנע פאַרשאָטנטע אויגן װעלכע זעען אַװדאי יעדע זאַך מער װי אין דרײ דימענסיעס — איז קינדיש איבערגעשראָקן. ער צעשמײכלט זיך געהאָרכיק און װײך װען זי, רעבעקאַ, נעמט אים אָן בײ די הענט. ער דערפילט: אַ זיכערקײט־אײנשטיך. צעגײט גיך אין גוף. אַ װאַרעמקײט פאַרװײכט די שרעק אין אים. שלעפּט זי אײן, אָדער בענדיקט זי לגמרי.

נאָכן אָנקומען אין פּאָרט אַרײן, נאָכן דורכגײן די צאָלקאַמער, נאָך דער פריקרער און פײנלעכער פאַסירונג אין סאַניטאַר־קעמערל, װוּ מ'האָט מיט געלן דעזינפעקציר־פּודער אים באַשיט די אינטימע קערפּער־טײלן, װי ער װאָלט געװען אַ װיקלקינד; נאָכן אַרויסגײן שוין אויף דער צװײטער זײט מיט אָפּגעשטעמפּלטע דאָקומענטן, זענען זײ בײדע געבליבן שטײן אויף דער שטײנערנער באַגאַזש־פּלאַטפאָרמע. זיך אַרומגעקוקט. װוּהין קוקט מען פריער? נו קוק. באַגעגעניש־סצענעס צװישן נאָענטע, פרײד, געװײן, רופעניש, אויסגעשרײען. ס'װאַרטן לאַסטאויטאָס, טענדערס, דזשיפּס. אויף אָפּצופירן די נײע עולים אין די מעברות, קיבוצים. ס'װאַרטן טעקסיס און פּריװועטס. צו זײ איז, זעט אויס, קײנער פון די באַקאַנטע נישט געקומען אָפּװאַרטן. מסתמא צוליבן װעטער. װוּהין װעלן זײ פאָרן? דערװײל נאָך — צו קײנעם נישט. מ'עט נאָך זען.

נעמען זײ די רענצלעך, טעקעס, רוקזעק און גײען.

די ציפּרעסן בײ די זײטן כבישים זענען פּורימדיק פאַרקלײדט און פאַרשטעלט — מיט שנײ־אַרבל אויף די צװײגן, שנײ־קוטשמעס אויף די

קרוינען־קעפּ, ווי די נאָדלביימער אין די גוייִשע חגאות אין יענע לענדער.

גייען זיי דערווייל מיט די וואַליזקעס סתם אין לאַנד אַריין. פרעגן זיך נישט ביי קיינעם וואָס און וווהין.

די שניי־־זאַוויערוכע לאָזט אָבער נישט. בראַדזשען אין שניי איז שווערער ווי אין זאַמד. שטייען זיי ביידע, יונתן און רעבעקאַ. אַ בליץ ספּיראַלט זיך אַריין אין ווינטקרייזיקן שניי. ראַזט דורך דעם ווייסווינטער־דיקן אורח, און שפּיזט אַריין אין ים. נאָענט צו דער פּאַראַנקערטער שיף אין פּאָרט. אַ דונער באַגלייט אים נאָך, ווי אַ בייזער אויפּזעער. און אָט זיגזאַגט זיך שוין נאָך אַ בליץ, ווי אַ ייִנגערער ברודער. און ווידער קויי־לערט זיך אַ דונער, ראָלט אַרום, קייקלט זיך און ווידערקולט זיך. ס׳ציט אָן אַ גאַנצער כמאַרע־קאַראַוואַן. גראַ־בלאַ. דער שניי ווערט זאַמדיק־ברוין. און פּלוצים גיבן זיך די וואָלקנס אַ צעפּראַל, און בליץ־שטאַפּעטן כאַפּן אַרויף אויף זייערע פייערשפּיזן — ביימער־שפּיצן, דעכער, בערג־קופּאָלן, שיף־קוימענס, פאַבריק־סירענעס.

און ווידער יונגע בליצן — פידל־פייערדיקע סאָליסטן מיט באַגלייט פון דונער־אָרקעסטער. אָן אַ דיריגענט, צי גאָר פון אַ צעטומלטן דיריגענט ?

רעבעקאַ כאַפּט פון זיך אַראָפּ איר מאַנטל, זויל אים אַרויפוואַרפן אויף איר יאָנאַטאַן, ער וועט עס דאָך נישט אויסהאַלטן. ווו פאַרשטעקט מען זיך ? ווו שיצט מען זיך ? זיי שטייען דאָך אין הפקרען דרויסן, כמעט אַ פעלד. יאָנאַטאַן שרעקט זיך מסתם.

אָבער אָט זעט זי גאָר : אַ לייטזעליקער שמייכל פּלייטלט אַרום זיינע ליפּן. ער שטייט רויִק. קוקט, הערט זיך צו. דאָס וואָס דאָ אַרום קומט איצט פאָר — דאָס איז דאָך צו אים געווענדט. מסתמא אַ סימן אַזאַ, און מ׳גיט אים אַצינד איבער דעם סימן :

— רעבעקאַ, זיי פּולקאָם רויִק, ס׳איז אין אָרדענונג. ס׳איז ס׳ריכטיקע וועטער.

שמייכלט זי. ס׳דאַרף מיינען : זי איז תופס דעם רמז. סיי־ווי איז פאַר איר געגנוג, אַז ער פאַרשטייט עס. אַז ער שמייכלט.

ס׳איז חודש דעצעמבער יאָר טויזנט נײַנהונדערט נײַנאונפערציק.

עטלעכע טעג נאָך צום סוף העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט. רעבעקאַ שטרייכט פאָר אים אונטער די דאַטע. ער דערווידערט:

— נייַן, טייערע, פון אַצינד אָן הער איך אויף מעסטן די צייַט לויט דער געבוירן־דאַטע פון עקזאַלטירטן ישיבה־בחור, דעם טישלער־זון פון בית לחם. ס׳איז חודש כסלו, יאָר צוויי טויזנט נייַנהונדערט נייַנאונפופציק.

— אַזוי מייַנסטו? גוט, יאָנאַטאַן, כ׳שפּאַר זיך נישט מיט דיר. וואָסער דאַטע איז דאָס?

— דעמאָלט איז דער זיידע מייַנער, דוד, דער הונדערט פּיראונפער־ציקסטער אורעלטער־זיידע מייַנער, געוואָרן מלך בישראל.

ער פאַרדעקט מיט ביידע האַנטפלאַכן ס׳פּנים. ער זעט איצט אַזוינס וואָס מ׳קען נאָר זען מיט פאַרדעקטע אויגן.

און דערווייל קומען פאָר ענדערונגען אין אָרום: אַ געוויינלעכע נאַטור־שטיפעריי וואָס פאַסירט דאָ אַזוי אָפט: די וואָלקנס, ווי שווער־געוואַנדענע פאַרטיערעס רוקן זיך פאַנאַנדער, די זון האָט זיך באַוויזן. זי איז נאָך אַ פאַרוואָלטע פון שניי, אָבער זיי צעשווימען זיך די וואָלן. די זון שייַנט איבערבעטעריש, גוטמאַמיש. ס׳דערוועקט זיך אין אָרום אַ זיס געזאַנג, — פון הימל, פון די בערג, פון ים, פון די פעלדגרילן, פון די פייגל וואָס זינ־גען און שפּרינגען אויף די שניי־צווייגן.

יונתן נעמט אַוועק די הענט־באַדעקנס פון זייַנע אויגן. רעבעקאַ, זייַן ווייב, זאָגט צו אים ניגונדיק:

— יאָנאַ קאָכאַני ((רופט אים פאַרצויגן), צי הערסטו דען נישט שפּילן בעטהאָווענס די זעקסטע? די פאַסטאָראַלע?

— קאָכאַנאַ, פריִער נאָך האָט עס שוין געשפּילט מיין זיידע, אויף זייַן פידעלע — — —.

דאָרטן

די גאַס אין וואַרשע ווו ס׳איז אַמאָל געווען אַ קלויסטער פון פראַנ־ציסקאַנער־אָרדן, איז שוין זינט לאַנג אַ פויל־יידישע גאַס. מ׳פילט דאָרט דעם ריח פון לעדער צוזאַמען מיט דעם ריח פון שבתדיקן ראָזשינקע־וויין.

אַ סך ווײַנקראָמען דאָרט. מ׳מעסט ווײַן אויפֿן קוואַרטירל, געגאָסן דורך אַ לעיק. מ׳טראָגט עס אַהיים פֿאַרדעקט הינטערן כאַלאַט אָדער פּאַטשיילע — אַז אַ גוי׳יש אויג זאָל עס נישט דערזען. געווען דאָרט געוועלבלעך מיט בשמים און ספרים־קראָמען, תשמישי קודש, שטיבלעך. ביידלעך אויך אין די הייף, קרעמלעך אויך אין די קעלערס און אויף שטאָקן, אַפילו אין די קאַליע־געוואָרענע ווינדעס.

דער קלויסטער פֿון פֿראַנצישקאַנער־אָרדן האָט זיך סוף־סוף געמוזט איבערטראָגן ערגעץ אין אַן אַנדער געגנט, אָבער דער נאָמען פֿראַנציש־קאַנער־גאַס איז געבליבן. שוין אַ ריין יידישע גאַס, חוץ די גוי׳ישקע הויף־סטרוזשעס. דאָ האָבן געוווינט סיי גבירים סיי קבצנים, אָבער דער רוב — יידיש־חסידישע מענטשן, דאַוונען אין איין „שטיבל״ און פֿאָרן אָפּט צו איינאונזעלבן רבין.

די שטוב פֿון די הרכּבֿיס דאָרט איז אַוודאי געווען פֿון די ערשטע חסידיש־גבירישע שטובן פֿון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט שפּילן אויף אַ פּיאַנע.

די אַלטיטשקע באָבע האָט אַפילו תּחילת געזאָגט, אַז ס׳שפּילן פֿון דער פּיאַנע קומט איר פֿאָר ווי ס׳שפּילן פֿון די קאַשטשאָלן אַרויס, פֿון אַן אָרגל. און זינט חורבן בית המקדש טאָרן יידן נישט הערן קיין אָרגל־שפּילן, נאָר אַז איר אוריאל, דער בכור, האָט איר פֿאַרזיכערט:

— מאַמישי, מ׳מעג, סיניש קאַ אָרגל —

האָט זי נאָכגעגעבן.

די שנור האָט איר געזאָגט, — אַז זי שפּילט קאַפּיטלעך תּהילים אויף דער פּיאַנע.

די שנור האָט געטראָגן אַ שייטל, געפּירט אַ שלמותדיקע, שטרענג־כּשרע שטוב. ס׳זענען דאָ נישט איין מאָל איינגעשטאַנען רביים, נאָר זי האָט אויך גוט געקענט שטיקער מיצקעוויטש פֿון אויסנווייניק. געלייענט שילערן, היינע, געטע, לעסינג, ליב געהאַט קראַשינסקין, סלאָוואַצקין. גע־שפּילט שאָפּענען, שובערט, שומאַן. אַז זי האָט געקריגן אַן אָנפֿאַל פֿון מיגרענע, האָט זי זיך געהייסן דערלאַנגען ס׳בוך פֿון רב ברוך. דאָס האָט געמיינט — שפּינאָזעס „עטיק״. אין אַ דייטשער איבערזעצונג. ס׳איז איר

גענוג געווען איבערצולייענען נאָר אַ זייטל, צוויי — און דער קאַפּוויטיק איז אַנטרונען.

יונתן איז געווען דער עלטסטער פון די זיבן קינדער. פיר טעכטער און דריי זין. ער איז פון אַ צווילינג, מיט אַ מיידל, הדסה־אסתר, וועלכע די חברטעס האָבן גערופן — עסטושאַ.

יעדעס קינד פון די הרכּבים, אָפּגערעדט פון די יִינגלעך, האָט גע־ ווּסט — אַז מ׳איז אַ יורש פון אַ מלכות־קרוין. דאַרף מען זיך האַלטן ווערדיק־מלכותדיק. נישט פאַרשעמען, חלילה, די קרוין. די מגילת־היוחסין ליגט פאַרשלאָסן אין יענער גאָלד־געצירטער קאַסעטע, וועלכע גיט איבער מקדמונים דורות בירושה, שוין זינט הונדערטער יאָרן. און דאָס שליסעלע צו יענעם קעניגלעכן יחוס־אוצר ווערט געהיטן ווי יעדער מלכותדיקער אוצר ביי פאַרטריבענע יורשים. אין די צוואות איז עס תחילת גערופן געוואָרן — „די מגילת היוחסין״, דערנאָך שוין — „די מגילה״, דערנאָך שוין, צוליב די פאַרשידנסטע סיבות — „די קאַסעטע״, דערנאָך האָט מען עס שוין גערופן נאָך קירצער, קאָנספּיראַטיווער, — „דאָס שליסעלע״. מיט דער צייט איז די באַצייכענונג „דאָס שליסעלע״ — געוואָרן דער סינאָנים פון ערפורכט, קדושה, די גרויס־גרויסע ירושה. „דאָס שליסעלע״.

יום־טוב שבועות איז געפּראַוועט געוואָרן יומטובדיק נאָר דער צוויי־ טער טאָג, אָבער נישט דער ערשטער. — ס׳איז דער טאָג פון זיידנס, דוד המלכס, פּטירה.

און אַז די מאַמע האָט אַ מאָל אַ רעד געטון וועגן „דאָס שליסעלע״, — זיין תמיד באַלאָדן מיט דער דערהויבענער לאַסט פון דער גרויסער ירושה זינט יאָרטויזנטער, — האָט זי צוגעטייטשט:

— איר קענט נישט זיין אין לעבן קיין פּאַסאַזשירן מיט ליידיקע רענצ־ לעך. מיט גאָרנישט־געקומען און מיט גאָרנישט־אַוועקגעגאַנגען, ווי ס׳איז עס דער רוב. איר זענט באַלאָדן מיט גרויס־מלכותדיקער ירושה, דאַרפט איר זי ווערדיק טראָגן אויף זיך, אין זיך, מיט זיך.

דאָס זאָגט זי אין מאַנס בייזיין. ער שווייגט מיט כּוונה. זיינס אַ זאָג איז כּמעט ווי דעקרעט. נישט ליב באַטשקען. הערט אָבער מיט הנאה ווי ס׳רעדט מילכּה, זיין ווייב.

יונתן איז אַן עילוי, אַ מושלם, — אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין דער דאָזיקער משפּחה. ער האָט אין שטוב פּריוואַטע מלמדים, לערערס. צו נײַנצן יאָר שוין ראוי אויף היתר־הוראה, און אויף אָנקומען אין אוניווערסיטעט. דעם עקסטערן־עקזאַמען לײַכט אויסגעהאַלטן. ער האָט, מיט הסכּמה פון די עלטערן, זיך אַזוי נוהג געווען:

ביז דער גאַס פון אוניווערסיטעט צוגעפאָרן אין זײַן געוויינלעכער הלבשה, אַ יידיש־טוכן היטעלע און אַ דריי־פּערטל־לאַנגע קאַפּאָטע. פאַר דער אוניווערסיטעט־גאַס, אַריין צו באַקאַנטע, און זיך איבערגעטון אויף קענען גיין אין אוניווערסיטעט אַריין.

געווען פון די פּעיִקסטע סטודענטן. איבערגעהיפּערט טרימעסטערס, סעמעסטערס. געדיכטעט, געמאָלן, מוזיצירט. האָט מיט דער זעלבער ליבשאַפט און לײַדנשאַפט געלערנט מעדיצין און פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און קונסט. אָבער מיט געפּפלטן חשק שטודירט — גענעטיק, געאָלאָגיע, אָריענטאַליסטיק. די דאָזיקע געביטן דאַרף ער באַזונדערס גוט וויסן און קענען. אַ רבי צום לערנען קומט נאָך אַלץ צו אים, יונתן מוז קענען פאַרשטיין אויך אַ שטיקל זוהר. ער שרײַבט שירים אין לשון קודש. „וויערשן" אין פּויליש. מ׳דרוקט דאָס אין זשורנאַלן פון די יונגע קינסטלער.

בײַ זײַנע צוואַנציק יאָר קריכן שוין אויס די בלאָנדע האָר פון קאָפּ. מאַכן אַן אָרט פאַר אַ פּליך וואָס וויל שוין פּראָפעסאָריש אַראָפּגלאַנצן. ברומט שוין עפּעס דער טאַטע וועגן תּכלית. דאָס מיינט בײַ אים:

— אייניקל יונתן, אין עיר־הזיידן דוד ז״ל דאַרף מען דאָך קומען. שוין צײַט. קודם וועסט דו דאָרט אַהינפאָרן. מירן נאָכקומען. מיט די קינדער. אַ ביסל רכוש. ווי לאַנג נאָך איז דער שיער?

דער ענטפער — קורץ, מלא־וויץ, געהאָרכיק:

— טאַטע־אייניקל, ס׳עט געשען דײַן רצון. מ׳דאַרף זיך רעכט צוגרייטן. זאָל דורך אָן אַ מיכשול. שלימותדיק, כּדבעי — — —.

די ערשטע נאַכט

אַכצן יאָר זינט דעמאָלט. זיי מעגן געפּפלט ווערן אויף הונדערט. וויפל עפּאָכעס זענען דורך אין די אַכצן יאָר?

זיצן דאָ אַצינד אויף זייערע וואַליזעס. נעמען אַרויס עפּעס צובייסן. רעבעקאַ וויל מ׳זאָל צוגיין אין אַ טייהויז, אַ גאַרקיך. אָבער יונתן באַשטייט מ׳זאָל עסן אויפן פעלד. זיך דערצו צוגעווינט אין סאָוויעטישן לאַגער אויפן ווייטן צפון. וואָסער צו וואַשן די הענט האָט רעבעקאַ אין אַ פעלדפלאַש.

טיי וועלן זיי יאָ ערגעץ אַריינגיין אָפּטרינקען.

ס׳וועטער, — באַרויִקט. אָבער זיי וויגן זיך נאָך אַלץ. די ערד וויגט זיך. דאָס איז מסתם נאָך פון דער שיף. זיי דערפרעגן זיך צו אַ טייהויז. וועלן נאָך היינט פאָרן קיין תּל־אביב. אויפן אַדרעס פון די באַקאַנטע.

— יאַנאַטאַן קאָכאַני, דו פילסט נאָך נישט, זע איך, אַז מיר זענען שוין אין לאַנד. ביי אונדז אין לאַנד.

ער ענטפערט נישט קלאָר. אַ סימן — ער וויל נישט אַז זי זאָל אים ווייטער וועגן דעם פרעגן.

*

שפּעט ביינאַכט אָנגעקומען אין תּל־אביב. אַ קינד איז דאָ קראַנק. צוליב דעם נישט געקומען. מ׳גיט זיי געלעגערס. אַ שטוב. זאָלן זיי זיך אויסרוען. אָבער אַ שמועס פאַרהעקלט זיך. שפּרינגענדיק, אָפּגעריסן. פון געשעעניש צו געשעעניש, נאָמען צו נאָמען, דאַטע צו דאַטע. ווינציקע פאַקטן, — און אָט איז שוין אַ יסורים־באַרג. ריח פון קאַלכאויוונס. אבלות, טרויער־קרעפּע־וואָלן ביז צו די הימלען. —

— טאַטישי! — יציאת נשמה אין געטאָ. נישט דערלעבט צו מאַידאַנעק. די מאַמישי? — יאָ דערלעבט, צו דער קרעמאַטאָריע. די ברידער? — פאַרשניטן. די שוועסטערן, — צוויי אין געטאָ, אַוועק מיט דער מאַמען, צוויי, — אויף דער אַרישער זייט. איינע פון זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף, האָבן פּויערים זי אויסגעגעבן, אַרויסגעצויגן פון אַ קאַרטאָפל־גרוב, זי צוזאַמען מיט איר זייגקינד, אַ טעכטערל, דערהרגעט מיט שטעקנס. דערנאָך אונטערגעצונדן. זיי האָבן געוואָלט, די גויִים דאָרט, כאָטש אָן אייגענעם, קליינעם מאַידאַנעק. ס׳ייִנגסטע שוועסטערל? נעמי? — זיך גענומען ס׳לעבן.

— פאַר וואָס?

— פאַר וואָס ? — יונתן האָט אַ צעפּאָכע געטון מיט די הענט —
— סי נישט אויף אַצינד צו דערציילן.

די פרעגער האָבן ערשט איצט דערזען אַז רעבעקאַ, הינטער יונתנס פּלייצעס, סימנט צו זיי מיט איר האַנט — מער נישט פרעגן וועגן דעם!

מ׳האָט פאַר זיי אויסגעבעט געלעגערס. זיך געלייגט שלאָפן די ערשטע נאַכט אין ישראל.

רעבעקאַ און יענער

זיך, איר פערזענלעכקייט, האָט זי גופא אויפגעלייזט — אין אים. זיי זענען זיך צונויפגעגאַנגען שוין נאָך דער מלחמה, אין וואַרשע. יונתן האָט געלעבט אַליין אין אַ שטיבל וואָס ער האָט באַקומען צוגעטיילט פון אַ קאָמיטעט. געלעבט אין נויט? נישטאָ ביי אים אַזאַ באַגריף. נישטאָ אַזאַ מצב. עסט מען ווינציקער ברויט. איז אַ געקעכטס איין מאָל אין דריי טעג. ער דערלאַנגט עס זיך שיין, ציכטיק, ווי אַמאָל אין שטוב. דערלאַנגט עס אים נישט די דינסט. ער דערלאַנגט עס זיך אַליין.

אויך אין טורמע, אין לאַגער, איז אים לייכטער געווען איבערצוטראָגן די נויט, — ניין, נישט נויט, נאָר — מאַנגל. און תמיד האָבן זיך צו אים צוגעקלעפּט פריינד, פאַרערער, וועלכע זענען אים גרייט צו העלפן, אים געהאָלפן. ער האָט זיי שנעל משועבד געמאַכט צו זיך. בלויז מיט אַ גוט וואָרט. אַ ווערטל, אַ שיינעם געדאַנק. גערעדט האָט ער מענטאַריש, מעשה רבי. בלשון —

„איך זאָג ענק" —

ער האָט זיך קונה געווען פריינד, אָנהענגער, וועלכע זענען גרייט געווען אים צו באַדינען, אים אויסהערן.

ער האָט גוט פאַרטראָגן פּראָסטע מענטשן, אַפילו פּראָסטאַקעס און גרוביאַנעס. אין זיין סביבה זענען זיי איידעלער געוואָרן. אַלנפאַלס צו אים. ער האָט פון אַזעלכע גרינג אַרויסגעפישט די סאַמע פאַרבאָרגנסטע שטיקלעך יצר־טובס.

אויך פרויען, געניגטע צו טוען גוטס, באַזונדערס פאַר אומבאַהאָל־

פענע, פאַר אַזעלכע וואָס נייטיקן זיך אַז מ׳זאָל פאַר זיי עפּעס טון, — האָבן ליב געהאַט אים העלפן. און מ׳האָט דערקענט אין אים, אַז ער איז געוווינט מ׳זאָל אים באַדינען. ווי עס וואָלט אים געקומען. און דער עיקר — האָט זיין איידלקייט אויסגעווירקט. באַווירקט.

אין וואַרשע, יאָר 1946, אין די ערשטע חדשים פון זיין ווינען דאָרט, האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו אים אַ שכנה, אַ פּרוי פון אַ סאַרוועד. אַ פּשוטע פרוי. און זי האָט אים באַדינט צוביסלעך מיט וואָס נאָר זי האָט געקענט. און אין וואָס נאָר ער האָט זיך געניטיקט.

ער האָט דערוויל באַקומען אַ וויכטיקע שטעלע. אַ האַלב־וויסנשאַפט־לעכן, האַלב־דירעקטאָרישן אַמט. דעמאָלט האָט אויך אָנגעהויבן אַריינ־צוקומען צו אים נאָך אַ שכן, אַן עסטראַדע־קינסטלער־רעציטאַטאָר, זינגער, אַקטיאָר, חיים לייזאָרעק. אַ ליבלינג ביים פּובליקום, באַזונדערס ביי ווייבער. אַ צעפּיעשטשעטער, אויסגעפּוצטער, ציטערדיק־אָפּגעהיטענער. האָט זיך ליב ווי אַ פּעאָדאָל פון אַ גרויסער משפחה. האָט קיינעם נישט ליב, אויך נישט די וועלכע האָבן אים ליב. אַפילו זיין אייגן ווייב, — רעבעקען. האָט פון זיך הנאה, און אויך פון דער דאָזיקער הנאה האָט ער הנאה. האָט זיך ליב צו חכמהן, איז קאָקעטיש־אומעטיק. שאַרפט זיך צו זיין שאַרפזיניק, האָט אַ געלענק צו דערציילן קאָמישע עפּיזאָדן. איז אַ געראָטענער אימי־טאַטאָר. מ׳הערט אים מיט אַפּעטיט. מ׳לאַסקעט אים. איז ער צעבאַלעוועט. צעפּיעשטשעט.

רעבעקאַ קען זיינע גענג און גענגלעך. זי ווייסט דאָך יאָ, אַז ווי נאָר ס׳טוען זיך אָפּ די מענטשן אַרום אים, בלייבט נאָר מיט איר, אַזוי ווערט ער קרייטער־ביטער. וואָרטשעט אומצופרידן. זי ווייסט שוין וואָס ער האָט ליב עסן און טרינקען. אַז פאַר יעדן אויפטריט זיינעם מוז זי האַלטן גרייט אַ טערמאָס מיט הייסער זופּ. שטיין הינטער די קוליסן און היטן אים. פאַרוואָרפן אים דעם שאַליק אויפן האַלז אין דער ריכטיקער רגע, דער־לאַנגען אים אַ שלונג הייס פון טערמאָס.

תמיד האָט ער באַקומען צוגעשיקט די ריכטיקע בלומען וואָס ער האָט ליב, אויף דער סצענע אַרויף, הינטער דער סצענע. שטאָט אַ דאַנק זאָגט ער איר ס׳רוב אַ זויערע חכמה, און זי לאַכט מיט אים צוזאַמען, הגם ס׳איז

אויף איר חשבון. זאָל ער הנאה האָבן כאַימעק. ווען ער גייט אַראָפּ פון דער סצענע, רעדט ער מיט אַן אָנגעשוואָלענעם באָס. זי דערשרעקט זיך, — „ווי איז מיר, דו ביסט פאַרקילט, טייערינקער" — און ער באַסעוועט נאָך אַזוי מיט אַ שטים ווי פון אַ געפּלאַצטער פויק אַרויס. זי עקט זיך פון עגמת נפש, זי איז אַוודאי שולדיק דערין, ער האָט זיך פאַרקילט. ער האָט הנאה דערפון, קען זיין אַז ער מאַכט דאָס עקסטרע, ווייל אָט גאָר גיך גייט עס אים אַריבער, אָדער פאַרגעסט אָנצוהאַלטן די דאָזיקע אָנגעשוואָלענע שטימע.

קיין קינדער האָט זי נישט מיט אים. ייִנגער פון אים מיט אַ שיינעם קיימא־לן יאָרן, אָבער די ראָלע פון דעם עלטערן ליגט אויף איר — כאַימעק איז דאָך ס׳צעפּיעשטשעטע קינד. און ער האָט ליב צו קוקן אין שפּיגל און זיך אַליין אַפּלאָדירן. און טאָמער טרעט ער אויף מיט נאָך אַן אַרטיסט, און יענער האָט אויך אַ סך אַפּלאָדיסמענטן, וועט דערפאַר באַצאָלן רעבעקאַ, — אַ סך געביטערטע חכמהלעך וועלן פאַלן אויף איר קאָפּ.

נאָר זי איז דאָך געווען אַמאָל אַ קראַנקנשוועסטער, און אַ קינדער־דערציִערין, ווייסט זי ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף צעבאַלעוועט־קרענקלעכע קינדער. נעמט זיי איין מיט גוטן.

און אַז חיים לייזאָרעק (מיט רעבעקען) האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אין שכנות צו יונתן, עפּעס האָט די צוויי מאַנצלייט געצויגן צו זיך, יעדער האָט געהאַלטן דעם צווייטן פאַר אַ גוטן צוהערער זיינעם, האָט רעבעקאַ אים גענומען פון מאָל־צו־מאָל צוהעלפן אין דער שטוב־באַלעבאַטישקייט. לייזאָרעק האָט זי צוגעחשקט דערצו:

— טו עפּעס פאַר אונדזער פריינד הרכּבי —

ביז איין מאָל אין אַ טאָג און אין אַ שעה איז געשען אָט־וואָס:

חיים לייזאָרעק איז אַריינגעקומען מיט רעבעקען. אויף איר פּנים האָט מען דערקענט: גורלדיקייט. אויף זיין פּנים: ווויליונגעריש־קינסטלערישע צופרידנקייט. מיט אַ צומיש פון אַ ביסל לעקעשעוואַטער פּחדנות.

— — — — — — — — — — — — — —

וואָסער שמועס עס איז דאָרט פאָרגעקומען צווישן זיי דריי, ווי לאַנג ער האָט געדויערט — וואָס איז דאָס וויכטיק? ס׳איז וויכטיק דער רעזול־

טאַט: רעבעקאַ איז געוואָרן די פרוי פון יונתן הרכבי. און זיי זענען, פאַר־
שטענדלעך, אַלע דריי פאַרבליבן גוטע פריינד — — —.

צויטן פון חלומות

זיך אַ צעלאָז געטון. מסתמא לאַנג געוואָרט דערויף. אויף דער שיף זענען יונתן און רעבעקאַ רעכט נישט געשלאָפן קיין עטלעכע שעה דורכ־אַנאַנד, אַז די חלומות זאָלן קענען זיך לייטיש פאַנאַנדערשפינען. זענען זיי אַצינד אַרויסגעקראָכן פון טרוים־קעלער, פאַרוואָרפן זייערע נעצן אויף אַ מרחק, אויף אַ לענג פון יאָרן העט־העט־אַראָפּצו, פון וועלכער גרופּע שטערן אין מילכוועג דויערט ס׳דערגיין פון ליכט צו דער ערד בערך דריי טויזנט יאָר? און אויב לעבעדיקע ברואים דאָרט פאַראַן, ענקים, זיצן זיי איצט אין אַ לאָזשע מיט גרויסע ראַדיאָ־לאָרנעטעס אין די הענט, און קוקן אַראָפּ אויף דער ערד, און זעען איצט די קאָראָנאַציע פון זיידן דוד המלך, הללויה, הללויה, מזמור לדוד, תהילה לדוד, הללויה! הללויה! (ס׳מישן זיך אַריין צויטן טענער פון הענדעלס „מאַקאַבייער״), הודו לאדושם! הללויה, הללויה! —

— יאָנאַ קאָכאַני, זינגסט פון שלאָף, יאָנאַ!

— שאַ־שאַ, רייס נישט איבער, שוין־שוין!

אַ מינוט, צוויי —ביידע זענען צוריק איינגעשלאָפן, צי איינגעחלומט. די צעריסענע חלום־נעץ שפּינט זיך צוריק צונויף. איצט קוקט מען ערגעץ פון אַנדערע שטערן, מיט וואָסערע טויזנט ליכט־יאָרן אין אונטערשיד. דאָס איבערוועקן און איבעררייסן אין מיטן האָט אַפילו אָפּגעפרישט אין זכרון, צוגעגעבן אַ לאָגישן באַשייד; פלאַמאַריאָן. ביי אים, דעם פראַנצייזישן אַסטראָנאָם, האָט ער עס געלייענט וועגן אַן ענלעכער מעגלעכקייט, ווי מ׳זעט איצט אויף אַ געוויסן שטערן — די גרויסע פראַנצייזישע רעוואָ־לוציע, ווי מ׳קעפּט דערנאָך דאַנטאָנען אויף דער גיליאָטינע. דער לאָגישער באַשייד איז אָבער גיך נעלם געוואָרן, אַנטרונען הינטער די קוליסן פון טרוים־קעלער, פון חלום־אוצר. מ׳זעט איצט פון אַ שטערן אַראָפּ ווי די רוימישע סאָלדאַטן פירן די געפאַנגענע יוחנן הגלילי און שמעון בר גיורא. אין אויסטערליש־מאָדנע קייטן האָט מען דעמאָלט געשמידט גע־

פֿאַנגענע. אַ קלאַנג גיבן זיי אַרויס פֿון זיך ווי פֿון אַן אָרגל־מוזיק. דאַכט זיך אַז ס׳איז גאָר שאָפּענס אַ נאָקטורן, אָדער אַ מענועט, ס׳שפּילט די יִינגעטשקע שוועסטער, ס׳מוזיניקל, נעמי. ווו האָט זי געהאַלטן פֿאַרשטעקט דעם ציאַן־קאַלי? און ווי לאַנג האָט זי געקענט שפּילן די ראָלע אַלס יִינגל, שגצל, אַלס ציַיטונגס־פֿאַרקויפֿער, און שלאָפֿן אונטער דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק? ווי פֿלינק זי האָט אַריינגעכאַפּט דעם ציאַן־קאַלי אין מויל אַריין, דעמאָלט, יענעם אָוונט, ווען ס׳האָבן אים־זי געוואָלט פֿאַרשלעפּן אין אַ באַרדעל די חברים ציַיטונגס־פֿאַרקויפֿער. ווען זועט מען זען אויף יענעם שטערן ווי מ׳האָט געפּירט מיין מאַמען צו דער גאַזקאַמער, דאָרט אין מאַידאַנעק, אַ נאַקעטע, מיטן האַנטעך און שטיקל זייף? —

„יוניסן, דו ביסט דער עלטסטער, דו טראָגסט די גרעסטע לאַסט. נאָר זאָלסט זי טראָגן לייכט, יונתן. נאָר ס׳שליסעלע זאָלסטו גוט באַהאַלטן. געדענק ווי דו פֿאַרשטעקסט עס. געדענק אַז דו ביסט נישט אַליין. ביסט נישט אײנער. ביסט נישט נאָר פֿון איצט. און נישט מיר זענען די לעצטע. נאָר זע, פֿאַרקיל זיך נישט. דו מוזט זיך שוין ראַטעווען!״. —

ער געזעגנט זיך מיט איר אין שטוב. ס׳איז געווען דעם 6טן סעפּטעמ־בער יאָר 1939, ווען דורכן ראַדיאָ האָט די מאַכט אויפֿגעפֿאָדערט אַלע דערוואַקסענע מאַנצבילן תיכף פֿאַרלאָזן די שטאָט וואַרשע, זיך לאָזן לויפֿן קיין צפֿון־מזרח אָדער דרום. אין די אויגן אַריין האָט זי אים געקושט. אָט דאָ ווו ס׳ציטערן די אויגן־קישעלעך. אין שטערן אַריין האָט זי אים גע־קושט, אָט האָט זי געכאַפּט אים קושן די לינקע האַנט, זי איז נאָך אַוודאי היינט נאַס פֿון יענע טרערן. ס׳איז ווינציק געווען איר וויינען אין מיין האַנט אַריין, איר בלאָ זיידן טיכל איז שוין אויך דורכגענעצט מיט טרערן. האָט ער ביי איר צוגענומען ס׳טיכעלע שוין נאָכן אַריבערגיין די שוועל, אויף אַן אָנדענק. נאָך אַ מאָל געקושט די מאַמען, נאָך אַ מאָל געקושט דעם טאַטן, געקושט די ברידער, געקושט די שוועסטער. אַ קוש געטון די מזוזה. — הללויה! הללו—יה! הללוי—יה! הללויה, הללויה! —

— יאַנאַ קאָכאַני, נעם אַראָפּ די האַנט פֿון האַרץ. שלאָף נישט אויף דער פּלייצע, שלאָף, קאָכאַני, וועסט אַלעמען אויפֿוועקן אין שטוב.

*

שוין עטלעכע טעג ביי די באַקאַנטע אין שטוב. יונתן איז דערפאַר, אַז מ׳זאָל גיין וווינען אין אַ מעברה אַריין, ווי אַלע עולים חדשים, און מ׳עט אויסוואַרטן אויף אַ שיכון. רעבעקאַ איז שוין אַרומגעלאָפן איבער די משרדים, זיך אויסגעפרעגט, דערקריגן זיך ווו מ׳דאַרף נאָר און מ׳קען. זי וויל נישט מ׳זאָל גיין אין אַ מעברה אַריין, ער וועט זיך דאָרט פאַרקילן. מ׳דאַרף זען וואָס גיכער קריגן אַ שיכון, אַריין אין דער גורל־רשימה, אַרויסציִען אַ נומער און באַקומען דעם שליסל צו דער דירה.

— רעבעקאַ, כ׳עצה דיר מ׳זאָל גיין אין אַ מעברה אַריין. צוגלייך מיט אַלעמען. וואָסי? יעדער דאַרף באַקומען זיין חלק ישראל דורך יסורים. כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, נאָך פאַרן אַהערקומען, אַז כ׳פאָר נישט דאָ אַהער אַז ס׳זאָל מיר באַלעבעסלדיק גוט זיין, דערויף האָמיר געקענט בלייבן אין שטאָקהאָלם, אויף דעם שיינעם פּאָסטן, ס׳האָט אונדז דאָרט גאָרנישט געפעלט. געדענק, רעבעקאַ, — מיר זענען די נישט־דערשאָכטענע. מיר האָבן דאָך געקענט זיין די דערשטיקטע, פאַרברענטע, איז על כן וואָס מ׳גיט אונדז — דאַרפן מיר אָננעמען באהבה. און וואָס מאַכט דאָס אויס אויך אַ קאַפּיטשקע יסורים אין ישראל?

— ביסט נאָך ווינציק פּאַראיובט? קנאַפּ יסורים? אַפילו דאָס נאַריש־קייט מיט דעם דעזינפעקציע־צערעמאָניאַל אין פּאָרט, איז אויך געווען אַן איבעריקע באַליידיקונג.

— נו, מילא, דערמאָן זיך אין מיין שוועסטערל נעמי.

די לעצטע ווערטער זיינע, — אַ שווערד שניידט דורך איר ענטפער וואָס זי האָט געגרייט. און דעריבער הערט זיך:

— זאָל געשען ווי דיין ווילן, יונתן.

נאָר קודם, רעבעקאַ, עמיר פאָרן קאַ ירושלים.

*

נאָך עטלעכע טעג אַריבער. רעבעקאַ האָט גרויס מזל, צי חן, צי זי האָט אַ כוח פון איבעררעדן, איבערצייגן. דאָס וואָס ביי אַנדערע דויערט מינדעסטנס אַ יאָר, האָט זי דערגרייכט בלויז אין צען טעג: זיי דאַרפן שוין גיין היינט ציִען דעם גורל־נומער, באַקומען דעם שליסל צו אַ דירה אין אַ שיכון. די דירה איז נאָך נישט פאַרטיק, טריקנט זיך, אָבער דער

שליסל וועט שוין זיין. דער שיכּון, אויף אַ באַרג, איז אין אַן אָרט וואָס הייסט רמת דוד — — —

מאָרגן פאָרן זיי קיין ירושלים. ער, יונתן, וואָלט וואָס אמת, געוואָלט גיין צופוס, וועט דויערן צוויי־דריי טעג. רעבעקאַ באַשטייט נישט דערויף, — ער וועט זיך פאַרקילן. איז געבליבן — פאָרן, נאָר לפּחות אַ געוויסע שטרעקע גיין צופוס. אַראָפּגיין אין די בערג, כאָטש גיין עטלעכע שעה. מ׳מוז דאָך גיין, און נישט אַריינפאָרן אין עיר־דוד אויף אַ בענזין־וואָגן.

ס׳פאָרט מיט זיי מיט די גאַסטגעבערין.

*

זיי פאָרן קיין ירושלים. רעבעקאַ האָט שוין ביי זיך מיט מזל דעם שליסל פון זייער דירה אין שיכּון. זיי מיידן אויס מיט אים צו רעדן. די צוויי פרויען שמועסן צווישן זיך. ער זיצט אין אויטאָבוס אויף אַ פאָדער־שטער שטול פאַר זיי. די גאַסטגעבערין הערט איצט פון רעבעקען, ווי מעגלעך שטיל מ׳קען נאָר רעדן אין אַן אויטאָבוס, וועגן דער קליינער נעמי, יונתנס יינגסט שוועסטערל. בעתן איינפירן ס׳געטאָ אין וואַרשע, איז נעמי אַלט געווען צען יאָר. בעת דער גרויסער אַקציע אין יאָר 1942 איז שוין נעמי געווען אויף דער אַרישער זייט. עטלעכע באַהעלטענישן זענען דורכגעפאַלן, געמסרט פאַר דער געסטאַפּאָ, האָט זי באַדאַרפט גיין נעכטיקן אין גאַס. דעמאָלט איז עס איר איינגעפאַלן: זי האָט זיך פאַרקליידט פאַר אַ יינגל און אָנגעהויבן האַנדלען אין גאַס מיט צייטונגען. זי האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט אַלע גאַסנווערטער און זידלערייען, אָנגענומען דעם שטעל און פאָזע פון אַ יינגל אַ לאָבוסל. וואָס אַ מאָל מער אַריין אין דער ראָלע פון אַ הפקרדיק גאַסנייִנגל אַ צייטונג־פאַרקויפער. איצט איז איר־אים שוין געווען לייכטער צו באַקומען אַן אָרט צום שלאָפן, אויסצו־געפינען מעלינעס. און אַז אַ מעלינע איז דורכגעפאַלן — איז מען גע־שלאָפן אונטער דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק. פאַראַן דאָרט אַ סך וויאַדוקטן, מ׳קען זיך אָנלענען אין אַ מויער, שיצן פון ווינט, רעגן.

שוין געהאַט חברים, גוט זיך געהאַלטן אין זייער חברותא. שוין מער ווי אַ יאָר אין דער דאָזיקער ראָלע. נאָר אָט קומט איין מאָל פאַר אַ „ביבקע" צווישן די יאַטן, אונטער דער בריק. מ׳טרינקט וווּדקע און מ׳פאַרבייסט,

ווי דערוואַקסענע, מ׳רעדט וווּליוונגערישע, אויסגעלאַסענע רייד. און אַט גיט דער בעל־שמחה אַ זאָג:

— כלאָפּצי, צוליב מיין הוליאַנקע, לייג איך אייך אַלעמען פאַר מיר זאָלן זיך לאָזן גיין אין אַ באַרדעל אַרייך. מיר זענען שוין דרייצן־פערצנ־יעריקע מאַנצבילן. איך פונדעווע אַלעמען, כ׳צאָל!

און דעמאָלט איז עס געשען:

„ער״, וואַצעק, האָט אָפּגעזאָגט. ער געפינט שוין אויס תירוצים, אַרויס־דרייענישן. און דעמאָלט באַצייכנט אים איינער פון דער חברה מיט דעם צונאָמען וואָס מיר רופן „טומטום״, נאָר אויף זייער פּראָסטן גאַסן־לשון — — —:

— לאָמיר אים באַקוקן, נעמץ אים, חברה!

און מ׳האָט זיך גענומען צו וואַצעקן. אים צעקנעפּלט. און דעמאָלט איז עס געשען: פינף שקצים זענען זיי געווען. דער פּסק־דין איז געווען: אַז זי, „וואַצעק״ וועט זיי פאַרטרעטן די נקבות צו וועלכע זיי האָבן געוואָלט גיין. מ׳האָט זי צוגעהאַלטן ביי הענט און פיס, ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין בייסן, און זיי האָבן זי מאַנס געווען. געשריגן אויף איר, אַז מסתמא איז זי נאָך דערצו אַ זשידוווע אויך. נאָר מ׳עט זי נישט פאַרשיטן. ווען ס׳איז געקומען צום לעצטן, האָט מען זי שוין נישט באַדאַרפט צוהאַלטן. שוין געלעגן אַ צעמאַטערטע, מאַכטלאָז. און אַט הערט זי ווי דער לעצטער רוימט איר אין אויער אַריין:

— האַלט זיך. איך בין אויך אַ ייד. איך טו דיר גאָרנישט. כ׳על אונ־טערוואַקסן, וועל איך מיט דיר חתונה האָבן, ש־ש־ש!

און אַט, אין יענער נאַכט, האָט זי איינגעשלונגען די ציאַן־קאַלי־פּיל, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך ערגעץ פאַרשטעקט. און דאָרט, ביי דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק, איז די פערצניעריקע נעמי, דאָס מוזיניקל פון דער משפחה הרכבי פון דער פראַנצישקאַנער, געבליבן ליגן אַ צעשענדטע און פאַרסמטע.

*

פון צייט־צו־צייט האָט יונתן זיך צו זיי אויסגעדרייט, עפּעס אַ זאָג

געטון, מיט אַזאַ דרינגלעכקייט ווי ער וואָלט עס שוין מוזן אַרויסזאָגן, אַנדערש וועט ער פּאַרשפּעטיקן:

— ירושלים איז ס'אָרון קודש פון ישראל. די פּרוכתן זע איך שוין פון ווייטנס.

ווען מ'איז שוין געהאַט דורכגעפאָרן הר־טוב:

— קאַפּיטלען תנ"ך אין שטיין — אַט די בערג.

ביי די זייטן שאָסיי ליגן צעבראָכענע, פאַרזשאַווערטע טאַנקן. פאַר־זונקענע אין דער ערד. מ'זאָגט אים, אַז דאָס זענען צעשאָסענע טאַנקן פון שונא, פון די שלאַכטן מיט אַ יאָר צוריק. רעדט ער צו זיך און צום דרויסן:

— הרי יהודה, איר באַצירט זיך זיגעריש מיט די צעשמעטערטע טאַנקן פון שונא, טאָ פאַר וואָס האָט איר געשוויגן דעמאָלט? זעקס מיליאָן אורשטאַמיקע פון דיין שטאָט, ירושלים, זענען פאַרשניטן געוואָרן אין איינע דריי־פיר יאָר, פאַר וואָס זענט איר, דעמאָלט, הרי יהודה, הרי ירושלים, געלעגן דאָ אַזוי רויִק און זיך נישט אויפגעהויבן און אַריבער־געפלויגן דאָרט אַהין צום שטן־לאַנד און זיך אַראָפּגעלאָזט דאָרט איבער זייערע קעפּ?! נעמי, נעמי!

דער אויטאָבוס מאַכט הקפות אין די בערג אַרום ירושלים. מסילת ציון, קרית ענבים. מוצא. נוה אילון. צובה. — ער דערזעט אַן אויפשריפט אויף אַ געלער שילד: ירידה מסוכנת. חזרט ער אַן אַ פאַרוואָס די דאָזיקע אויפשריפט: ירידה מסוכנת, ירידה מסוכנת. און אָט דערזעט ער, ביי אבו־גוש, גאָר נאָענט פון שאָסיי, אין אַ זייט, הייבט זיך אַרויס אַ סטאַטוע פון דער „מאַטקע באָסקע", מיט אַ קרייץ. פון וואַנען קומט זי דאָ אַהער? פון דער פראַנצישקאַנער־גאָס פון גאָר אַמאָל? מ'דאַרף אַראָפּגיין. זיי בעטן אים:

— יאַנאַטאַן, כאַטש נאָך אַ ביסל פאָרן.

שער הגיא. אַ קאַזאַרמע. אַן אויפשריפט אויף דער מויער: פלמ"ח. און אָט אַ שילדל: מבשרת ירושלים. ס'איז נאָך (אָדער שוין) זיבן קילאָמעטער צו ירושלים. מבשרת ירושלים. ברענגט די בשורה פון ירושלים. ער גייט אַראָפּ פון אויטאָ. מיט אים די פרויען. אַ שווער וועטער היינט. ערשט דאָ האָבן זיי דערפילט ס'וועטער. ס'האָט זיך צעשפּילט אַ ווינטער־חמסין צו־

זאַמען מיט אַ זאַמדשטורעם. שווער צו גיין. ס׳איז נאָך אַ שעה־צוויי גאַנג. ס׳רעגנט מיט זאַמד. ס׳קריכן וואָלקנס פולע אָנגעלאָדן מיט זאַמד. אַ הימל מיט זאַמד. אַ זאַמד־זאַוויערוכע. און אַן אַשיק זאַמד פון צעקרישלטע בערג־שטיינער. זאַמד־זיילן און זאַמד־שנורן שרויפן זיך שיעף. ס׳טאָגליכט ווערט פאַרנאַכטיק. דאַכט זיך אַז די בערג שווימען גאָר אין די וואָלקנס. און דער ווינט רופט צונויף מיט אַ פייף אַלע ווינט־רוחות.

אַלע דריי מוזן זיך אַרומנעמען ביי די אָרעמס און אַרומהאַלטן. גיין איינגעבויגן, זייטיק. זיך אויסדרייען און אַרומדרייען, גיין אין דער שמאָל, ווי שניידן כוואַליעס ביים שווימען.

ווי נאָר זיי זענען אַריין אין שטאָט, האָט שוין צוריק געשיינט אַ קלאָר־לויטערע זון. דער ווינט שוין באַרויִקט, זיך ערגעץ פאַרשטעקט אין די טאָלן און היילן.

די פריינדין זייערע האָט זיך גאָרנישט באַדאַרפט פרעגן און זיי געפירט גלייך צום הר ציון. יונתן ליידט אויפן האַרץ. וויל אים רעבעקאַ אונטער־האַלטן ביים אָרעם.

— גיי פּאַמעלעכער, טייערער. — נאָר ער איילט זיך. מוז זיך אָבער אָפּשטעלן נאָך יעדע צען שפּאַן קלעטערן. אַן אַראָפּגייענדיקער פון באַרג וואָרפט צו אַ וואָרענונג:

— טוט גוט אַכטונג, דאָרט קייגנאיבער פּאַטרולירן אַראַבישע לעגיאָ־נערן, זיי שיסן אַ מאָל אַריבער, היט זיך!

רעבעקאַ האָט אים אַ רגע פאַרהאַלטן, האָט ער אָנגעהויבן נאָך גיכער שפּאַנען. האָט זי פאַרשטאַנען אַז זי האָט אים נישט באַדאַרפט אָפּהאַלטן אַפילו אויף אַן אויגנבליק.

אין מיטן וועג — אַ בית הקברות. מצבות מיט פראַנצייזישע אויפ־שריפטן און צלמים. אַ צען שפּאַן ווייטער — שוין קאַלירטע אויפשריפטן אין די פעלדזן:

למען ציון לא אחשה. אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני
דרך לקבר דוד המלך
יברכך ה׳ מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך
דרך למרתף השואה

אבינו מלכנו נקום נקמת דם עבדיך השפוך
אַן אויפשריפט אויך אויף יידיש, מיט אַ גרינער פאַרב אויף אַ שטיין:
„אַכטונג, גרענעץ!"

ער קרייזט זיך דער באַרג, שלענגלט זיך. יונתן — דאָ שפּרייזט ער גרויסע טריט, און באַלד האָט ער חרטה, שטעלט קליינע טריטלעך. ס׳איז אים אַ שאָד זיך צו איילן. און נאָך אַ מאָל אויפשריפטן: — לקבר דוד המלך. טונקעלע קאָרידאָרן און היילן, מ׳פילט שוין אַ ריח פון ברענענדיקע חלב־ליכט, פון בוימל־לעמפּלעך, נאָך אַ שמאָלע רונדוועלביקע הייל, ס׳איז דאָרט גוט טונקל — אָבער וואָסער ליכטיקייט! נאָך איין מאָל אַ קערעווע זיך לקבר דוד המלך — ימינה, און נאָך אַ מאָל — ימינה — און אָט:

אין אַ געוועלבטער שטיינהייל. אַ גרויסער פּרוכת אויפן מצבה־שטיין. ס׳ברענען אַ סך ליכטלעך אין אַ זייט. ברענענדיקע קנייטלעך אין גלעזער בוימל. אַ תימנער ייד זיצט די פיס אונטער זיך צופוסנס ביים קבר. אַן אָר־יענטאַליש־יידישע פרוי שלעפּט אירס אַ קינד, מיט די באָרוועסע פיסלעך, הין און צוריק פאַרן קבר, ס׳איז קראַנק, זי וועט עס אַזוי שלעפּן זיבן מאָל הין און צוריק, אַ סגולה צום געגעזן ווערן. פאַרן פּרוכת שטייט אַ שומר מיט אַ לאַנגער ווייס־געקאָרבטער באָרד. אויפן פּרוכת אויסגעהאָפטן מיט גאָלד־אותיות:

לכבוד דוד מלכא משיחא דוד מלך ישראל חי וקים

יונתן קען זיך שוין קוים דערהאַלטן, דער שומר גיט אים גיך עפּעס אַ פרעג, מ׳דערהערט ווי יענער רעדט אַ לאָדזשער יידיש. יונתן זאָגט אים עפּעס אויפן אויער, יענער פירט גלייך אַרויס דעם תימנער און די פרוי מיטן קינד, אויך רעבעקאַ און די פריינדין ציִען זיך צוריק. און ערשט דעמאָלט גיט יונתן אַ פאַל אַרויף אויפן מצבה־שטיין, שפּרייט אויס די הענט, רופט אויס מיט אַ האַליש געוויין:

— מאַ־מי־שי, כ׳בין אָנגעקומען! טאַ־טי־שי, טאַ־טי־שי־איי־ניקל, — כ׳בין אָנגעקומען! ברידער מיינע, שוועסטערן מיינע — כ׳בין אָנגעקומען! כ׳שטיי דאָ אויפן הר ציון! ביים קבר פון אונדזער זיידע דוד המלך זכרונו צדיק ומלך לברכה!

דערנאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, צוגעלייגט ס׳אויער צו דער ערד:

— מאַמישי, מיין מאַמישי פון אַש, הערסט? כ׳בין אָנגעקומען! — יאָ, רעבעקאַ, כ׳האָב דערהערט איצט איר קול דאָרט אויסרופן:

ער איז אָנגעקומען, מיין יונתן, ער איז אָנגעקומען!

אַצינד האָט ער זיך אויפגעשטעלט, עפּעס אַרויסגענומען פון אַ זיידן־געהאָפטן בייטעלע וואָס ער האָט געהאַלטן באַהאַלטן און עס אַרונטערגע־לייגט אונטערן פּרוכת, אויפן מצבה־שטיין איבער דוד המלכס קבר. ס׳איז געווען דאָס שליסעלע צו יענער קאָסעטע ווו ס׳איז געלעגן די מגילת היוחסין פון דער משפחה הרכבי, דער יחוס־בריוו ביז דוד המלך. ס׳שלי־סעלע האָט ער דורכגעפירט דורך אַלע סאָוויעטישע טורמעס און לאַגערן. אַן אַרעסטאַנט אַ שוסטער האָט עס אים אַריינבאַהאַלטן אין אַ קנאָפּל פון שוך. ליגט שוין איצט דאָס שליסעלע אויפן זיידנס קבר — — —.

נאָך עפּעס האָט ער געהאַט ביי זיך וואָס ער דאַרף עס דאָ איבערלאָזן, דאָס וועט ער איבערלאָזן אין מרתף השואה. דאָס איז דאָס בלאָ־זיידענע טיכעלע דער מאַמעס. אויך דאָס האָט ער דורכגעטראָגן דורך אַלע לאַגערן, טורמעס, לייב־רעוויזיעס, ער, דער אומבאַהאָלפענער, האָט אויסגעפונען אַלע מיני מיטלען ווי אַזוי דאָס אָפּצוהיטן. ער האָט געוווּסט, אַז ביי די אָפטע רעוויזיעס אין די טורמע־קאַמערן וועט מען אים אַלץ צונעמען, קיין טיכל טאָר מען ביי זיי נישט האַלטן. האָט ער אָפּגעריסן דעם בוזעמטאַש פון זיין רעקל און צוגענייט אויף דעם אָרט די מאַמעס טיכעלע. ס׳איז שוין אַריבער מער ווי צען יאָר זינט ער האָט זיך מיט איר געזעגנט און ער האָט ביי איר, אין דער לעצטער רגע, צוגענומען דאָס טיכעלע מיט אירע טרערן ביי זיין געזעגענען.

אין מרתף השואה ליגן פאַרבלוטיקטע און דורכגעשטאָכענע ספרי תורות, אויפגענייטע שטעקשיך פון ספרי תורות, צוגעשניטענע שניידער־מאָדעלן פון ספרי תורות, פאַרבלוטיקטע טליתים, אַש, אַש, אַש, ביינער, זייף פון יידנפעטס, ס׳ברענען הונדערטער נשמה־ליכט, מצבות פון די קהילות אין פוילן און ליטע, אויפשריפטן, ציפערן, סך הכלען פון דער צאָל קרבנות, אַ שוואַרצע אויפשריפט אויף אַ באַנד —

שטויב און אייביקייט

אבינו מלכנו נקום נקמת דם עבדיך השפוך —

יונתן איז צוגעגאַנגען און נעבן אַן אַדורכגעשאָסענעם פאַרבלוטיקטן טלית צוגעלייגט דער מאַמעס טרערן־טיכל.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נידעריק, אויף אַ שטיין, ווי צו שבעה־זיצן, און אַ דאַוון־זאָג:

— יתגדל, — טאַטע, ויתקדש, — מאַמע!

*

ער איז אַרויס פון דער הייל אַן איבערגעביטענער. אַרומגענומען רעבעקען, זיך צעקושט מיט איר:

— מזל טוב, רעבעקאַ, ערשט אַצינד זענען מיר אָנגעקומען קיין ישראל!

ער האָט זי אַרומגענומען, זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אַ פרעג געטון:

— האָסט דעם שליסל פון דער דירה? יאָ? גוט, פאַרליר אים נישט!

אַ ניי מזרח־מעשהלע...

א

און עס איז געווען אין צוועלפטן יאָר זינט ס׳האָבן געוויכערט די גאַזאויוונס אין מאַידאַנעק, אוישוויץ, טרעבלינקע;

עס איז געווען אין זיבעטן יאָר זינט דעם פאַקט היטלער־סטאַלין;

עס איז געווען אין עלפטן יאָר זינט היטלער האָט זיך דערשאָסן, און זיין פגר איז פאַרשׂרפעט געוואָרן;

עס איז געווען צו די צען יאָר זינט מ׳האָט אויפגעהאָנגען אויף תליות היטלערס נאָענטע מיטהעלפערס;

און עס איז געווען אין אַכטן יאָר זינט דעם קיום פון מדינת ישראל —

אָט אין יענע טעג פון דוד און משה (דוד משדה בוקר און משה דער איינאויגיקער פון נהלל, דער זון פון דבורה און שמואל), איז אויפגעשטאַנען אַ געמיינער קריגסמאַן פון מצרים, אַ נאָכפאָלגער פון דעם ימח שמו היטלער, און זיך געגרייט צו פאַרטיליקן מדינת ישראל, און עם ישראל.

און אויך ער, היטלערס נאָכגייער, האָט באַקומען אַ סך הילף פון די מושלים אין מאָסקווע, אַקוראַט ווי עס האָט פון זיי באַקומען היטלער, אין דער צייט פון האַרבסט 1939 ביזן ערשטן זומערטאָג יאָר 1941.

און אַנשטאָט „ס.ס.־לייט״ האָט ער, ימח שמו, נאַצער, אויפגעשטעלט „פידאַיונס״ וועלכע זענען אַריין אין די טויערן פון ישראל, באַטאָג און ביי נאַכט, געמערדערט אונדזערע קינדער, ווייבער, אונדזערע שומרים, אָפּגעשניטן ביי זיי די אויערן און אַנדערע אברים, געשענדט זייערע גופים, אויפגעריסן ברונעמס, וואַסער־רערן, איבערגעריסן ס׳ליכט, אויסגעריסן יונגע ביימער, פאַרברענט פּרדסים, און כסדר אָנגעזאָגט און געדראָט —

אַז דאָס איז נאָר אַ קליינער פאָרשפּיל צו דער גרויסער, טאָטאַלער יידן־שחיטה וואָס זיי גרייטן אויף ישראל.

ב

האָט זיך אָפּגעטון דער שלאָף פון די אחריות־טרעגער דוד און משה — די באַליבטע ביים פאָלק, און ס'זענען צו זיי כסדר געקומען צו־חלום די נשמות פון די אויסגעשאָכטענע צען מאָל זעקס הונדערט טויזנט ייִדן, און זיי האָבן געליאַרעמט כאַראַל, געוואָרנט:

— דוד און משה, — געדענקט, געדענקט! מיר האָבן נישט געהאַט קיין גואל, קיין איין עראָפּלאַן, קיין איין באָמבע — האָט מען אונדז גע־פירט ווי די שאָף פון די שאָפן — צו די גאַזאויוונס! נאָך אין די לעצטע טעג פאַר דער היטלער־מפּלה האָבן דייטשן געפירט אויף די וועגן צענער טויזנטער יידן, הונדערטער טויזנטער יידן און אין די לעצטע שעהן פאַר זייער אַנטלויפן אַלעמען אויסגעשאָסן, אָדער אונדז געטריבן אין ים אַריין און דערטרינקען. איין עראָפּלאַן נאָר, עטלעכע באָמבעס בלויז — און מיר וואָלטן אויפגעשטאַנען אין מרידה, אין אוישוויץ, מאַידאַנעק, בעלזשעץ, מיר וואָלטן מיט אונדזער לעצט ביסל ערב־טויט־כוח צעשטערט די גאַזאויוונס, דערשטיקט די רוצחים. איין עראָפּלאַן נאָר, עטלעכע באָמבעס בלויז! די פאַרבינדעטע אונדזערע, די אַליאַנטן — די אַמעריקאַנער, די רוסן, די ענגלענדער — זיי זענען קיין איין מאָל נישט געפלויגן איבער די קאַצעטן און גאַזקאַמערן, קיין איין מאָל נישט אַראָפּגעוואָרפן קיין פּראָקלאַמאַציע מיט אַ רוף צו די קרבנות, מיט אַ דראָונג צו די מערדער; נישט אַראָפּגעוואָרפן קיין איין בלעטל, קיין איין באָמבע, קיין איין ביקס, אַ רעוואָלווער כאָטש; אַפילו אויך נישט קיין לעבל ברויט און אויך נישט קיין דאָזע ציאַן־קאַלי־סם, וואָס מיר וואָלטן מיט פרייד איינגעשלונגען.

דוד און משה! געדענקט, געדענקט! היינט האָט איר עראָפּלאַנען, און באָמבעס, און חיילים, צווישן זיי — אויך טייל געראָטעוועטע קינדער אונדזערע, און אייערע טייערע „סאַברעס" — און זיי האָבן ביקסן, קוילן, אַוויאָנען — געדענקט אין אונדז און אין אייך — לאָזט זיך נישט פירן צו דער שחיטה! פאַר אונדזער אָנדענק און פאַר אייער לעבן! פאַרשפּע־

טיקט נישט!! מיט אונדזערע טויטע, פאַרברענט ליפּן קושן מיר אייערע הענט, בענטשן מיר אייך און באַפעלן אייך:

גייט אין שלאַכט! איילט צו דער נעסט פון די רוצחים; דערשלאָגט זיי כל זמן ס׳איז צייט! זאָלן אייערע הענט און הערצער געשטאַרקט זיין!! גייט!!!

ג

ווי ס׳זענען נאָר אַוועק די נשמות פון די צען מאָל זעקסהונדערט טויזנט, האָבן זיך באַוויזן די נשמות פון די זעקס טויזנט גיבורי ישראל, די געפאַלענע חיילים אין דער מלחמת השחרור. זיי האָבן גערעדט קורץ, שאַרף, באַפעלעריש:

— ווי לאַנג נאָך וועט איר וואַרטן, מפקדים אונדזערע?! וועט אונדזער טויט האָבן געווען אַן אומזיסטער? וועט איר וואַרטן ביז זייערע מעסערס וועלן זיך אָנשיכּורן מיטן בלוט פון אייערע העלדזער? מיר רופן צו אייך און באַפעלן:

גייט! ס׳איז די העכסטע און פּאַסיקסטע צייט!!

ד

שטיל האָט מען דורכגעפירט דעם גיוס. דאָנערשטיק ביי נאַכט. ס׳איז שוין פרייטיקצונאַכטס. עס איז שוין נאָענט צו חצות. שליחים אויף אויטאָס און קוריערן אויף ראָווערן פאָרן פייערלעך שטיל און ברענגען ווייסע צעטעלעך, אַ צו (צאַוו) פון צבא, קלאַפּן שטיל אָן אין אַ פענצטער אָדער טיר:

— איר האָט פופצן מינוט צייט. פּאַקט איין אייער רוקזאַק און קומט!

אָט גייען אַרויס פון איין שטוב: פיר זין, צוויי איידעמס, אַ טאָכטער. אָט באַגלייט אַ מאַמע איר איינציקן זון, דער צווייטער, עלטערער, איז געפאַלן אין דער מלחמת השחרור. אָט באַגלייט אַ יונגע פרוי, מיט אַ קליין פאַרשלאָפן קינד אויף דער האַנט, איר מאַן. אָט באַגלייטן עטלעכע קינדער זייער טאַטן. אָט גייט אַ טאַטע מיט זיינע צוויי זין. באַגלייט זיי דאָס ווייב און די מאַמע. אָט גייען אַרויס פון אַ שטוב אַ יונגע פרוי צוזאַמען

מיט איר יונגן מאַן. זיי האָבן ביידע באַקומען די ווייסע צעטעלעך. פאַר־לעשן זיי די עלעקטריע, פאַרשליסן די טיר, און גייען. נישטאָ ווער ס׳זאָל זיי באַגלייטן, זיך געזעגענען און ווינטשן. און דאָס אַלץ קומט פאַר אַזוי שטיל, מ׳גייט שטיל, און מ׳רעדט שטיל, ווי מ׳וואָלט אָפּגעריכט אַ תפילה בלחש. און ווער ס׳האָט געזען מיט פופצן יאָר צוריק, אין רוסלאַנד, ווי די רוסישע, אוקראַיִנישע, אוזבעקישע פרויען האָבן באַגלייט זייערע מאַבי־ליזירטע מענער מיט מוראדיקע ליאַרמען, קוויטשיקע געוויינען און גע־שרייען — און דאָ איצט ביי אונדז, יידישע מאַמעס, ווייבער — וויינען נישט — עס איז אין דער יידישער אַרמיי אַריין, — מען גייט שטיל, מ׳באַגלייט שטיל, מ׳געזעגנט זיך שטיל און מ׳ווינטשט זיך שטיל:

„גיי בשלום און קום צוריק בשלום!״

ה

און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג נאָך דעם ווי ישראל האָט אויפגעהויבן זיין באַוואָפנטן זעלבשוץ־אָרעם און געשלאָגן דעם הויפּט־שונאס חיילות, און די אַנטרונענע רעשטלעך זייערע געצווונגען צו אַנט־לויפן אין גרויס בהלה. —

אין יענער נאַכט האָבן אַריינגעשוועבט הונדערט און זיבעציק נשמות פון די געפאַלענע גיבורי ישראל, די חיילים פון צה״ל, וועלכע זענען גע־פאַלן במשך אָט די זיבן טעג פון דער שלאַכט מיטן נאָמען „מבצע קדש״. זיי האָבן אַריינגעשוועבט אין דער מערת הקדושים, אין דער הייל, וווּ ס׳האָבן אומרויִק געוואַרט און געפלאַטערט די נשמות פון די צען מאָל זעקס הונדערט טויזנט. און ס׳זענען נאָך צוגעקומען — אַלטע, אור־אַלטע נשמות פון ווייטן אַמאָל, פון די הרוגי מלכות, פון די צייטן פון טאַרקווע־מאַדאַ, כמיעלניצקי, גאָנטאַ; די יִינגערע פון די ימי פעטליוראַ, און די גאָר יִינגסטע — די הרוגי־מאָסקווע, פון די סאַמע לעצטע עטלעכע יאָר. אַלע, אַלע, אַלע נשמות פון הרוגים־קדושים האָבן אַקייגנגעטאַנצט די סאַמע יִינגסטע פריש־געפאַלענע הונדערט זיבעציק.

און פון ערגעץ אַ באַס־שטים האָט אַ ברום געטון:

— אָט גייען די געפאַלענע ליבן פון ישראל! זיי האָבן אייך נישט פאַרשעמט!

אין דער מינוט איז אַריין די לעצטע נשמה, פון אַ מפקד, אַן אלוף־ניצחון, און ווידער האָט אַ רוף געטון ווי אַ בת־קול:

— ער ברענגט אייך דעם לעצטן ניצחון־גרוס פון מדינת ישראל! זי לעבט אין לויב! דער רוצח איז אויף אַ צייט־לאַנג געליימט!

אָבער אָט האָט מען פּלוצים דערהערט ווי פון דרויסן — דאָס צאַפּל־דיקע גרויסע געוויין פון הונדערט איינאונזיבעציק פאַראָבלטע מאַמעס און טאַטעס, ס׳געוויין פון פאַריתומטע ווייבער און קינדער —

האָבן די נשמות זיך אָפּגעשטעלט אין זייער שוועבן און פלאַטערן, פאַרשטאַרט אויף אַ מינוט־צוויי אין אַ געשווייג — ווי אָפּגעריכט קדיש און קדושה — און נאָך ווייטער ווי פון ערגעץ ווייט האָט זיך דערהערט אַ כאָראַלער ווידערקול:

— וויינט נישט ציונס טעכטער און מאַמעס! ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען ווען מיר פאַלן אַזוי ווי אייערע זין זענען געפאַלן! ווען מיר פאַלן פאַרן קיום פון מדינת ישראל! דאָרט וווּ מ׳קען אַזוי לעבן ווי איר, און וווּ מ׳קען — אַזוי שטאַרבן ווי זיי!

און קיין שום מוזיק־טענער האָבן זייער געלאַסענעם פאַרשווונדן — נישט צובאַגלייט — — —.

וועגן איינער אַ געוויסער גאַס אין תל־אביב

— איר זענט נישט סענטימענטאַל? וויפל אָרט פאַרנעמט אין אייך יצחק לייביש פּרץ? גייט, ביטע, אין תל־אביב אויף סוף אַלנבי־גאַס. איר אָנהייב איז ביים ים־ברעג, און ביי איר סוף הייבט זיך אָן די גאַס עליה. און אָט: ראָג אַלנבי־עליה — איז אַ גאַס לינקס, און אַ שילדל אויפן ראָג מויער: י. ל. פּרץ (אויך אויף ענגליש און אַראַביש). שטיי אַ ווײלע: דיקע וואָנסעס איבערן מויל, אַ פּנים וואָס איז עקזאַלטירט, רויט, שיער־נישט אַפּאָפּלעקטיש; אויגן — האַלב־אַרויסגעשטאַרצטע; אַריסטאָקראַט? האַל־בער אַדוואָקאַט? גמינע־באַאַמטער אין מתים־אָפּטייל? ר׳ שלמה פון „די גאָלדענע קייט״, יוחנן וואַסערטרעגער, דער מקובל? רעבעל, שטירצער, אומרויִקער ווירטואָז, טראַגישער קינסטלער; ברייטע האַנט פון אַ געבער, „איבערמענטש״, נאַציאָנאַל־מאָנומענטאַלע פיגור. יאָר 1915, מלחמה־צייט. מ׳טרייבט אַרויס יידן פון די שטעטלעך, מ׳הענגט יידן אַלס שפּיאָנען; הימלאָזע. פּחד פון אַן אייביק־פּאַגראָמירט פאָלק. וועגעלעך מיט מידע פערדלעך שלעפּן זיך איבער די גאַסן פון וואַרשע, איבערגעשראָקענע קינדערלעך, צעריסענע קישנס, ציטערדיקע זקנים מיט דער גרויסער אייביקער אימה פאַרן גוי, דעם רשע, יידן־קוילער. פּרץ — דער פירער פון קאָמיטעט צוהילף די הימלאָזע. פּרץ — אַ טאַטע פון אַ זון וואָס רעדט פויליש און לייענט ענגליש, זיין גאָט איז בערנאַרד שאָו, איז זונטיקדיק, און פאַראַכט דעם טאַטן דעם ייד, דעם קינסטלער, דעם שבת־יומטובניק. פּרץ איז געשטאָרבן — — —.

הונדערט טויזנט יידן, דער רוב אין קיילעכיקע שוואַרצע היטעלעך, לאַנגע כאַלאַטלעך און קאַפּאָטעס, פּחדימדיקע בערד און באַנומענע אויגן. אויך יוחנן וואַסערטרעגערס, אויך רבישע ר׳ שלמהס, אויך טראַציקע בונדיסטן אין קאַשקעטן, „ליציפּעטן״, אויך יידן וואָס קויפן שקלים. פּרץ

איז געשטאָרבן! פּרץ איז געשטאָרבן. די טראַמווייען שטייען, קענען נישט דורכפאָרן. הונדערט טויזנט מלווים. אַפילו עטלעכע גויִישע קרענץ און בענדער, — פון די פּוילישע שרייבער, קעמפער. ביי דער לוויה פילט מען זיך גאָר זיכער. הונדערט טויזנט יידן — און פּרץ, אין שוואַרצן אָרון, — אָבער י. ל. פּרץ!

צוריקגייענדיק פון דער לוויה, אויף אָקאָפּאָווע גאַס, ראָג גענשע, וואַרפן שוין שקצים שטיינער אויף די יידן, — „זשידי; פּשאַקרעוו!".

ס׳איז דריטער טאָג חול המועד פּסח. פּרץ איז שוין אין קבר. מ׳דאַרף אַראָפּבייגן דעם קאָפּ און זיך שיצן קעגן די שטיינער. אפשר בעסער אַריינלויפן אין אַ טויער? ניין, לעם יענעם טויער שטייט די „מאַטקע באָסקע" אין אַ גלעזערן שענקל, אַ געקאָלעכטע אויף ווייס און בלאָסן בלאָ, נאָר מ׳זעט אַרויס שטיקער געפּלאַצטן ליים. אין אַזאַ טויער, אין אַזאַ הויף, קען מען אַריינכאַפּן מער קלעפּ, מער שטיינער. אַ בחורל פון צען יאָר, מיט אַ שוואַרץ יאַרמעלדיק היטעלע און פּאהלעך, ווייסט שוין דעם טעם פון שקאָצים־שטיינער. די מאַמע האָט דאָך נעכטן געזאָגט — „ביסט שוין קאָנעהאָרע אַלט געוואָרן גאַנצע צען יאָר". דאַרף מען בעסער לויפן, מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן. זיין וואָס נענטער צו דער דזשיקע גאַס, נענטער צו דער היים. פּרץ איז שוין אויפן בית־עולם.

דאָס איז געווען מיט פיראונפערציק יאָר צוריק.

*

גיי אַריין פּאַמעלעך אין דער דאָזיקער י. ל. פּרץ־גאַס אין תל־אביב. גיי, גיי. אָט דאָ שטעל זיך אָפּ. אויף אַ האַלב איינגעשיט בערגל — אַ קליין הילצערן שטיבעלע, מיט אַ געלאַטעטן דאַך, די ווענט באַשמירט מיט ווייסן קאַלך און שוואַרצן פּעך. אַ קליין שטיבעלע, מיט אַ שוועל, מיט קליינע פענצטערלעך און אָפּגעבליאַקעוועטע גרינע לאָדנס, מאַטע פענצטער. ווער וווינט דאָ? אפשר חיים דער טרעגער פון „שלום־בית"? אָדער אפשר וועט מען פון דעם שטיבל דאָ דערהערן ס׳געזאַנג פון דריי בלאַסע פאַר־זעסענע מיידלעך, די דריי נייטאָרינס, —

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ, קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ, דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויס, דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס

— — — עס זיצן דריי מיידלעך און נייען — — — — די דריטע שפייט מיט בלוט און זינגט — אויף תכריכים וועט מיר געבן קהל, אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד, איך וועל רוען אומגעשטערט, איך וועל שלאָפן, שלאָפן —

ווער וווינט אין דאָזיקן שטיבעלע? וואָסער געזאַנג הערט מען פון דאָרטן? גיי נישט אַריין פרעגן, גיי ווייטער, ווייטער, — אָט לויפן קינדער־לעך, פּלאַפּלען אַ מחיהדיקן, חוצפּהדיקן לשון־קודש —

—אדוני, מה אתה מחפש כאן?

— יינגעלע, איך זוך יצחק לייביש פּרצן.

יצחק לייביש, יצחק, לייביש, כאַפּ זיך אויף פון דיין קבר, אין אוהל דאָרט, אויפן בית־הקברות אויף אָקאָפּאָווע דאָרטן, אין וואַרשע, אין דער שטאָט ווו מ׳האָט געשאָכטן כמעט אַלע דיינע הונדערט טויזנט מלווים, זייערע קינדער און קינדס־קינדער. פּרץ, אויב תחיית־המתים — איז שוין! כאַפּט זיך גיכער אויף! —

דאָס שוועסטערל פונעם יינגעלע, וואָס איז אַלט אַ העלפט פון מדינת ישראל היינט, העלפט איבערחזרן דעם ברודערלס פראַגע, מיט אַ שטימעלע וואָס דער בעסטער מלאך מעג זי מקנא זיין, וואָס קיין שום סטראַדיוואַ־ריוס־פידל קען דאָס נישט אימיטירן:

— אַדוני, מה אתה מחפש כאַן?

— איפה גר כאַן רב יוחנן, ילדתי?

— בוודאי הלאה!

ביסט געדעכט, טעכטערל, — ווייטער. גיי איך ווייטער. ישיבה־בחורים קיין עין־הרע, אַזוי פיל פאַרחידושטע פּנימער, לויטערע פּנימער, לויטערע אויגן, ריינע, ווי די לויטערסטע וואַסער־קוועלעכלעך, זעסט גלייך ביזן דנאָ, ביז דער נשמה, — התפעלות, רעיונות, חידושים. אַזוי פיל יונגעלייטלעך קאַנעהאָרע מיט ערב־בערדלעך, לעם אַ גרויסן, נאָך נישט פאַרטיקן בנין, האַלב געקאַלכט, האַלב ציגל־רויט, אין מיטן בויען, אָבער מ׳לערנט שוין דערווייל דאָרט, מ׳הערט שוין יענעם באַקאַנטן גמרא־ניגון וואָס איז עלול אויך אַפּיקורסים צו פאַרשיכּורן. שוין דאָ גענוג חדרים אויף צום לערנען, — די ישיבה איז דאָך אויפן נאָמען פון חידושי הרי״ם ר׳ איטשע מאיר, דער גערער רבי, אָט הענגט דאָך אַ שילדל —

„ישיבת חידושי הרי״ם". יונגעלייט פון יענעם פוילן, ליטע, נישט דער־שאָכטענע. עס לערנען שוין פרישע ר׳ שלמהס, דאָ, אויף דער גאַס פון יצחק לייביש פּרץ.

גיי ווייטער. ס׳איז אַצינד מיטאָגצייט. יונגע, פּופּצניעריקע געזעלן, שלאָסערס, מעכאַניקערס, עלעקטריקערס, האָבן שוין אָפּגעגעסן ס׳צווייטע מאָלצייט און שפּילן איצט אויף דער גאַס אין פוטבאָל, אַזוי אויפן־כאַפּ, איינס־צוויי, די מעטע איז דער צופעליקער לאָסטאויטאָ וואָס שטייט אין מיטן גאַס. יי׳נגלעך אָפּגעברוינטע, אין גופיות, מיט נאַקעטע, טונקל־ברוינע מוסקולירטע ידיים, בלאָנדע טשופּרינעס און שוואַרץ־געקרויזלטע קענדזשערס, יאַטן געבוירענע אין לאָדזש און אין טוניס, אין זשעלעכאָוו און אין מצרישן אַלעקסאַנדריע.

— אַחת־אפס — אַ גאָל!

וואָס איז דאָ? אַ גאַראַזש? מ׳פאַררײכט דאָ אויטאָס, מ׳פּוצט אויטאָס, מ׳פאַרבט. דער גאַראַזש טראָגט אויך דעם נאָמען — י. ל. פּרץ. און אַ טויער־צוויי ווייטער? — אַ קלישעריי. דאָ מאַכט מען קלישעס פון ביל־דער פאַר ביכער, זשורנאַלן. ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס שטייט דאָ? אַ ביאַליסטאָקער. —

— אָ, אַ יידיש בוך? גוט, טייער.

ער איז פון די עולים חדשים. געדינט, בעת מלחמה, אַלס אָפיציר, אין דער רויטער אַרמיי, ביי לענינגראַד —.

— איך לייען אין עטלעכע לשונות, נאָר אַ יידיש בוך, — מיין נחת.

מ׳רופט אים פון העכערן שטאָק:

— יצחק, תקבל גלופות, — של בן־גוריון, עגנון וחנא רובינא! —

גיי אַרויס ווייטער אויף דער גאַס, אוואַ, — מ׳בויט שוין נייע הייזער, הויכע, שיינע, מאַסיווע, — נייך, נייך, גיי גיך אַראָפּ ווייטער, — אָט זענען נאָך בערגלעך און גריבער, זאַמד, ליים, קליינע הילצערנע שטיבלעך, זיך־טוליענדיקע, שטיבעלעך־מעשׂהלעך, שטיבעלעך־גרוסן, — פון יענעם דאָרט, פון יענעם אַמאָל. אָבער ווי גיך מ׳בויט הויכע מויערן, באַנטשע וואָלט גאַרנישט געקענט אַרויפקוקן צו זיי אַזוי הויך, און אויך ר׳ חיים, וואָס רופט צו זיין ווייב, פּרייטיק, אָנבייסן־צייט, צום פענצטער אויפן

ערשטן גאָרן, — אַז ער האָט שויך, דאַנקענגאַט, פאַרדינט אויף שבת. — אויך ער וואָלט נישט געקענט אַזוי הויך אויפהייבן דעם קאָפּ — צו אַזעלכע הויכע און צו־שיינע הייזער.

אַ גאַס מיט פּיראַונפערציק נומערן. גייט נישט צוריק צום אָנהייב גאַס, ביי די גראַדע, ערשטע נומערן. פרעגט נישט וואָס דאָרטן איז געשען. אַ שפּייז־געוועלבל מיטן נאָמען „מעדנים״, ס׳איז פאַרמאַכט. אין פענצטער פאַרשטויבטע מאָן־זעמל און לענגלעך־ווייסע ברייטלעך, פאַרשיט מיט שטויב־ערד ווי מתים. פלעשלעך מיט לימאָנאַד און קאַקאַאָ, פאַרשימלטע, פאַרצויגן אַרום שוין מיט שפּינוועבס. די שויבן צעהאַקט, נאָר פאַר־קראַטעט. ס׳הענגען שילדלעך — פּאַפּיראָסן „דגל״, „מגידו״. וואַש־פּראָשעק פון דער פירמע „אור״. אַ פּלעטל פון דער פאַרזיכער־געזעלשאַפט „השמירה״. ס׳געוועלבל איז שוין זינט עטלעכע חדשים פאַרהאַקט, פאַר־שלאָסן. ס׳קומען אַהער שוטרים און שופטים מעסטן, באַקוקן. מ׳האָט דעם באַלעבאָס פון דעם קרעמל דערשטאָכן מיט אַ מעסער. ס׳האָט עס געטון אַ שכנדיקער קרעמער, פון אַקייגנאיבער, צוליב קאָנקורענץ, ביי אַ סיכסוך צוליב אַ קונה אויף אַ בולקע מיט פּוטער. אַ ווילדער גילגול פון די ווילדע שאַטנס פון פּרצעס טויטן־שטאָט וואָס ער האָט אַמאָל באַשריבן. מייד אויס דאָס דאָזיקע אָרט און פאַרגעס אין דעם. ס׳איז אַ ווילדער אויסנאַם.

גיי ווידער אַדורך די פּרץ־גאַס, גיי אַריין אין די שטיבלעך אינע־וויניק און זע, און פרעג. ווי ס׳איז אַמאָל געגאַנגען פּרץ אין יענע שטעט־לעך, אין יענע יאָרן, און פאַרשריבן דעם וואָכעדיקן דלות און שבתדיקער נשמה יתירה.

גייט גיכער זען די י. ל. פּרץ־גאַס, כּל זמן ס׳זענען נאָך דאָ די קליינע הייזלעך און שטיבלעך און זאַמד־בערגלעך. איידער מ׳צענעמט זיי און אויף זיי אַרויפבויען דירות נייע, פרישע, בריוואַחדיקע, פאַרריסענע. כאָטש אדרבא ואדרבא. אויך דאָס פרייט און וואָלט פּרצן געפרייט, נאָר בעסער אַז איר זאָלט זען די היינטיקע י. ל. פּרץ־גאַס, אין דאָזיקן היינטיקן מצב, — וואָס איז אַליין אַ קליין פּרץ־מעשהלע.

יצחק לייביש פּרץ, די זין פון דיין פאָלק האָבן דיך נישט פאַרשעמט.

מסתמא נישט ווינציקע פון זיי האָבן אין זייערע נשמות אַריינגעיומטובט דעם רוף פון ר׳ שלמה:

נישט קיין קליינע מצווהלעך און קליינע עבירהלעך — גרויסע יידן — זיי האָבן דיך נישט פאַרשעמט, מעגסט שטאָלץ זיין, גרויסער ייד, יצחק לייביש פרץ —.

גייט גיכער זען די יצחק־לייביש־פרץ־גאַס אין תל־אביב! — — —.

ער איז נייטיק — משיח

ס׳טעכטערל וואַרט שוין אויף שבת, כדי צו גיין שפּאַצירן א שעה־צוויי מיטן אבאלע.

גייט מען אויפן כּביש אין שיכּון. די שבת־מנוחה זוכט זיך דאָך אירע פּאַסיקע מקומות, דאַרף זי דאָ לאַנג נישט זוכן, געפינט: פאַרמאַכט די קלייטלעך און קיאָסקן, ס׳פאָרן נישט די אויטאָבוסן, מתפּללים אין די עטלעכע בתּי־כּנסת אַרום, אַשכּנזישע, ספרדישע, תּימנישע.

דעמאָלט באַמערקסטו ענדער די צעוואַקסענע ברושים (ציפּרעסן) איןביידע זייטן כּביש, אַלערליי אַנדערעביימער, ס׳גראָזוואַרג אויף די קליינע שטיקער פעלדער אַרום. די לופט איז היינט נאָך מער לויטער און דורכ־זיכטיק, אַזוי אַז מ׳זעט גוט פון ווייטנס די קאָנטורן פון די הרי־יהודה אַרום ירושלים.

בערך אַ זיבן מינוט צייט אָפּגעגאַנגען, מ׳איז שוין ביי די פּרדסים פון בני־ברק. אָבער אויף דער רעכטער זייט איז נאָך עפּעס, אַ געמויערטער פאַרקאָן מיט אַן אייזערן רויט־געפאַרבט טויער.

— אבאלע, וואָס איז דאָ?

— אַ בית־מטבחיים, אַ שעכטהויז.

— וואָס טוט מען דאָרטן?

— מ׳שעכט די קעלבלעך.

— אויך קליינטשיקע?

— ניין, קיין קליינטשיקע נישט!

— ווער שעכט זיי?

— אַ שוחט.

— פאַר וואָס טוט ער דאָס? ס׳אַ גרויס רחמנות.

כ׳פּרוּוו ווי ס׳איז פאַרטייטשן, פאַררעדן.

— איך וואָלט עס נישט געטון, אבאלע, אַפּילו פֿאַר קיין מיליאָן פונט (זי איז זעקס יאָר אַלט, גייט נאָך אין גן). און וואָס איז דאָ, אבאלע? (און זי ווייזט אויף אַ צווייטן געמויערטן פּאַרקאַן).

— דאָ איז אַ בית־הקברות.

— וואָס איז עס דאָרט?

און איך פּרוּו איר ווי ס׳איז פּאַרטייטשן, פֿאַררעדן.

ס׳קינד פירט מיט זיך אַ ליאַלקע אין אַ וועגעלע. אַ ליאַלקע, וואָס קען באַוועגן מיט די אויגן, מיט די פיס, און אַז מ׳בייגט זי אויס — פּישטשעט זי — מאַמאַ! און אַזוי ווי ס׳האָט שטאַרק געשיינט די זון אין דעם איצ־טיקן שבת־מיטנטאָג, און מיר האָבן געטראָגן הוטן, האָט ס׳טעכטערל ביי מיר געבעטן אַ טיכל צוצודעקן ס׳קעפּל פון דער ליאַלקע, ס׳זאָל איר נישט שאַטן די זון.

כאַפּט זי אַצינד אַרויס איר ליאַלקע פון וועגעלע, און זי פרעגט ווי־דער, זי וויל וויסן גענויער:

— און פאַר וואָס באַגראָבט מען די אָוועקגעשטאָרבענע? ס׳טוט דאָך וויי, ס׳איז דאָך אַ רחמנות.

און זי טוליעט צו זיך די ליאַלקע און באַגיסט זי מיט טרערעלעך:

— זאָג, אבאלע, פאַר וואָס באַגראָבט מען? ס׳טוט דאָך וויי (און זי ווייסט דאָך נישט אַז איר אבאלע האָט שוין געהאַט אַ טעכטערל, אַכט יאָר אַלט, און היטלערס האָבן זי דערשאָסן אויף דער גאַס צוזאַמען מיט איר יונגער מאַמען). זאָג, אבאלע.

און זי קוקט אַזוי, און אירע אייגעלעך האָבן אַ פולן הימל מיט אימה און ווייטיק — און זי וואַרט אויף ענטפער. ראַטעווע איך זיך פּלוצים:

— טעכטערל, ווייסט, די דתיים גלייבן — אַז ס׳עט אַ מאָל קומען משיח (און זי דאַרף מיך שוין נישט פרעגן צי איך בין אַ דתי, זי האָט שוין דאָס נישט איין מאָל געפרעגט און זי געדענקט דעם ענטפער — „אַ ביסל״).

— ווער איז משיח? וואָס וועט זיין אַז ער וועט קומען?

— וועלן דאַן אַלע טויטע אויפשטיין און צוריק לעבעדיק ווערן.

די טרערעלעך האָבן זיך פֿאַרהאַלטן ביי די וויִעלעך. און שוין נישט אַרויס. און פּלוצלינג האָט זי גאָר אַ פֿרעג געטון:

— און די אַראַבער אויך?

— אויך די אַראַבער, טעכטערל.

און כ׳האָב נאָך צוגעגעבן עטלעכע ווערטער וועגן די אַראַבער, גע־פּרוווט פֿאַרטייטשן, פֿאַררעדן.

האָט ס׳טעכטערל אַראָפּגענומען ס׳טיכל פֿון דער ליאַלקעס קאָפּ און זיך אויסגעווישט די אייגעלעך אויף טרוקן. זי וועט שוין מער נישט וויינען.

און איך האָב מיך געפֿרייט מיט משיח, געזען ווי נייטיק ער איז. ווען אַפֿילו אויף אויסצוטריקענען די טרערעלעך פֿון אַ קליינטשיק מיידעלע.

אומרו אין ירושלים

פאַרצייכענונג

אַז מ׳פאָרט קיין ירושלים, — איז ווענדט זיך ווער עס פאָרט. פאַר טייל דאָרטיקע איינוווינער איז עס אַ פּראָווינציעלע שטאָט. אָן אַ שטענ־דיקן טעאַטער, אָן רוישיקע קאַפעען אַלאַ „כסית״ און ״רוואל״ אויף רחוב דיזנגוף אין תּל־אביב. פאַר אַ טייל איז ירושלים — נו, יאָ, אַן אַלטע שטאָט (ווי פאַר יענע פאַר וועמען דער ים איז — נו, אַ סך וואַסער). אַז מ׳פאָרט די זיבעציק קילאָמעטער קיין ירושלים, זענען די לעצטע פינפאונצוואַנציק — בערגיק, שמאָל־שטעגיק, אין אייניקע ערטער אַפילו סכנהדיק. דער אויטאָבוס דרייט זיך אין הקפות איבער די שמאָל שלענגלדיקע וועגן אין די בערג. מ׳הייבט זיך כסדר אַלץ העכער צו ירושלים.

אויב ס׳עט ווער וועלן פאַרגלייכן ירושלים צו אַ ספר־תּורה, — זע־נען די בערג אַרום — שטיינערנע פּרוכתן ביים אָרון קודש, אָדער אפשר גאָר דאָס שטיינערנע שערבלאַט צום תּנ״ך? אָדער זענען זיי גאָר אַליין — דער תּוך אין שטיין?

און ווי ווייט און ווי לאַנג איז דען בכלל פון יענע חזיונערן און ווי־זיאָנערן און דערלייזער ביז די היינטיקע? און שוין ווידער קאָכט זיך דאָ געשיכטע אויף אַ שטאַרק פייער — — —.

און אָט איז מען שוין אַרויס פון די שמאָלע בערג־שטעגן און מ׳פאָרט שוין אויפן ברייטן, גלאַטן כביש גלייך אין שטאָט אַריין. שוין ווידער אַן אומרו, ווי תּמיד ביים דערנענטערן זיך צו דער שטאָט. עפּעס דאַרף מען דערזען, עפּעס קען געשען. אָט זעט מען אויף דער הויפּטגאַס, אויפן טראָטואַר, זיצט אַ רבישער ייִד אויף אַ שטול, בעט נדבות, נאָר נישט פאַר זיך. ער האַלט אַ ווייס טיכעלע אויף דער האַנט און פאַרבייגייער

לײַגן נדבות אין טיכעלע אַרײַן. די זון זוכט די מטבעות אויף זײַן האַנט און די קופּערנע פּיאַסטערס מאַכן דעם אָנשטעל פון — גאָלד.

אָט גייט אַ בלאַסע מיטליאָריקע פרוי, מיט פאַרוואַסערטע אויגן, מיט אַן אַלטמאָדישן, פאַרצייטישן גרין־פילצענעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. אין דער האַנט האַלט זי אַ קליין בלוי פענדל, אַ דרייעקיקס, ווי אַ האַלבער מגן־דוד, און ס׳זענען אויסגעהאַפטן אויף אים ווייסע שטערנס און שוואַרצע צלמים. זי שטרעקט דאָס פענדעלע צום הימל און שרייט הויך אַ תּפילה אויף אַ לשון וואָס קיינער פאַרשטייט נישט. — אַ מיסיאָנערשע ? אַ חסר־דעה׳יִקע ?

אָט זעט מען שוין דעם האַרמאַט־דענקמאָל „דוידקע״. אַ דענקמאָל פאַר די געפאַלענע חיילים, מיט אויסגעקריצטע אין ברוינעם בראָנדז תּנ״ך־פּסוקים.

ווי דו גייסט נאָר אַראָפּ פון אויטאָבוס, זעסטו פון ווייטנס לויפן אַ ייִד, צעקנעפּלט, צעפּאַהט, ער טראָגט אין די הענט עפּעס אַ ברייטע זאַך און רופט עפּעס אין איילעניש ווי אַ בשורה־אָנזאָג. דו דערקענסט נאָך נישט פון ווייטן צי ס׳איז אַ תּימנער, צי איינער פון די נטורי־קרתּא. און אַז ער קומט צו נענטער, און דערזעסט אים, און דו דערהערסט אים, — וואָס ער רופט — בלייבסטו תּחילת אַ פאַרחידושטער, אַ געפּלעפטער, אָבער באַלד צעלאַכסטו זיך. דער צעפלויגענער ייִד וואָס לויפט אַזוי פאַר־טראָגן און אַזוי בשורה־אָנזאָגנדיק — רופט בסך הכּל :

— בוטנים חמים, בוטנים חמים ! ניסלעך געברענטע, ניסלעך הייסע, בוטנים, בוטנים, חמים !

זעט יענער ייִד ווי דו צעלאַכסט זיך, ווערט ער טרויעריק. קוקסטו אים אָן, זעסטו אַז ס׳איז אַ ייִד אַוודאי אַ מטופּל מיט אַכט קינדער, פון די מזרח־עדות, וואָס האָט זיך שוין אויך אויסגעלערנט ייִדיש, און אַז ער מוז נייטיק פאַרדינען עפּעס. קויפסטו ביי אים אַ שקאַרמיץ ניסלעך, הערסטו ווי ער זאָגט עפּעס אַ וואָרט ווי חיונה, און אַז דו נעמסט אַ ניסל אין מויל אַרײַן, גיט ער דיר אַ שטרענגן ווייז — לברך, מאַכן אַ ברכה — און דו ביסט ווידער געפּלעפּט.

דער לעצטער סימן פון דיין געלעכטער איז גיך עוקר פון דיינע

ליפּן — און ביסט שוין ווידער אומרויִק, ווי תּמיד ביים אַריינפאָרן קיין ירושלים...

אַ בלימל אין באָרד

אין אויטאָבוס פון ירושלים קיין תּל־אביב. ס׳זיצט אַ ייִד פון „מאה שערים״. ער איז אין די מיטעלע יאָרן. נישקשה ברייטפּלייציק. די באָרד — נישט סתּם ברייט, נאָר געווירעט סימעטריש, ווי מיט אַ באַשטימטן מיין, שטאַרק געדיכט. דער גוף — דאַנקען גאָט — אין פולן געזונט. ער איז טועם אַ מערביק קיכל. און מ׳זעט זיינע אַלע ציין — אַ ברכהדיקע ווייסקייט. געדיכטע, שפּיגלדיקע. די אויגן, — פלוימיקע, פרישע, אין אַ שטרייט פון טוי מיט גלאַנץ. אָבער זיין פרומקייט, זיין תּורה־לערנען, איידלט אויס זיין גבורהדיקע געזונטקייט, מינערט ס׳גשמיות. נאָך איין ליאַדע שטריך — און ער וועט אויסזען כּולו רוחניות, — אָבער דער איינער שטריך פעלט. שפּילן זיך אַרום אויף זיינע באַקן און אין זיינע אויגן אָט די ביידע פלעמלדיקע פייערלעך — גשמיות און רוחניות.

ס׳שטייט לעבן אים אַ יונג שילער־מיידל, האָט נישט קיין אָרט צום זיצן. זי האַלט זיך אָן אין דער אויבערשטער אַקס. אין מויל האַלט זי אַ קליין געפלעכטל בלימעלעך. פרישינקע, טויִקע, רויטע „נעגעלעך״. דער אויטאָבוס, בעתן פאַרקערעווען זיך, גיט זיך אַ טרייסל. איין בלימעלע פאַלט אַראָפּ אויפן ירושלימער, פאַלט אַריין אין זיין באָרד. ס׳מיידל יאָגט נאָך מיט דער האַנט און וויל גיך אַרויסנעמען פון יענעמס באָרד איר בלימל. זי אַנטשולדיקט זיך. ס׳רויטע בלימעלע האָט זיך עפּעס אַזוי געערן פאַרהאַטשעט און פאַרפּלאָנטערט אין דער שוואַרצער באָרד־געדיכ־טעניש. דער ירושלימער איז צעטומלט. צי זאָל ער נישט לאָזן, זאָל ער ס׳בלימל אַליין אַרויסנעמען?

דערווייל כאַפּן זיינע באַקן דעם זעלבן קאָליר פון די רויטע „נעגע־לעך״. די שכנים־פּאַסאַזשירן שמייכלען. ס׳בלימל — אויך. און די באָרד? — אַוודאי!...

אָט, אַ שטיפעריי פון אַ בלימל...

אַ חשק צו נגינה

אין היגטערשטאָטישן תּל־אביבער אויטאָבוס, אין דער שפּעטער שעה פון ערב צווועלף ביינאַכט, פאָרט דער רוב פּאַסאַזשירן צוריק פון די טעאַטערן, אָפּערע, קאָנצערטן, קינאָס. מיטן דמיון איז מען נאָך ערגעץ ווו אין טעאַטער, מיט די פּאַסירונגען אין דער פּיעסע, פאַרניגונט מיט אַ לידל. אָבער אַז דער אויטאָבוס טרייסלט זיך אונטער אויף די כּבישים, און אָט־אָט ווערט שוין צוועלף, ווערט דער דמיון מיד, נעמט זען שוין ס׳בעט, ווייסע ליילעך, ס׳אָנגעלענטע קישן, — און דער קאָפּ וואָלט זיך שוין אַזוי גערן פאַרוואָרפן אויפן ווייסן קישן, — מ׳דאַרף דאָך אויפשטיין פאַר טאָג גיין אין משׂרד אַריין. דער אויטאָבוס טרייסלט מיט מידער וויגעניש, די לעמפּלעך שאָטענען מידע, די אויגן לאָזן שוין האַלב אַראָפּ זייערע ברעמען־זאַלוזיעס, דער בילעטער רופט אויס שטיל און פאַרשלאָפן די נעמען פון די סטאַציעס. מ׳איז האַלב וועג. נאָר אָט רופט ער אויס אַ נאָמען פון אַ סטאַציע באַזונדערס ניגונדיק, אויפגעוואַכט, דערהויבן, פייערלעך, ווי ס׳וואָלט זיין אַ פריילעכער פּאַרק, אַ שפּיל־פּלאַץ:

— בעיט האַקוואַראָט! (בית הקברות).

די מידע ברעמען־זאַלוזיעס ביי די פּאַסאַזשירן רוקן זיך פאַרחידושט צוריק אויף:

— וואָס רופט ער? אַ־אַ, דאָס איז דאָך נחלת יצחק. איז פאַר וואָס הייסט נישט די סטאַציע נחלת־יצחק, נאָר דווקא בית־הקברות? (דאָ איז טאַקע דער תּל־אביבער בית־עלמין). און פאַר וואָס רופט ער אויס דווקא די דאָזיקע סטאַציע אַזוי היפּער־מוזיקאַליש, מיט אַזאַ מין פייערלעכן, צו־להכעיסדיקן ניגון?

און אין דמיון פֿאַרפּלאָנטערן זיך שוין און מישן זיך צונויף: טעאַטער־דעקאָראַציעס, גרימירטע אַקטיאָרן, בלינצלדיקע עלעקטרישן לאָמפּן וואָס שאָטענען, אַ ווייס ליילעך און אָנגעלענט קישן, מידיקייט, שפּעטע שעה, — און דער דורכגעשניטענער, אויסטערליש־ניגונדיקער רוף פֿונעם בילעטער:
— ב־עיט האַ־קוואַ־ראָט!

נישט קיין מיליטערישער סאַלוט

און אַט שטייט זי שוין ביים שכן. באַקוקט ס׳בוך וואָס ער לייענט. גיט אַ פרעג, און יענער גיט אַ ווייז מיט די אויגן אין מיין ריכטונג: — אָט דאָ ליגט דער מחבר.

און אָט דאָס קראַנקנשוועסטערל, — ליכט אין אירע אויגן, צעפלעמלטע, צעפלאַמטע, קוקט אַהער צו מיר, גיט אַ שפּרייז צו מיין בעט, ציט זיך אויס מיליטעריש, לייגט צו איר רעכטע האַנט צום ווינקל שטערן און רופט אויס שטיל־פייערלעך:

— איך סאַלוטיר אייך, מחבר!

מסתמא לייכטן מיינע אויגן צוריק. מסתמא איז שוין איצט מיין דופק אַן אַנדערער. אויס קליינישער אָביעקט.

און דו הערסט שוין איצט מיט שרייבערקלוב־נייגעריקייט, מיט קאָלע־גיאַלישן אינטערעס, אירע ווערטער:

— אויך מיין אבא איז אַ מחבר, שרייבט עסייען וועגן ליטעראַטור, תנ״ך. איז לעקטאָר. אין לערער־סעמינאַר אין חיפה. אויך אין „מאזניים״ דרוקט ער זיינע עסייען.

און דאָס שפּיטאָל־בעטל שוועבט, און איר סאַלוט מיטן יונגן הענטל שוועבט, און אויגן לייכטן, פלעמלען, אויסטויש פון עקסטאַז־בליקן, — אָט האָסטו דיין שרייבערישן האָנאָראַר. און אויף אַ צולאָג — אַ זעלטענע, לייט־זעליקע, נאָדללאָזע איינשפּריצונג. — — —

אין אַן אָרט פון וועלכן מ׳הערט נישט גערן, וועגן וועלכן מ׳לייענט נישט גערן: שפּיטאָל.

קראַנקנשוועסטער, — באַוווּסט. אָבער נישט אַלע זענען שוועסטערדיק, גוט־געמיטלעכע, חנעוודיקע, פרוילעכע, באַרמהאַרציקע. ביי אַזעלכע איז עס: פאַך. אַ מאָנאָטאָנע זאַך. דו ביסט קליינישער אָביעקט. גוף. דיין נאָמען

זאָגט דאָ קנאַפּ. בלוט־פּראָבעס. עלעקטראָקאַרדיאָגראַם, פּיעלאָגראַפיע, כּל׳ע מיני רענטגענס, איינשפּריצונגען, אויסשפּריצונגען, טעמפּעראַטור־מעסטן, פּילן, פּראָשקעס. אַ מין אַרעסטאַנט. דיינע מלבושים ליגן ערגעץ אין אַ מאַגאַזין, אין אַ זעקל, נומערירט. דיינע דאָקומענטן — אין אַ ביוראָ־טיש־לעדל, דו ביסט פאַריהודט מיטן בעט. ס׳איז בלויז פּערציק מעטער ווייט פון רוישיקן, רעשיקן פּתח־תקוה־שאָסיי. אָבער דאָ איז שטיל. געשעפּטש. ווי ס׳וואָלט דאָ געדרעמלט און געלויערט ערגעץ אַ פאַרבאָרגענער שונא און מ׳טאָר אים נישט וועקן — — —

ביסט אַרעסטאַנט־שפּיטאָלאַנט. דריוולען זיך מחשבות: אַלע מוזן דאָך דאָ אַהערקומען, דורכגיין דאָס אָרט. נאָך אַלץ בעסער ווי מ׳פירט גלייך צו יענעם אָרט. יאָ, אָבער מיט פּערציק מעטער ווייטער טומלט מען, איילט מען, יאָגט מען, קריגט מען זיך, מ׳וויל נאָך, מער וויפל מ׳האָט, — און מ׳זוייסט נישט, מ׳געדענקט נישט, — אַז דו מוזט דאָ אַהערקומען, אין דעם גאָרטנדיקן בנין, פּערציק מעטער אין דער זייט פון כביש. אַרום, אין דרויסן, איז גרין, און העכער איז — בלאָ, און דאָ אינעווייניק — ווייס, בלאַס, שטיל.

מ׳קרעכצט. מ׳לייענט. מ׳ליגט אומבאַוועגלעך, טאָרסט זיך נישט רירן. באַקומסט אויף זיך רחמנות. נו. דאָך. מ׳לייענט אַ בוך. אויך דיין שכן לייענט אַ בוך. ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ער לייענט גראָד דיינס אַ בוך. אין עברית. אָט איז די קראַנקנשוועסטער. אייגנטלעך — שוועסטערל. זיבנצניעריק. דראָבנע. לויט דער גוטסקייט, נייגעריקייט אין די פּלעמלדיק־שוואַרצע אויגן, איידלקייט — איז דיר ניחא אַז זי דערלאַנגט דיר דעם טערמאָמעטער, טאַפּט דעם דופק. דאַכט זיך — נישט פּראָפעסיאָנעל, — ווי זי וואָלט זיך איינגעהערט אין אַ מין מוזיק, דופק־מוזיק. דאָך — ספּקסטו, — אפשר פּאָרט נאָר רוטין?

טויזנט און איין נס

אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1946 איז אין יידישן קאָמיטעט וואַרשע־פּראַגע אַריינגעקומען אַ הויכער, אַלטער „דזשאַד״, אין אַ גראַנאַט מאַ־טשעיוווקע־היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, מיט אַראָפּהענגענדיקע גרויע וואָנסעס, מיט אַ פאַרשטויבט זעקל אויף די פּלייצעס, מיט אַ לאַנגן, סענקע־וואַטן שטעקן אין האַנט, זיך אַרומגעקוקט און מיט איבערגעשראָקענער פרייד אויסגערופן:

— אַ גוטמאָרגן, יידן!

מען איז דעמאָלט געווינט געווען צו די סאַמע אויסטערלישסטע באַגע־גענישן, דאָך האָט קיינעם נישט געקענט איינפאַלן, אַז דער טיפּישער „דזשאַד״ איז אַ ייִד.

אַ מידער האָט ער זיך האַסטיק אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. פון די ערשטע ווערטער זיינע איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ער הייסט בער ריטשי־וואָל, אַ געוועזענער חסיד, געווינט אין וואַרשע אויף פּולאַווסקע 62 און געהאַט דאָרטן אַ געוועלבל פון הערינג. זיין פרוי מיט פיר קינדער זענען אומגעקומען און ער אַליין האָט זיך געראַטעוועט אויף אַ מאָדנעם אופן:

ער האָט אָפּגעשוירן באָרד און פּאות, זיך געלאָזן וואָנסעס, אָנגעטון אַ צלמל אויפן האַלדז, זיך אויסגעלערנט פּרעפּלען „פּאַטשעזש״ (קריסטלעכע תפילה) און געלאָזט זיך מיט דעם זעקל אויפן פּלייצע און שטעקן אין האַנט איבער די דערפער אַלס בעטלער. געשטאַנען פאַר די קאָשטשאָלן, געצלמט זיך, עפּעס „געמאַמליעט״ מיט די ליפּן, האָבן די גויעס אַריינגע־וואָרפן מטבעות אין זיין בלעכן פּושקעלע. אַ מאָל האָט מען אים אויך צוגע־וואָרפן אַ שטיקל ברויט.

אָבער נישט אַזוי גלאַטיק איז עס צוגעגאַנגען, עס האָט דאָך געדויערט יאָרן. עטלעכע מאָל האָט מען אים דערקענט אַלס ייִד — אָט האָט ער זיך

געצלמט מיט דער רעכטער האַנט אַנשטאָט מיט דער לינקער; אָט האָט אַ פּחד געצאַפּלט אין זיינע אויגן; אָט האָט ער זיך געקרעקט ביים עסן אַ שטיקל חזיר. נישט איין מאָל האָבן אים גויִים שוין איבערגעגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און ער איז געשטאַנען צום דערשאָסן ווערן.

אין יענער צייט האָבן אַ סך אַזעלכע געשיכטעס פּאַסירט, אָבער דער אַלטער בער ריטשיוואָל האָט מיט אַ גוואַלדאָוונער עקשנות זיך איינגעשפּאַרט צו בלייבן לעבן, דורך איינפאַלן און שפּיצלעך זיך פאַרשאַפן אַ נאַכטלעגער ערגעץ ביי אַ קאָרטן־לייגערין אין דאָרף, קאָמבינירט אַרויסצובאַקומען עסן, אַ מאָל נאָך צוגעטראָגן אַ שטיקל ברויט און אַ פּאָר קאַרטאָפל צו אויסבאַ־האַלטענע ייִדן אין די וואַלד־גריבער.

איר זענט געזעסן און מיט שפּאַנונג אויסגעהערט די אַלע קלוגע טריקן און אַוואַנטורעס, ענלעך צו אַ צוויבער־מעשהלע אונטערן נאָמען טויזנט און איין נס״. און דער גערער חסיד בער ריטשיוואָל האָט איבערדערציילט אַלע פּאַסירונגען און איינצלהייטן מיט אַזאַ לעבעדיקייט, טרעפלעכקייט, אַפילו הומאָר — אַז דער ייִדישער קאָמיטעט האָט דעמאָלט גלייך באַשלאָסן צו לאָזן דאָס אַלץ פאַרצייכענען לזכר. ביים קאָמיטעט האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ צייטווייליקע היסטאָרישע קאָמיסיע און די מיטאַרבעטערין פרוי בליומע וואָסער איז געזעסן מיט אים צו עטלעכע שעה אַ שיינע פּאָר טעג און אַלץ פאַרשריבן וואָס ער האָט דערציילט. עטלעכע מאָל בין איך אויך געזעסן דערביי און זיך צוגעהערט צו זיין דערציילן. אין אַ צייט אַרום האָט די היסטאָרישע קאָמיסיע מיר איבערגעגעבן דעם גאַנצן פּראָטאָקאָלירטן מאַטעריאַל אויף צו באַאַרבעטן און רעדאַגירן און אין עטלעכע חדשים אַרום איז דערשינען אַ ביכל אונטערן נאָמען:

„בער ריטשיוואָל: ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט די דייטשן״.

אַז מען לייענט דאָס דאָזיקע ביכל, פאַרגעסט מען אין דעם גרויל פון יענע טעג און מען באַוווּנדערט גאָר די חכמהדיקע איינפאַלן און אויפטועך פון דעם אַלטן ייִד — די אויסגעטראַכטע מעשיות וועלכע ער פלעגט דער־ציילן פאַר די פּויערים וועגן די ווונדער פון יעזוסן, געגעבן זיי אָנצוהערן, אַז ער אַליין איז אַ גלגול פון יענעם ליידנדיקן נוצרי. האָט ער באַקומען פון זיי צו עסן, אַ נאַכטלעגער, מ׳האָט אים פאַרבונדן די ווונדן אויף זיינע

פיס און מ׳האָט זיך צו אים באַציגן ווי צו אַ הייליקן. און אונדזער ר׳ בער ריטשיוואָל איז גראָד אַ ייִד וואָס דאַרף אַ סך עסן כדי צו ווערן זאַט. און אַז ער האָט דערזען גוטע אַכילה, האָט די פאַנטאַזיע זיינע דעמאָלט אויסגע־טראַכט די שענסטע מעשיות, וואָס האָבן זיך געפּאַסט פאַר דער געגעבענער סיטואַציע און סביבה. ס׳רוב האָט ער נישט באַדאַרפט לאַנג טראַכטן, ווייל ער האָט זיי דערציילט אַגדתאס וואָס ער האָט געדענקט פון מדרש און גמרא.

אויף דער הילע פון דעם ביכל איז געווען דאָס בילד פון בער ריטשע־וואָל, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען אַלס „דזשאַד״. דאָס האָט מען אים פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אָפּגעפאָטאָגראַפירט גלייך אין די ערשטע טעג.

די לעצטע ווערטער נאָכן דערציילן זיינע פּאַסירונגען זענען געווען וועגן דעם, אַז ער וואָלט וועלן פאַר יעדן פּרייז זיך נאָך דערשלאָגן קיין ארץ ישראל. ווען ער האָט געזאָגט די ווערטער, איז ער נאָך אַלץ געווען אין זיין גויִישן הולך, מיט זיין טריפה אויסזען (אין יענער צייט איז נאָך געווען געפערלעך פאַר אַ ייִד אַרומצוגיין איבער די גויִישע גאַסן — און כמעט אַלע גאַסן זענען געווען גויִישע).

פאַרן דערשיינען פון דעם ביכל האָט די היימישע צענזור פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע געוואָלט ביי מיר אָפּדינגען די עטלעכע שלוס־זאַצן ווו ריטשיוואָל רעדט מיט התפעלות וועגן פאָרן קיין ישראל, אָבער איך האָב נישט נאָכגעגעבן. עטלעכע שורות האָבן זיי דאָך געשניטן. אָבער פאָרט ענדיקט זיך דאָס ביכל מיט דעם זאַץ:

„איצט וויל איך נאָר, אַז מיינע אַלטע ביינער זאָלן ליגן אין דער ערד פון אונדזערע אָבות אבותינו. איך וויל גאָרנישט מער, אבי איך זאָל נאָר קענען פאָרן אין אונדזער הייליק לאַנד אַריין״.

און אָט באַגעגנט מיך די לעצטע טעג אַ קאָלעגע, דער שרייבער מרדכי אַלעי (וועלכער וווינט, אַלס פרומער ייִד, אין שיכון פון „פועלי אגודת ישראל״, נישט ווייט פון אונדזער שיכון) און דערציילט מיר, אַז אין בני ברק פרעגט זיך אויף מיר נאָך אַן אַלטער ייִד פון וואַרשע, אַ געוויסער בער ריטשיוואָל. ער האַנדלט מיט „צעלניק״ אויף רחוב יהושע און וויל זיך מיט מיר זען.

בני ברק ליגט 2—3 קילאָמעטער פון אונדז, בין איך גלייך דאָרט אַהין צוגעפאָרן מיט אַן אויטאָבוס. דאָס אויסזען פון דעם שטעטל האָט חן און כאַראַקטער, מען טרעפט זעלטן מענער אין די בלויזע קעפּ. מען זעט זעלטן מענער אָן בערד, די יידן גייען דאָ יחוסדיק, ווי זיי וואָלטן צופרידן זיין מיטן עול התורה. עס איז ריין אין שטעטל און אויף די סלופּעס הענגען גרינע עמערס מיט דער אויפשריפט: „פּסולת״ (אָפּפאַל). עס איז פרייטיק מיטנטאָג און אויפן שאָסיי פּאָרט זיך אַ מיטליעריקער ייִד אויף אַ ראָווער מיט אַ קוישל פון פאָרנט, אַ ציכטיק־ריינער ייִד, מיט אַ שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ, מיט אַ געפלעגטער, זויבערער באָרד, מיט איין האַנט האַלט ער דעם רודער פון ראָווער און מיט דער צווייטער האַנט גלעט ער בנעימותדיק זיין באָרד, ווייל אַרויסציען, זעט אויס, אַן ענטפער אויף אַ מחשבה.

איך פאָר אויף דער הויפּט־גאַס „רבי עקיבא״, קוק אַרויס דורך דער שויב און אָט דערזע איך זיצן אויפן טראָטואַר אַן אַלטיטשקן ייִד, אַרום אים ליגט אויסגעלייגט אויף אַ קאַלדרע אַ קרעמל מיט צעלניק. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז טאַקע ריטשיוואָל, כאָטש מען האָט מיר אָנגעגעבן די יהושע־גאַס. איך גיי אַראָפּ פון אויטאָ און דערנענטער זיך צו אים. איך פרעג אים:

— ווו גייט מען דאָ, רב ייִד, אויף דער יהושע־גאַס?

— אָט־אָ־דאָ רעכטס.

— איר זענט פון וואַרשע?

— אַוודאי.

— איז נישט אייער נאָמען בער ריטשיוואָל?

— וואָדען? און איר דאַרפט זיין גראָסמאַן, כ׳דערקען אייך שוין.

גיט מען זיך אָפּ אַ פריילעכן שלום־עליכם.

ער האָט שוין צוריק אַן אָנגעוואַקסענע גרויע באָרד. זי איז נאָך קאָרג אין וווקס, אָבער דערפאַר מילד־ווייס, ווייך און קיילעכדיק. איין אויג האַלט ער פאַרמאַכט. איך בין אים חושד, אַז דאָס אויג איז אַ געזונטס, נאָר ער האַלט עס פאַרמאַכט צוליב געוווינטער פאַרזיכטיקייט, כדי צו קענען אַ גיכן טראַכט טון און דערוויל זאָל מען נישט תיכף דערכאַפּן זיין בליק און כוונה.

נאָכן קעלצער פּאָגראָם (יולי 1946) איז ער גלייך אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד און פון דאָרטן, אין יאָר 1947, געפאָרן מיט דער „עקזאָדוס״־

שיף קיין ישראל. עטלעכע חדשים, זאָגט ער, האָבן זיי געקעמפט אויפן ים און געוואָרן צוריקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם איז ער ווידער געפאָרן און שוין אָנגעקומען אין ישראל.

און אָט זיצט ער, דער געוועזענער „דזשאַד״, דער בעטלער פאַר די קאַשטשאַלן, וואָס האָט געמוזט זאָגן „פּאַטשעזש״ און זיך צלמען כדי ניצול צו ווערן פון טויט — זיצט איצט אויף דער רבי עקיבא־גאַס אין בני־ברק, פאַרקויפט שפּיגעלעך און מגן־דודלעך.

— ווי אַזוי איז מיט פּרנסה ?

— דאַנקען גאָט, בישקשה.

— ווי איז ביי אייך מיטן געזונט ? איר דאַרפט דאָך זיין, ביז הונדערט און צוואַנציק, וויפל ?

— זיבנאונזעכציק.

— אפשר אויך חתונה געהאַט ?

— וואָדען ? !

— די פרוי איז אַוודאי אַ יינגערע פון אייך ?

— ווי שייך, אונטער די פופציק.

ער בעט ביי מיר אַן עקזעמפּלאַר פון דעם ביכל זיינעם, ער האָט עס נאָך ביז איצט נישט געזען. אפשר קען איך אים פאַרשאַפן אַזאַ ביכל. ער פאַרקוועטשט אַצינד נאָך מער דאָס צוגעמאַכטע אויג און ווענדט זיך צו מיר :

— אפשר קען מען עפּעס האָבן דורך אייך אַ שטיקל „לאַסקע״ ? (טובה).

זאָג איך אים, אַז איך אַליין דאַרף נאָך לאַסקעס, בין נישט לאַנג אין לאַנד. נאָר דאָך, וואָס איך וועל קענען, וועל איך זיך באַמיִען, קיין סך קען איך זיכער נישט אויפטון.

— וואָס הייסט, איר זענט דאָך עפּעס אַ „פּירמאָווע״ מענטש, ס׳בלאַט האָט דאָך געשריבן וועגן אייער קומען אַהער.

איך בעט ביי אים זיינס אַ פאָטאָגראַפיע פון דער לעצטער צייט. איך וויַיז אים זיין פריערדיקע פאָטאָ און וויַיז אים אויך דאָס ביכל זיינס מיטן בילד אויף דער הילע. ער קוקט זיך איַין און לאָזט פלוצים ראָש אַראָפּ דעם קאָפּ. ערשט איצט, דאַכט זיך מיר, האָט ער געעפנט דאָס רעכטע

פאַרמאַכטע אויג, ווייל ער קוקט אויף דער ערד אַראָפּ. איך פיל ווי עס זענען אים באַפאַלן זכרונות ווי אַ היישעריק־כוואַליע. ער גיט אַ פּלוצימ־דיקן טרייסל מיטן קאָפּ, שאָקלט אים אָפּ, הייבט אים אויף. דאָס אויג איז שוין צוריק פאַרמאַכט און ער זאָגט פאַרטראַכט:

— האַ? איז דאָס אַלץ טאַקע מעגלעך? בין דאָס יאַ ך טאַקע דער־אָ? נו גוט, כ׳וועל מיך נאָך היינט אָפּפאָטאָגראַפירן און מאָרגן־מעטשעם קומט צו מיר צו, וועל איך זיי אייך געבן.

ביים צוריקגיין צום אויטאָבוס קוק איך נאָך אַ מאָל אויפן שילדל פון דער גאָס און לייען איבער:

„רחוב רבי עקיבא״.

שוין אַרויפשטייגנדיק אויפן טרעפל פון אויטאָבוס, שפּרינגט מיט אַ פונק פון אַ מחשבה:

ווען ער אַליין, טאַקע ר׳ עקיבא, זאָל דאָס זען! דאָס שטעטל, די דאָזיקע גאָס, דעם אַלטן ייִד בער ריטשיוול — וואָלט ער אוודאי די עינוים, מיט וועלכע די רוימער האָבן אים געפּייניקט, נאָך מער אָנגענומען באהבה.

אַ שאָד וואָס איך גלייב נישט...

אַ יונגע פרוי, ערשט נאָר־וואָס אַריבער די דרייסיק. אַ שעמעוודיקע שיינקייט. אַ מענטש פון פליכט און אחריות. אידעאַליסטיש איינגעשטעלט, צניעותדיק, כמעט עקסטרעם־לינק. אָבער צוריקגעהאַלטן־סאָליד, באַשיידן — ווי די ראָזע פאַרב וואָס פלעמלט אויף איר לויטער־ווייסן פנים, ביז אונטער די אויערן.

אויך איר מאַן איז פון דאָזיקן סאָלידן סאָרט מענטש, מיט געזעל־שאַפטלעכער אַחריות. אַ פּריוואַטער באַאַמטער. אויך כמעט עקסטרעם־לינק. דער אויך פֿאַסט זיך נישט צו זאָגן אויף אים, נאָר אויף איר, ווייל זי איז אידעאָלאָגיש דאָס וואָס איר מאַן איז. עס איז גאַנץ לאָגיש — זי האַלט מיט איר מאַן.

זיי האָבן צוויי קינדער, אַ מיידעלע פון פיר יאָר און אַ יינגעלע פון ניין יאָר. זי איז שוין מער נישט קיין לערערין פון עברית (וואָס זי האָט נאָך געקענט פון גימנאַזיע, פאַרן קומען קיין ישראל), נאָר אַ שטוב־באַ־לעבאָסטע. אָבער ס׳מוז איר נאָך בלייבן צייט אויף לייענען אַ בוך, אַ צייטונג און אויך כאַפּן אַ שמועסל מיט דער שכנה. נישט חלילה קיין רכילות־טרייבעריי, נאָר פשוט — אַ לייכט־וויבעריש שמועסל.

און אָט איז אַ טאָג אין הייסן יולי־חודש. אין דער געגנט עפּידע־מיעווּעט קיִיכהוסט, דיפטעריט און קינדער־ליימונג. ס׳יִינגל קומט פאַר נאַכט צוריק פון שפּיל־פּלאַץ און קלאָגט זיך אויף שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. נאָך אַנדערע סימנים באַווייזן, אַז ער איז קראַנק. די מאַמע לייגט אים צו דעם טערמאָמעטער: פולע 40.

זי באַקוקט און באַטאַפּט ס׳קינד, איִליק, פיבערדיק. זי האָט געפונען — ס׳קינד באַוועגט נישט מיטן נאַקן, פאַרשטייפט. זי לויפט און ברענגט אַ קינדער־דאָקטערין. יענע דאַרף אַפילו לאַנג נישט באַטראַכטן. זי זעט

שוין. זי שאָקלט מיטן קאָפּ צו זיך, וואַקלט זיך מיט דער דעה, יאָ זאָגן צי נישט זאָגן, און זאָגט: דאַכט זיך אַז — שיתוק.

אַ תהום. די מאַמע וואָלט אַהין אַריינגעשפּרונגען. אָבער דאָס איז אַ לוקסוס. זי איז אַ מאַמע. זי מוז אויסהאַלטן, זי מוז ראַטעווען ס׳קינד. זי מוז ביישטיין און אויסשטיין אַלדאָס שלעכטע וואָס עס שטייט פאָר, אויס־טראָגן ס׳גאַנצע אומגליק. זי איז די מאַמע.

דער מאַן קומט ערשט פאַר נאַכט צוריק פון דער אַרבעט. זי דאַרף לויפן אין אַפּטייק אַריין. זי טרעט אָפּ ביַי דער שכנטע. זי וויל זי בעטן אַריינגיין, אַ בליק טאָן אין שטוב:

— טייערע, אַן אומגליק! שיתוק!! געוואַלד, טייערע, וואָס טוט מען?! בעטן גאָט? בין איך נישט קיין גלייביקע. אוי, טייערע, פאַר וואָס בין איך נישט קיין גלייביקע?! —

טרערן זענען גיך אַראָפּ אויף די ליפּן און פאַרשווענקט עפּעס נאָך אַ וואָרט וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, צי גאָר אַ גאַנצן זאַץ.

אַ שעה צוויי האָט געדויערט, ביז זי איז צוריקגעקומען פון אַפּטייק. דער מאַן איז שוין דאָ. היינט צופעליק געקומען פריער מיט אַ שעה. ער איז שוין געלאָפן ברענגען אַן אַנדערן קינדער־דאָקטער. אָט איז ער שוין דאָ. ער באַקוקט, באַטאַפּט און באַטראַכט ס׳קינד. ער דאַרף אפילו לאַנג נישט באַטראַכטן. ער זעט שוין און דיאַגנאָזירט מיט אַ בשורה־שמייכעלע:

— חוזק. ס׳איז נישט קיין שיתוק.

אַזוי איז טאַקע געווען. ס׳קינד איז אין גיכן געזונט געוואָרן.

און ווידער האָט די מאַמע געזאָגט צו איר שכנטע:

— אַך, ווען איך וואָלט געווען אַ גלייביקע, וואָלט איך געזאָגט — — — נאָר אַז איך בין נישט — — —

און פרייד־טרערן זענען גיך אַראָפּ אויף אירע ליפּן און פאַרשווענקט אַ וואָרט, צי גאָר אַ גאַנצן זאַץ ווערטער, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן...

לאַך נישט

אין איינעם פון די סוף־שבט־טעג. דאָ מיינט עס — ווי ביי אונדז אַמאָל אין ניסן. נאָך עלף אַזייגער ביי נאַכט, אין אַן אויטאָבוס וואָס פאָרט פון תל אביב צו די נייע הינטערשטאָטישע שיכונים. עס פאָרן פועלים פון דער צווייטער אַרבעטס־שיכט, עס פאָרט יוגנט צוריק פון די קינאָס, טעאַטערן, טאַנצזאַלן.

אין אַלטן, אָפּגעפּאָרענעם „דן"־אויטאָבוס איז שטויביק. אַ פאַר־נעצט, פינצטערלעך ליכט. פאַררויכערט. פאַרריכט. אַ טוכלע פייכטקייט און מידקייט — פון אַזוי פיל פּאַסאַזשירן וואָס זענען דאָ געפאָרן דורכן טאָג. ערשט הינטערן שטאָט ווינטלט זיך דורך די לופט און עס ווערט לופטיקער, מונטערט אויף די מיד־מאַטע פּנימער, און מ׳וואַרפט זיך שוין ענדער אַדורך מיט אַ בליק, אַ וואָרט.

יונגוואַרג דאַרף זיך נישט דערמונטערן, דאַרף נישט קיין פריש ווינטל — דער קלימאַט איז אין זיי גופא, אין זייערע גופים. זיי זענען נאָך וואַך און שטיפעריש.

אויף אַ באַנק הינטער מיר זיצט אַ יונג פּאָרל. זי איז אַוודאי אַ שילערין שוין אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע. איך קען זי פון אָפּטן זען. זי איז פון אַ שכנותדיקן שיכון. זי קען מען נישט נישט־זען — צוליב איר אויסטערלישער שיינקייט. צווישן שיינהייטן אַ שיינקייט. נישט צווישן טויזנטער און נישט צווישן צענער טויזנטער זעט מען אַזאַ האַרמאָנישע און שלמותדיקע שיינקייט. אַ קאָנצענטראַט פון יופי. אַ פּראָוואָצירנדיקע שאָנקייט — רעגן זיך יוגנטלעכע; אַ באַרויִקנדיקע שיינקייט, אַ ברכה פאַרן אויג — קוויקן זיך מיטליעריקע.

און זי ווייסט דערפון. ווייל יעדער איינער דורכגייער לאָזט רוען זיין בליק אויף איר פּנים, וואָס לענגער, איז טועם פון איר ליכטיקייט,

קרייזלט אַרום מיט זיין ראיה איבער איר קאָפּ און געשטאַלט ווי אַ בין אַרום אַ בלום. יעדער מאַנצבילישער בליק וואָס פאַלט אויף איר, איז זיך טובל, קומט צוריק אַ באַזונטער, אַ באַזיסטער.

דערפאַר האָט זי אַזוי פיל הנאָה פון זיך, און תענוג און עונג לייכטן תמיד פון אירע אויגן און ליפּן.

ס'בחורל וואָס זיצט לעבן איר איז אין אַ מונדיר פון אַ פליער־שולע. יונג, אָבער זיין פּנים איז אין אַ ראַם פון געשפּאַנטער ערנסטקייט. אפשר דערפאַר ווייל ער איז אָפּט נענטער צו די הימלען? דאָס לייכטע, בלאָנדע שפּראָץ־בערדעלע מינוסירט אַפילו פון זיין באַיאָרטער ערנסטקייט, אָבער נישט צופיל.

זי, דאָס מיידל, איז פון די בולגאַרישע עולים (וועלכע זענען אַרבעט־זאַמע, פּראַקטיש־ערדישע מענטשן); ער — שווער אין אים צו דערקענען צי ער איז פון די אייראָפּעיִשע עולים אָדער גאָר פון די מזרח־לענדער. סיי זיין עברית־אויסשפּראַך סיי זיין אויסזען גיבן נישט דאָס צו דער־קענען.

זייער שמועס דערגייט צו מיינע אויערן. ער רעדט מיט איר — וועגן ניסים. וועגן איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען. וועגן די אַלטע מגילות, וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן ביי אונדז לעצטנס אויסגעפונען. די דאַזיקע מגילות, זאָגט ער, באַשטעטיקן היסטאָריש־דאָקומענטאַריש די אויטענטישקייט פון אַ סך פאַרגעקומענע ניסים.

זי ענטפערט דערויף מיט אַ צופרידן געלעכטערל:

— שטויות! — שטויאָט!

נאַרישקייטן! אַלץ איז — זאָגט זי — פון דער נאַטור, לויט אירע פעסטע געזעצן. נישט פאַראַנען גאָרנישט איבער דער טבע פון דער נאַטור.

ער בעט זיך ביי איר:

— אָבער פאַרשטיי — פון וואַנען קומט די נאַטור? די נאַטור אָן גייסט קאָן דאָך גאָרנישט עקזיסטירן. אויב די ערד באַוועגט זיך, האָט דאָך ווער געמוזט זי באַוועגן, איר דעם ערשטן שטויס דערלאַנגען, די ערשטע באַוועגונג. אויב די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט דאָך בהחלט

געמוזט זיין אַ באַשאַפער. נישט נאָר פון דער ווייטער געשיכטע פון אונדזער פאָלק ווייסן מיר וועגן איבערנאַטירלעכע געשעענישן, אויך אין אונדזערע צייטן איז עפּעס אַזוינס געשען. אָט למשל — אונדזער מלחמת השחרור קעגן די אַראַבער — זענען דען דעמאָלט נישט געשען קיין ניסים?

לאַכט זי. שוין אַן ווערטער, אָן קעגן־אַרגומענטן. בעט ער זיך ביי איר:

— אַל תצחקי! — אַל טיצכאַקי!

לאַך נישט! — לאַכט זי נאָך מער, חנעווּדיקער, מיט ווייכע, דריבנע גלעקעלעך. און ער וויל דאָך אַז זי זאָל לאַכן, ווייל ס׳שפּריצן פון איר דעמאָלט אַזעלכע טעמעלעך און זאַפטעלעך, וועלכע צוויקן אים אונטער דער צונג, זיסלען אין די נאָזלעכער. איז — זאָל זי לאַכן, יאָ, נאָר נישט אויסלאַכן. בעט ער ביי איר ווידער מיט אַ תחנונימדיק שמייכעלע:

— אַל תצחקי!

ווייל אויב זי לאַכט פון זיינע רייד, מוז זי דאָך אויך לאַכן פון אים. און אויב זי גלייבט נישט אין קיין ניסים — וועט דאָך אויך דער נס פון זיין חלום נישט מקוים ווערן. שניידט זי אָפּ זיינע טרוים־פליגל. זאָגט ער שוין צו איר עטוואָס שטרענגלעכער, מעשה־לערער און אויפקלערער:

— אַפילו די וויסנשאַפט, די גרעסטע געלערנטע, שטייען היינט־צו־טאָג פאַר אַ סך רעטענישן, און זיי פּרוּוון שוין טיילווייז מודה זיין אין דער עקזיסטענץ אויך פון איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען. באמת!

און בעתן זאָגן דעם „באמת"! — „בעעמעט!" — גיט ער איר אַ לייכט צערטל־פּעטשל איבער איר באַק, איבער איר ליפּ, פאַרשטעלט איר ס׳מויל. ענטפערט זי דורך זיינע פינגער אַדורך, שוין הויך:

— שטויות!

און זי לאַכט, און לאַכט — צי אים אויף צו להכעיס? צי גאָר פאַר זיין הנאָה וועגן?

און ער שעפּטשעט צו איר, און ניגונט מיט געבעט:

— אַל תצחקי!

און דאָס גיכע פאָרן פון אויטאָבוס צעבערעכט און צעבערעקלט און צע־גלעקלט איר געלעכטערל, וואָס ווערט אָבער דאָך שטילער, אַלץ שטילער, און ווייכער, ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ דינער, נאָכגיביקער, און ווערט פאַמעלעכוויז ווייט־גלעקלדיקער סוד — — —.

מיינס און אונדזערס*

(נאָטיצן צו אַ כראָניק פון אַ עולים־שיכון)

אַ ר יי נ פ י ר :

מ׳שרייבט נישט אויף אַ טעמע וועלכע איז נאָך נישט אויסגערייפט, נישט אויסגעפאָרמירט אין קינסטלערישן שמעלצטיגל פונעם מחבר. דאָס איז איין מאָל אַוועק. צווייטנס: אויב די טעמע האָט שוין אַזוי פיל מאָל געקלאַפּט אין לאָדן פון דעם מחבר, האָט ער זי כמעט ווי אָפּגעשטויסן. נישט נאָר מחמת קינסטלעריש־שעפערישע טעמים, נאָר גאַנץ אַנדערע — נאַציאָנאַלע — אויב מ׳קען עס אַזוי אָנרופן. באַשרייבן, שילדערן, אַ ביסל דעם לעבנס־שטייגער פון נייע עולים אין אַ שיכון — קען אויסקומען צו־טונקל. האָב איך געזוכט תחבולות, אַ סטראַטעגיש מיטל, און אויסגעפונען — אַז ס׳וואָלט כדאַי געווען צוצוציִען צו דעם שיכון רמת־יעקב, דעם דערבייִיקן עלטערן ישוב, ס׳חסידישע שטעטל בני־ברק, און אויך דאָס דאָרף כפר ארז, אַז מ׳עט אַ ביסל אַריינפּעדעמען אָט די צוויי שכנותדיקע ישובים, מיט זייערע דערהויבענע מעשים און שוין אויסגע־לייטערטן לעבנס־שטייגער — וועט דאָס שוין אַ ביסל באַהעלן די טונקעלע פאַרבן, דעם ישוב פון די נייע עולים, דעם שיכון רמת־יעקב.

פלאַן איז פלאַן, אָבער איך ווייס נישט צי דאָס וועט זיך אַזוי לאָזן שעפעריש פאַרווירקלעכן. וואָרום מיר גייט דאָך אין פאַרצייכענען די סביבה וועלכע איך קען, האָב געלעבט דאָרט צען פולע יאָר.

---

* דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט משה גראָסמאַן אָנגעשריבן אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

איך האָב נישט איין מאָל געהאַט חשק צו ווערן אַ פּשוטער סטאַטיס־טיקער, אַרומגיין איבער די הייזער אין שיכון ווו ס׳וווינען העכער פינף טויזנט נפשות, געקומענע פון 37 לענדער, און בלויז פאַרצייכענען די סאַמע פּשוטסטע דאַטן און פאַקטן, שוין דאָס וואָלט גענוגנט. נאָר היות דאָס איז נישט געווען דורכפירבאַר, וועל איך זיך באַגנוגענען בלויז מיט פאַר־צייכענען דאָס וואָס כ׳האָב געהערט און אָבסערווירט ביי די נאָענטע שכנים פון די אַרומיקע הייזער און בלאָקן אין אונדזער עולים־שיכון רמת־יעקב.

און פאַרצייכנט דאַרף עס ווערן, וואָרום וויסן דאַרף מען עס, אין וואָסער רויער און לויזער פאָרעם ס׳זאָל נאָר נישט זיין, ווען אַפילו נאָר כראָניקאַליש, בלויז נאָטיצמעסיק, אָבער דערפאַר וועט עס, האָף איך, זיין וואָרהאַפטיק, ערלעך, און מיט די בעסטע כוונות. דער אמת קען נישט זיין שלעכט, ווען אַפילו ער טוט וויי, — אָבער וויסן דאַרף מען אים. ער איז פּשוט נייטיק. פאַרשטייט זיך, אַז די נעמען זענען אַלע געביטענע, כדי קיינעם פון די באַשריבענע נישט צו שטעלן אין קיין פאַרלעגנהייט, אָדער חלילה, פאַרשאַפן וועמען עגמת־נפש.

*

זאַמד האָט מסתמא פיינט צעמענט, און אוודאי שוין — קאַלך. זאַמד איז יחסנדיק. זאַמד וואַרעמט די באָרוועסע פיס. זאַמד לאַשטשעט זיך אונטער דער זון, כוואַליעט זיך. עלעהיי אַ ים. זאַמד האָט אַן אייגענעם קאָליר, נישט געל, נישט ברויך, נאָר זאַמד־קאָליר. זעמדעלעך האָבן זייער אייגענע פאָרעם, פון אַ מילימעטער אין דיאַמעטער די גרייס, ביז נול קאָמאַ איינס מילימעטער. קינדער האָבן ליב זאַמד, זאַמד מיניעט זיך און חנדלט זיך אונטער דער זון, לאָזט אַפילו ערגעץ ווו זיך דורכרייסן אַ גרעזל. זאַמד האָט אַ פאָרעם און האָט יחוס, — אָבער צעמענט! פיינלעך־גראָ, צעשטויבט אויף מעל. קומט שוין פאַבריק־מעסיק, פאַרפּאַקט אין גרויסע, גראָבע פאַפּיר־בייטלען. פאַקט מען אים אויף, פאַראומעטיקט ער די אויגן, בייסט אין נאָז, דראַפּעט אין האַלדז. נעמט ער זיך צעשיטן אויפן זאַמד — איז אַ רחמנות צו קוקן אויפן זאַמד. אָבער דערנאָך קומט נאָך ערגערס — קאַלך. פאַרסמט דאָס זאַמד. מוחל אים זיין קאַלציום. ער

בריט, שטעקט אַרויס ווייסע צונגען, צעשלענגלט זיך אויפן זאַמד, באַ־שפּריצט די ביימער, די שיך און פּאַרטעכער און די בוי־אַרבעטער, בריט אָפּ קינדער, בלעזלט־זיך, זידט, שפּריצט אין די אויגן, צופּט אין נאָז. — אָבער ס׳העלפט נישט — צעמענט און קאַלך זענען מנצח ס׳זאַמד. הייזער, אויסגעגאָסענע פון צעמענט, דורך איין נאַכט וואַקסן אויס נייע, גראָע, פייכטע צעמענט־ווענט, מיט אַרויסגעשטאַרצטע דראָטן פון די פּאַרמעס, אַ רייע קאַזאַרמעדיקע געביידן אין דעם נייעם עולים־שיכון רמת־יעקב, צום בעסטן זעט מען דאָס אויפן בערגל אין מיטן שיכון.

זיי זענען אָנגעקומען די לאַסט־אויטאָס אין די פאַרנאַכטן ס׳מיינסט. פאַרשפּריצטע מיט ליים, בלאָטע און שטיקלעך זון אויף די גראָבע גומענע רעדער — מיט סטערצעס באַגאַזשן, בעטגעוואַנט, קרעדענסן, אויפלייג־בעטלעך, ברעטער, כלים — און אויף דעם באַגאַזש, — די קינדערלעך, די עלטערן, זיידע־באָבע. זיי קומען פון מאַראָקאָ, טוניס, טערקיי, תימן. דער טאַטע אָדער זיידע טראָגט פאַרזיכטיק אַראָפּ פון לאַסטאויטאָ אַ מין פאַרמאַכטן מולטער, — אינעווייניק געפינט זיך אַ הייליקייט, אַ ספר־תורה, און די זי, די מאַמע אָדער באָבע האַלט און טראָגט אַראָפּ מיטן זעלבן ציטער און פייערלעכקייט — אַ קופּערנע נאָפט־מאַשינקע.

די אַשכנזים קומען — ס׳רוב אלמנות, אינוואַלידן, זעלטן מיט קינ־דער. די וואַליזעס זענען עלעגאַנטע, אַפילו מיט שיינע אויפגעקלעבטע בלעטלעך פון לאַטיין־אותיות, און אין די אויגן — זייערע ימים פיין און נאָך נישט אויסגעלאָשענער פחד, — דאָס זענען די נישט־דערשטאָכענע, די נישט־פאַרגאַזטע. ס׳קומען אויך פליטים פון כינע.

עס קומען נאָרמאַלע עולים, פון די אַמעריקעס. אָדער אַנדערע מעבר לים לענדער. — — —

די אַקטריסע

מ׳האָט זי געזען שוין אין מערערע ראָלעס, אָבער צו־אָפט גייט מען נישט אין טעאַטער, געדענקט מען נישט אַזוי גענוי איר נאָמען, — מ׳דערקענט זי אָבער תמיד לויט איר קול.

אַז יעדער מענטש האָט זיין אייגענעם אויסזען, און ווייסט אים מיט אַ צוויטן נישט פאַרבייטן, — טאָ ווי אַזוי קענסטו אים גענוי שילדערן? ניין, נישט גענוי, מ׳קען נאָר אָנגעבן געוויסע סימנים, ענלעכקייטן. אויך די האַנטשריפט האָט דאָך יעדער איינער זיין איינציקאַרטיקע, טאָ ווי איז מיטן קול? האָט טאַקע יעדער מענטש זיין באַזונדער קול? אייגענעם טאָן? אינדיווידועלן ניואַנס? די אַקטריסע האָט עס זיכער געהאַט. אַ קול — אַ יומטובדיקס. אַ קול פון אַ פאַרבענקטער, נישט־פאַרשטאַנענער, אַפילו באַ־ליידיקטער. אַזאַ וואָס וויל תמיד עפּעס מער פונעם דערגרייכטן. אַ קול וואָס ווערט־זיך, וואַרפט־אָפּ ס׳איר פאַרגעלייגטע, רעבעלירט, רעוואָלטירט. מאָנט. אָבער דערנאָך ווערט עס ווייכער, נאָכגיביקער, לייטזעליקער, ווערט דעקלאַמירנדיק, יומטובדיק.

זי האָט געשפּילט ס׳רוב אין קלאַסישן רעפּערטואַר, — אַריסטאָפאַנעס, שעקספּיר, טשעכאָוו.

טעאַטער. קומסט פון וואַרשטאַט, צי פון ביוראָ, רעדאַקציע צימער, צי גאָר פון דאָקטער־קאַבינעט, שפּיטאָל־אונטערזוכונג, — קומסט אַריין — — קיין גריכנלאַנד, — אין יענער וויטער, ווייסער ליכטיקייט, זוניקייט, תאווה געמישט מיט חכמה, סאַטירע; לעגענדאַרע גיבורים פאַרוויילן זיך מיט ראַפינירטע קאָקאָטעס, גאָלדגלאַנץ און פילאָזאָפיע, האַרפע און ווייסער ביוסט, מיט ווייכן זייד־שטאָף באַצירט; אָדער די שעקספּירישע עפּאָכע; אָדער די טשעכאָווישע; ווייכער האַרבסט־אומעט; פאַרביקע רוסי־שע רעאַליטעט־ברוטאַליטעט; אינטעליגענטישע בענקשאַפט, פאַרדרענגטער

רעוואָלט־טרוים, לעוויטאַנישער פּייזאַזש, נאָדל־דין־חכמהדיקע איראָניע: סטודענטן, קורסיסטקעס, ווייטיקדיק־צעבענקטע יונגע פּרויען, וועלכע זענען ווייבער פון אַלטע אַרטרעטיקער, ווינטער־שניי, אין אַ צווייטן אַקט — זומער־גריל — — —

די דאָזיקע אַקטריסע האָט אין די פּיעסן געשפּילט עקזאַלטירטע, דער־הויבענע ראָלעס. ס'קול אירס, דער טאָן, אירע ניואַנסירונגען זענען פאַר־בליבן ביים צוהערער אין זכרון, אין יענע מוח־אַרכיוו־קעמערלעך, וועלכע פּרעזערווירן אָפּגעריסענע מעלאָדיעס, באַזונדערע טענער.

*

מיר האָבן געטוישט אונדזער וווינאָרט, די דירה. מ'גייט אין אַן אָוונט אין טעאַטער אַריין. ס'שפּילט די דאָזיקע אַקטריסע. די פרוי מיינע דערהערט יענע שטימע און זאָגט מיר אין אויער אַריין גיך און שאַרף, מיט פאַר־חידושטער איבערראַשונג:

— זי איז דאָך אונדזער שכנה!

— ווער?

— אָט די אַקטריסע?

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן: אַ יומטוב אין דער וואָכן, אָדער גאָר פיינלעכער מוצאי־יומטוב?

אָט הערט מען אויפצומאָרגנס איר שטימע פון קייגנאיבער, — זי רופט דעם דורכפאָרנדיקן ירקות־הענדלער, — ער זאָל איר אַריינטראָגן מייערן, ציבעלעס, קרויט —

— גזר, בצל וכרוב, בבקשה!

איז עס אַ ראָל אַזאַ? שעקספּירס יוליאַ בעט מ'זאָל איר אַריינטראָגן מייערן, ציבעלעס און קרויט? — און זי רופט אויך אויס די וואָג — צו אַנדערטהאַלבן קילאָ.

און אָט רופט זי שוין צו איר אַרויסגעלאָפענעם אין דרויסן דריי־יעריקן יינגעלע — אורי, שכחת לשתות את הכוס חלב!

וואָס טוט מען מיטן קול אירן? צי פירט זי מיר צוריק אָוועק צום ווייטן, יומטובדיקן טעאַטער פון אַריסטאָפאַנעס, שעקספּיר, טשעכאָוו?

— אָדער ס׳טעאַטער האָט זיך אויסגרימירט און רופט איצט הויך צום דורכפאָרנדיקן ירקות־הענדלער אויף דעם וועגעלע מיטן אייזעלע —

— גזר, בצל וכרוב, בבקשה!

און אַז ביי איר אורי פאַלן אַראָפּ, בעתן לויפן, די הייזעלעך, רופט זי אים זיך אָפּשטעלן כדי אים צו פאַרריכטן די הייזעלעך, ענטפערט ער איר אָפּ גיך און פלינק —

— חמורה!

און זי לויפט צו צו אים מיט כעס, און ס׳קול אירס — אַ מלחמה צווישן יום־טוב און רוגזה, צווישן פלייט און זעג, צווישן דערהויבענער פייערלעכקייט און גראָ־בייזן אינדערוואָכן.

און אַזוי כסדר גייט אָן ס׳בייטעניש:

ס׳קול פון יוליאַ, ס׳קול פון דער העלדין אין טשעכאָווס „קאַרשן־גאָרטן" — אין סאַמע באַנאַלסטן פאַררעגנטן פאַרנאַכט, ביים אייזל־וועגעלע מיט די מייערן, ציבעלעס און קרויט; אַ טעאַטער־מעשהלע ביי געביטענע, אומטעאַטראַלע דעקאָראַציעס, ס׳אייזעלע טופעט מיט די פיס און פאַר־שפריצט מיט בלאָטע יוליאַן, וועלכע איז איצט גאָרנישט אַזוי הויך, און איר קלייד איז נישט פון זייד און נישט קיין לעטשלעך מיט גאָלד באַזוימט — נאָר מיטלוווקסיק, און אפשר נאָך ווינציקער, אין אַ פּאָר שמאָלע באַ־לעבאָסטישע גראָ־גראַנאַטע צייגענע הויזן, און זי פירט ווידער אַ דיאַלאָג מיטן ירקות־סוחר וועגן פרייז פון אַ הייפטל קרויט, אָדער אַ דיאַלאָג מיט איר אורי, וועלכער זשאַלעוועט קיין מאָל נישט מיט הנאה אַ רוף־טון צו דער אמא׳לע —

— חמורה!

און זי דראָט מיט דערלאַנגען קלעפּ אויב ער וועט זיך תיכף נישט אָפּווישן ס׳נעזל.

און אַז ס׳קומט ווידער אויס צו גיין אין טעאַטער אַריין, ציטער איך, אַז כ׳זאָל נישט דערהערן דאָרט פון דער שעקספּירישער פּראָזע — דעם צורוף:

— געזער, באַצאַל אוקרווו, בעוואַקאַשאַ! (מייערן, ציבעלעס און קרויט, ביטע!).

אוי, תמיד דער שרייבער אין אים

פּאַר טאָג, ווען דער צייטונג־טרעגער האָט דורכן לאָדנשפּאַלט אַריינגעשטופּט די צייטונג, האָט דער שרייבער, אַראָפּגייענדיק פון בעט נאָך מיט פאַרשלאָפענע נאַכט־טריט. אַ צי־געטון די צייטונג. די פרישע דרוקפאַרב האָט זיך צו אים גיך אַ יאָג־געטון דורכן נאָז אַ גראַבל צו טון אין האַלדז, האָט ער די צייטונג געוואָלט אַוועקלייגן אויפן נאַכטטישל, נאָך צייט צו לייענען ווען די זון וועט אַ ביסל מער אַרויס אויפן הימל, און ער גופא וועט זיין שוין מער אויסגעשלאָפן. נאָר באַלד האָט אים אַ שוואַרץ־געטון פאַר די אויגן אַ נעקראָלאָג־רעמל אויף דער צייטונג. אין רעמל אַ נאָמען פון זיינס אַ גאָר־נאָענטן חבר. ווי אַ בליץ וואָלט אים דעם גוף צעהאַלבירט. די אויגן זענען בהלהדיק אַ לויף־געטון איבער די שורות אין רעמל און זיי האָבן אים אָפּגעבריט זיינע אַפּלען. — וויי־וויי, אומגעקומען אין אַן אַוויאָן־קאַטאַסטראָפע! זיין קאָלעגע און חבר וואָס איז אים נאָענט און אייגן. יענער האָט טויזנט מאָל אַרויסגעריסן זיין לעבן פון היטלערישן משחית, פון די גאַזקאַמערן. עס אַפּערגעכאַפּט פון אונטער די ביקסן־לופעס, געשפּרונגען פון שטאָקן, געקלעטערט איבערביימער אין וואַלד, געפּאַרטיזאַנעוועט, אויפגעריסן בריקן און באַנען — און איצט, אומגעריכט, פּלוצים, אין צעבליטן עלטער, צעבליטן דערפאָלג — ליטעראַרישן, מאַטעריעלן, פאַמיליאַרן, געזעלשאַפטלעכן — אומזיניק אומגעקומען. אַ פרוי מיט אַ קינד געלאָזן.

ער, די פרוי מיטן קינד — זיי זענען זיינע נאָענטע, יאָרן געוווינט צוזאַמען, געוואָגלט צוזאַמען, ביז די וועגן אין מערב־אייראָפּע האָבן זיך צעשיידט. יענע זענען אַוועק אויף יענער זייט אַטלאַנטיק, ער — אויף מזרח, אין יידישן היימלאַנד. און אָט לייענט ער איצט די העברעישע ישראל־צייטונג מיט דער ידיעה, אַז יענער חבר אין יענער זייט אַטלאַנטיק־

לאַנד, יענער חבר וואָס איז תמיד חבר מיט דער פרייד און זי מיט אים, דאָס לעבן לאַכט און קוועלט פון אים אַרויס — ליגט ערגעץ אין יענע ווייטע בערג אַ פאַרברענטער אין אַוויאָן.

*

עס זענען פאַריבער עטלעכע טעג. אין צייטונג וואָלט זיך באַדאַרפט באַווייזן עפּעס אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אומגעקומענעם שרייבער, אַ נעקראָ־לאָג־אַרטיקל. — ניין, מ׳זעט נישט. ס׳איז שוין פאַריבער אַ וואָך. פאַר־דריסלעך. מ׳זעט גאַרנישט. נו, ער וועט שוין אַליין אָנשרייבן אַ קאָנדאָ־לענץ־אַרטיקל און עס איבערשיקן אין רעדאַקציע. עס קומט אָן שווער צו שרייבן אַ נעקראָלאָג־אַרטיקל וועגן זיין נאָענטן חבר, די פּען טריפט מיט יאָד אויף זיינע אָפענע ווונדן, — אָבער מען מוז, ס׳גייט אין אָנדענק פון אַ חבר, אַ קאָלעגע, אַ פריינד, אַ פּענמענטש.

אָבער עס איז דאָך פאַרט אַן אַרטיקל, און עס דאַרף דאָך גיין פאַר דער צייטונג (און וועט נאָך דאַרפן ווערן איבערגעזעצט), דאַרף עס אָנגע־שריבן ווערן ווי געהעריק, גלאַטיק, דאַרף מען, ווי געוויינלעך, שלייפן דעם זאַץ, אַרויסזאָגן עפּעס אַ געדאַנק, וואָס זאָל נישט זיין שאַבלאָניש, נישט זיין קיין באַנאַלער טראַפּאַרעט. עס וואָלט אפשר גוט געווען צו זאָגן וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ פרייד־באַציל, אַלעמען אָנגעשטעקט מיט אָפּטימיזם (נישט קיין שלעכט געדאַנקעלע). ס׳אַרטיקל פאַרציט זיך שוין. ער מעקט שורות, שרייבט נייע, מעקט־שרייבט. די געוויינלעכע שלייף־אַר־בעט אויפן ליטעראַרישן וואַרשטאַט. אים נעמט שוין פאַרדריסן זיין פלייסן־זיך. האָקט ער אָפּ. מילא, וועט עס נישט זיין אַזוי איבעריק גראַאָטן, נישט באַזונדער־ס אָריגינעל — אָבער ס׳דאַרף פאַרט אויסדריקן זיין ווייטיק, דערווייזן די אבידה וואָס עס האָט געליטן די געזעלשאַפט. און ס׳דאַרף אויך זיין אַ טרייסטוואָרט צו דער פריינדין־אלמנה מיט איר פאַריתומט טעכטערל מיטן שיינעם נאָמען — פריידעלע. נו, הכלל, דאַנקען־גאָט, דאָס אַרטיקעלע איז שוין פאַרטיק. ער לייגט עס גיך אַריין אין אַ קאָנווערט, פאַרט גיך אויף דער פּאָסט און שיקט עס אָפּ עקספּרעס אין רעדאַקציע־אַריין.

*

שטויב און אייביקייט

עס איז פאַריבער אַ טאָג, פאַריבער צוויי, פאַריבער דריי, שוין אַ וואָך — און מ׳זעט נישט ס׳אַרטיקעלע געדרוקט אין דער צייטונג. וואָס איז געשען? האָט יענער אומגעקומענער שרייבער און פאַרדינסטפולער עסקן, קעמפער — נישט פאַרדינט קיין אָפּהאַנדלונג, קיין טרויער־אַרטיקל? וואָסי? אָדער אפשר איז ס׳אַרטיקל נישט אָנגעשריבן גענוג לייטיש? נאַכלעסיק? נו, עס איז נישט קיין ווונדער אויך, אין אַזאַ מצב ווי ער האָט זיך דעמאָלט געפונען און געפילט ביים שרייבן, — איז גאַרנישט אַזוי לייכט צו קענען אָנשרייבן עפּעס געלונגנס. אָבער עס איז דאָך אַ נעקראָ־לאָג־אַרטיקל, געוואַלד, האָט דער רעדאַקטאָר דווקא געמוזט אין אים זוכן געלונגענקייט? ליטעראַרישע קוואַליטעט?

שוין צען טעג פאַריבער — און מ׳זעט נישט געדרוקט ס׳אַרטיקעלע! ער קען זיך שוין קוים דערוואַרטן יעדן פאַרטאָג אויפן צייטונג־טרעגער, אַז ער זאָל אַריינשטופּן די צייטונג דורכן לאָדן. ער גיט יעדעס מאָל אַ גיכן צי און ריס־אַריין די צייטונג פון לאָדנשפּאַלט, גיט אַ גיכן, כעסיקן בליק — ניין, ווידער נישטאָ! פילט ער זיך באַליידיקט, געטראָפן, זיין לי־טעראַרישע אַמביציע געקרענקט. ער וועט גלייך טעלעפאָנירן אין רעדאַק־ציע, ניין, בעסער אַליין אַהינגיין. ער וועט אָפּנעמען דאָס אַרטיקל און עס אַוועקשיקן אין אַ צווייטער רעדאַקציע, — וואָס מיינען דאָרט יענע מיט זיך?!

ער וועט שוין צוואַרטן, עס שטייט אים נישט אָן צו גיין אין רעדאַק־ציע, אפשר וועט ער שוין צוואַרטן ביז די שלושים? — אַזאַ סקאַנדאַל — יענער אומגעקומענער איז אַפילו געווען אַ קאָרעספּאָנדענט אין דער דאָזיקער צייטונג, געשיקט זיינע קאָרעספּאָנדענציעס מעבר לאַטלאַנטיק, די רעדאַקטאָרן האָבן אים געקענט פּערזענלעך — און — גאָרנישט. מען באַליידיקט דעם אָנדענק פון אַזאַ טראַגיש־אומגעקומענעם. און מען באַ־ליידיקט — אויך אים, זיין ליטעראַרישן נאָמען, זיין אַמביציע. פאַרדראָס לאָזט אים שוין נישט רויִק שלאָפן. די צווייטע האַלבע נאַכט איז ער שוין כמעט וואָך. קוים ער דערשלעפּט שוין מיט כעס די לעצטע עטלעכע נאַכט־שעהן ביז צו די ערשטע בלויקייטן פון טאָג, צום טאָג פון די שלושים. און אָט הערט ער שוין שטופּן די צייטונג דורכן לאָדנשפּאַלט. ער גיט אַ

האַסטיקן צי־אַריין די צייטונג, גיט אַ האַסטיקן קוק־אַריין אין איר — ער אָטעמט אָפּ. אַפילו מיט אַ צופרידענעם שמייכל. — דאָס נעקראָלאָג־אַרטיקל איז געדרוקט אויף אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. דאָס קעפּל פון אַרטיקל — אין אַ דיק, גרויס, שוואַרץ רעמל, בכבודיק, פייערלעך־טרויעריק. ער לייענט איבער ס׳אַרטיקל — נישטאָ קיין דרוק־גרייזן. עס איז אַפילו גאַנץ נישקשהדיק געשריבן אויך, טרעפלעך, אויך עטלעכע געראָטענע מעטאַ־פאָרן, עטלעכע געלונגענע געדאַנקען. זיין אייגענער נאָמען איז אונטער־געשריבן מיט פעטער קורסיוו־שריפט. ער קוקט אויף דעם שוואַרצרעמל־דיקן אַרטיקל און ער האָט בפירוש שעפּערישע הנאָה פון דעם דאָזיקן קאָנדאָלענץ־אַרטיקל, ווי פון יעדער שאַפונג זיינער — ווען ער דערזעט זי שוין אַ געדרוקטע — — —

(און אין עטלעכע טעג אַרום — איז נאָך אָנגעקומען האָנאָראַר פאַרן נעקראָלאָג־אַרטיקל — — —).

אַ האַלבע שעה שפּאַציר צו וויטקייטן

א

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעכקע. געלאַסן. אַ טראַט, און אַ טראַכט. צוריק פון הדסה־שפּיטאָל. מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט. די נאָענטסטע צוויי־דריי חדשים וועלן באַווייזן. אויב ער בלייבט לעבן נאָך דער דאָזיקער צייט, איז אַ סימן — אַז ס׳איז נישט יענע קרענק. און אויב נישט? — פּאַוואָלינקע, פּאַמעלעכקע, אַ טריטעלע, אַ טראַכטעלע.

— גראָ — איז איצט אויך העל. אַפילו שוואַרץ, מיט נאָך אַ ברעקעלע זון באַזוימט — איז שוין אויך אַ וואַרעמע פאַרב. אַפילו ליכטיק — אין אַ געוויסן זין. פּאַמעלעכקע. אַ טריטעלע.

אַן איינטאָגפליג. ווי אַזוי איז ביי איר דער חשבון? איין טאָג — זיבעציק יאָר. אַ שעה — פאַר טויזנט פינפאונזעכציק טעג מיט איין פערטל. איין מינוט — זיבעצן טעג, מיט אַ ברוכטייל. איין סעקונדע, — פאַרטרעט זיבן־אַכט שעה. ווייל. פיין. אַ טריטעלע, הייסט עס — און שוין זיבן־אַכט שעה. נו גוט. אַ חשבון אַזאַ. אפשר זיך צוזעצן, אַ ווײַליטשקע, אויף אַ שוועל, דאָ ערגעץ? אַן אַ חשבון. אַזוי־זיך. אַ קאַפּיטשקע אָפּרוען.

געלאַסנקע. פאַרזיכטיק. אַ מיידל גייט. אַ זעכצניאָריקע, אין אַ ניי, ווייס־באַטיסטן בלוזקעלע. די אויגן תענוגן זיך. פון פרייד? וויטיק? ער וועט זיי פאַרזשמורען. ער זעט דאָך: זי איילט זיך. מיטן ערשטן סוד. פון נעכטן אָוונט. צום ערשטן מאָל געקושט געוואָרן. די ליפּן — זי באַלעקט זיי אַצינד. בייסט זיי? מער נאָך: ער האָט אַוודאי אַ צי־געטון ס׳בלוזקעלע פון איר אַקסל, כדי דאָרט אַ קוש־טון. אָדער אַ ביס. גוט וואָס נישט קיין שפּיציקע ציין ביי אים. און אַז יאָ? סימנים זענען נאָך זיכער פאַראַן. זי וועט ווייזן דער חברטע אירער, ס׳נייע באַטיסטן בלוזקעלע און דעם

סימן פון ביס. איילט זי זיך איצט. פּאַמעלעכקע, — זי וועט אים נאָך אומוואַרפן. ער איז נישט זיכער: צי דער גרוי ווערט בלוי, אָדער דער בלוי ווערט גרוי. סיי ווי — זיך צוזעצן אַ ווײַלינקע.

בלוי ווערט גרוי. סיי־ווי — זיך צוזעצן אַ ווײַלינקע.

ב

אַ חלום געהאַט אין שפּיטאָל? כדאי צו דערציילן? ס׳וועפּט זיך אויס, דער חלום, אַז מ׳דערציילט אים. מ׳גלייבט דאָך קוים — וואָס מ׳חלומט אַלץ. אַזוי פּאַרקאָמפּליצירט. אויסטערליש. פאַנטאַסטיש. קיין שום רעזשיסער וואָלט אַזוינס נישט געקענט מאָנטירן. אָבער דאָס איז דאָך נישט געווען קיין חלום. פּשוטע וואָר. פאַר טאָג, נאָך אַ שלעכטער נאַכט, געמיינט — אַז אָט־אָט. האָט אים פּלוצים גענומען פאַרדריסן אויף יענעם יונג. געלאָסן. אין וואַרשע. אויף וועלכער גאַס? וויפל איז ער דענצמאָל אַלט געווען? זעכצן? נײַן, שוין מער, אַכצן, צי אַפילו שוין אפשר ניינצן. איז געגאַנגען אַ שילערין אויף דער גאַס. פון זיבעטן קלאַס גימ־נאַזיע. איז צוגעגאַנגען צו איר אַ סטודענטל, מיט דעם סטודענטישן היטעלע פון וואַרשעווער „אוניווערעק״, צי גאָר „ווּשעכניצע״. ס׳פּנים — מאָדנע גלאַטיק אויסראַזירט, מיט אַ סך פּודער. וואַסערדיקע אויגן. פינטלדיקע. אויסגעלאָסענע. ער מאַכט די געוויינלעכע פאַצעטישע שטיק צו דער שילערין, שמייכלט אָן שמייכל, קאַלט, פּרעפּאַרירט, פּראָפעסיאָ־נעל. ס׳מיידל רויטלט זיך צניעותדיק־קאָקעטיש. ער פירט זי צום טויער. דאָרט ווינט זי אַוודאי. געזעגנט זיך, קושט איר האַנט, זי רייסט זי אַוועק, און אַנטלויפט קוים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, דער זעלבער, — שוין מיט אַן אַנדער מיידל. אים באַגלייט־נאָך פון הינטן אַזוינע וואָס זעט אויס ווי זיינס אַ שוועסטער, מיט אַ געשעפטלעך־פאַרזאָרגטן בליק. אין אַ זייט גייען נאָך, אומבאַמערקט, צוויי קאָלעגעלעך זיינע; אויפן צווייטן טראָטואַר — שוין מער קאָלעגן, שוין אָן סטודענטן־היטלען. ער ווינקט צו זיי. זיי פייפן צוריק מיט אָפּגערעדטע סיגנאַלן.

קוקט מען זיך גוט צו צו דעם סטודענטל, זעט מען אַז ס׳היטל איז מסתמא נישט זיינס. דערנאָך דערזעט מען שוין מער פּרטים, און ס׳ווערט

קלאָר, — ער איז אַן אָנפירער פון מיידלעך־פּאַרפירער, מ׳נאַרט אָפּ, מ׳שאַנטאַזשירט, מ׳האַנדלט מיט זיי, — אַ פּשוטע אונטערוועלט־חברה. הגם באַלעבאַטישע יינגלעך. מ׳דאַרף נייטיק וואָס גיכער וועגן דעם מעלדן דער פּאָליציי. ניין, פון דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען, זיי שושקען זיך שוין אָפּ מיט פּאָליציאַנטן אויך. מ׳דאַרף אַהערקומען מיט אַ גרופּע חברים, מיטברענגען שטעקנס, און זיי פּשוט אָנברעכן די ביינער, שפּאַלטן זיי די קעפּ. כאַטש אים, דעם פירער זייערן. לפּחות צעפּאַטשן אים. אפשר פּשוט אָנמאַכן אַ טומל, ס׳זאָל ווערן אַ סקאַנדאַל אויף דער גאַס, אַז די מאַמעס אַרום דאָ זאָלן דאָס הערן, געוואָר ווערן ווער ס׳איז ס׳דאָזיקע „סטודענטל״, וואָס גראַסירט דאָ אַרום, וועלן זיי אויסהיטן זייערע טעכ־טערלעך פון אים.

איז אָט דאָ, אין שפּיטאָל, מיט עטלעכע טעג צוריק ערשט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי: „ווו איז ער?!״ — און געהאַלטן גע־ביילט די פויסט צום שלאָגן. און זיך צעוויינט, — הלמאי ער האָט יענעם „סטודענטל״ דעמאָלט, מיט זעקסאונדרייסיק יאָר צוריק, די פּיסקעס נישט צעהאַקט, אַפילו געשאָסן, — ווען ר׳וואָלט נאָר געהאַט אַ רעוואָלווער. אַ מנוול אַזאַ. אַ פּשוטער אַלפאָנס געוועזן. אַ יונגער יאַט, אַ יידישער. און די מאַמע זיינע האָט דאָך אַזוי ליטיש אויסגעזען, — אַ ברוין פּאַרטעך, אַ רויִק רונדיק פּנים, ראָזלעך, גלאַט־פּאַרקעמט, סאָליד־באַלעבאַטיש. און די שילערין יענע, אין וואַרשע דעמאָלט, אָט געני אַזוי ווי זי דאָ, ווי אָט די זעכציקיעריקע אַצינד. און ער האָט זי סוף־סוף טאַקע פּאַרפירט יענע שילערין פון וואַרשע. — ווו איז ער, דער מנוול? — — —

ג

פּאַמעלעכקע. ער איז שוין דערגאַנגען צו אַלנבי־גאַס. לאַנגזאַמע טריטעלעך. ניין. ער וויל נישט פאָרן. ער וועט גיין צופוס, מיט טריטעלעך געלאַסענע. ער וויל צוקומען צו ביאַליק־גאַס. צוויי אָרעמס גייען דאָ אין דער נאָנט, אַרויס צו אַלנבי, — טשערניכאָווסקי־גאַס, וואָס איז אַ המשך פון דער גאַס דבורה הנביאה, און רחוב ביאַליק. איז אָט, — אַז מ׳שטייט ראָג ביאַליק־אַלנבי, און מ׳קוקט אַריבער קייגנאיבער, — איז אַ המשך

פון ביאַליק־גאַס — רחוב גאולה. און אָט די גאַס גאולה, האָטביים סוף אַזאַ וווּנדערלעכע זאַך, אַזאַ טייערע זאַך, אַזאַ שיינע זאַך, — אַ שטיק בלויען ים התיכון. פון ביידע זייטן גאַס, — מויערן. אַפילו אַ שמאָלע גאַס, און זי פאַרכאַפּט מיט איר סוף גאַס — אַ שטיק מיטללענדישן ים. מרחקים. ווייטקייטן. אייביקייטן. ס׳גליבט זיך קוים. דאָ, אויף דער רוישיקער, טומלדיקער אַלנבי־גאַס, אַן איילעניש פון אויטאָס און מענטשן, ביי די זייטן, — הייזער, שטיבער, געוועלבער, — און אין מיטן, — נאַ, קוק, דיינע אויגן ווערן דיר פול מיט בלאָ, מיט שלווה, נו, שעם זיך נישט, — מיט טרערן. דער ים מאַכט דאָך אָפּט ווייַנען. און ווען מ׳גייט נאָך פון שפּיטאָל. מיט קליינע טריטעלעך. מיט אַזאַ חשבון לויט יענע אין די ווייסע כאַלאַטן דאָרט. קוק פּאַמעלעכקע. ביאַליק, גאולה. אַ שטיקעלע ים. בלאָ, און ווייט. און שטילע כוואַליעס. ער וואָלט וועלן איצט אַריינוואַרפן אַהין אַ שטיינדעלע. זאָלן זיך קרייזן די כוואַליעס אויף בלויע ווייטן. נאָך וואָס אַ שטיינדעלע? ס׳עט גענוג זיין — אַ טרער. ע, — — —

ד

אַוודאי אַ מוזיקער. און אפשר אַ דיכטער. אַוודאי איצט פאַרענדיקט אַ ניי ליד. גליקלעך אַ, אַזאַ ליד, אַזאַ מעלאָדיעלע, אַזאַ מעטאַפאָר. וויפל ער האָט דאָס איבערגעלעבט. אַריינגעכאַפּט, אַ שטיק פליגל פון דער פלאַמי־קער מוזע. זי האָט אים געשרפעט, זי אָנגעכאַפּט, אַ כאַפּ געטון ביי די פליגל, געריסן, געפליגן איבער בערג, פלאַמען, ימען, — זי אַריינגע־כאַפּט, — וואָסער מעלאָדיעלע, וואָסער מעטאַפאָר, געכאַפּט, דערגרייכט. אָ, וועלן אים מקנא זיין זיינע קאָלעגן! איילט ער זיך. פּאַמעלעכקע. ער קען אים נאָך אומוואַרפן.

ה

אַ מאַמע גייט דורך. וויגט מיט פרייד אַ קליין מיידעלע אויף דער האַנט. אַ גליקלעכע. ס׳איז אַרויס ביים קינד ס׳ערשטע ציינדעלע. אין אַ מזלדיקער שעה.

ער גייט צוריק מיט דער אַלנבי־גאַס. שוין עטוואָס גיכעטשקער. דאָך,

נאָך גענוג פּאַוואָלינקע. דאָ איז דער מושב זקנים. אויף אַרויסגעשטעלטע בענק זיצן זקנות און זקנים. כמעט כולו עבר. ס׳פּנים ציט זיך צוריק, שרומפּט זיך איין, קנייטשן־עבר, קוים צויטן עתיד. אַ צויט, צוויי, אָט־אָט. די אויגן, מיט וויִעס — אויסגעריבענע האַרמאָניקעס, — פאַרזשמורען און כאַפּן נאָך אַ ביסל שווינדלדיק ליכט פון טאָג, אויף צו דערוואָרע־מען, אַ שטראַל זכרונות, אַ קוק־טון: אָט איילן ווידער דורך יונגע פרויען, געזונטע מאַנצלייט, תאוות יאָגן זיך, מ׳אַמפּערט זיך, מ׳ברוגזט זיך, מ׳גייט זיך צוריק צונויף.

מ׳איילט זיך מיט נאָכמיטאָג־צייטונגען אין האַנט, מ׳לייענט זיי אין גאַס, גייענדיק. אין די מיטלסטע זייטן — ידיעות פון סטאַטיסטיקער, דע־מאָגראַפן סאָציאָלאָגן. זיי האָבן אויסגעחשבונט: שוין פאַראַן צווייהונ־דערט מיליאָן איבעריקע מענטשן אויף דער וועלט. אַ פרוי גייט דורך אַ פּאַרוויינטע מיט איר קליין מיידעלע: ס׳האָט זיך צעקאַליעטשעט ס׳קליינע פינגערל פון לינקן הענטעלע.

סטאַטיסטיקער. זיי חשבונען: אין די גרויסע שטעט, אויף יעדע טויזנט פרויען, — זענען פון פיר ביז זיבן פון זיי — זונות. אַזאַ ציפער דאַכט זיך. און אָט גייען איצט אַהיים טויזנט קליינע מיידעלעך פון די שולעס, — די סטאַטיסטיקער, זיי האָבן שוין אויסגערעכנט — פיר, צי זיבן פון יעדע טויזנט, — אויך פון די דאָזיקע בלימלדיקע קינדערלעך? ווען זיי וועלן אויפוואַקסן? ע, — — —

ו

ער איז שוין אָפּגעגאַנגען עטלעכע שיינע יאָרן — מיט די עטלעכע הונדערט טריט פון „הדסה״. אַ קללה האָט ער דאָרט געהערט. ווו זענען זיי, די פאַלקלאָר־זאַמלער, זאָלן זיי פאַרשרייבן: „זאָלסט אַריין דורך באַלפור און אַרויס דורך מזא״ה״. דורך באַלפור־גאַס גייט מען אַריין, אָדער מ׳פירט אַריין אין שפּיטאָל — און פון מזא״ה־גאַס פירט מען אַרויס, מיט דער שוואַרצער עגלה.

נו—נו—נו, — פאַר וואָס אַזוי מורא־האָבן פאַר דער אומפאַרמיידלעכ־קייט? וואָס וועט קיינעם נישט אויסמיידן, און פאַר דעם אָנהייב פון איי־

ביקייט, האַ? דאַכט זיך, סענעקאַ זאָגט אַזוי, בערך. אָט. דער בראַוועד רוימער.

ז

און פון אַ גאָרקיך דערטראָגט זיך אַ ריח. געבראָטן פלייש. קנאָבל־ריח קיצלט אין נאָז. אפשר אַריינגיין? ווען אַפילו צוליבן ריח בלויז? נאָר ער מוז פריער קויפן אַ ליאַלקע, פאַר דעם קליינעם מיידעלע, פון דער שכנטע. איר צוגעזאָגט. זי קריכט שוין נישט אַוודאי, נאָר גייט שוין אויף אירע פיסעלעך. ס'איז דאָך שוין עטלעכע שיינע וואָכן. אַך, דער פלייש־ריח.

און, ווען ער פאַקט אַצינד אָט יענעם, מיט דעם סטודענטן־היטל, מיט דעם אויסגעלאָסענעם, אומרויִקן קוקעלע, דער פאַרפירער פון אומשולדיקע, יונגיטשקע שילער־מיידלעך. אָט, מיט דעם־אָ שטעקן, וואָלט ער אים אַ זעץ־געטון אין קאָפּ. וואָלט אַליין אויך דאַביי אומגעפאַלן. אַוועקגעפאַלן. מסתמא אויף תמיד. און גוט אַזוי. נאָר ער וואָלט וועלן, אַז ס'זאָל געשען דאָרטן כאָטש, ביי ביאַליק־גאולה. מ'זאָל מיט די אויגן אַ כאַפּ־טון אַ לעצט ביסל בלאָ פונעם ים. ע, — נו, — מילא.

געשטאַלטן און עפּיזאָדן

מאָטעלע מאָנצאַזש

אַריינפיר: מיינע ליבע אומגעקומענע און פארשטאָרבענע קאַלעגן, קרובים, פריינד: איך וויל היינט אַרויסהייבן אייך דריי פון דער פאַרגעסנקייט. איר זענט ראוי דערצו. איר געהערט צו דעם בינטל נאָענטע, יענעוועלטיקע, וועלכע איך דערמאָן יעדע נאַכט, אויפן געלעגער, פאַרן איינשלאָפן. דערמאָן די נעמען, לאָז פאַר מיר פאַרביישווימען אייערע פּנימער, און געזעגן אייך מיט עטלעכע יזכור־ווערטער. די צאָל אייערע איז העכער פון צוויי מנינים. צווישן זיי — די סאַמע גוף־נאָענטסטע־שבנאָענטסטע — — אויך אין קינדער־עלטער — — —

דאָס מאָל ריר איך זיך נישט־צו צו יענע נאָענט־נאָענטסטע, נאָר צו עטלעכע יוגנט־פריינד, וועמענס כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטן דאַרפן נישט פאַרשווינדן אין פאַרגעסנקייט: מאָטעלע מאָנצאַזש, מאיר־מעכל ראָטפּאַרב און נתן מילשטיין.

א

קענסטו ווערן צוריק ניינצן יאָר אַלט? אָדער אַפילו דרייאונצוואַנציק? וויסטו דעם באַדייט פון די גאַסן קאַרמעליצקע, פּשעיאַזד, דזשיקע, פּאַוויע אין וואַרשע, אין די יאָרן ניינצן־עטלעכעצוואַנציק?

אין די אַרבעטער־קיכן, קולטור־קלובן, פּאַראיינען, אָרגאַניזאַציעס, — זענען יוגנטלעכע געקומען, פון היימישע יידישע שטובן, זיך לערנען און גרייטן ווי אַזוי צו גיין אויף קידוש־הסאָציאַליזם.

פּאַטעטיש, עקסטאַטיש, אָפּגעשוימט דאָס סאַמע נשמהדיק־הייסע, אי־דעיִש־הייליקע — פון אַלע היסטאָרישע קורצשלוסן, — פּאַריזער קאָמונע, ניינצנהונדערט־פינף, אָקטאָבער 1917.

זיי האָבן זיך געשוועסטערט און געברידערט מיט די העלדן פון בזשאָ־

זאַווסקיס „פלאַמען״, גאָרקיס „מוטער״, ראָמען ראָלאַנס אַנעט און סילוויאַ. מיטפאַרליבט אין קנוט האַמסונס וויקטאָריאַ, אין בערנאַרד קעלערמאַנס אינגעבאָרג. די נאָך־מער אינטעליגענטערע, וועמענס מחשבה האָט שוין געכאַפּט דעם ערשטן ברי פון די אייזערנע אייביקייטס־געזעצן, — אומ־פאַרמיידלעכער טויט; די ביי וועמען די אויסגעקרימטע פרעגצייכנס היבן שוין־אָן זייערע ערשטע דינע כיקענישן אין מוח: פאַר וואָס און נאָך וואָס, פון וואַנען און וואָהין, — די האָבן שוין באַדאַרפט האָבן אויך אַ ביסל אַלקאָהאָל, אַ ביסל שפינאָזע און שאָפּענהויער, שטירנער און ניטשע. זיי האָבן שוין נערוועז געמישט די בלעטער און אַריינגעשטאָכן זייערע אויגן אין די אותיות פון דזשינס און דזשאַיס. אויסגעמישט יוליוש סלאָוואַצקי מיט אויגוסט פאַרעל, דאָסטאָיעווסקי מיט פלעכאַנאָוו, איוב מיט קאַרל קאַוט־סקי, ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע מיט אָטטאָ ווײַנינגער, פאַוסט מיט גרעץ. דאָס אַלץ פאַרקנעטן און פאַרמישט מיט בונט און מיט בענקשאַפט, מיט ליבע און מיט מוזיק, און תפילה־געטון צו די צווײ גרעסטע נשמה־באַפרייערס: שאַפּען און בעטהאָווען.

ב

צי קען אַ מענטש אַן אַ געשולטער שטימע — שיין זינגען? איבער־שפּילן, מיטן מויל, מיט די ליפּן, — אַ גאַנצע סימפאָניע? אימיטירן אַלע אינסטרומענטן, פידל און פלייט, וויאָלאָנטשעל און פויק, מיט אַלע פליטער־לעך, שפּליטערלעך, פיינקייטן, פלינקסטע פּאַסאַזשן און דינסטע פלאַזשאָלעטן און פיטשיקאַטאָס? — יאָ, מאַטעלע מאַנצאַזש האָט עס געקענט. ער האָט מער ווי נאָר רעפּראָדוצירט. ער האָט איבערקאָמפּאָנירט, מיט זיין מויל־אָרקעס־טער, די שאַפונג, זי נאָך מער פאַרווייכט, פאַרלירישט, די טענער אַזוי אויס־געניגונט און אין איר אַריינגעגעבן נאָך אַ נשמה, פון דעם געבענטשטן אויפ־נעמער און צוהערער — מאַטעלע מאַנצאַזש. — — — און מיר, זיינע צוהע־רער, האָבן ערשט דעמאָלט נאָך מער באַנומען און פאַרשטאַנען די געגעבענע שאַפונג. ס׳מויל מאַטעלעס איז אַליין געווען אַן אייגנאַרטיקער און גרויסאַרטי־קער אָרקעסטער.

ג

מאַטעלע מאַנצאַוש האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך ס׳מינדסטע ספק־שפּעל־טעלע, ער האָט זיך נאָך שעמעוודיק און יונג־מיידליש געדויטלט. ער האָט הנאה געהאַט פון לאַכן, און לאַכן איז דאָך דאָ פון וואָס. אין די דרייסיקער לאַכט מען שוין נישט פון אַזעלכעס, אָבער ביי די צוואַנציק — יאָ, און אַ סך. האָט ער געלאַכט. און געוויינט, — ס׳האָט געגוגנט אַ קלייניקייט: ער האָט ביי נאַכט איבערגעלייענט אַנדרייעוס אַ דערציילונג, וועגן אַ קינד וואָס האָט באַקומען אַ מתנה אַ מלאכל צו די ווייַנאַכט־חגאות. ס׳קינד האָט אויפגעהאָנגען ביים בעטל אָט די גרויסאַרטיקע מתנה, ס׳שיינע ראָזע מלאכל מיט די וווּנדערלעכע פליגל. און ס׳קינד שלאָפט איין זיס, און פליט אין חלום צוזאַמען מיטן מלאכל. און אין דער פרי, ס׳האָט זיך אויפגעכאַפּט, — איז ס׳מלאכל פון שאָקאָלאַד צערונען אויף דער וואַנט, — און ס׳קינד וויינט און וויינט — וווּ איז ס׳מלאכל? און וווּ זענען די פליגל? — און מאַטעלע דער דערוואַקסענער וויינט נאָך דערפון צומאָרגנס, און ער ראַטעוועט זיך — שאַפּען, בעטהאָווען, די אַריע פון טאָסקאַ.

אָדער דערמאָן פאַר אים דעם נאָמען אָנקאַ.

ד

כמעט תמיד קומט איר אויס צו זיצן נאָענט פון אים אין פילהאַרמאָניע, אויף די זונטיק־פרימאָרגנס, אָדער פרייטיק־צונאַכטסן־קאָנצערטן. אַז מ׳רעדט אַפילו נישט צו זיך, רעדן די מעלאָמאַנען צווישן זיך דורך דעם לשון פון דער געהערטער מוזיק. איז אָן אַ וואָרט אַ מאָל, אָבער פאַר וואָס האַלט זי די אויגן אַזוי פאַרעקשנט־זייטיק אים קיין מאָל נישט צו זען? — טוט זי דאָס בכיוון, אָדער ער איז בכלל מחוץ איר זע־פעלד? אָדער זעט אים נישט־געזעענערהייט און זעט אַז ער זעט זי. און ער זעט זי — אַפילו בעת ער הערט די פינפטע בעטהאָווענס. זיין קדשי־קדשים פון דער מוזיק (אַחוץ, פאַרשטייט זיך, דער געטלעכער ניינטער, פערטער טייל). און אַז ער האַלט אַפילו פאַרמאַכט די אויגן און זעט די בעטהאָווען־קלאַנגען, פאַרמישן זיי זיך מיט איר פּנים און ס׳שפּילט פאַר אים צוזאַמען. ער זעט אַפילו ווי זי זעט דאָס און אַ הנאהלע טאַנצט מעלאָדיש פון אירע אויגן צו אירע ליפּן.

אויגן און ליפּן. ער איז גוזמאדיק, מאָטעלע, ער מיינט אַז ביי אַ רשע וואָלט אויסגערונען ס׳רשעות און ביי אַ שקרן ס׳שקרנות. — ווען אַנקאַ באַשענקט יענעם מיט אירע בליקן בעת זי הערט שאַפּענען, דעם קאָנצערט עף־מאָל. ניין, באמת, ער שווערט זיך, אַז ער איז נישט גוזמאדיק, — אַז אירע ליפּן קענען איינזאַפּן אַלע ליפּן־זיסקייטן פון אַלע פאַרליבטע אין דער וועלט און נאָך אַלץ בלייבן נישט־געזעטיקטע. און נאָך צוריקגעבן ליפּן־זיס־קייט כפל־כפליים.

אַזוי שטעלט ער זיך פאָר. וואָרום ווי קומט ער בכלל וואָגן וועגן איר צו חלומען? אַז זי — אַן אַסימילירטע, פון אַ פאַרפּוילישטער היים, און ער, — וויפל איז דען בכלל זינט ער האָט אויסגעטון ס׳קיילעכיקע יידישע היטעלע זיינס? און אַז ער קומט אויף אַ פּרייטיקצונאַכטס־קאָנצערט, איז ער שוין נאָך דער טראַדיציאָנעלער סעודה ביי די שבתדיקע ליכט און ס׳איז אַ ספק צי דער טאַטע ווייסט גאָר וואַהין ער גייט.

אַנקאַ וווינט אויך אין זיין געגנט, איז פון אַ רייכערער שטוב, זי איז אַ סטודענטקע, און ווער ווייסט וויפל אַלץ ס׳זענען אין איר פאַרליבט.

און מאָטעלע ווייסט אַוודאי נאָך נישט, אַז אָט די זיסע ליפּן אַנקאַס, זענען זיס נאָר — ביז זי עפנט איר מויל צום רעדן, אויף די פאַרזאַמלונגען אין קאָנספּיראַטיוון סטודענטן־קרייז. דעמאָלט איז זי אַ סאַנקילאָטין. ווי גיליאָטינע וואָלט זיין אַ האַרפע און זי שפּילט אויף איר... עקסטרעם־ראַדי־קאַל. טעראָר איז איר אָטעם. אָט־די טאָקע, פון נידעריקערן וווּקס, קלאַסישן אָוואַל־אַליוון רויִקן געזיכט, טיפע מאַנדל־אויגן, טונקעלע, ווי אירע האָר. פאַרקעמט אַלטמאָדיש. אַ טיציאַניש־ווענעציאַניש פּנים.

ס׳וואָלט רעכט געווען, אַז זי זאָל אַ מאָל הערן מאָטעלען זינגען די אַריע פון קאַוואַלעריאַ רוסטיקאַנאַ, זיין איבערשפּילן בעטהאָווענס פּאַסטאַ־ראַלע, צי דער טרויער־מאַרש פון דער זיבעטער, די וויוואַדזשאָס פון דער אַכטער. און דער עיקר טאָקע — די „פּינפטע״. און אויף אַ צוגאָב נאָך די אַריע פון „טאָסקאַ״. אפשר וואָלט דאַן די מעלאַמאַנישע נשמה אַנקאַס אַ וווּנד־געטון אירע אויגן צו אים? און נאָכן אַרויסגיין, — ביי אַ האַנט אים אַרומנעמען?

און אויב נישט, — וועט דאָס דערווייל פאַרענטפערן שאָפּענס נאָק־טורן, אָדער סקריאַבינס עקסטאַזאַ — — —

ה

מיר וועלן דורכלאָזן דאָס מאָל אַ ריי קאַפּיטלען פון דער פּרשה מאַטעלע מאַנצאַזש־געשטאַלט, און דערציילן נאָר עפּעס זכרונותדיקס וועגן אַנקען און מאַטעלען, — נישט יענער אַנקאַ, נאָר אַ צווייטער.

ס׳איז געווען, דאַכט זיך, אין יאָר 1929, זומערצייט. איך בין געפאָרן פון וואַרשע אויף אורלויב־אָפּרו אין דעם קליין־בערגיקן, פאַרלעגענדאַרטן דאַטשע־שטעטעלע קאַזשימיעזש־קוזמיר.

אין דעם יידישן פּענסיאָנאַט — כמעט בלויז יונגוואַרג. פון די פרויען — ערשט־געענדיקטע שילערינס, אַנגעשטעלטע, באַלעבאַטישע מיידלעך, ערשט חתונה־געהאַטע פרויען. כמעט אַלע רעדן זיי נאָר פּויליש. די וועלכע לייענען, לייענען פּוילישע ביכער. נאָר איינע, זע איך, איז אַן אויסנאַם. זי רעדט אויך פּויליש, אָן אַן אַקצענט, אָבער מ׳דערקענט, אַז ס׳איז נישט איר שטוב־שפּראַך, און לייענט אַ בוך — אין עברית. זלמן שניאורס. און זי הייסט אַנקאַ. אויך נישט געשמינקט, און כמעט ווי אַ קאָפּיע פון יענער פילהאַר־מאָניע־אַנקאַ. מיט געוויסע אָפּווייכונגען. די אַנקאַ קען יידיש אויך און רעדט יידיש. איידל, שטוביק־צנועהדיק, באַלעבאַטיש־קלוג. ווייסט, אַז מען דאַרף זיך אויסהיטן פון אייליקער באַקאַנטשאַפט אין די פּענסיאָנאַטן, פון די לייכטע בחוריש־מיידלערישע שמועסערייען. אָבער דאָס העברעיִשע בוך, וואָס זי לייענט אויף דער וועראַנדע אין פּענסיאָנאַט, איר אויסזען, אירע געשמאַקע, שעמעוודיק־באַטעמטע ענטפערס — הגם אפשר נישט שטאַרק־ווייטע פונעם אַנגענומענעם שאַבלאָן, — האָבן באַווירקט צו פאַרעקשנען זיך און פועלן ביי איר אַ שמועס אין צווייען, אין די בערג־טאָלן פאַר נאַכט, בעת אַלע שפּאַצירן אַרויס נאָכן נאַכטמאָל.

די רעזערווירטקייט האָט עטוואָס נאָכגעלאָזן און זי איז שוין געווען, דאַכט מיר, מרוצה פונעם שמועס און באַקאַנטשאַפט. האָב איך איר דער־ציילט אויך וועגן מיין חבר מאַטעלע. וועגן זיין סענטימענטאַלקייט, מוזי־קאַלישקייט, הומאָר. לויטן סאָציאַלן מצב, אין אַ געוויסן זין אויך —

פסיכיק, — האָבן זיי געהאַט צווישן זיך ענלעכקייטן. כ'האָב אין זעלבן אָוונט נאָך געשריבן אַ בריוול צו מאַטעלען, קיין וואַרשע, און דערציילט אים וועגן דער באַקאַנטשאַפט. מסתמא זיך אַרויסגעכאַפּט מיט עטלעכע וואַרעמע שטריכן — אַז זי איז סיי אַ ליבלעכע, סיי אַ שיינע, באַחנטע, איידעלע. אַז אַ מענטש פון אונדזער סגאַל קען זיך אַוודאי לייכט אין איר פאַרליבן. מעגלעך, אַז דאָס קען אויך פּאַסירן מיט מיר. און ווען ער, מאָ־טעלע, וואָלט זי זען, וואָלט ער זיך, מן הסתם, אויך אין איר פאַרליבט.

„ס'איז היינט מאָנטיק אָוונט. וואָלט זיכער כדאי געווען אַז אויף שבת זאָלסטו זיך אַהער אַראָפּכאַפּן אויף אַ טאָג צוגאַסט".

מאָטעלע האָט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אויף גענשע־גאַס, ביי מאַנופאַקטור. דאָרט וויסט מען נישט פון קאַפּריזן, דאָרט אַרבעט מען פולע טעג. אורלויב האָט ער באַדאַרפט באַקומען ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום. נאָר אַז מאָטעלע האָט באַקומען מיין קאָרטל פאַר נאַכט, איז ער שוין אין דעם זעלבן ביינאַכט געווען אין קוזמיר. אין דעם זעלבן אָוונט נאָך איז שוין אויסגעקומען צו באַקענען אים מיט אַנקען, און אין דער זעלבער נאַכט האָב איך שוין נישט געקענט שלאָפן צוליב מאָטעלעס שלאָפלאָזיקייט און זיינע ווייניקערישע ספּאַזמען. ער איז אין די איינע צוויי שעה געוואָרן היסטעריש פאַרליבט אין איר. ער איז אויפּצומאָרגנס שוין נישט צוריק־געפאָרן צו דער אַרבעט ווי ר'האָט געהאַט פריִער געפּלאַנט, פאַרבליבן דאָ צוויי טעג און צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, כדי דאָרט גלייך צו נעמען אור־לויב און אַהערקומען דאָ אין פּענסיאָנאַט אַריין.

אַלע זיינע בענקשאַפטן און פאַרדרענגטע ליבע־ליידנשאַפטן, אַקומו־לירטע אין זיין צניעותדיק־בחורישן פיר־פינף־אונצוואַנציקיאָריקן גוף, — האָבן לאַוויניש זיך צעברויזט אין אים — אָט־אָט אויפצורייסן.

די פריילין אַנקאַ איז געווען איבעראַשט און איבערגעשראָקן פון דעם האַסטיקן רעדן זיינעם, פון די ליריש־סענטימענטאַלע עקספּלאָזיעס זיינע, און זי האָט זיך געקורטשעט, שילדקרעטיש זיך איינגעצויגן און צוריקגע־צויגן, זיך געשיצט קעגן דער האַסטיקער אומגעריכטקייט. ער שרייבט צו איר צען בריוועלעך דורכן טאָג, איז באַליידיקט, היפּער־סענסיטיוו, עמ־פינדלעך, היסטעריש, ברוגזט זיך און האָט באַלד קרענקלעך חרטה.

איך מוז כסדר פֿאַרמיטלען, אינטערוועניִרן, אויסגלייכן, אויסטייטשן, פֿאַרגלעטן. און ס׳גייט נאָר דעריִן, אַז זי זאָל רעדן מיט אים, מאַטעלען, רעדן מיט אים פֿאַרן עסן, ביים עסן, נאָכן עסן, קיין שום אָפּרו, נאָר זיצן, שטיין, גיין און רעדן מיט אים. זאָל זיין אין דרייען. אַוודאי וואָלט בעסער געווען אין צווייען, אָבער נישט אַלע מאָל, נישט אַלע מאָל געגוגט אים זיין כוח־הדיבור און אַפֿילו זיין געזאַנג, — און ער דאַרף אָנקומען צו מיין אַרויסהילף.

דאַכט זיך, אַז כ׳בין געווען אין איר פֿאַרליבט, נאָר כ׳האָב גלייך דערזען, אַז ס׳קען נישט קומען אין באַטראַכט אַפֿילו, — אַז אַלע רעכטן זענען, אַזוי צו זאָגן, מאַטעלעס. און איך העלף נאָך דעריִן צו.

איך האָב געענדיקט מיין אורלויב־טערמין און אַוועקגעפֿאָרן. זי איז נאָך פֿאַרבליבן און מאַטעלע איז פֿאַרבליבן.

ו

ס׳האָט געדויערט עטלעכע יאָר, די ליבע צווישן זיי האָט דורכגעמאַכט די אַלע פֿאַזעס פֿון פֿאַרליבטע און קאָמפּליצירטע נאַטורן, — אָפּטע קאָנפֿליקטן, ברוגזן אויף גאַנצע וואָכן צייט, אויסטייטשן, אויסגלייכן, הגם ער איז אָנגעקומען צו מיר נאָר אין די עקסטרעמסטע פֿאַלן, ווייל אַ שמץ חשד איז ביי אים תמיד פֿאַרבליבן — אַז זי איז צו מיר נישט גלייכגילטיק.

און אין אַ געוויסן טאָג האָט ער מיר צוגעשיקט טעלעפֿאָניש, אַז היינט ביי נאַכט קומט פֿאָר זיין חתונה מיט אָנקען און זיי ביידע פֿאַרבעטן מיך האַרציק קומען צו דער חופּה.

ס׳איז קלאָר געווען, אַז דאָס פֿאַרבעטן מיך ערשט אין לעצטן טאָג, און דורכן טעלעפֿאָן, — מיינט קלאָר, אַז איך מעג נישט קומען. און אַזוי האָב איך טאַקע געטון.

כ׳האָב מיך דערנאָך געפֿרייט מיט זייער גליקלעך צוזאַמענלעבן, אָפּט מאָל געוואָרן איינגעלאַדן צו זיי אין שטוב, אויך זיי איינגעלאַדן צו אונדז אין שטוב... הגם ווייט נישט אָפּט.

אין אָנקען האָבן זיך נאָך מער צעבליט אַלע חנען פֿון אַ שיין־ברונעטער, שוואַרצאויגיקער ייִדישער טאָכטער. זי האָט געקענט זיין אויך אין

כעס, זיך ברוגזן און בייזערן, אָבער זי האָט געקענט אַזוי מחיהדיק, שיין־האַרציק לאַכן, און לאַכן צוזאַמען מיט מאָטעלען און אויב אויך איך האָב צובאַגלייט מיט געלעכטער, — איז עס שוין געווען נישט קיין שלעכטער לאַך־טריאָ. און אויף אַנטשפּאַנונג דערנאָך, האָט מאָטעלע אויפגעזונגען די אַריע פון „טריסטאַן און איזאָלדאַ״ און אויף בייטעניש — דעם זעקסאונ־דרייסיק־פּאַליקן ניגון פון מאָדזשיצער רבין. כ׳גלייב נישט, אַז ס׳זאָל האָבן געווען זיינס גלייכן אין איבערזינגען אַ מאָטיוו, אין זיין אימיטירן און רע־קאָמפּאָנירן אַ מוזיק־שאַפונג. וויפל עוולות און בענקשאַפטן ס׳האָבן באַקומען אַ תיקון אין זיין זינגען — — —

ז

ערגעץ אין אַ גאַזקאַמער איז דערשטיקט געוואָרן מאָטעלע מאַנצאַזש מיטן ניגון פון מאָדזשיצער רבין, פּוטשיני און בעטהאָווען, צוזאַמען מיט זיין שיינער אַנקאַ, די צניעותדיקע יידישע טאָכטער, די לייענערין פון שניאורן אין עברית נאָך אין יענע לענדער און יענע יאָרן.

אין וואָסער געשריי האָט זיך אין דער קרעמאַטאָריע פאַרוואַנדלט מאָ־טעלעס געזאַנג?

הערסט דאָס געזאַנג, אָדער ס׳געשריי? — — —

מאיר-מעכל

די קללה פון אַ הקדמה:

אַז ווייל איז צו יענע שרייבער און טעמע, וועלכע נייטיקן זיך נישט אין הקדמות. אין דאָזיקן פאַל דאַרפן מיר אַן אַריינפיר, פאָרוואָרט, סוב־וואָרט און צוגאָבוואָרט. מחמת עטלעכע סיבות:

שילדערן אַ היימישע געשטאַלט פון יענע יאָרן, יענע מקומות, יענער סביבה, — פאָדערט שוין, ליידער, פאַרטייטשונגען, און אפשר גאָר אויך שוין אַ פאַרנייגן זיך און פאַרענטפערונג?!

ווייל מיר זענען געוואָרן אַלערגיש צו שילדערונגען פון יענער סביבה. היימישע יידן? בית־מדרש? ישיבה? ביבליאָטעק? באַריקאַדן? חלוציזם? פאַרנאַכטיקע שפּאַציר־גענג אַרום גלחס סאָד? פאַרבענקטע ניגונים? שע־מעוודיקע ליבע? שבתדיקע מאַמעס, פאַרדאַגהטע טאַטעס? — טשעפּעט זיך אָפּ! טוכלע טעמעס!

אָט, זעט איר, דערציילן וועגן אַן אירלענדישן פויער, איסלענדישן פי־שער, גריכישן גייסטלעכן, רוסישן קוטשער, אַרמענישן פּאָפּ, — דאָס איז אינטערעסאַנט, אייראָפּעיִש־עקזאָטיש! אָבער וועגן אַ יידישן אַרענדאַר, שטעטלשן קרעמער, חריפותדיקן רב אָדער תמימותדיקן באַלעגאָלע? — אַ חלשות!

יענע פעלקער, וועלכע האָבן נישט קיין איבערגעבראָכענע געשיכטע, — ביי זיי איז נאָרמאַל, אַז דער שרייבער שילדערט די סביבה פון זיין שטאָט, שטעטל, דאָרף, פּאַראָפּיע פון מיט פופציק און מער יאָרן צוריק. אָבער ביי אונדז שילדערן די יאָרן ניינצן־פינף, צי ניינצן־פערצן, צי שוין אַפילו ניינצן־פיראונצוואַנציק — דערזעט מען באַלד דעם פיינשמעקעריש אַלער־גישן קנייטש מיטן נאָז:

משה גראָסמאַן

אַרכאַיק! איבערגעשטאַנענע זכרונות. פּראָווינציאַליזם.

און נאָך עפּעס!

אַזאַ ווי איך, וואָס ווין שוין העכער אַ צענדליק יאָר אין ישראל און מער ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק אַוועק פון פוילן, — חוץ דער קליינער פּויזע אין 1946, ווען מיר האָבן געזען אַ וואַרשע פון צעהאַקטע ציגל, חורבות, צעהיטלערט און פּאַרפּאַליאַקישט מיט דעם קעלצער פּאָגראָם — איז פאַר אונדז פוילן שוין אַ שטיק פרעמד־ווייטער אָביעקט. און אויב שילדערן אַ פוילישן ייד — דאַרף מען שוין אַ טראַכט־טון וועגן יידן אין דער סכעמע פון טויזנטיאָריקן פוילן בכלל. און וואַרשינלעך זענען יידן דאָרט געווען שוין נאָך אין פרעמלוכהשן פוילן, נאָך פאַרן יאָר 963, פּונקט ווי זיי זענען עס געווען נאָך אין די פריִערע צייטן אויף רומענישער טערי־טאָריע, בעת ס׳זענען נאָך דאָרט געווען די דאַקן, געטן, אַלט־סלאַוון.

און ווידער עפּעס:

אַ סיבה שוין אַ ריין־סוביעקטיווע: — די געשטאַלט וועגן וועלכער איך וויל עפּעס דערציילן, — ליגט נישט, אַזוי צו זאָגן, אויף מיין פּען־ליניע. ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ למדן. בין איך נישט אימשטאַנד, צוליב מיין אומלמדנות, צו באַנעמען כדבעי אַלע דימענסיעס פון אַזאַ איינעם (איך מיין דאָ נישט דעם טיפּ למדן צו וועלכן כ׳פיל אַ ווידערווילן, אַן אַווערסיע. דער טיפּ למדן אָן יראת־שמים און אָן יראת־קאָסמאָס. אַ מיליאָן ליכטיאָרן ווייט? אַ מיליאַרד ליכטיאָרן צייט? — פאַר אים איז עס נאָר אַ ציפער, נאָך עטלעכע נולן. ער ווערט נישט נתפּעל, ער איז נישט מתפּלל (ווען אַפילו יאָ — איז עס מעכאַניש, אינערציש). אויך פאַראַן דער טיפּ איפכא מסתּ־בראַניק, אויך אַזאַ ווי אין פרצעס „מסירת נפש״. און אַ טיפּ למדן, וואָס איז תמיד באַוואָרנט מיט פסוקים און מימרות פון די חז״ל, און קען גאוותדיק און חוצפּהדיק פאַרפּשטלען גאָט אַליין. האַלט זיך שיִער נישט פאַר זיינס גלייכן. אָדער מיינט אַז ר׳האָט שוין דערשנאַפּט דעם סוד פון דעם גאַנצן ענין געטלעכקייט).

מאיר־מעכל געהערט נישט צו דעם סוג למדן. אַנדערש וואָלט איך זיך צו זיין געשטאַלט בכלל נישט צוגערירט. וועל איך דערציילן נאָר דאָס וואָס איך האָב מער־ווינציקער יאָ תופס געווען. העיקר גייט דאָך מיר נישט

אַזוי אין שילדערן אַ געשטאַלט, ווי טון אַ חוב, דערציילן, וואָס עס מוז דערציילט ווערן פון זיינס אַ לעבנגעבליבענעס נאָענטן, אַ קרוב, אַ פריינד און אַ חבר.

א

אַזאַ שטעטעלע ווי קאַריוו, ביי לובלין, איז ווי אַלע אַנדערע אַרומיקע שטעטעלעך — געווען אַ המשך פון ירושלים. אַן אייגענעם הילוך, אייגן לשון, אייגענע מנהגים, אייגענעם שטייגער, אייגענע מאכלים, אייגענע שמחות און אבלות, אייגענע יום־טובים, אייגן אויסזען, אייגענע באַגריפן, אייגענע מענטאַליטעט. אַ המשך פון ירושלים. נאָר אין דער פרעמד. חוץ דער מורא פאַר גזירות רעות, רדיפות, פחד פאַר בייזע גויים, וואַלד־גזלנים, דאָרפס־רוצחים — איז ס׳שטעטעלע אַ נישט־פאַרמויערטע ירושלים־פעסטונג. שבת האָט דאָרט אַרומשפּאַצירט די שכינה ווי אין אירס אַ מלכות. אַלע קרעמלעך געשלאָסן, אַלט און יונג אין שול, ביי דער שול, אַרום שטעטל — אַן ערוב. מיט סיכסוכים גייט מען צום אייגענעם בית־דין. פאַר יחוס האָט זיך גערעכנט דער סכום תורה־קענטעניש. מ׳דאַוונט צו ירושלים, מ׳דוכנט, מ׳בוקט זיך, מ׳פאַסט תעניתים, מ׳דאַוונט אין ירושלים־לשון, און אויך ס׳טאָגטעגלעכע לשון־יידיש איז דורכגעקנעטן מיט יום־טובדיקע ראַזשינקעס, — אַ דריטל לשון־קודש.

מאיר־מעכל געהערט צו די דריי בעסטע למדנים אין בית־מדרש. מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע מתמידים, חריפים, אָדער עילויים אין בית־מדרש? ס׳איז דאָך נישט שייך צו רעדן: בלאָנד, ברונעט, שאַטין — נישט די פאַרב פון די האָר האָט דאָ עפּעס־וואָס צו זאָגן. אויגן? — דאָס יאָ. ביים שילדערן אַ יונגערמאַן פון אַן אַנדער פאַלק — קען מען רעדן וועגן זיין וווקס, געבוי, גוף, פעסטן געשטעל, פעסטע ידיים, מוטיקייט, פלינקער יעגער, געשיקטער שלעגער — אָדער וואָס האָט אַזעלכעס צו די מאיר־מעכלס? די אויגן, ביי אַזאַ מין שטייגער בית־מדרש־בחור — זענען אַן אָרון־קודש. דאָרט ליגט באַהאַלטן דער גאַנצער מהות. נישט נאָר פון אים, נאָר פון דורות. ירושה פון קדושה, ירושה פון פחד, ירושה פון חקירה, חריפות, עניוות.

מאיר־מעכלס טאַטע איז אַ מגיד. קליין, אויך דערפאַר ווייל ער גייט איינגעבויגן, בכוונה מסתמא. אַ וואַכעדיק בערדל — הגם מיט גשמיות פאַרנעמט ער זיך קנאַפּ. די מאַמע האָט אַ שטיקל געוועלבל אין אַ זייט פון מאַרק, קען מען דאָרט גיכער פאַרקויפן שטיקער אומעט אויף דער מאָס אָדער וואָג, איידער די עטלעכע פאַרביק־רויטע קאַפּטיכלעך פאַר פויער־טעס. צוויי מאָל אין וואָך פאָרט מען אויף יאַרידים מאַנטיק קיין מאַרקישאָוו, מיטוואָך קיין וואָנווילניץ. דער טאַטע איז מיט איר מיטגעפאָרן נאָר דע־מאָלט, ווען זי האָט זיך שוין געפילט גוט שוואַך, שלאַף.

די מאַמע גייט אויך אָן איינגעבויגענע. ערשט רעכט זעט מען איר איינגעבויגנקייט, בעת זי גייט אַראָפּ פון די פינף קרומע, אונטערגעפוילטע הילצערנע שטיגלעך פון געוועלבל.

ס'ליגט אין אַ זייט פון מאַרק. במקום אַ שילד, הענגט אַ רויט קאַפּ־טיכל. רויט איז געווען דער אָפּשטאָם. דורך יאָרן הענגען דאָ, האָט דער רעגן אַרויסגעשווענקט די פאַרב, די זון — אָפּגעבליאַקעוועט, און דער ווינט — געדריוולט דערפון צויטן. דאָך האָט עס נאָך אין די ווינקלען פאַר־באַהאַלטן שטיקלעך פון איר יחוסדיקער רויטקייט, און יאושדיק געפלאַ־טערט, אַפילו דעמאָלט ווען ס'איז ס'מינדעסטע ווינטל נישט געווען.

אויפן גרויסן פירעקיקן מאַרק (גרויס — אין פאַרהעלטעניש צום שטעטל) האָט מען זעלטן ווען מען געזען דורכגיין אין אַ געוויינלעכן טאָג. זעלטן שטייט אַ פויעריש פורל מיט אַ פערדל וואָס שטרעקט דעם קאָפּ צו דער ריכטונג פון דאָרף. ווער שמועסט נאָך בעת אַ שלעכט וועטער, אַ זאַוויערוכע.

אַז מאיר־מעכלס טאַטע גייט אַראָפּ פון די פינף פאַרשוואַרצטע שטיג־לעך, מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן, זעט מען אַז ער גייט מיט די מחשבות אַרויפצוצו, אויף אויבנצו.

ער האָט תמיד געהוסט — געהוסט — געהוסט. זיך געמוזט אָוועקלייגן אין בעט אַרייַן. האָט ער אויף אַ תרופה געהאַלטן אונטערן קישן — דווקא אַ פערציקסטל בראַנפן. און אַז דער הוסט פאַרכאַפּט די לונגען, דעם בויך, די קעל, — כאַפּט ער אַ שלונג פון פלעשעלע. און אָט איז גראַד דער הוסט אָפּגעטרעטן. עס איז אים געוואָרן לייכטער, שוין אַפילו צו־לייכט, פאַרדעכ־

טיק גרינג. דער מלאך־המוות האָט, זעט אויס, ליב אָפּצוטון שפּיצלעך. נאָך דער לייכטקייט, האָט ער אַליין זיך אים אַוועקגעשטעלט אין דער קעל אַזוי, — אַז אַפילו דער נשמה איז געוואָרן ענג זיך אַרויסצוקריגן. דער אָטעם ווערט קנאַפּער און שווערער, כאַרכלט־זיך — האָט דער טאַטע אַ כאַפּ־געטון ס׳פלעשלביים העלדזל, אַ שלוק־געטון, געוואָלט זען וואָסער רושם דאָס וועט מאַכן אויפן מלאך־המוות און זיינע יוצאי־משרתים. האָט ער דערפילט אַז ס׳בלייבט נאָך אָטעם אויף בלויז עטלעכע ווידוי־ווערטער, האָט ער עס געטון. און אַז דער קאַלטער שווייס איז שוין אַראָפּ פון שטערן צו דער נאָז, אויף דער ליפּ, און דאָ בלייבט ער שוין שטיין — האָט ער נאָך קוים אַ זאָג־געטון, אויף פויעריש־פויליש:

— מניע, ני פּאַכניע, ני סמיערדזי —

ס׳קישן האָט אונטערגעכאַפּט זיין קאָפּ — און ס׳האָט זיך פאַרענדיקט די יציאת־הנשמה.

פון די דריי קינדער — אַ ייִנגערער ברודער און שוועסטער, און די מאַמע, — האָט נאָר מאיר־מעכל נישט געוויינט, געשטאַנען אין אַ ווינקל ביים קליינעם טישל אויף וועלכן ס׳איז נאָך געלעגן נישט אַראָפּגענומען ס׳שבת־דיקע טישטעך מיט די לייכטער, כאָטש ס׳איז שוין געווען מאָנטיק, — און ער האָט זיך צוגעקוקט. זיינע אויגן האָבן אַלץ אַריינגענומען, די מחשבה האָט אַלץ אין זיך אַריינגעזאַפּט, יעדן שאָטן פון אַ פאַרב, יעדן אָטעם, יעדן קלאַנג, יעדע קלאַנגלאָזיקייט, — דער ערשטער גרוס און שליח פון יענער זייט, גאָטס שאָטן, — דער שטן, — איז ער זיין שליח אָט דער מלאך פון טויט? און וואָס האָט דער טאַטע געמיינט — נישט עס שמעקט, נישט עס שטינקט? — האָט דער טויט נישט קיין ריח? האָט דאָס לעבן נישט קיין ריח? האָט דער טאַטע נישט מורא געהאַט? אַוועק אָן פּחד?

תיקו — — —

*

מאיר־מעכל לערנט אין בית־מדרש. דער גמרא־ניגון פון בית־מדרש, — ווער, חוץ אַן אינעווייניקסטער, קען באַנעמען דעם דאָזיקן ניגון? דער ניגון ניגונט זיך דאָך שוין זינט דורות, פון איין בית־מדרש צום צווייטן, פון איין יידיש האַרץ צום צווייטן, פאַרניגונט די וועלט, ווי אַ רצועה אַרומגעוויקלט

די יידישע נשמה במשך דורות; דער ניגון פון צער, דער ניגון פון לערנען־הנאה, דער ניגון פון בענקשאַפט, דער ניגון פון זוכעניש. דער ניגון פון המשך, דער ניגון פון בענקשאַפט צו גאָט און בענקשאַפט פון אהבה, און אפשר אויך פון פאַרדרענגטער תאווה? אָבער אויסגעאיידלט דורך קדושה. דער גמרא־ניגון פון לערנערס אין בית־מדרש, דווקא אין אַ גראָען, וואָכע־דיקן טאָג — קען דאָך הימלען שפּאַלטן, אַ פשיטא שוין — ס׳האַרץ פון אַ יידיש בית־מדרש־ייִנגל, זיין טאַטע־מאַמע. אוי, ווי דער קירכן־געקלאַנג פון דער „טומאה" האָט דאָס מורא פאַר אַזאַ מין ניגון! מורא? אַז ער קען אים גאָרנישט באַנעמען. קיין מאָל נישט, וואַרפט ער נאָר אויף אים זיין פּחד.

און מאיר־מעכלס אויגן כאַפּן אויף און זאַפּן איין יעדעס שטיק פּחד פון אַזאַ־אַ מין.

צו מאיר־מעכלס טיש גייט מען אָפּט צו מיט דער אָפענער גמרא פרעגן ביי אים עפּעס אַ שטיקל האַרבן ר"ן, תוספות — סיי ייִנגלעך, סיי עלטערע ייִדן.

ער לערנט אויך מיט צוויי בחורימלעך פאַר שכר. ביי איינעם פון די צוויי, באַקומט ער שכר פון יענעמס מאַמען, יעדן טאָג, אַ ראַזאָווען פּאַפּלי־ניק, און אויף פרייטיק — — געלט אויף צו גיין אין מרחץ אַריין.

סיי זומער סיי ווינטער טראָגט ער זיין צייגן כאַלאַטל, ווינטער טראָגט ער אונטערן כאַלאַטל — אַ וואַטן שפּענצערל, אָבער ס׳גראָע צייגענע כאַ־לאַטל — חוץ די שבתים און יום־טובים — טראָגט ער שוין אַ סך יאָרן — נאָר וואָס האָט דאָס צום לערנען און צו די מחשבות? פאַראַן קשיות, וועלכע ער זוכט גאָרנישט זיי צו פאַרענטפערן. זאָלן זיי בלייבן אָפן.

בית־מדרש־טישן זענען דורכגענומען מיט גמרא־ניגונים, פאַרטריפט מיט קיילעכיקע שטיקלעך חלב־ליכט, ווי מטבעות פון עפּעס אַ באַזונדערער מדינה, און אויסגעקריצט מיט קוואַדראַט־קעסטלעך אויף צו שפּילן אין ציגן־וואָלף; און ריחות אין בית־מדרש זענען סיי פון יאָרצייט־ליכט, סיי פון קאַרטאָפל, וואָס וואַנדערנדיקע אָרעמעלייט בראָטן אין אויוון, סיי אַ ריח פון אַלטע, זיך־ברעקלענדיקע געלע שיימעס, אַ ריח פון נישט־געלופטערטע מלבושים און נישט־געננוג־געוואַשענע גופים, און פון שלעכטער מאַכאָרקע, און פייכטקייט פון די ווענט, און אַן אָטעם פון דאגות און וואָכעדיקייט, און

אַ ריח פון יומטובדיקער פייערלעכקייט און תפילות וואָס פאַרבלייבט תמיד אין די ווינקלען, אויף די סופיטן. פון איין פענצטער זעט מען ס׳שעכטהויז, פון צווייטן — די מקווה, פון דריטן — ס׳בית־עולם, פון פערטן — דעם טייך מיט דער מיל, און אַ שטיקל פעלד מיט פּאַשענדיקע קי; און דורך די אויסגעהאַקטע קאָלירטע שייבלעך קומען פייגל אַנצופליִען, פליִען אַריין, שפּירן אויס, זעצן זיך אַוועק אויף אַ מינוט אויפן אָרון־קודש, אָדער אויף די הענג־לייכטער, רוען־זיך־אָפּ, הערן־זיך־צו, גיבן אַ זינג־אויף זייער פייגל־ניגון און פליִען ווייטער.

אין די דאָנערשטיקס פון די זומער־חדשים זיצט־מען־אויף אַ גאַנצע נאַכט אין בית־מדרש און מ׳לערנט. אויך די קלענערע בר־מצווה־בחורימ־לעך — אַ צוויי מנינים, מיט וועלכע ס׳לערנט אַ בן־תורה — אַ רייכער קעסט־איידעם פון אַ צווייט שטעטל.

מאיר־מעכל לערנט ביי נאַכט מיט איינעם פון די צוויי שכר־בחורימלעך. דער פאַרטאָג קומט שוין אָן, דורך דעם פענצטער פון וועלכן מ׳זעט ס׳בית־עולם. מאיר־מעכל גייט אַרויס מיט דעם דרייצניעריקן יאַנקעלע, אַ בחורל אַ לעבעדיקס, אַ שטיפער, מיט געלע פאות און געלע קאַשע־פינטעלעך אויפן פנים און אויף די ברעמען. ס׳שטעטל פאַר טאָג. אַ שטילקייט ווי ערשט נאָכן באַשאַף. יעדעס שטיבעלע מיט זיין שלאָף־סוד. דער דאַך איז דער טיפער בעל־סוד. פון איין קוימענדל ציט זיך שוין יאָ אַ דין רויכעלע. אפשר וועקט מען זיך שוין אינעווייניק צו תפילה, צו מסחר, — אָבער אין דרויסן איז שלווהדיקע שטילקייט. שוין אַ ביסל ליכטיק. — כאָטש די זון איז נאָך נישטאָ, זי גייט שוין פון ערגעץ פּאַמעלעך אויף. און אָט קומט־אָן אַ פאַסטעך מיט אַ סטאַדע פי, און אויף עטלעכע פון זיי הענגען גלעקעלעך און זיי באַקלינגען דעם פאַרטאָג אין זייער אַרויסגיין צום פעלד, און דער פאַסטעך, דער שגץ, גיט אַ פאַרזשמורע אָן אויג, און פלוצים אַ ציי־אויס זיין לאַנגע בייטש און אַ האַסטיקן וואָרף־שמיץ איבער יאַנקעלעס פנים. ס׳גיט אַ סווישטשע אין דער לופט. די בייטש איז עטלעכע מאָל פאַרוויקלט אויף זיין פנים, מויל, אויגן, — אַן אוי־וויי־געשריי פון יאַנקעלען, און אַ צעכאַכאָטשעטער צוריקרוף פון שגץ:

„זשיד!“.

מאיר־מעכל, ווען ער האָט שפּעטער דעם פּחד פון זיינע אויגן איינגע־גראָבן אין דעם נישט־איבעריק־קלאָרן קישן אויף זיין געלעגער — האָבן זיך געאַמפּערט מחשבות און פּסוקים אין זיין מוח:

— כי אתה שומע תפילת כל פה, ואת שועתם ישמע ויושיעם, שומר ה׳ את כל אוהביו, ואת כל הרשעים ישמיד, און זייער געשריי הערט ער צו, און העלפט זיי. גאָט באַהיט אַלע, וואָס האָבן אים ליב, און אַלע רשעים וועט ער פאַרטיליקן, — אויב אַזוי — טאָ פאַר וואָס:

„אין לו דמות הגוף ואינו גוף; אַני מאַמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו אינו גוף ולא ישיגוהו מישיגי הגוף, ואין לו שום דמיון כלל, — אויב אַזוי — משמים הביט ה׳, ראה את כל בני אדם —

און פאַר וואָס די בייטש? און פאַר וואָס דער — „זשיד״?! —

ב

מאיר־מעכל, נישט פון קיין קויל וועל איך פאַלן, נאָר פון דיינע אויגן. געוואַלד, מאיר־מעכל, ביסט ערגעץ געלעגן אין אַ ברונעם פון פּחד און דיינע אויגן האָבן ווי צוויי עמערס אָנגעשעפּט דעם גאַנצן פּחד, געוואַלד, דיינע אויגענעס וועלן מיך אָוועקהרגענען, גזלן!

די דאָזיקע רייד זענען געזאָגט געוואָרן אין אַן אַקאַפּע, אויפן שלאַכט־פעלד, אין יאָר 1920, אין פּויליש־רוסישן קריג. געזאָגט האָט זיי דער פריילעכער לייבעלע בייגעלמאַן פון דעמבלין.

מאיר־מעכל איז גענומען געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי און גע־שיקט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד קיין אוקראַינע — גלייך פון בית־מדרש־אַרויס אין דעם קליינעם שטעטעלע קאָריוו. מאיר־מעכל, ווי ענלעכע צו אים, האָבן כמעט ווי נישט געקענט ס׳לאַנד־לשון, אַפילו קנאַפּ געקענט דעם אַרעמען סכום ווערטער, וואָס ס׳האָבן געקענט די אַנדערע יונגעלייט, ווען ס׳איז נייטיק געווען צום אָרעמען מקח־וממכר מיטן פּויער, צי מיעשטשאַן. מאיר־מעכל, פּונקט ווי זיינע זיידעס און אור־זיידעס, הגם זיי זענען געזעסן אין דעם לאַנד שוין העכער טויזנט יאָר, האָבן עס גערעכנט ווי אַ דירה אַרעית, אַ צייטווייליקע. עטלעכע מאָל אין טאָג ווערט אין די תפילות דער־מאָנט די היימשטאָט — ירושלים. ס׳לערנען, דער ניגון, די תנועות, ס׳הת־

נהגות — האָבן אַ קנאַפּע שייכות מיטן פּוילישן אַרום. זיין וועג איז ס׳רוב פון בית־מדרש ביז צום געהויקערטן שטיבל, וואָס איז צוזאַמען מיטן חושכ־דיקן געוועלבלטשינע. זיין לשון איז לשון־גמרא, לשון־משנה, און ס׳יידישע לשון־חול איז אויך מלא מיט קודש־שטייגער. זעלטן ווען ער איז אַ מאָל מיטגעפאָרן מיט דער מאַמען אויפן יאַריד קיין מאַרקישאָוו אָדער וואָנ־וואָלניץ, אַכטונג־טון אַז ס׳גאַיעס זאָל נישט צוגנבענען קיין קאַפּיטל פון קאָזלע־טיש איןביידל.

מאיר־מעכל האָט נישט פיינט קיין גוים, ווייל ער האָט בכלל קיינעם נישט פיינט, ער איז נישט קיין מענטש פון שנאה, נאָר ער האָט פּחד פאַר גוים. אַז קנוילן גלות־פּחד נעסטן תמיד אין זיינע אויגן. נישט פאַר שלאָגן האָט ער מורא, עס שטיקט אין קעל דער חזיר־ריח, ער קען נישט קוקן אויף פּרצופים אָן אַ צלם־אלוהים. די בעסערע פון זיי האָבן קוים אַ צלם־גלח, אָן דעם ריח פון רוחניות. נעם פאַרגלייך אַ ניגון פון בית־מדרש בעתן לערנען, דעם קניטש אין וואָרט בתמיהה, מיט דעם ריח פון חזיר און זויערקרויט, שיכרות, רציחה. דאָס געלעכטער זייערס, ווען זייערע הינט רייסן די פּאָלעס פון אַ יידיש כאַלאַטל.

קיין לעצטער בטלן איז ער דווקא נישט געווען. מאיר־מעכל. אים האָט אימפּאָנירט זיין טאַטנס מורד־זיין מיט זיין לעצטן אויסרוף — די וועלט שמעקט נישט און שטינקט נישט, — אַ קוהלתדיקע געוואַגטקייט מצד זיין קליינעם טאַטן דעם מגיד, וועלכער האָט אין אַלעם געהאַט געזען — צוועק, חשבון־אלהות. ער האָט נישט פאַרגעסן יענע רגעס אין דעם חושכדיק־פאַרדאגהטן שטיבל, וואָס האָט געפירט אַ המשך־חשבון פון יאַרטויזנטער אבלות און פּחד, און דעם לעצטן שלונג ייך־שרף פון זיין טאַטן און ביטערן זאָג פון פויערישן קוהלת־ווערטל בעת זיין יציאת־נשמה. מאיר־מעכל האָט געוואָלט פּרווון אויסגעפינען דעם רמז פון אַ פילאָזאָפישער שיטה דעם טאַטנס, וואָס איז אים אפשר קלאָר געוואָרן אין די לעצטע רגעס פון זיין לעבן. מאיר־מעכל האָט שוין אין בית־מדרש זיך שוין געהאַט פאַרשאַפט אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ קוק אין שפּינאָזען, וועלכער איז געווען פאַר אים אויך ווי אַ מין תנא. טראָץ זיין גאַנצן פּחד האָט מאיר־מעכל געטראָגן זיין שוואַרץ־קיילעכיק פּויליש־יידיש היטעלע און גראָ צייגן־כאַלאַטל — מיט

אַזאַ שטאָלץ ווי אַ כוהן זיינע בגדי־כהונה. און תמיד, דאַכט זיך, געדענקט ער ווי זיין איינגעבויגענע מאַמע גייט אַראָפּ, ווי אין אַ הייל אַריין, פון די פינף פאַרחושכטע, צעהויקערטע שטיגלעך, און עס פּאַכעט פאַריאושט דאָס רויט־אויסגעבליאַקעוועטע פּויערישע קאָפּ־פאַטשיילעכל אין פּוסטן מאַרק.

קיין טרפות האָט, פאַרשטייט זיך, מאיר־מעכל נישט געגעסן. בלויז דער ריח האָט אים שוין געאיבלט. ער האָט פאַרטוישט ביי די גוייִשע זעלנער ס'פליייש און ס'פעטס — אויף טיטין, מאַכאָרקע. ער האָט זיך גענערט פון ברויט מיט הייס וואַסער, און פּאַפּיראָסלעך. ער האָט מיטגעהאַט מיט זיך ס'תפילין־זעקעלע און געדאַוונט אין אָקאָפּע. די גוייִשע זעלנער האָבן זיך פון אים אָפּגערוקט מיט דרך־ארץ, טייל האָבן זיך געצלמט, אָבער טייל אויך געזידלט מיט זעלנעריש־זונהשע קללות.

זיין יידישער אָקאָפּע־חבר איז געווען לייבעלע בייגעלמאַן, פון דעמבלין, אַ שטעטל מיט מיליטערישע פעסטונגען, אָפיצירישע קאַנטינעס, טאַנץ־בעלער, יידישע פּאַדריאַטשיקעס, עטלעכע פאַרשייטע טעכטער, אַ שטאָט מיט אַ צענטראַלער באַנקנופּ־סטאַציע. לייבעלע האָט אין דעמבלין (וואָס האָט אויך געהייסן מאַדזשיק, איוואַנגראָד) געהערט צו אַ דראַמאַטישן קרייז, געשפּילט יעקב גאָרדינס פּיעסעס. ער איז געווען אַ פריילעכער, אַ באַלע־זענער, מיט אַ פאַצעטישן, ממזרישן לאָק אויפן שטערן.

אַז מאיר־מעכל האָט אין אָקאָפּע אָנגעטון די תפילין אויפן קאָפּ, איז לייבעלע בייגעלמאַן, דער פריילעכער און וויצלער, געוואָרן באַנומען פון אַן אומהיימלעכן אומרו־פּחד:

— מאיר־מעכל, דערבאַרעם זיך אויף מיר מיט דיינע תפילין און תפי־לות אין אָקאָפּע. בנאמנות ווי ס'העלפט נישט! האָסט גאַנץ גוט געזען אַז אין אַ צווייטער אָקאָפּע האָט אויך געדאַוונט אַ יונגערמאַן, אין טלית און תפילין, איז אים די קויל אַריין אין של־ראש און דורכגעלעכערט דעם מוח!

מאיר־מעכל שאָקלט דעם באַתפילינטן קאָפּ און באַרצועהטע האַנט מיט אַ ניגון:

— אחד ואין יחיד כיחודו, נעלם וגם אין סוף לאחדותו; אין לו דמות הגוף ואינו גוף, לא נערוך אליו קדושתו; קדמון לכל דבר אשר נברא, ראשון ואין ראשית לראשיתו. (איינציק און נישטאָ נאָך איינער ווי זיין

איינציקייט; פאַרהוילן, און אומענדלעך איז זיין איינציקייט; נישט קיין פאַרעם־געשטאַלט, נישט קיין גוף — אַן אור־אָנהייב פון יעדער זאַך באַשאַפענער, אור־ערשטער און נישטאָ קיין אָנהייב צו זיין אור־ערשטיקייט).

ג

ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די באָלשעוויקעס. אין אָדעס האָט מען געעפנט אַ ספּעציעלן קלוב פאַר די געפאַנגענע. צו די יידישע זעלנער זענען געקומען ספּעציעלע יידישע אַגיטאַטאָרן. אויך פרויען, יונגע, שיינע, געלערנטע. מ׳האָט די געפאַנגענע פאַרגעלייגט צו פאַרבלייבן אין רוס־לאַנד, — נאָך וואָס דאַרפן זיי צוריק?

און מאיר־מעכל דערציילט מיר, נישט אָן יונגמאַנצפערשוינישער הנאה, — ווי איינע אַן אַגיטאַטאָרקע אין אַ לעדערנער קורטקע, האָט אים אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל און מיט משפחהדיקער ווייבלעכקייט אים צוגערעדט:

— חבר, פאַרבלייב דאָ ביי אונדז!

און מ׳האָט שוין געוווסט אין קלוב, אַז צו אים דאַרף מען שיקן נישט קיין פשוטן מאַסן־אַגיטאַטאָר. האָט מען געשיקט צו אים אַ סטודענטקע. און אין די דיסקוסיעס וועגן סאָציאַליזם, גאָט, יושר, שפּינאָזע, — האָט עס אויסגעזען, — אַז ער — באַווירקט זי, איבערצייגט זי, ער גאָר רעדט וועגן אָרעמקייט — ווי וועגן הייליקייט, ווי וועגן אַ הויכן אידעאַל, — עשירות איז רשעות, געצנדינערײַ, עבודה זרה. און וואָס שייך שפּינאָזען, און גאָט — זעט עס גאָר אויס — אַז ער באַווירקט זי, אַז אויף אַ נישט־דערעדטן אופן גיט זי אים נאָך זיינע מיינונגען. קומט שוין דערנאָך אירס אַ מער ווייכערער גלעט אויף זיין אַקסל:

— און דאָך, ליבער חבר ראַטפּאַרב, פאַרבלייבט ביי אונדז. און ס׳וואָרט ליבער איז געזאָגט געוואָרן מיטן טאָן פון אַ פרוי און נישט סתם פון אַ פראָפּאַגאַנדיסטין.

ד

ער איז צוריקגעפאָרן קיין פוילן, אין שטעטל אַריין. פון דאָרטן חתונה־

געהאַט קיין וואַרשע. האָט ער אַ שפּייז־געוועלבל (צוזאַמען מיט דער ווינ־שטוב), אין אַ האַלב־קעלער, אַראָפּצוגיין פינף שטיגן, אויף דער ניי־קאַרמע־ליצקע־גאַס (לובעצקעגאָ), לעם צערקל, צווישן די גאַסן גענשע און פּאַוויע.

ער האָט געפּרוווט, ווי אַ סך אַנדערע, אויסמיידן די שטריק, וועלכע פאַרבאַלאַבעסלעווען, — אָבער עס איז אים, ווי דעם רוב, — נישט געלונגען. זיי האָבן אים אַרומגעוויקלט:

אַ באַלעבאַטיש, וואָכעדיק, קרעמלדיק ווייב, דריי קינדערלעך שוין קאַנעהאָרע. ער טראָגט ווייטער זיין שוואַרץ־טוכן פּויליש־יידיש היטל, לאַנג צייגן־כאַלאַטל, אַ שוואַרץ בערדל, נישט קיין פאַרדאגהטס און וואָכעדיקס, דווקא אַ טראַציקס, האַרט, געדיכט, וואַקסט אין דער ברייט.

ער שטיקט זיך מיטן געוועלבל. האָט עס פיינט. פאַרטראַגט נישט ס׳רעדן מיט די ווייבערישע קונים, שווייגט ער אַריין זיינע מחשבות אין דער געדיכט־האַרטער, קורץ־ברייטער באָרד אַריין. אַז אויף זיין אויסקו־מעניש גענוגט אים ברויט מיט טיי, פּאַפּיראָסן, שפּינאָזעס „עטיק" (ער לייענט שוין אויך שטיקלעך קאַנטן, אין העברעיִש אָדער ייִדיש) — און די והותר.

האָט ער זיך אַ סך געביטן זינט דעם בית־מדרש אין קאָריוו? זינט די אָקאָפּעס? זינט דעם קלוב אין אָדעס? ווי־ווייט ער איז נישט דערגאַנגען אין חקירה, אין שפּינאָזען צי קאַנטן, אָבער צו דריי מאָל אין טאָג שמונה־עשרה האָט עס נישט געהאַט. ביז אויך דערין איז געקומען אַ דורכברוך: ער דאַוונט נאָר ווען ער דערפילט אַן אינערלעכן דראַנג. האָט דערצו אַ פּאַסיקע שטימונג. און ס׳איז שוין אויך שכיח אַז שבת, במקום גיין צום דאַווענען, זאָל ער קומען צו אונדז אין שטוב אַריין, אַ סביבה פון סטודענטן, סעמי־נאַריסטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן, אַטעיִסטן, אָנפאַנגער־שרייבער, אין אַ שטוב וווּ ס׳זענען תמיד פאַראַן עטלעכע שמועסער, שאַרפע דיספּוטאַנטן, פאַראַן ביכער, וויכוחים אין ענינים פון רוחניות: ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, פּאָליטיק. דעמאָלט פאַרגינט ער זיך שוין אויך אויסצורייכערן אַ פּאַפּיראָסל, טאָקע אום שבת, — הגם ער טוט עס ווי אַ קלעטערער, וואָס דאַרף דעראָבערן אַן אומצוטריטלעכן שפּיצבאַרג. מ׳זעט און מ׳פילט ווי אין

אים פירט זיך אַ געפּעכט פון ראיות מיט רעיונות. און ס׳פאַרענדיקט זיך מיט אַ:

— מאַ, מנע.

און מ׳דערזעט באַלד ווידער ווי שטיקער פּעך־שוואַרצער פּחד זענען נאָך פאַרשטעקט אין די ווינקלען פון זיינע אַפּלען. אים אַרט גאַר פאַר וואָס עס באַליידיקט אים דער סטרוזש פון זיין הויף. און ער וואָלט אים וועלן ווי אַ מאָל אָפּענטפערן זעלנעריש־זידלענדיק, האָט ס׳פּוילישע לשון נאָך אַלץ נישט לייטיש זיך אויסגעלייגט אויף זיין צונג, האָט נאָך דערויף קיין שליטה נישט. פּרוווט ער עס רעפּעטירן און אַרויסזאָגן, — קומט אַרויס אַ פּויליש־לשון מיט אַ גמרא־ניגון־אַקצענט, און נישט זעלנעריש־זידלעריש. ווערט דער סטרוזש נאָך מער חוזקן און באַליידיקן. איז זיינס אַ שטאַרקער באַגער: זיך אויסצולערנען און גוט באַהערשן דייטש־לשון — אויף צו קענען לייענען קאַנטן אין אָריגינאַל, און פּויליש — אויף צו קענען אויסזידלען דעם סטרוזש זיינעם כדבעי.

*

נישט אַלע שבת קומט ער אַרויף צו אונדז אין שטוב אַריין. ווייל עס טרעפן זיך אויך שבתים (און וואָכנטעג) ווען ס׳באַפאַלט אים אַ תשוקה און תאווה צום דאַווענען.

אויך ס׳ווייב האָט אים אָנגעהויבן מער באַנעמען, מער דרך־ארץ, מער ליב־געקראָגן. זי האָט אים געלאָזט יעדן טאָג אַוועקגיין אויף צוויי־דריי שעה אין דער ביבליאָטעק ביים יודאַיסטישן אינסטיטוט אין דער דייטשער שול אויף טלאָמאַצקע. ער האָט זיך שוין געגרייט פאַרבייטן זיין הלבשה, ס׳טוכענע היטל אויף אַ קאַפּעלוש; ס׳כאַלאַטל אויף אַ מאַרינאַרקע. דער פּחד האָט געגומען ביסלעכוויז אויסרונען, און זיינע אויגן האָבן פאַרלוירן פון דעם געדיכטן אימה־טונקל.

אין זייער הויף האָט זיך אַריינגעצויגן אַן אַדוואָקאַט. איז מאיר־מעכל אַרויפגעקומען צו אים אין ענינים פון געוועלבל, שפּייז, אָפּרעכענונג. — האָט ער זיך גאַר צוגעכאַפּט צום אַדוואָקאַטס ביבליאָטעקל.

צוביסלעכווייז זענען זיי געוואָרן ערנסטע שמועסער, ערנסטע בעלי־וויכוחים אויף ערנסטע טעמעס. מאיר־מעכל האָט שוין געלייענט נישקשה

דייטש, און שוין געלייענט שטיקער שפּינאָזע און קאַנט פון אַדוואָקאַטס ביבליאָטעק, ביי זיך אין קעלער־שטיבל־געוועלבל, אָדער גאָר אַפילו אין אַדוואָקאַטס קאַבינעט. יענער האָט גערן זיך געקוויקט מיט מאיר־מעכלס בקיאות און חריפות אין לומדות. ביידע האָבן זיך קעגנזייטיק דערגענצט — ער אים — אין עקזאַקטע וויסנשאַפטן, — מאיר־מעכל דעם אַדוואָקאַט — אין ים התלמוד.

דער אַדוואָקאַט האָט געהאַט געמאַכט זיין שטודיום אין דייטשלאַנד. ווי אַ מעלאָמאַן האָט ער מאיר־מעכלען אויך באַקענט מיט באַך און בעטהאָווען, דורכגעפירט פליטן־קאָנצערטן. מאיר־מעכל האָט מהנה געווען דעם אַדוואָ־קאַט — מיט חסידישע ניגונים.

— פאַר וואָס, כ׳בעט אייך, האָט נישט אונדזער לשון קיין גרויסע אותיות, מ׳זאָל קענען שרייבן גאָט מיט אַ גרויסער גימל ?

— דאָס איז חיצוניות. ביי די ביי וועמען גאָט איז אַ האַר אָדער פאַר־מולע.

אין די לעצטע צייטן האָט אין זייערע שמועסן זיך אַריינגעוועבט די טעמע — ארץ־ישראל.

מ׳האָט נישט געשטרייט צווישן זיך. ס׳האָט געטראָפן, אַז היינט האָט איינער פאַרטיידיקט דאָס וואָס ער האָט נעכטן פאַרנייגט, ווייל ס׳איז נישט געגאַנגען אין מנצח זיין אין אַ וויכוח, — נאָר ווי פירן דעם וויכוח מיט זיך גופא, און אָפט מאָל זיך אַליין סותר זיין.

— אַז יעדעס יידישע שטעטעלע אין פוילן איז ארץ־ישראל. אַז די יידן האָבן ארץ־ישראל מיטגענומען מיט זיך. אמת, נישט מיט אַלע אַטריבוטן. יידישקייט און ארץ־ישראל — איז נישט דווקא קיין געאָגראַפישער באַגריף, עס איז גיכער אַ וועלט־באַנעם, אַ ציוויליזאַציע.

ביים אַדוואָקאַט אין אַ נאָטיץ־ביכל איז שוין געווען פאַרצייכנט, צווישן פאָלקלאָר — יידישער שטייגער : מ׳שלאָפט אין אַ קאַפּל, נעגל־וואַסער, נאָכן בית־הכסא — אשר יצר, אַ ברכה פאַרן עסן, נאָכן עסן, דאַווענען, לערנען, שהחיינו איבער אַ נייער פרי ; ליכט, און הבדלה־ליכט און יאָרצייט־ליכט ; שלוש־סעודות און מלווה־מלכה, און ניגונים און אַ בשמים־ביקס, און אַן אתרוג־פושקע, און ספר־תורה־מענטעלעך און פירן צו דער חופה אַ ספר־

תורה און תעניתים, און ברכות און יאָרצייטן. פון פרימאָרגן־אָן ביז ביי נאַכט, פון מודה־אני ביז קריאת־שמע־לייענען, ביאה, פרו ורבו; פון קינדס געבוירן־אָן ביזן, נישט־געדאַכט־זאָל־עס־זיין — אין קבר אַריין, — איז אַלץ רעגלאַמענטירט, און קיין איין שעה איז מען נישט אָפּגעבונדן פון דעם ייִדישקייט־נאָפּל וואָס ציט זיך שוין זינט טויזנטער יאָרן. פון די מדבריות ערגעץ דאָרטן צווישן אַזיע און אַפריקע, פון די הרי־יהודה אין ציון, ביז די קליינע שטעטעלעך אין פוילן, ליטע, רומעניע, רוסלאַנד — רייסט זיך נישט איבער דער נאָפּל־שנור פון טראַדיציע, געזעצן, מענטאַליטעט, פאָלקס־ברידערשאַפט, הגם זי ווערט אַ מאָל דורכגעשניטן דורך בוגדים און מוסרים.

דער אַדוואָקאַט: דאָס איז אַ גרויסאַרטיקער פענאָמען, אַן אייגענע ציווי־ליזאַציע פאַר־עקסעלאַנס, אַן ארץ־ישראל אין האַרץ, ציון אַן טעריטאָריע.

מאיר־מעכל: אָבער פּטור ווערן פון פּחד לגמרי קען מען נאָר אין ארץ־ישראל גופא. אין ירושלים דלמטה. און ווער ווייסט ווי הויך מ׳קען נאָך דאָרט גרייכן צו ירושלים דלמעלה?

דער אַדוואָקאַט, ווי ער האָט נישט געוואָלט זיין לאָיאַל צו מאיר־מעכלס רייד, — אָבער דרייצן יאָר שטודיום, פּראַקטיק און לעבנסשטייגער אין לאַנד פון געטהע, שיללער, קאַנט, העגעל, באַך און בעטהאָווען — און נאָר דאָס האָט ער געהאַלטן פאַרן אויטענטישן דייטשלאַנד — האָט געלייגט זיין סטעמפּל, איז אויך אַ שטיק ציוויליזאַציע, האָט ער נאָר געקענט ענט־פערן מיט אַ באַדויער־שמייכל און מיט אַזאַ געמישטן זאָג ווי:

— טראָץ דעם וואָס איך בין אַ זיך־באַוווסטער נאַציאָנאַלער ייד, — אָבער ניקס־צו־מאַכן!

ה

און די רייד זענען געזאָגט געוואָרן שוין אין יענער צייט, ווען אַ בת־קול האָט שוין מבשר־געווען דער וועלט, — אַז אין דריי יאָר אַרום, אין טאָג פון ערשטן סעפּטעמבער, יאָר טויזנט ניינהונדערט ניין־אונדרייסיק, — וועט זיך אָנהייבן דער סוף פון וועלט־קיום.

אַלץ האָבן נאָך דעמאָלט אויערן געהערט: מוזיק פון באַך און בעטהאָ־ווען, פרייזן פון ווערטפּאַפּירן אויף בערזעס, סעקס־לידלעך אין קאַבאַ־

רעטן, פּלפּולים וועגן אַן ערוב, מחלוקתן וועגן האַלבע פּונקטן און פּערטל־פּאַראַגראַפן פון קאָנגרעס־רעזאָלוציעס; געשטיקעוועטע סטאַטיסטיקעס, נאַיִווע נביאותן און קלאָמפּערשט־וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע פּראָגנאָזן; מיט ציטער־ציטירטע פּסוקים פון מאַרקס, און עקסטאַטישע לידלעך וועגן דער הייליקייט פון דער רויטער פאָן וואָס פלאַטערט שוין אויסליי־זעריש איבער איראָפּע און איבער דעם ערד־קיילעך; מ׳הערט שוין די טריט פון פּראָגרעס און דערלייזונג — אַלץ האָט מען געהערט, — נאָר טויב איז מען געווען פאַר יענער בת־קול־וואָרעניש:

— ס׳גייט אויף אייך אַן ערשטער סעפּטעמבער יאָר טויזנט־ניינאונ־דרייסיק, — דער אָנהייב פון סוף וועלט! — דאָס האָט קיינער נאָך דע־מאָלט נישט געהערט. טאָטאַל טויב.

יאָ, מאיר־מעכל האָט געוואָלט און זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. האָט מען באַדאַרפט דערצו אַ סך געלט און נישט ווינציקער פּראָטעקציע און פּאַפּירן. אַ ביסל געלט האָט געוואָלט צושטייער־געבן דער שווער, דער גערער חסיד, וואָס האָט אַליין געהאַט אַ געוועלבל אויף דזשעלנע־ראָג־דזשיקע, אָבער כדי צו באַקומען אַזאַ אוצר, אַזאַ גרויס געווינס ווי אַ סערטיפיקאַט, פאַר אַ מענטש מיט גלייכע דרכים, אָן הינטער־גענג און הינטערוועגן — איז עס געווען כמעט אוממעגלעך צו באַקומען.

יאָ, און אין דער זעלבער צייט זענען צוריקגעקומען יידן־סוחרים פון ארץ־ישראל, פאַרקויפט דאָרט זייערע הייזער און געקומען בויען הייזער אין פּוילן, — ווייל פון נייע הייזער האָט מען דאָ געצאָלט אַ קליינעם שטייער און ס׳איז געווען אַ רענטאַבילער ענין. און ווער האַלט זיך נאָך אַזוי קלוג און פּיפּיק ווי אַ יידישער סוחר? — — —

ו

מיט דעם זעלבן גלייכגילט וואָס דער קאַלענדאַר האָט געוויזן די דאַטעס פון די לעצטע אויגוסט־טעג יאָר 1939, אַזוי האָט די זון גלייכ־גילטיק אויסגעביטן די טעג אויף די נעכט פון סוף חודש אויגוסט יאָר 1939.

ער איז געקומען דער ערשטער טאָג פון חודש סעפּטעמבער פון יאָר

טויזנט־ניינהונדערט־ניינאונדרייסיק זינט ס׳איז געבוירן געוואָרן אין בית־לחם דער סטאָליער־זון ישו הנוצרי.

דער מענטש — אַן אַלט, געפּרוווט באַשעפעניש, — אָבער צייטנווייז הייבט ער אָפּט מאָל אָן לגמרי אויף ס׳ניי פון אלף־בית, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען געווּסט, צו גאָרנישט געווען צוגעגרייט, אַ ניי־געבוירן באַשעפעניש. און אַז מלחמה, — האָט מען גיך געקויפט צו עטלעכע קילאָ צוקער און מעל. איז מען אויף דער גאַס נישט געגאַנגען פּאַמעלעך, נאָר געלאָפן, — ווי די באָמבע וואָלט נישט געקענט דעריאָגן. האָט מען אויס־געטון די קאָפּעלושן און אָנגעטון ספּאָרט־היטלען, „ליציפּעטן״, און די פרויען — טיכלעך אויף די קעפּ, אויס מאָדע, אויס גביר־אָרעמאַן.

פליען אין די עראָפּלאַנען יונגעלייטלעך, שילער, וועלכע האָבן ערשט־אָט געלערנט אין גימנאַזיע, טעכניקום, אוניווערסיטעט — פילאָזאָפיע, פּאָעטיק, געציטערט ביים וויוויסעקצירן אַ זשאַבע, זיך געדרויטלט ביים קוש־טון אַ מיידל אין פּאַרק, — און אָט שוין צילן זיי פון די עראָפּלאַן־קוילנוואָרפער, אָדער גיבן אַ קוועטש אַ קנעפּל אין עראָפּלאַן און לאָזן אַרויספאַלן אַ פינפהונדערט־קילאָדיקע באָמבע. און הייזער פון פיר שטאָק און אַכט שטאָק, מיט שיינע געזימסן און אָרנאַמענטן ווו עס האָבן זיך גע־נעסטיקט טייבעלעך, הייזער מיט מאָדערן־געמאָלענע ווענט, מאָדערן מעבל, קלאַסישע אייל־בילדער, זיידענע נאַכט־פּיזשאַמעס, פּליושענע שלאָפראָקן, בודואַרן מיט פאַרביקע שטימונגס־אַבאַזשורן, און ליאַלקעס, און לאַכנדיקע קינדערלעך מיט באַנאַנעס אין די פיסקלעך; און פרויען אין אויספער־פומירטער נאַכטוועש; און קליינע, נידעריקע הייזלעך מיט פייכט־פאַר־חושכטע ווענט, מיט געלעכערטע שויבן, פאַרשטאָפּטע מיט שמאַטעס; און בלייכע שווינדזוכט־קינדערלעך דאָרטן, — איין באָמבע האָט פאַרקנעטן די קינדער אין ציגל; בודואַרן מיט האַלבע בעטן זענען אַרויסגעהאַנגען פון איין פענצטער, — פון אַ קייגנאיבערדיק פענצטער: אַ פלאַטערנדיקער פאַרבלוטיקטער טלית, אַן איבערגעקערטער וואַנט־זייגער און די ווייזערס באַוועגן זיך נאָך, זיך נישט אָפּגעשטעלט, מעסטן די צייט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

ביי דער חורבה אַרום ליגן געהרגעטע פערד, און פרויען אין גרויסע טונקעלע טיכער, און באַנדאַזשירטע זעלנער שטייען אַרום די פערד און

שניידן גיך מיט טעמפּע קיך־מעסערס שטיקער פּגירה און וויקלען עס איין אין צייטונג און איילן גיך דערמיט אַהיים — עס אָפּקאָכן אָדער גאָר פּאַר־קויפן און טוישן עס אויף ברויט אָדער בראָנפן. שריפות פון ביידע זייטן גאַסן. לויפט מען איבער די שמאָלע ברעטער איבער די אויסגעגראָבענע אָקאָפּעס און מען מיינט אַז אויף יענער זייט קען מען זיך ראַטעווען, אַנט־רינען, און קיינער וויל נישט צוריק, און מ׳שטופּט זיך איינס ס׳צווייטע און מ׳פאַלט אַריין אין די טיפע, אויסגעגראָבענע ראָוועס. ווער עס טראָגט אַ קישן פון דער ברענענדיקער שטוב, ווער אַ נאַפט־מאַשינקע מיט אַ קריגל וואַסער. און ווער עס טראָגט בהלהדיק אַ שטייגל מיט אַ קאַנאַריקל. —

נעכטן זענען נאָך אַלע געווען באַלעבאַטישע, לאָגישע, ניכטערנע מענטשן, מיט מידות, טאַקט, טראַדיציעס, מיט קאַפּיטאַלן, מיט שטאַנד־פּונקטן. איצט, — קוק־אָן דעם האָמאָ סאַפּיענס! יעדעס שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ קוימען אויפן דאַך, — האָט אויסגעזען ווי אַ צייכן פון שפּיאָנען צו די דייטשע פליער; אַ מענטש מיט אַ קרום מויל, איינער מיט אַן אויסגעדרייטן דאַשעק פון היטל, איז מען אים גלייך חושד אין שפּיאָנאַזש און שוין אויפן אָרט לינטשט מען, מען צעררייסט אויף שטיקער. מ׳איז נישט זיכער צי דער פּאָליציאַנט איז נישט קיין פאַרשטעלטער, דער אָפיציר — אַן איבערגעטוענער.

און אין דער הייך פליען די דייטשישע עראָפּלאַנען, וואַרפן צינד־באָמבעס, און נאָך דעם ווי ס׳הויז איז שוין חורבה, און דער הימל אַ שריפה־חופּה, — הערט מען אָפּט ערשט די וואָרענונג פון פּוילישן ראַדיאָ־ספּיקער, וואָס קלינגט אַזוי שפּאָטיש־חוזקדיק:

— „אוּוואַגאַ, נאַדכאָדזשי!“.

*

און וואַרשע האָט קאַפּיטולירט נאָך פאַר סוף סעפּטעמבער, און ס׳זענען אַריין די דייטשן אין שטאָט אַריין.

ז

גרין. גראָז איז גרין. בלעטער זענען גרין, פאַראַן גרין אין אַ סך ניואַנסן, גרין־סעלעדין, העל־גרין, טונקל־גרין, ליכטיק־גרין, סקאָרפּיאָן־

גרין און — דייטש־גרין. גרין פון מונדיר פון אַ דייטשישן זעלנער. גרין פון זיין היטל מיט דער הויכער, מוראדיק־פאַרשאַרצטער אויף־אַרויף דענקע. דער גרין פון אַ רעגן־מאַנטל פון אַ דייטשישן סאָלדאַט.

פאַראַן קולות און קלאַנגען פאַרשידענע: פון אַ קינד, פון אַ קלאַוויר, פון אַ טענאָר, פון אַ היענע, אַ שאַקאַל, און אַ קול פון אַ דייטש, בעת ער גיט אַ געשריי צו אַ דורכגייער אין דער אָקופּירטער שטאָט:

— הענדע האָך!

זייער גרין און זייער קול! צו וואָס פאַרגלייכן? געשטאָרבן אַלע פאַרגלייכן. נישט אַשמדאי און נישט סקאָרפּיאָן, נישט היענע און נישט שאַקאַל, — דייטש־גרין און דייטשישע זעלנער־שטימע! — פּחד איבער אַלע פּחדים ס׳בלוט — אייז. פּחד כפל עקל, — דייטש־גרין, דייטש־גרין! דייטש־גרין!! הענדע האָך!! הענדע האָך!!

*

מאיר־מעכל האָט שוין געהאַט די לעצטע יאָרן עטלעכע פריינד זיינע, וועלכע זענען געקומען שבת צו אים אין שטוב אַריין, אין קעלער אַריין, און ווי ס׳איז אים נישט געווען ווייטלעך די שמועסן איבער פּאָלי־טיק, סאָציאָלאָגיע, פונדעסטן האָט מען שוין געהערט דאָרט ציטאַטן פון פּרודאָן, באַקונין, קראָפּאָטקין, פונקט ווי פון רנ״ק, שד״ל, משה מענדעל־סאָן און עיקר העיקרים — ברוך שפּינאָזע. מאיר־מעכל האָט הנאה־געהאַט פאָרלייענען פון זיין העפט עטלעכע שורות — און דערנאָך שווייגן, לאָזן פילן דעם אַראָמאַט דערפון, דעם ניגון, וואָרום געלייענט האָט ער סיי־ווי מיטן ניגון פון קאַריוּוער בית־מדרש:

— „גאָט, — באַנעם איך אַלס דאָס אומענדלעכע, אומבאַדינגטע זיין. דאָס הייסט — אַ סובסטאַנץ וועלכע באַשטייט פון אַן אומענדלעכער צאָל אַטריבוטן, פון וועלכע יעדער פון זיי דריקט־אויס זיין אייביקן און אומ־ענדלעכן מהות״.

פילט ער, אַז מ׳האָט שוין צעקייט, דערפילט דעם טעם פון דער פּרי, לייענט ער אַ שטיקל קאַנט:

— „אַז אונדזער פולע דערקענטעניש הייבט זיך־אָן פון דערפאַרונג — אונטערליגט נישט קיין שום ספק. דער אָנפאַנג פון יעדער דערקענטעניש

איז — דערפאַרונג. און הגם יעדער אָנפאַנג — איז אויסגעפּרוּווטקייט, הייסט עס נאָך נישט, אַז אַלץ קומט פון דערפאַרונג. ווייל אונדזער דער־פאַרונג־דערקענטעניש באַשטייט פון דעם וואָס מיר באַקומען דורך די איינדרוקן, און וואָס די דערקענטעניש־פעיִקייט אונדזערע קומט נאָר דורך אונדזערע חושים גופא. פאַראַן אויך אַפּריאָרי־דערקענטענישן, וועלכע מיר טיילן־אָפּ פון דערפאַרונג־דערקענטענישן, וואָס זייער קוועלע איז אַן אַפּאָסטעריאָרי. יעדע ענדערונג האָט זיך איר סיבה, איז זי שוין נישט קיין ריינע אַפּריאָרי, — ווייל ענדערונג איז אַ באַגריף פון נסיון״.

ווייטער:

— „צייט איז נישט קיין דערפאַרונג־באַגריף. אויך דער חלל איז נישט דערפאַרונג־באַגריף. וואָס איז קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט? פאַרנונפט איז יענער טאַלאַנט, וואָס ברענגט אַרויף די פּרינציפּן פון דער־קענטעניש — אַפּריאָרי. ריינער פאַרנונפט איז דער, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך די פּרינציפּן צו דערקענען אַפּריאָרי אַלץ און אַלעם״.

אָט אַזעלכע מיני פסוקים, אויסצוגן, זאָצן האָט מאיר־מעכל פאַרגעלייענט און געלערנט מיט עטלעכע זיינע באַקאַנטע ערשט אין שבת פאַרן ערשטן סעפּטעמבער יאָר 1939.

*

ס׳איז שוין ערשטער אָקטאָבער 1939. אויך מאיר־מעכל טראָגט שוין אַ „ליציפּעט״ און נישט ס׳פּויליש־יידישע שוואַרץ־טוכענע היטל. און ער טראָגט שוין אַ קורץ רעקל במקום ס׳לאַנגע צייגן־כאַלאַטל. נאָר די באָרד איז אים במשך דעם לעצטן חודש דווקא טאָפּלט לענגער געוואָרן. און פּחד? ער פּרוּווט עס פאַרטרייבן מיט פסוקים און ציטאַטן, וועלכע שפּאַצירן תמיד אַזוי פראַנק־און־פריי אין זיינע מחשבות. ס׳רוב מענער, יידישע, לויפן צום בוג, אויפן מזרח, אין דעם טייל פּוילן וואָס איז שוין אָקופּירט דורך די סאָוויעטן. ער וועט נישט לויפן. וווּ וועט ער לאָזן ס׳ווייב מיט די דריי קינדער? און צי קען מען טאַקע אַנטלויפן פון גורל? ער זיצט דאָך אין דיר, און גייט מיט דיר. ערגעץ ווו איז דאָך פאַראַן דער חשבון פון האַר־מאָניע. איך — מיינט איך מיט מיין גורל. בכלל — דאָס מין לויפן, — ניין, — מ׳אַנטלויפט נישט. — — —

*

אין יענע טעג ווען מ׳האָט נאָך געהאַט די שטאָט באַשאָסן פאַרן סוף אָקטאָבער, און אַלץ און אַלע זענען געווען אין בהלהדיקער געלויפעריי, האָב איך אים געטראָפן שטיין אויף אַ ראָג פון צוויי גאַסן, אַן אָנגעלענטער אין אַ וואַנט און פאַרטראַכט. כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז ער זעט איצט זיין שטאַרבנדיקן טאַטן, אין יענעם פאַרחושכטן שטיבל אין קאַריוו, וואָס האָט כמעט קיין מאָל קיין זונליכט נישט אַריינ־געלאָזט. ער זעט זיין געבויגענער מאַמען אַראָפגיין פון די פינף שטיגלעך אין מאַרק אַריין, און דאָס צעהאָדערטע, פון רויט אָפּגעבליאַקעוועטן קאָפּ־טיכל פלאַטערט בהלהדיק און פאַכעט אין רופט — צום פוסטן מאַרק דאָרט, צי צו אים דאָ־אַהער?

ער איז מיט מיר אַראָפּגעגאַנגען דורך די פינף שטיגלעך צו זיך אין שטיבל־קעלער אַריין. ס׳וויב מיט די קינדערלעך — צונויפגעטוליעט אין אַ ווינקל טישל. חיה, זיין ווייב האָט מיטן עלטסטן ייִנגעלע, זלמנלע (אַ נאָמען פון זיין טאַטן), געלערנט פון אַן אָפּענעם סידור — זאָגן קדיש. אַזוי האָט מאיר־מעבל פון איר פאַרלאַנגט. אין שוואַרצן איינבינד זענען גע־שטאַנען אויפן ספרים־שענקל אויך: שפינאָזעס „עטיק״ און קאַנטס „די קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט״.

— ניין, משה, איך וועל נישט אַנטלויפן —

און געזאָגט האָט ער דאָס, דאַכט מיר, מיט אַזאַ סאָרט קול — וואָס קליינע ייִדישע ייִנגלעך שטעלן זיך פאָר — אַז אַזוי רופט־מען־אויף חצות אין פאָליש — מתים צו דער תורה.

*

און דאָס וויטערדיקע איז געשען סוף אָקטאָבער. די דייטשן זענען שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ רשימה, וועלכע דירות צו קאָנפיסקירן פאַר זיך. די דירות פון אַדוואָקאַטן זענען געווען פון די ערשטע. פון טייל דירות האָבן זיי נאָר אַרויסגעפירט ס׳מעבל און אין טייל דירות האָבן זיי נאָך צוגעבערענגט מעבל. געוואַשן און גערייניקט די דירות האָבן די געכאַפּטע אין גאַס יונגע ייִדישע פרויען. צו דער פאַרווײַלונג פון די דייטשן האָט געהערט, אַז די פרויען זאָלן וואַשן און אויסווישן די פּאָדלאָגעס מיט זייערע

אונטערהייזלעך. ס׳מעבל האָבן אַרויפגעטראָגן און אַראָפגעטראָגן די געַ־כאַפּטע יידן פון די אַרומיקע הייזער.

מאיר־מעכל האָט באַדאַרפט אַראָפּטראָגן ס׳מעבל פון אַדוואָקאַט און אויפלאָדן אויף אַ לאַסטאויטאָ. די גאַנצע ביבליאָטעק דעם אַדוואָקאַטס האָט מען אָנגעלייגט אויף אַ קופּע, באַגאָסן מיט נאַפט און געגרייט צום אונטערצינדן. צוויי דייטשע זעלנער זענען געשטאַנען ביים פאַרברענען. איינער מיטן פּנים פון אַ חזיר, וואָס האָט אַוודאי געוואָלט געבוירן ווערן אָן אויגן, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט מען אים אַ שטאָך־געטון מיט יענעם מכשיר מיט וועלכן מ׳גרייט־צו לעכער פאַר די אויגן, און ער איז אַרויס בלויז מיט קליינע אויגן־לעכער. קיין אַפלען־פינטעלעך האָט מען ביי אים נישט געזען. דער צווייטער דייטש, מיט געשליפענע האָלבעברילן, מיט אַן אולקוס־פּנים, וואָלט ער נישט געווען קיין דייטש, וואָלט מען אַזאַ פּנים געקענט באַצייכענען ווי אַ פּנים פון אַן אינטעלעקטואַל.

דאָס חזיר־פּנים — האָט געוויזן דעם אולקוס־פּנים די ביכער — רוימישע געזעצן, האַמוראַבּיס לוחות. דייטשע ביכער מיט די נעמען: געטהע, שיללער, קאַנט, פיכטע; האָט דאָס אולקוס־פּנים, מיט אַ קול וואָס איז גרין־גיפטיק ווי אַ סקאָרפּיאָן און דעמפיק־באַסיק ווי אַ שאַס־אַפּהילך, — אַ דייטש־ריטש־געטון:

— שייססע! וועקשמייסען!

אין אַ באַזונדערער קופּע האָט מען אַוועקגעלייגט די געבונדענע ווערק פון קאַרל מאַרקס, פרידריך ענגעלס, פערדינאַנד לאַסאַל, ווילהעלם ליב־קנעכט, קאַרל ליבקנעכט, ראָזאַ לוקסעמבורג, לענין, טראָצקי, דעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט.

דער אַדוואָקאַט, דער הער רעכטסאַנוואַלט, נאָך דעם ווי ער האָט צוזאַמען מיט מאיר־מעכלען אַראָפּגעטראָגן דעם קלאַוויר און געזען גראָד ווי מ׳וואַרפט אין פייער אַריין עטלעכע בענד קאַנט: „די קריטיק דער ריינען פערנונפט", „קריטיק דער אורטיילסקראַפט", — האָט ער זיך געוואָלט אַ חכמה־טון מיט דעם אולקוסדיקן אינטעלעקטואַל און אַ פרעג־געטון אין קלאַסישן דייטש:

— וויפל, מיינט ער, וועגט דער רויך פון די אַלע פאַרברענטע ביכער?

ס׳אולקוס־פּנים האָט, זעט אויס, יאָ עפּעס געוווסט וואָס די פראַגע מיינט, אַז זי ווערט דערמאָנט אין קאַנטס ווערק, נישט געדענקט, זעט אויס, דעם ענטפער, האָט ער די פראַגע, דעם אַדוואָקאַטס, פאַרצייכנט ביי זיך אין בלאָקנאָט און אויסגעסקאָרפּיאָנט אַ שמייכל צום אַדוואָקאַט:

— יאָוואָהל! —

דאָס האָט שוין גענוגט צו דערמוטיקן דעם הער רעכטסאַנוואַלט מיט איראָניע אַ פרעג־צו־טון:

— זינד געטהע, שיללער, קאַנט, העגעל, פּיכטע, — קיין דויטשע?

ס׳חזיר־פּנים האָט געקוקט אויפן אולקוס־פּנים און ס׳האָט געענטפערט אַ שווייגן, — וואָס האָט זייערס אַ ספּעציעלן צייכן.

דערנאָך האָט דער אַדוואָקאַט אַראָפּגעטראָגן זיין פּאַטעפאָן מיטן שענקעלע פּליטן. אַרויסגענומען איינע פון די פּליטן און אַ פרעג־געטון ביים אולקוס־פּנים צי ער קען זי לאָזן אויפשפּילן.

אַ שאָקל מיטן קאָפּ, וואָס מ׳איז נישט זיכער צי ס׳באַדייט ביי זיי יאָ אָדער ניין. דער הער רעכטסאַנוואַלט האָט אַרויפגעלייגט די פּליטע. ס׳איז געווען די פערטע טייל פון בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע. דער כאָר הייבט אָן מיט דער תפילה, — וואָס ביי מעלאָמאַנען איז עס די הייליקסטע תפילה זינט אַלע צייטן.

אין רויך פון די פאַרברענטע ביכער, אין דער גרין־פאַרפרוירענער שרעק פון די אַנגעיאָגטע יידן און עטלעכע גרין־סקאָרפּיאָנעדיקע דייטשן — האָט אַ הילך־געטון דער כאָר פון שיללערס „אָדע צו דער פרייד” מיט בעטהאָווענס מוזיק־באַגלייט:

Freude, Schöner Göterfunken
Tochter aus Elysium,
Wir betreten Feuertrunken
Himmlische dein Heilligtum.
Deine Zauber binden wieder
Was die Mode streng geteilt:
Alle Menschen werden Brüder

משה גראָסמאַן

Wo dein sanfter Flügel weilt...
Freude trinken alle Wesen
An deu Brüsten der Natur!...

און דער אַדוואָקאַט שטייט און דיריגירט־צו מיטביידע הענט. חזיר־פּנים קוקט אויף אולקוס־פּנים מיט אַ פראַגע־סימן. ער באַקומט אַן אויגן־ענטפער וואָס נאָר זיי פאַרשטייען. ער רופט־צו דעם סטרוזש פון הויף און הייסט ברענגען עטלעכע רידלעס.

מאיר־מעכל מיט נאָך אַ ייד טראָגן אַראָפּ אַ קרעדענס, און ביים אַראָפּ־לאָזן אויף דער ערד, ווערט ס׳גלאָז פון קרעדענס צעבראָכן.

מ׳שטעלט אָפּ ס׳טראָגן. דער אַדוואָקאַט, מאיר־מעכל און נאָך עטלעכע יידן, וואָס האָבן אַראָפּגעטראָגן ס׳מעבל, האָבן באַקומען רידלעס אין די הענט און דאָ אויפן אָרט באַדאַרפט גראָבן אַ גרוב. די לאָפּעטעס האָבן תחי־לת געגראָבן וואָקלדיקע, מיט פרעגצייכנס, — וואָס זאָל דאָס מיינען און באַדייטן? שפּיצרוט־שמיץ איבער די העלדזער און קעפּ — האָט אונטער־געאיילט ס׳גראָבן, האָט פאַרטריבן די פרעגצייכנס.

אין טויער זענען שוין געשטאַנען צונויפגעסטאַרעטע די ווייבער — פּי, וואָס דערזעען שוין פון ווייטנס און דערשמעקן דעם ריח פון שעכטהויז. דער גרוב איז אויסגעגראָבן, יעדער שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט אַ פוס אָנגעלענט אויפן רידל.

ששששטיללל. אַזאַ שטילקייט מסתמא נאָך פון פאַר בריאת העולם. אַ פינגער פון חזיר־פּנים־דייטש גיט אַ ווייז — ער איז אָנגעדייט אויף מאיר־מעכלען:

אַריין אין גרוב.

ער הייבט אויף די אויגן צום הימל. ס׳איז דאָרט פּעך־שוואַרץ. ווו איז די זון? אויך באַהאַלטן? הינטער די וואָלקנס? שוואַרצע וואָלקנס ווי דער פּעך פון גהינום. עפּעס ווערט יאָ רעז אין אַ ווינקל הימל. ניין, ס׳איז גאָר ס׳רויטע אויסגעבליאַקעוועטע טיכל פון איבער זייער געוועלבל, אי־בער די פינף שטיגעלעך, ס׳פּאַכעט, ס׳פלאַטערט, ניין, די מאַמע גאָר פּאַכעט מיטן טיכל. צי איז עס אַ שטיק אויסגעבליאַקעוועט־רויטער וואָלקן?

די אַנדערע יידן שיטן אויף אים לאַפּעטעס ערד. ר׳איז שוין ביז אין דער העלפט פאַרשאָטן. עפנט ער נאָך אַ מאָל די אויגן. קוקט ווידער אַרויף צום הימל, זוכט, — ער שעפּטשעט צי ער שרייט? —

משמים הביט ה׳, ראה את כל בני אדם — מוציא אסירים ופודה עניים ועוזר דלים — כי אתה שומע תפילת כל פה — ואת שועתם ישמע ויושיעם — שומר ה׳ את כל אוהביו ואת כל רשעים ישמיד. אל יי׳, אל נקמות הופיע —

צי דערזעט ער איצט יענעם פאַסטעך פאַר טאָג, מיט דער בייטש? ווייל פּלוצים גיט מאיר־מעכל אַ ציַ־אויס אין דער ברייט די רעכטע האַנט און מיטן גאַנצן כוח אַ שליידער־שמיץ־אַרויף צום הימל, — ווי ער וואָלט אַרויפדערלאַנגט אַ סווישטשענדיק שמיץ מיט אַ בייטש, ס׳מויל גיט זיך אים אַ צעקרים און ער גיט אַ ריטשע אַרויף צום הימל:

— זשיד!

אולקוס־פּנים מאַכט איצט פּסיכיק־פאַרשונג. האָט ער מיטן ווונק באַפוילן אָפּצושטעלן ס׳פאַרשיטן, ער דאַרף זען ווי אַזוי דאָס אינדיווידואום מיט דער האַרט־שוואַרצער באַרד רעאַגירט מינוטן פאַרן טויט, ווי אַזוי עס ברעכט זיך זיין פּסיכיש גלייכגעוויכט, — דאָס וויל ער אָבסערווירן צו שטודיום־צוועקן. די יידן האָבן אָפּגעשטעלט ס׳גראָבן און שיטן. שטייען רידלעס שיעף, שטייף, פאַרקראַמפּטע אין הענט.

מאיר־מעכל שרייט, רופט, ביילט מיט אַ פויסט —.

— אין לו דמות הגוף ואינו גוף — האָב יאָ אַ גוף, גאָט, קום מיט דיין גוף אַראָפּ צו מיר אין גרוב אַריין! —

און מאיר־מעכל רעדט צו די יידן, פרעגט ביי זיי, ווי זיי וואָלטן זיין די שליחים פון גאָט:

— טבעו גויים בשחת עשו, — האַ? איינגעזונקען זענען די פעלקער אין דעם גרוב, וואָס זיי האָבן געמאַכט. —

ס׳מויל פאַרהאַקט זיך אים, ער קייט די צונג, צעבייסט זי, רייסט אויף ס׳מויל, — און ווידער צום הימל:

— שים ה׳ מורא להם! — טו גאָט אַ מורא אויף זיי! — ס׳מויל קייט

און רעדט שוין קלאַנגלאָז, ווי אַ פיש, ער שפּייט אַרויס לופט, כאַפּט אָטעם, שפּייט רייד:

— הללויה, לויבט־אים, הללוהו בתקע שופר, בתוף ומחול, הויבץ־אים, לויבץ־אים, מיט שופרות, מיט פּויקן, מיט האַרפּעס, גיטאַרעס, מיט טאַנץ, מיט טענץ און געזאַנג. — ער הייבט אָן זאָגן גיך, זיך יאָגן, ווי אין אַ ווילד־צעפּלאָשעט געלאָף: לויבצים! הללוהו בצלצלי־שמע, הללוהו בצלצלי תרועה, כל הנשמה תהלל יאָ, יה יאָ? — נ—יי—ן!!!

דערנאָך נעמט ער קלאַפּן מיטן פויסט אין האַרץ אַריין. ניין, נישט קיין על־חטא שלאָגט ער זיך, ער פּויקט אין האַרץ אַריין מיט אַ מאַרש־ריטעם. ווי מ׳וואָלט גערופן ערגעץ מיט אַ פּויק אין שלאַכט אַריין, אַרויסצולויפן פון די אָקאָפּעס און זיך וואַרפן אויפן שונא. מ׳הערט שוין קוים זיינע קנאַפּ־אַרטיקולירנדיקע רייד:

— טאַראַבאַראַבאַסאַ, — אַל תעזבני! טאַרראַבאַראַבאַססאַ, — אלו־הני! — טאַראַבאַראַבאַסאַ, טאַרר — — —

און בלייבט פאַרשטייפט. ער לעבט נאָך. די אויגן פאַרקוועטשט. שוויס־אַנגסט. — פראָסט. פאַרפרוירן אַרום מויל. אין אַ רגע אַרום און אויף דעם מת־ווייסן פּנים דערזעט זיך אַ קליינע ענדערונג, עפּעס ווי אַ בלוט־טראָפּן. מ׳זעט, אַז ס׳קומט צושטאַנד אַ שינוי אין זיין גוף. ס׳גיבן זיך אַ רייס־אויף די אויגן און אַ פלייץ ווי פון אַ פייערבאַרג — פייערדיקע גלייִקע טרערן, האָט ער די פויסט אויפגעמאַכט, רוּיִק צוגעלייגט די האַנטפלאַך הינטערן אויער און אָנגעהויבן זינגען, בנעימותדיק, מתיקותדיק, — דעם מאָדזשיצער ניגון — „אזכרה״.

די רידלעס שטייען נאָך אַלץ שיפּע, שטייפע. אויף זיי אָנגעלענטע פיס פאַרשטייפטע, און פאַרקראַמפּטע הענט פון ערב־מתים האַלטן זיי אַזוי אומבאַוועגלעך.

אולקוס־פּנים האָט אַ וויַיז געטון מיט אַ רעוואָלווער־פינגער צום רעכטסאַנוואַלט, אַז ער זאָל נאָך אַ מאָל אויפשטעלן די זעלבע פּליטע וואָס פריער.

דעם מאָדזשיצער רבינס ניגון „אזכרה״ און שיללערס־בעטהאָווענס „אַלע מענטשן ווערדען ברידער״ פאַלן זיך אויפן האַלדז, פּאַטשן־זיך, קושן־

זיך, באַשפּייען־זיך, צי רייסן פון זיך שטיקער? דער ניגון האָט אויפגע־הערט, ס'שטיקל רויט אין וואָלקן פון אַ זייט הימל איז שוין ווידער שוואַרץ. פּעך־שוואַרצע־וואָלקנס, אַ פּעך־שוואַרצע זון — מאיר־מעכל האַלט צע־שפּרייטביידע הענט פון גרוב־אַרויס. אולקוס־פּנים גיט אַ בייטש־ריטש:

— קיין צווייטער יעזוס כריסטוס מער! הענדע האָך!!! —

און מ'לייגט אים אַרויף, מאיר־מעכלען, די הענט אויפן קאָפּ. און דער הער רעכטסאַנוואַלט, וואָס שטייט נאָך אַלץ מיט ביידע הענט צעשפּרייט אין דער ברייט צעקרייציקט, און דיריגירט נאָך אַלץ דעם פרייד־הימן „אַללע מענשען ווערדען ברידער" — באַקומט זיין גענאַדע־שאָס אין דער שלייף. און די הענט זיינע זענען שוין מער נישט קרייציק־אויסגעשפּרייט. און אין טויער, דורך אַ שפּאַלט, זעט מאיר־מעכלס ווייב ווי די לעצטע לאָפּעטעס האָבן אים פאַרשיט. אַ פּראָסט פאַרפרירט איר די געדערים. אַ קנויל אין גאָרגל. די צונג — לעדער, געליימט. און זי גיט אַ כליפּ אַריין זלמנען אין אויער אַריין:

— זאָג שוין קדיש, זלמעלע! —

עכאָ פון מאַדזשיצער ניגון, שיללער־בעטהאָווענס „אָדע צו דער פרייד" — אַללע מענשען ווערדען ברידער — און זלמנלעס קינדישער געכליפּ — יתגדל ויתקדש שמיה רבא — מישן זיך ערגעץ צונויף אין איין ניגון, וואָס שלאָגט זיך אַרויף צו די שוואַרצע הימל־וואָלקנס. און אַ בת־קול פון דער ערד דערהייבט זיך איצט אַרויף צום הימל און איז מבשר:

די וועלט איז אונטערגעגאַנגען! —

און ס'ווערט צובאַגלייט מיט אַ דייטשישן „יאַוואָהל!" און בילן־אַפּהילך פון דייטשישע קוילנוואַרפער.

בית־חולים בילינסון, מאַי־יוני 1960 — רמת־אביב, סוף פעברואַר 1961.

נתן מילשטיין

א

איז דאָך תמיד אין די יולי־טעג פריילעך־הייס, ליכטיק־ווייס, מיט אַ צומיש פון זונגאָלד, און ס׳פאַרטראָגט זיך דעמאָלט נישט קיין שוואַרץ. ווער שמועסט נאָך ווען דאָס שוואַרצע איז — אַ לוויה־עגלה. ס׳איז מבייש דאָס העל־ווייסע; דאָס ליכטיקע זונגאָלד. ס׳פאַרטראָגט אַפילו נישט די טרויער־קלעפּסידרעס אויף די קיילעכיקע רעקלאַמע־קיאָסקן, די שוואַרצע טרויער־ראַמען.

נאַטאַן מילשטיין האָט געטראָגן אין די זוניק־העלסטע און הייסטע זומער־טעג אַ שוואַרצן קאַמגאַר־אַנצוג און אַ ברייטן פעסט־אויסגעבונדע־נעם שוואַרצן קראַוואַט. האָט ער אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקע, גייענדיקע טרויער־קלעפּסידרע.

און דערצו איז נאָך זיין פּנים העל־ווייס, מיט אַ נייגונג צו בלאַס, אַ מין פּרעטענציעזע איידעלע בלאַסקייט. רונדיק־פול — און דאָך פעלט עפּעס צו דער פולער רונדיקייט און פולער פולקייט. לאָמיר זאָגן — ווי די לבנה אין איר עלפטער חודש־נאַכט. דער קאָפּ האָר — בלענדיק־בלאָנד. אויך דאָ פאָדערט זיך אַ קאָרעקטע; בלענדיק־בלאָנד איז אַ ביסל איבערגעטריבן — ס׳איז אייגנטלעך — אַ מידע בלענדיקייט, גיכער געגייגט צו מאַטקייט.

און זיינע הענט — אויסגערוטע, מיושבדיק־ווייסע, מיט שמאָלע לאַנגע פינגער, שיער־נישט פרוילעכע, אָבער אומרויִקע, רעוואָלטירנדיקע. אויף איינעם פון די פינגער — אַ קידושין־רינגל. ער איז נאָך אַ יונגער בחור, צו קיין קידושין האָט ער נאָך נישט קיין שייכות, נאָר ס׳איז אַ דין פרויען־רינגל, פון זיין מאַמען דער יונג־פאַרשטאָרבענער, צו דרייאונדרייסיק.

ער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים פערצן. ס׳רינגל טראָגט ער צום אָנדענק פון דער מאַמען אין וועלכער ער איז שטאַרק געראָטן. און ר׳האָט

זי ליב געהאַט אַזוי, ווי אַ בן־יחיד האָט ליב אַ יונגער, איידל־בלייכער מאַמען, וועלכע האָט אָפּט אונטערגעקרענקט, געווען פאַרבענקט, אומעטיק, געליטן פון מאַנס האַרטקייט. אויף אירע פינגער האָבן נאָך געציטערט רעשטלעך פון שאָפּען־מעלאָדיעס, וואָס זי פלעגט שפּילן מיידלוויז אויפן קלאַוויר, און אויף אירע ליפּן — רעשטלעך פערזן פון סלאָוואַצקי, וואָס זי האָט אַמאָל דעקלאַמירט.

צו דער ערשטער יאָרצייט דער מאַמעס, ביים באָדן זיך אין ווייסל אין וואַרשע, האָט ער שוין נישט געוואָלט צוריק אַרויס. אַ כמעט־דערטרונ־קענעם האָט מען אים דעראַטעוועט.

שוין עטלעכע יאָר זינט דענצמאָל. מער פּרוּווט ער שוין נישט אַזעל־כעס, נאָר אָפּט שלאָפט ער אויפן בית־עלמין. אין קעשענע טראָגט ער אַ רעוואָלווער. דאָס איז נישט קעגן אים געווענדט, נאָר קעגן טאַטן זיינעם, אויב ר׳וועט אויף ס׳ניי חתונה־האָבן. ר׳האָט עס געלאָזט צוויסן טון דעם טאַטן זיינעם.

ב

צו יחוס אין וואַרשע האָט געהאַט אַ שייכות אויך — ווו מ׳האָט גע־וווינט. אין וועלכער געגנט, גאַס, הויף, אויף וועלכן שטאָק. אין פראָנט צי אין סאַמע סוף, הינטן, נאָענט צום הויף־קלאָזעט.

אין דער יידישער געגנט זענען געווען די „געמיינסטע" געסלעך — די אַסטראָווסקע. — אונטערוועלט און אָרעמקייט. די וואָלינסקע און סטאַווקע־געסל — חצי אָרעמקייט, חצי אונטערוועלט (געווען אויך אַזעלכע באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן בעתן „צעזאָן" געאַרבעט אין זייער פאַך, נאָר אַז ס׳איז נישט געווען קיין אַרבעט, דער סעזאָן האָט זיך געענדיקט, האָבן אייניקע זיך אָפּגעגעבן אויך מיט גנבענען). סמאָטשע־גאַס — איז שוין דער עיקר — אָרעמקייט און אַ ביסל אויך אונטערוועלט. אָבער אויך אויף סמאָטשע און אַפילו סטאַווקע — אויב מ׳האָט געוווינט אין פראָנט, ערשטער שטאָק, — איז דאָס שוין געווען אַ מער בכבודיקער, פאַרמעגלעכער, — אַן אייגנטימער פון אַ בעקעריי, בלעכעריי, יאַטקע, פיש־בויד. די דזשיקע־גאַס —

וועגדט זיך שוין אין וועלכער טייל, — צי העכער פון וואָלינסקע, צי נענטער צו גענשע און דזשעלנע, נאָוואָליפקי.

די קופּיעצקע־גאַס, אין וועלכער מ׳איז אַריין פון דער דזשיקע (צווישן וואָלינסקע און גענשע) און האָט אַרויסגעפירט אויף די נאַלעווקעס — דאָרט האָבן שוין געוווינט כמעט כולו יחסנים, בכבודיקע, פאַרמעגלעכע, גבירים, מיטלקלאַס, באַלעבאַטישע מענטשן. און ווער ס׳האָט געוווינט, למשל, אויף אַזאַ קופּיעצקע, און אין פראָנט, און אויפן ערשטן שטאָק, — דאָרט האָבן געוווינט די מילשטיינס. דאָרט האָט געוווינט זיין טאַטע און ער. זיך באַמיט צו זיין אין דער היים, ס׳רוב דאַן ווען דער טאַטע איז נישטאָ.

דער טאַטע זיינער איז אַדמיניסטראַטאָר פון עטלעכע הייזער. אַ יחסן, פון שיינער משפּחה, און האַלט אָן דעם מאָדעל, — הויך, יחסנותדיק־ברייט, אַ שיינע, בכבודיק־ברייטע באָרד, אַ תקיף, אַ חסיד און היינטוועלטיש.

אָבער נאָר באַטאָג. ווי נאָר ס׳קומט־אָן דער פאַרנאַכט פון מערב, און פון דער זון ווערט אַ גהינום־פלאַם דאָרט נידעריק איבערן גענשער בית־עולם, — לאָזט ער גיך אַראָפּ די געלע שטאָרן און פאַרהאַקט ס׳פענצטער. און אַז אויף די שטאָרן אונטן שפּרינגען נאָך אַרום פאַרבליבענע זון־העזעלעך, שאָקלט ער מיט די שטאָרן, ווי דאָ וואָלטן זיין פאַרגנבעט ליכט־עכברים, טרייבט זיי, די זון־העזעלעך:

— אַראָאָס פינדאַנע!

און ער צינדט־אָן נ׳לאָמפּ און מאַכט־אויף ס׳חשבון־בוך. נעמט פאַר־שניצן ס׳שרייבפענדל, לייגט־איין די צאָלונגס־צעטעלעך, — און ווערט ווי איינגעשרומפּן. דער פּחד פאַרקריכט אין דער באָרד אַריין, מאַכט פון איר אַ קאָלטן, שפּרינגט־אַרויף צו דער גאָמבע, וואָס נעמט אים אונטערדריגען.

ס׳הערט נישט אויף שוין דעמאָלט אַפילו, ווען ער פאַרמאַכט ס׳חשבון־בוך, נעמט אַריינקוקן אין אַ ספר אָדער צייטונג.

אין די שעהן קומט געוויינלעך אַריין דער זון, נתן, אָדער ווי די מאַמע און שול־קאָלעגן פלעגן אים רופן — נאַטאַן. ער שפּאַרט אָפּ די טיר, זאָגט עפּעס אַזאַ מין ספק־באַגריסונג — ספק־פאָרוואורף:

— ג׳נאָווג׳! —

און פאַרמאַכט זי גיך צוריק די טיר, ווי ר׳וואָלט זי געעפנט על־פּי־

טעות — און גייט אַריין צו זיך אין צימער אַריין, אָדער גייט אין גאַנצן אַוועק.

ג

פונקט ווי ער איז פּאָליטיש ראַדיקאַל, רעוואָלוציאָנער, — אַזוי איז ער פּערזענלעך — שטרענג־קאָנסערוואַטיוו. אָבער פונקט ווי ער טראָגט אין די הייסטע, ווייסטע יולי־אויגוסט־טעג אַ שוואַרצן אַנצוג, שוואַרצן קראַוואַט, האַרטן קראַגן, אַזוי גייט ער אַרום ביי זיך אין צימער — אָדם־נאַקעט. אַזאַ איז זיין שטוביקע וויזיטקאַרט. ס׳האָט אַ שייכות צו פּרינציפּן. אויך צו נאַטוריסטיק.

ס׳איז געווען אין די יאָרן נײַנצן־עטלעכצוואַנציק. ער אַליין — קוים אַריבער די צוואַנציק. שטייט דענצמאָל דער יונגער מענטש — פאַר דער וועלט, פאַרן גלאָבוס, קוקט ווי ער דרייט זיך, אָט דער אומבאַקאַנטער קנויל פון גורלות, — וואָס וועט ער אַרויסכאַפּן פונעם גלאָבוס?

צענדליקער, צי הונדערטער מיליאָנען יוגנטלעכע מענטשן שטייען דעמאָלט פאַר פראַגעצייכנסביים גלאָבוס און קוקן און פרעגן זיך: וואָס וועט מיר דערפון צופאַלן? —

וואָס וועט יעדער איינער פון זיי אַרויסשלעפּן, אַרויסציען? וואָסערע גורל, וואָסער מיטבאַטייליקטער וועט ער זיין אויפן דאָזיקן ערדקיילעך? וואָס וועט ער פון אים באַקומען צו זיינע קומענדיקע פופציק יאָר? וועט ער זיין אַ פירער פונעם פאָלק, פון דער וועלט, פון זיין קלאַס, פון זיין גאַס, פאַראיין? וועט ער זיין אַ געלערנטער, צי אַ גענעראַל, אָדער געוויינלעכער זעלנער? וועט ער אפשר זיין אַ באַרימטער קינסטלער, גרויסער מוזיקער, אַ טריבון? אַן אומדערשראָקענער אָנפירנדיקער רעוואָלוציאָנער אָדער בלויז האַלטן ביי אַ שטעקן פון דער רויטער פאָן? אַן אָנגעזעענער שרייבער אָדער אַ קליין טאַלענטל? נאָך אַ קלענערער: גאָר שרייבן גראַמען און עפּיגראַמען — אויף די קלאָזעטן־ווענט. אַ קליין סוחרל? פּשוטער פּועל? אַ בוכהאַלטער מיט מערידן? אַן אונטערטרעגער פון אַ בענקעלע פאַר די מאַסן־רעדנער ביי גאַסן־דעמאָנסטראַציעס?

וואָס וועט זיין זיין אָנטייל אויפן דאָזיקן גלאָבוס? וואָס וועט אַרויסגיין

פון דעם פאַרפּלאָנטערטן גורלות־קנויל דעם גלאָבוס, וועלכער דרייט זיך אַזוי מוראדיק שווינדלדיק־גיך און צומאָל אויך אַזוי טשערעפּאַכעדיק־קריך?

און דאָ שטייען ביי אַלע ראָגעס — אידעען, וועלכע לאָקן, און פרויען, וועלכע לאָקן, און מוזיק, און שיינע ליטעראַטור, און קאָנספּיראַטיווע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס, און מאָלעריי־קונסט, און מיסטיק, און מיסיאָנערן, און שאָ־פּענהויער, און געשלעכט־אָרגיעס, און אַ שאָטן שוין פון מלאך המוות — וועלכן פאָדעם, אָדער צוויט וועט ער אַרויסציען פון דאָזיקן קנויל?

ס׳מישט זיך און פאַרמישט זיך: רעוואָלוציאָנער קרייזל, שאָפּענהויער און דאָסטאָיעווסקי, אָנטייל אין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, אָבער אויך שאָפּען, און מעטאַפיזיק, און חסידות, און מיסיאָנערן, און אָטאָ ווייניגער, — שנאה צו פרויען צוזאַמען מיט מטורפדיקער פאַרליבטקייט, — עסטעריקע, און די בלאָנדע אַנקאָ, און די ברונעטע האַנקאָ. שוין אַפילו אָפּגעדרוקט אַ סאַטי־רישן, פּאָליטישן, פיר־שורהדיקן עפּיגראַם אין אַ יידישער וויצן־צייטונג — און מ׳איז דערמיט איבערגליקלעך־שטאָלץ, און מ׳מאַכט־אַוועק־מיט־דער־האַנט און מ׳איז מבטל וועלט־באַרימטע שרייבער.

און ווי איז צו דעם שמייכל, וואָס פאַלט אַרויף אויף זיינע ליפּן אָדער באַקן, — ווי אַ געפאַנגענער פון אַ שונאס חייל — אַ שמייכל אַ צעווייטיק־טער, פאַרוווּנדעטער, פאַרקרימטער, גאַליקער.

מיר האָבן נאָך ביז איצט נישט דערמאָנט זיינע בלאָ־בלאַסע אויגן. אַן אויסדרוק האָבן זיי געהאַט, — אַוודאי, אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט, אויף אַ בית־עלמין, בעת זון־פאַרגאַנג, — איז מער נאָגנדיק־טריב, איז מער קבר־דיק־קאָסמיש פון מילשטיינס אויגן — אָבער נישט אויף קיין סך — — —

ד

מ׳ווייסט נישט, צי ער אַרבעט, מילשטיין, דאַכט־זיך, אַז ער פירט ערגעץ אין אַ קליינער פירמע די ביכער — צוויי שעה אין טאָג. אויף אויס־האַלטן צאָלט, זעט אויס, דער טאַטע אַ סטאַבילן געהאַלט. וויל ער אָבער נישט זיין אָנגעבונדן אין טאַטנס געהאַלט, וויל ער ווערן רייך דורך געווינען אויף לאָטעריע. קויפט ער צען, צוואַנציק, דרייסיק צעטלען אויף אַ מאָל.

פאַרבאַרגט ער זיך ביי באַקאַנטע אויף שווערע הונדערטער. באַרגט נאָך צו באַזונדער ביי אַ פּראַצענטניק. ער זאָגט געווײנלעך צו צו־צאָלן נישט נאָר אויפן טאָג, אויף דער שעה, נאָר אויף דער מינוט — אַזוי האָט ער ליב:

— מאַנטיק, זיבן מינוט נאָך האַלב־דריי באַטאָג, וועל איך זיין ביי אייך אין ביוראָ און וועל אייך צוריקצאָלן די הונדערט און דרייאונצוואַנציק זלאָטעס.

ס'האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז מ'זאָל אים קענען אָפּזאָגן. אַלנפאַלס, — וואָס שייך מיר. אים, ווי דעם גרויסן שרייבער י. מ. וויסענבערג — בין איך כמעט קיין מאָל נישט בייגעשטאַנען דעם כוח אָפּצוזאָגן. זייער יעדעס וואָרט איז געווען באַצווינגנדיק־שווער, בעטנדיק־געביטנדיק, געהאַלטן מיט אַ מאַסיווער צוואַנג דיין צאַפּלדיקן ווילן און דיקטירט אים, ציילנדיק יעדן זילב:

— י—אָ, וו—עט א—יר גע—דענ—קען, גיט?

— ג—יט! — — —

אַזוי האָב איך אויך נישט געקענט אָפּזאָגן מילשטיינען, ווען ר'האָט מיך געבעטן באַהאַלטן אין מיין ביוראָ־טישלעדל זיין גרויסן, שווערן רעוואָלווער וואָס ר'האָט געטראָגן ביי זיך אומלעגאַל, אָן אַ דערלויבעניש.

*

כ'האָב אָפּט מאָל געמוזט פאַרמיטלען און שלום־מאַכן צווישן אים און מאָטעלע מאַנצאַזש. צוויי קעגנזעצלעכע נאַטורן. אייניק נאָר איך ליבע צו מוזיק און פון טרעפן־זיך אין דער „הזמיר־ביבליאָטעק". אָבער און מילשטיינס מעלאָמאַנישקייט און מוזיק־ליבע איז געווען פון אַ באַזונדערן מין, אַן אויסטערלישע, ווי בכלל די גאַנצע געשטאַלט מילשטיין.

און איצט וויל איך דערציילן נאָר איין עפּיזאָד, אַ פּאַסירונג, וואָס כ'האָב געגלייבט דעמאָלט אַז כ'וועל זי קיין מאָל נישט פאַרגעסן. און ס'איז אמת: ס'איז שוין אַכטאונצוואַנציק יאָר זינט דאַן — און איך קלייב זיך גאָרנישט צו פאַרגעסן עס. אַפילו אויך נאָכן פאַרצייכענען עס דאָ.

ה

עס איז געווען אין יאָר 1932, חודש יולי, אין וואַרשע. מיר וועלן אַפילו אָנגעבן דעם גענויעם אַדרעס: נאַוואָליפּיע 62, אין טויער, אויפן לעצטן, פערטן שטאָק. נאָך גענויער: די באַלעבאַטים פון דער דירה — די משפחה אייגעס, — אַ יונג פּאָרפאָלק מיט צוויי קליינע קינדער, — אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן אין אַ ציוניסטיש־רעליגיעזער פּאַרטיי (היינט אין ישראל) און זי, — אַ דאַמע וואָס האָט ליב געהאַט באַזוכן אויסשטעלונגען, רעדן מיט הנאה פּויליש און רוסיש (ווי כ׳הער — דאָ געשטאָרבן אין לאַנד). אין געדונגענעם ביי זיי צימער האָבן מיר געוווינט אין צווייען — דער קינסטלער אריה מערזער און איך. מערזער איז דאָן געווען ערגעץ אַוועקגעפאָרן (צי שוין אין פּאַריז?). איך בין געווען פאַר־נומען מיט זיצונגען און פאַרזאַמלונגען — אין שייכות מיטן שטרייק וואָס מיר, אַלע דריי פּערסאָנאַלן, שרייבער, דרוקער, אַדמיניסטראַציע — האָבן געפירט אין רעדאַקציע „היינט״ ווו כ׳האָב געאַרבעט. ס׳איז געווען דעמאָלט אַ פאַרעקשנטער שטרייק, וועלכער האָט געדויערט זיבן וואָכן צייט. איך האָב געהערט צום שטרייק־קאָמיטעט. פּאָליטיש בין איך דאָן געווען עקסטרעם־ראַדיקאַל.

עס איז נייטיק צו דערמאָנען דאָ אָט די פּאָר טרוקן־גראָע כראָניק־פאַקטן.

געזאָגט פריער: פּאָליטיש — געווען עקסטרעם־ראַדיקאַל, פונדעסטן, האָט מען אין יענעם פעריאָד זיך אויך פאַראינטערעסירט, געלייענט ליטעראַטור — וועגן מעטאַפּסיכישע דערשיינונגען, מעטאַפיזישע, פּאַ־ראַפּסיכישע; וועגן ספּיריטואַליזם, סאָמנאַמבוליזם, אַסטראַלע קערפּער, טעלעפּאַטיע, סוגעסטיע, היפּנאָז און כלערליי ענלעכע געביטן.

אָבער אַ שטרייק האָט מען געפירט, און קאַמף — איז אַ געבאָט. און רעאַליזם, און עקזאַקטע וויסנשאַפטלעכע דאָגמעס, און היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, און אַטעאיזם, און עמפּיריזם — געהערן צו דער נאָרמאַ־לער, טעגלעכער שוער־נישט נאַטירלעכער, גייסטיק־אידעאָלאָגישער שפּייז.

אין אָט קום איך צוריק אין אַ מיטן וואָכנטאָג, בערך נײַן אָוונט, פון

אַ שטורמישער שטרייק־פֿאַרזאַמלונג אין ליטעראַטן־פֿאַראיין, טלאָמאַצקע 13, און לעגן זיך צו אַ מידער ביי מיר אויפֿן בעטל. אין דער גרויסער דירה איז קיינער מער נישטאָ, די באַלעבאַטים — אויף דאַטשע.

ס'קומט אַריין צוגאַסט נתן (נאַטאַן) מילשטיין. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ ביסל אַראָפּ פֿון דער מערכה. ער האָט שוין נישט געבאָרגט דעמאָלט קיין הונדערטערס, שוין נישט געשפּילט קיין צענדליקער „ליאָסן", נאָר געבאָרגט צען זלאָטעס, פֿינף און נאָך ווינציקער. מ'האָט נישט געוווּסט צי ר'האָט אויף אָפּצועסן, צי ר'האָט ווו צו שלאָפֿן. מיטן טאַטן זיינעם זענען שוין פֿאָרגעקומען גרעסערע סקאַנדאַלן, מענטשן האָבן פֿאַרמיטלט, דער טאַטע גייט פֿאָרט חתונה־האָבן, דער רעוואָלווער האָט שוין געשפּילט זיינס אַ געוויסע ראָלע, הגם נאָר אויסגעשאָסן אין דער לופֿטן.

מ'האָט אים שוין אָפּטער געזען שפּאַצירן מיט אַ יונגער פּרוי, פֿון די מיסיאָנערן, אויך מיט אַזעלכע בלאָ־בלאַסע, טרויעריק־עקזאַלטירטע אויגן.

און מ'האָט ביי אים לעצטנס געזען בראָשורן וועגן פּאַציפֿיזם, קאָאָפּעראַציע. אַליין געשריבן, שוין גאָר אויף פּויליש. קליינע אַרטיקעלעך סיי וועגן פּאַציפֿיזם, סיי וועגן קאָאָפּעראַציע, אָבער פֿאַרברענגען האָט מען אים געזען, אין יענעם פּעריאָד, סיי צווישן די מיסיאָנערן, סיי צווישן די אַנאַרכיסטן.

— גוטנאָוונט!

— גוטנאָוונט־גוטיאָר! קומט אַריין, חבר מילשטיין, ביטע.

איך ליג אָנגעלענט אויף מיין בעטל. ער גייט אַרום איבערן צימער הינאונצוריק. מ'רעדט — וועגן השארת הנפש. אייביקן לעבן. גילגולים. פֿאַרוואַנדלונגען. די שעהן שלעפּן זיך נאַכטיש־שווער און פּאַמעלעך, הגם מיר, אין אונדזער שמועס, פֿלאַטערן מיר אויף די פֿליגל פֿון העכערע וועלטן:

ס'לאָזט זיך אָפּילו אויסרעכענען פּשוט פֿיזיש: אָט האָט איר: דער זיידע שטאַרבט, מ'איז אים קובר אויפֿן בית־עלמין אין שטעטל. אין

עטלעכע יאָר אַרום וואַקסט שוין הויך גראָז אויף זיין קבר. ס׳פּאַשן זיך ציגן אויפן בית־עולם, עסן ס׳גראָז אויך פון זיידנס קבר, פון זיינע ביינער. ס׳אייניקל טרינקט מילך פון דער ציג. טרינקט עס דען נישט דעם זיידן? איז דען דאָס נישט המשך? —

— און אַז איר רעדט, גייט דאָך אייער שטימע נישט פאַרלוירן, דורכן ראַדיאָ קען מען זי הערן אין אַ מילי־סעקונדע ערגעץ ווייט אין אַמעריקע, אויף טויזנטער מיילן. נישט אייער אָטעם און נישט אייער שטימע גייען פאַרלוירן. זיי בלייבן אין עטער. און אפשר געפינט זיך ערגעץ אויף אַ פּלאַנעט אַזאַ גרויסער טייפּרעקאָרד וואָס זאַמלט־אויף און פאַררעגיסטרירט אויף אַ באַנד אַלע אייערע רייד? און אַן עלעקטראָ־פּאָטאָ־קאַמער — אַלע אייערע מחשבות? און ס׳ווערן פאַררעגיסטרירט אויך אַלע אייערע פאַרבאָרגענע גלוסטעונישן, און אַלע אייערע נישט־דער־זאָגענישן און נישט דערטראַכטענישן. גאָרנישט גייט פאַרלוירן אין וועלטאַל.

מילשטיין האָט גענומען פון טישל איינעם פון מערזערס האַמערס מיט וועלכן ער העמערט זיינע קופּער־בלעכן, און ער קלאַפּט זיך מיטן העמערל איבער דער האַנטפלאַך און גייט הינאונצוריק איבערן צימער.

ס׳איז שוין עלף ביי נאַכט. איך קוק אין זיינע אויגן, מילשטיינס, דערפיל אַן אומרו: אַ געדאַנק גיט אַ פּיק:

— ער קען דיר אַזוי מיטן האַמער דערלאַנגען פּלוצים איבערן קאָפּ. אין מוח אַריין.

גיי איך אַראָפּ פון בעט און נעם אַראָפּ פון מלבושים־הענגער אַ ווינטער־היטל און טו־אָן אויפן קאָפּ. —

טאָמער יאָ, זאָל כאָטש דער קלאַפּ נישט פאַלן אויפן נאַקעטן שאַרבן.

ר׳האָט עס, דאַכט זיך, באַמערקט. אַ שפּילקע־שמייכעלע האָט אַ שטאָך געטון זיין ליפּ. —

אויב אַזוי — איז סכנהדיקער. טאָר מען נישט ליגן. הייב איך זיך אויף און גיי שוין צוזאַמען מיט אים איבערן צימער. — אַ צווייט שפּילקע־שמייכעלע.

שוין האַלב־צוועלף ביי נאַכט —

— און ווי ווייט איז דען בכלל טויט פון לעבן? קען דען אַ יונגע מאַמע שטאַרבן, אויב זי האָט געלאָזן אַ קינד וואָס האַלט די מאַמע תמיד אין זיך? כאַ־כאַ, — אַ געלעכטער, — אַ קבר קען פאַרשטעלן אַ מאַמע פון אַ קינד? גייט זי דען נישט אַרויס פון איר קבר און כאַפּט זיך אַריין אין איר שטוב און שטייט איבערן וויגל פון איר קינד, אָדער ביים בעטל פון איר טעכטערל צי ייִנגעלע? אָדער דערוואַקסענעם זון?, — אַפילו ווען יענער איז שוין אַליין אַ טאַטע פון קינדער? די פּאַראַ־פּסיכישע ליטעראַטור דערציילט הונדערטער פאַקטן וועגן איבערטראָגן אַלאַרם־ידיעות פון אַ טויטער מאַמען וואָס דאַרף ראַטעווען אירס אַ קינד פון סכנה און מאַריס מעטערלינק? און פּראָפעסאָר קזשיזשאַנאָווסקי? איז דען משה, אָדער ישו הנוצרי, אָדער שפּינאָזע — געשטאָרבן? חוזק! אַט דאָס שטיקל פליש, דאָס שטיקל גוף — איז אַ שטער צו אייביקייט? קען אַ ביסל ערד צעשיידן אַ מאַמען פון איר קינד?

ס׳איז שוין זע־איך קרוב צוועלף ביי נאַכט. ער האָט, זעט־אויס, נישט ווו צו שלאָפן היינטיקע נאַכט. ער האָט אפשר אַפילו נישט קיין געלט צו געבן דעם סטרוזש טויער־געלט ביים אַרויסגיין. און אונדזער שמועס קייקלט זיך איצט נאָך אַלץ איבער די ווייטע הימלען, שטערן, פּלאַנעטן. און דער שמועס ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ שווערער, די פלאַטער־פליגל מידער און מידער.

איך אַנטשולדיק זיך פאַר אים און גיי אַריין אין בית־שימוש, וואָס איז נאָכן גרויסן צימער, צווישן צווייטן קאָרידאָר און דער קיך. איך זוים זיך דאָרט די געוויינלעכע צייט וואָס מ׳זוימט זיך אין אַזאַ מקום. איך קום צוריק אַריין: ביים טישל שטייט אָנגעלענט אויףביידע עלנ־בויגנס עפּעס אַ פרעמדע געשטאַלט, מיט אַ רויט, צעפּלאָמט, צעגאָסן פּרויען־פּנים. ווער איז דאָס? אַ פרוי? טאָ פאַר וואָס עפּעס מענערישע בגדים? האָט זיך דאָ אַהער אַריינגעגנבעט אַ פרעמדער? ווי אַזוי? אפשר אַ גנב? מ׳דאַרף אַלאַרמירן! אָבער ס׳איז דאָך אַ געשטאַלט אין מילשטיינס שוואַרצן אַנצוג. טאָ ווער איז דאָס דאָזיקע גרויסע, רויט־צעפּלאָמטע פּרויען־פּנים?

אַן עלעקטריש שפּיזל גיט אַ ריזל־דורך דעם גוף מיט אַ שאַרפן סיגנאַל: —

טויט־סכנה! ס'שטייט דיר פאַר אַ טויט־געפּעכט, ראַנגל זיך!

און איך גיב האַסטיק אַ שטעל דריי טריט אויף פאָרויס און קום צו צום טישל פון דער צווייטער זייט, און קוק ווידער: —

אַ פלאַמיק פרויען־פּנים אין מילשטיינס געשטאַלט. —

שרייט עס פון מיר אַרויס:

— מילשטיין! וואָס איז מיט אייך?! אפשר אייך געבן וואַסער?!

(און איך טראַכט גיך — ווו וועל איך דען אַוועק פון דאַנען גיין נעמען וואַסער — אַז איך וועל אַרויס — וועל איך שוין אַרויסלויפן אין הויז מיט אַ געוואַלד, וועט ער מיר נאָכיאָגן און אפשר כאַפּן ווערגן) — און איך שריי ווידער:

— וואָס איז אייך, מילשטיין?!

און ער ענטפערט מיט אַן אויסטערליש־צעצויגן, פאַרחלשט טראַנס־קול:

— ש־ט־ע־ר־ט מ־יי־ר נ־יי־ש־ט, ר־ייסט מ־יר נ־ישט אי־בער די פאַרבינדונג מיט מיין מאַ־מען! פאַר וואָס טרייבט איר פון מיר מיין מאַמען?! זי איז דאָך אַצינד דאָ מיט מיר, איך בין דאָך אַצינד דאָ מיט איר, מיר האָבן זיך דאָך אַצינד צוריק פאַרבונדן, צונויפגערעדט. (שוין שטאַרקער): פאַר וואָס האָט איר מיר איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט מיין מאַמען וועלכע כ'האָב שוין קוים אַרויסגערופן!

ס'פענצטער איז אָפן. כ'דערוואַרט אַ געראַנגל פון אונדזביידן. מ'וועט זיך כאַפּן פאַר די העלדזער, איינער וועט וועלן דעם צווייטן אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער, — ער אָדער איך, איך אָדער ער.

איך כאַפּ אַרויס פון וועסטל־קעשענע אַ שאַכטל מיט מיענטע־צוקער־לעך, שטופּ עס אים אין האַנט אַריין:

— נאַט, נעמט, אייך אין דאָך נישט־גוט, איר זענט דאָך פאַרחלשט, נאַט, נעמט קליינגעלט פאַרן סטרוזש, איר ווילט דאָך שוין אַהיימגיין —

און ס'שטיקט מיך אין האַלדז. ס'איז עפּעס דאָ פאַראַן נאָך־ווער אָדער נאָך־וואָס אין שטוב און דריקט אויפן גאַרגל־קנאַפּ, און אַ שווער־

קייט ציט דעם גוף צום פאַלן, נישט אומצופאַלן, נאָר גלייך אויף אַראָפּ, ווי איינצווזינקען אונטער זיך, און די הענט זענען אָנגעדראָלן מיט אייזן, זעט־אויס גרייט אויף גערענגל. אפשר אַריינלויפן צום קייגנאיבערדיקן שכן, געוואַלדעווען, אַלאַרמירן — אָבער מ׳עט דאָך אויסלאַכן, אָננעמען פאַר אַ חסר־דעה, האַלוצינאַט. —

פאַר וואָס האָט איר מיר געשטערט, גראָסמאַן, די אַזוי־לאַנג גע־גאַרטע באַגעגעניש מיט מיין מאַמען? —

און ער ווערט צוריק בלאַס, הייבט אָן קומען צוריק צו זיין פריער־דיקן אויסזען, די ציין ציטערן און קלאַפּן, די באַקן דריגען קאָנווולסיוו — און גרייט זיך אַרויסצוגיין. — פילט אַז איך טרייב אים דעליקאַט אַרויס. און ער עפנט די טיר, גייט אַרויס. איך האָב מורא אַז ער וועט נאָר אַראָפּגיין אַ האַלבן שטאָק שטיגן און באַלד וועל איך דערהערן אַ זעץ — וועט זיך אַרויסוואַרפן דורכן אָפענעם הויז־פענצטער.

און כ׳האָב צוגעלייגט ס׳אויער צו דער טיר און געהערט ווי ר׳גייט אַראָפּ שטאָק נאָך שטאָק שטיגן, אין טויער אַריין, ביז כ׳האָב שוין גע־הערט אַז ס׳טויער פאַרמאַכט זיך צוריק. —

אַצינד — קען איך נישט זיין איינער אַליין אין שטוב. איך בין גאָרנישט אַליין, די שטוב איז פול מיט פרעמדס, מיט שטיקעניש. כ׳קוק אַריין אין שפּיגל — כ׳דערקען זיך נישט, — ס׳פּנים איז אויסטערליש אויסגעצויגן.

וואָס טוט מען? ס׳איז האַלב איינס ביי נאַכט. ביז פאַרטאָג איז נאָך עטלעכע שעה. און ווער מאַכט אַזוי געדיכט די לופט אין צימער אַז ס׳איז שווער צו אָטעמען? און אימה קריכט ביז אונטער די שפּיץ נעגל.

כ׳גיי אַרויס פון מיין צימער און גיי אַריין אין גרויסן צימער און לייג זיך אַוועק אויף דער סאָפע דאָרטן, אין אָנטועכץ. דעק זיך צו מיט אַ קאָלדרע ביז איבערן קאָפּ. ווען מ׳קען כאָטש איינשלאָפן, כאָטש כאַפּן אַ לייכטן דרימל אויף אַ שעה־צוויי. אייגנטלעך — וואָס איז דאָ געשען? האַלוצינאַציע? ווי אַזוי האָט זיך זיין פּנים געביטן? אפשר איז עס פשוט געווען געשפּאַנטע מידקייט? —

— דו אַליין גייסט זיך שוין פרווון איינרעדן? געגוג אַז אַנדערע וועלן עס טון. דו ביסט געווען אַן עדות פון אַן איבערנאַטירלעכער גע־שעעניש. ער האָט זיך פאַרבונדן, אין דער מחשבה, אין זיין געוואַלדיקער בענקשאַפט, — מיט זיין מאַמען, און ממילא באַקומען דענצמאָל איר געשטאַלט, איר אויסזען. — וואָס? ווילסט שוין באַשיידן אָט דאָס גע־זעענע? אָט דאָס געשעענע? —

ווען מ׳קען כאָטש איינשלאָפן אויף אַ האַלבער שעה, וויל קאַשמאַר־שאַטנס רוקן זיך שוין אַרונטער אויך אונטער דער טונקעלער קאָלדרע.

און דאָך, זעט אויס, איז צושטאַנד געקומען אַ דרימל.

און אָט הער איך אַ קלאַפּן אין טיר.

כ׳גיב אַ האַסטיקן צי־אַראָפּ די קאָלדרע פון די אויגן, — ס׳איז שוין היפּשער טאָג. כ׳גיי עפענען די טיר. — ס׳איז מיין ברודער אברהמטשע. ער גיט אַ דערשראָקענער אַ שפּרונג צוריק פון טיר:

— מ—שה, וואָס איז דיר געשען?! זעסט דאָך אויס — דאָס וואָרט מ ת דערזאָגט ער נישט.

און ער גייט אַריין אין שטוב, פירט מיך צו צום שפּיגל און כ׳דערזע מיין פּנים — —

דערציילן די ספּאַזם־סצענע דענצמאָל? פּאַסט עס זיך נישט פאַר מענערישע זכרונות. און ס׳איז אַלץ דערציילט געוואָרן פאַר דעם ברודער אברהמטשע — אַן אַרבעטער, שטריקער, אָפטער שטרייקער, מיטגליד פון אַ באַיוווקע אין אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. — און דערציילט ווערט עס אים פון אַן עלטערן ברודער, וואָס איז נישקשה געניט אין די ביכער, און אַ ביסל אויך אין די וויסנשאַפטן, און אַ רעוואָלוציאָנער — —

און ס׳איז באַלד געוואָרן אָפּגערעדט מיטן ברודער:

— פון איצט אָן, זיך נישט שיידן מיט מיר, נישט נאָר אַהערקומען שלאָפן דאָ מיט מיר ביי נאַכט, נאָר אויך איצט, באַטאָג, זיין מיט מיר און גיין מיט מיר צוזאַמען. וויל טאָמער באַגעגן איך אויף־דער־גאַס יענעם, מילשטיינען? לעבט ער נאָך? וועל איך אים נאָך אַ מאָל זען? ווי אַזוי וועט ער זיך פאַרהאַלטן?

*

איך בין אַוועק צו חברים. צו מאַטעלע מאַנצאַזש, אויף גענשע־גאַס ווו ר׳האָט געאַרבעט, אים אַרויסגערופן און געפּרווווט דערציילן די פּאַסי־רונג. ער, מאַטעלע, פאַלט אַריין שיִער־נישט אין אַ פּאַניק. איצט, באַטאָג, אויף דער ניכטערנער גענשער האַנדלס־גאַס. ער האָט תמיד זיך גע־שראָקן פאַר אים.

דערנאָך גיי איך אַוועק צו שיִע סלושני, דער מאַן פון עסטעריקע. אַ האַרטלעכער מענטש, געווען לאַנגע יאָרן אין דער אומלעגאַלער באַווע־גונג און זיך דאָרט געהאַרטעוועט, — נישט סענסיטיוו, נישט עמפינד־לעך, ווייט פון דינקייטן, אויך באַגרענעצט אין אינטעליגענץ. כ׳דאַרף איצט האָבן אַזאַ קאַלטן, פּרימיטיוולעכן, האַרטלעכן טיפּ אויף צו דער־ציילן עס פאַר אים. און ער הערט אויס, און ענטפערט — אַז ער וואָלט אַוודאי נישט אויסגעהאַלטן פון פּחד.

*

און גיך דערנאָך דאַרף מען שוין גיין אויף אַ שטרייק־פאַרזאַמלונג ווו מ׳וועט רעדן וועגן עקאָנאָמיש־מאַטעריעלע ענינים, וועגן טאַקטיק־און קאַמפּס־מעטאָדן, סטראַטעגיק, האַרטער שטרייק־דיסציפּלין — און דאָ גייט איינער אַרום אין אַ מצב פון אַ געפאַנגענעם פון אַ וויזיע, אַ נאַכט־קאָשמאַר, וועלכער האַלט אַז ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע גע־לעגנהייט בייצולעבן און איבערצולעבן אַן איבערנאַטירלעכע דערשיינונג. כאָטש גאָרנישט אַזוי איבערנאַטירלעך, ווייל אין די ביכער פון פּאַראַ־פּסי־כאָלאָגיע זענען מסתמא פאַרצייכנט אַ סך אַזעלכע ענלעכע פאַלן.

און כ׳האָב מיר פאָרגענומען: אַז ס׳וועלן אַריבער יאָרן, דער איינ־דרוק וועט אַוודאי ווערן אָפּגעשוואַכט, און איך וועל שוין דאַן האָבן מער נאָכגעפאָרשט אין די וויסנשאַפטן און אויסגעפינען אין וואָס דאָס איז באַשטאַנען, — צי בלויז אַ וויזיאָנעלע האַלוצינאַציע, עפּעס אַ פּסיכישער טראַנס — און דאַך וועל איך תמיד דערויף ענטפערן —

— ניין, ניין און ניין! — אַני הגבר, איך בין דאָס דער וואָס האָב עס איבערגעלעבט, און קיין שום אויגן־פאַרבלענדעניש איז דערביי נישט גע־ווען, און קיין שום פּסיכישער פאַרטונקלונגס־מצב. —

און אַזוי גייענדיק, אויפן דריטן טאָג דערנאָך, צוזאַמען מיט מיין

ברודער, אויף נאָוואָליפּיע נאָענט צום באַזאַר, און דערזעענדיק מיל־שטיינען, האָב איך אָנגעכאַפּט דעם ברודער ביים האַנט, אַ האַסטיקן טראַכט־געטון צי כ׳זאָל נישט אַנטלויפן, אים אויסמיידן, ווייל אין יענע טעג נאָך, אַפילו באַטאָג, אַז איך האָב געקוקט אויף אַ מענטש, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז ס׳פּנים נעמט זיך ביי אים תיכף ענדערן. און אַז כ׳האָב געקוקט אין שפּיגל אַריין — האָט אויך מיין אייגן פּנים זיך גענומען אויפן אָרט ענדערן.

און דאָך בין איך צוגעגאַנגען צו מילשטיינען, געזאָגט דעם גע־וויינלעכן „גוט־מאָרגן, וואָס מאַכט איר״, געפרעגט וואָס מ׳הערט ביי אים נייעס. האָט ער מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט פון מיין ברודער און צו מיר געזאָגט בעטנדיק־געביטנדיק:

— כ׳על אייך זייער און זייער בעטן, — אַז דאָס וואָס האָט פּאַסירט יענע נאַכט ביי אייך אין צימער — זאָל קיינער דערפון נישט וויסן. ס׳דאַרף בלייבן נאָר צווישן אונדז. אַנדערש וועט איר מיר אַ גרויסע עוולה טון און כ׳וועל האָבן גרויס צער — — —

און מיר האָבן זיך געזעגנט — —

*

ווען און וויפל מיר זאָלן זיך נישט האָבן דערנאָך געטראָפן, — און דאָס שוין געווען געגנוג ווינציק און געגנוג זעלטן, — האָבן מיר קיין מאָל וועגן יענער נאַכט דעמאָלט נישט דערמאָנט.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אַוועק קיין לעמבערג און דערנאָך אומגעקומען אויף יענער זייט אָדער דער זייט — סיי־ווי, אין איינעם פון די רעזשים־ לענדער, ווו מ׳קומט־אום פאַר גאָרנישט.

*

לאָמיך זיך מודה זיין אויך אין דער לעצטער שוואַכקייט, — אַז ביים אָנשרייבן איצט די דאָזיקע זכרונות־פאַרצייכענונגען, — האָט נישט געסטאַיעט מענערישער מוט, — און ס׳האָט זיך ווידער רעאַגירט ווי דעמאָלט, בעת דער באַגעגעניש פאַר טאָג מיט מיין ברודער אברהמטשע — — —

אַ קינדישער עפּיזאָד וועגן אַ לעבל ברויט

שוין זעקסאונדרייסיק יאָר, און נישט קיין סך ווינציקער פון דער דאָזיקער צאָל יאָרן ווילט זיך פאַרשרייבן אַ קליינע פּאַסירונג — און די פאַרשרייבט זיך נישט.

און דערווייל — דער דאָזיקער עפּיזאָד וועגן נויט, הונגער, ווערט אַלץ בלאַסער און בלייכער, ווייל די ווייטערדיקע יאָרן זענען זאַט אין הונגער־עפּיזאָדן, הונדערט־פאַך שטאַרקערע, טויזנט־פאַך גרויליקערע. און דאָך לאָזט עס מיך נישט רוען. מסתמא דערפאַר, ווייל ער האָט אַ שייכות צו די קינדער־יאָרן. שטוב, מאַמע, און איך וויל זיך שוין ענדלעך פון אים באַפרייען — גראָד צו זיין זעקסאונדרייסיקסטער יאָר־צייט.

דער הונגער אין וואַרשע ביי די דייטשן אין יאָר 1917—1918 האָט אונדז געטריבן צוריק אין שטעטעלע אַריין (קאָריוו), פון וואַנען מ׳זעמיר אַוועק מיט אַכט יאָר פריער. פאַרן 128 קילאָמעטער ווייט, נאָך אין יענער צייט — ווען מ׳האָט געדאַרפט דורכשמוגלען די עסטרייכישע גרענעץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דעמבלין — איז געווען אַן אונטערנעמונג פון גרויסן פאַרנעם. עטלעכע קילאָמעטער פאַר גאַרוואָלין איז געשען אַ באַן־קאַטאַסטראָפע. מיר, די זעקס קינדער און טאַטעשי־מאַמעשי, האָבן געמוזט, ווי אַלע פּאַסאַזשירן, אַראָפּגיין פון באַן און צוגיין צופוס ביזן וואָקזאַל. מ׳האָט באַדאַרפט אַליין איבערטראָגן דעם באַגאַזש. דער פאָטער האָט זיך דערביי שטאַרק דערהיצט און פאַרקילט. אַ לונגען־אָנצינדונג.

ביי נאַכט האָט מען באַדאַרפט אַריבער פון דער דייטשישער זייט דעמבלין אויף דער עסטרייכישער זייט דעמבלין, וואָס האָט געהייסן אירענאַ. עס האָט אונדז געפירט אַ גוי אויף אַ לייטערוואָגן, די וואָך האָט

פון דער ווייטנס באַלייכט מיט רעפלעקטאָרן דעם וועג און געזוכט. מיר האָבן זיך באַדאַרפט אָראָפּבייגן.

— זיי זוכן מיט שפּיגל־ליכט — האָט די מאַמע שטיל געזאָגט.

ענדלעך אָנגעקומען. האָט מען אויסגעזוכט אַ שטוב און אַ בעט ביי ווייטע קרובים (ס'איז דער מאַמעס געבורט־שטעטל) און דעם טאַטן אָוועקגעלייגט. ר'האָט געשפּיגן מיט בלוט.

ס'איז שוין נישט געווען אויף צו קויפן אַ קוואַרטירל מילך, און אַפילו נישט קיין ביסל זשעליאַטין אויף צו פאַרגליווערן דאָס בלוט. די מאַמע האָט מיך, דעם בר־מצווה־בחור, געהייסן גיין אין נאָענטן שטעטלע גניווישאָוו, דאָרט זענען דאָ קרובים וואָס קענען העלפן מיט אַ גמילת־חסד. זי פירט מיך צונויף מיט אַ ייד, וואָס דאַרף גיין קיין גניווישאָוו און ער וועט מיר ווייזן דעם וועג.

ס'ערשטע הייסט ער מיך קודם אויסטון די שיך, פאַרבינדן זיי מיט שנאָרוואַדלעס און פאַרוואַרפן אויפן אַקסל:

— וועיע גייטיס מיט שיעך אָפן שיסעי?

געווען דעמאָלט אַ הייסער זומערדיקער פרימאָרגן. דער שאָסיי איז פול מיט שפּיציקע שטיינדלעך, און איך היפּע אונטער, ס'שטעכט, ס'בריט, שווער צו גיין, און דער ייד טרייבט אונטער:

— געשווינדע! ביסט אַ וואַרשיווע, מיט ראַגלאַים נישט צו גיין אַף זיי.

איך בין כסדר געבליבן הינטערשטעליק. מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט, אַז איך בין יוסף, וואָס ווערט געטריבן דורך זיינע ברידער צו פאַרקויפן אים צו דורכוואַנדערנדיקע מצרים.

אויפן וועג איז אָנגעקומען אַ ייד פון גניווישאָוו. יענער האָט זיך אויסגעפרעגט, און באַלד איז מען געוואָר געוואָרן, אַז דער קרוב צו וועלכן איך גיי אַהין, איז גאָר אין אַן אַנדער שטעטל, אויף אַ יאַריד.

גיי איך שוין צוריק און בין אין רשות פון גניווישאָוער.

*

מיר זענען אַריבערגעפאָרן קיין קאַריוו. דעם פאָטער ווערט נישט בעסער. ער ליגט צובעט שוין עטלעכע חדשים. שוין אַריין אין ווינטער.

האָט אָפּט צו טון מיט בלוט, איז הייזעריק. נישטאָ קיין דאָקטער אין שטעטל. נישטאָ קיין געלט אויף אַראָפּצוברענגען אַ דאָקטער פון פּיליוו אָדער לובלין, נישטאָ אויף קיין פּלעיגע, נישטאָ שוין אַפילו אויף קיין ברויט פאַר די קינדער. ס׳קלענסטע איז שוין אַוועקגעשטאָרבן.

אַ שכנטע קומט אַריין מיט אַ פריילעכע ידיעה:

— ס׳קומט אַ דאָקטער פון לובלין, צו אַ קראַנקן גביר, מ׳דאַרף אויספּועלן, אַז ער זאָל קומען אויסהאָרכן דעם טאַטן.

מ׳האָט געפּועלט.

דער דאָקטער קומט אַריין מיט אַ קליין רענצעלע אין האַנט. ער האָט אַ ווייס וואָנסעלע, אַ פּתח אונטערן נאָז, און אַ גרויס פול פנים וואָס זעט אויס ווי חלה געוויקטע אין מילך. ביי אים איז וויכטיק יעדע רגע. ער פאַרטיילט לעבן. עס ליגט אין זיין רענצעלע, אין זיין טרייבל, אין זיינס אַ מאַך מיט דער האַנט. ער פרעגט ביים טאַטן אין בעט:

— וויפל אַלט?

אַ שטילער, הייזעריקער ענטפער. גיכער ענלעך צו אַ פאַרענטפערן זיך:

— שוין ניינאונדרייסיק.

— און שוין גראָ?

די מאַמע פאַרענטפערט דאָס מיט אַ נישט דערקרעכצטן זיפץ.

אַלע קינדער שטייען אין אַ ווינקל, וואַרטן, קוקן. דער דאָקטער נעמט אַרויס אַ טרייבל און אַ העמערל. ער קלאַפּט דעם טאַטן אויף דער פּלייצע.

ווי, וואָס קלאַפּט ער אַזוי שטאַרק מיטן העמערל? און איך ענטפער זיך אַליין — מסתמא איז עס דאָך לרפואה.

דער דאָקטער שרייבט שוין דעם רעצעפּט. ער פרעגט דעם טאַטנס נאָמען — יאַנקעוו, יעקב — גוט, יעקב, גלייך נעמען די דאָזיקע מעדיצין — און גאָט וועט העלפן.

דעם טאַטנס אויגן האָבן אַ לייכטן לייכט־אויף געטון. איך האָב אַצינד דערזען קליינע, ראָזע, צעשפּריצטע פּייערלעך אַרויסטאַנצן פון זיינע אויגן, בטחון־פּייערלעך. די רויט־דינע אָדערלעך אויף זיין בלאַס פנים, וואָס האָבן מיר תמיד אויסגעזען ווי העדעלעך, זענען אַצינד נאָך מער

רויטער געוואָרן, שוין אַריין אין בלאָ. און קיילעכלעך שווייס שפּראָצן אַרויס, טאַקע ווי טוי־טראָפּנס.

די מאַמע האָט נאָכבאַגלייט דעם דאָקטער אין דרויסן אַרויס און צוריק אַריינגעקומען מיט אַזאַ אויסזען — ווי אַ גרויסער סוד וואָלט פאַרשטיינערט איר פּנים, ס׳מויל, אירע אויגן.

דער טאַטע האָט אויף דער גיך געוואָלט איבערלייענען דעם סוד אויף איר פּנים, האָט זי פלינק געפּרוווט אַ קנייטש טון איר מויל צו אַ שמייכל. אַ געפּרווירענער שמייכל. האָט זי אַ זאָג געטון:

— עס אַ לעפעלע קאָמפּאָט, יאַנקיוושי, ס׳שטייט שוין פון נעכטן אָן.

און זי איז אַוועק אין אַפּטייק אַריין באַשטעלן די רפואה, גיך צוריק־געקומען, און דעמאָלט האָט זיך עס אָנגעהויבן:

דער רעצעפּט האָט געדאַרפט קאָסטן אַ גאַנצן קראָן. און דאָס איז די סומע, דאָס גאַנצע פאַרמעגן, וואָס געפינט זיך אין שטוב. און ברויט אין שטוב איז שוין נישטאָ זינט דריי טעג. און ברויט דאַרף מען פריער באַשטעלן אין דער בעקעריי. האָט די מאַמע טאַקע באַשטעלט, שוין מיט דריי טעג צוריק, אין דער קריסטלעכער בעקעריי אויפן לובלינער שאָסיי, אַ ראָזאָווע ברויט פון דריי פונט. אַ „זייגער״ האָט מען גערופן אַזאַ מין קיילעכיק ברויט. און אַזאַ ברויט קאָסט אַ קראָן. דאַרף די מאַמע אַצינד באַשליסן: וואָס טוט מען מיט דעם איינציקן קראָן? קויפן די רפואה אָדער אויסקויפן ס׳באַשטעלטע דרייפונטיקע ברויט?

דער טאַטע דרעמלט איצט, איבערגעדעקט מיט דעם שיטערן איבער־בעט ביז צו דער נאָז. ער אָטעמט שווער, פּאַמעלעך. די אויגן צו, אויף די אויגנדעקלעך — אויך אַזעלכע רויטע הענדעלעך פון אָדערן, זיי זענען אַצינד אין גאַנצן בלויניבלאָ.

אויף דער מאַמעס נערוועז־באַוועגלעך געזיכט, וואָס באַהאַלט נאָך סימנים פון איר אַמאָליק, פּולרונדיק, דיקלעך, שיין פּנים — שפּיגלט זיך איצט אָפּ אַ פעלדשלאַכט פון צוויי פיינטלעכע חיילות:

זאָל זי פאַר דעם דאָזיקן געלט קויפן די מעדיצין פאַר יעקבן, אָדער ס׳ברויט פאַר די קינדער?

זי, די מאַמע, דאַרף אַנטשיידן אין דער דאָזיקער שלאַכט.

די קינדער האָבן שוין אַזוי לאַנג קיין ברויט נישט געגעסן. אַזוי ווי די מאַמע טראַכט איצט וועגן ברויט, אַזוי פילן שוין די קינדער דעם מחיהדיקן ריח און טעם פון שוואַרץ־קאַרענעם קימלברויט. אויף דער שפּיץ צונג צוויקן טעמעלעך, און זיי שפּרינגען אַריבער אין נאָז, און ווידער צוריק אַריין אין דער מויל־סלינע.

רעצעפּט, אַפּטייק, אַ קראַן. — דערפון ווײַט נאָר האָבן די אַפּטייק. פון דאָקטערס רייד האָט זי דאָך אַרויסגעהערט, און אַרויסגעפילט. און דאָ שטייען פינף קינדער אַרום. איינגעביסענע פון הונגער, אויסגעמאָגערטע מיט בלאַסע נאָז־שפּיצן.

זי פרעגט ביי איין צד, ביי די קינדער. די קינדער ענטפערן עפּעס, אָבער ציטערדיק, אונטערנאַזיק. הונגער און בענקשאַפט נאָך ברויט מאַכט זייערע רייד שטאַמלדיק. זייערע מיילער זאָגן — יאָ, מעדיצין, זייער אויגן, זייערע נעזלעך — פרעגן אָפּ די רייד, — ציטערן אויס קלאַנגען ווי זיי וואָלטן דריבנע געפּידלט מיט אַ סמיטשיק — ניין, ניי—ן, ניין.

די מאַמע וויל פרעגן ביי דעם צווייטן צד, ביי יעקבן אַליין, אָבער דער טאַטע, כאָטשיק ער האָט געדרימלט, צי געשלאָפן — אָבער ער האָט, זעט אויס, יאָ געהערט, ווען אַפילו נישט מיט די אויערן — און ער קרעכצט אַרויס צו דער מאַמען דעם געפרעג:

— לאהשי, שוין געברענגט די מעדיצין?

— נאָכניש, יאַנקיוושי.

שעהן זענען געקראָכן, און אַ מאָל געלאָפן, און די שלאָכט איז נאָך, זעט אויס, ערגעץ אָנגעגאַנגען. דער טאַטע איז דערווייל צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן, און די מאַמע האָט אַריינגעברענגט ס׳ברויט אין שטוב אַריין.

פאַר נאַכט האָט זיך דער טאַטע אויפגעוועקט. ער האָט דערפילט עפּעס אַ דזשיוונעם ריח אין שטוב: פריש ברויט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען:

די קינדער עסן ברויט.

ער האָט שוין מער גאָר נישט געפרעגט ביי דער מאַמען, מער גאָר נישט געבעטן.

*

אַ נאַכט פון שניי, פון ווינט, פון זאַווערוכע. ס׳רייסן זיך די פאַר־מאַכטע לאָדנס, דער דאַך קרעכצט. אַ קליין קאָפּיטשל פון נאַפטלעמפּל ציט זיך סאַדזשעדיק צום פּאָלאָפּ. קרייזלט אויס רויך־רעדעלעך, באַלד נעמט עס אונטערטענצלען און קאַרבירט סאַדזשע־שטרייפעלעך אַרום די רעדע־לעך, טוט עפּעס, זעט אויס, אַ וויכטיקע, בכיוונדיקע מייסטערשטיק־אַרבעט. אָבער שוין האָט עס חרטה, שפּרינגט ווילד, סתם, פאַרפּאַטשקעט צוריק די רעדעלעך און שטרייפעלעך, סיקעט, פאַרשוואַרצט גלאָט דעם סופיט מיט סאַדזשע, און אַ שווערער ריח אין האַלדז, אַן עסעניש אין די אויגן, און אין קאָפּ פּיקט עס, און טיקט. די מאַמע פּאָרעט זיך עפּעס ביים טאַטנס בעט. רעדט צו אים ברעקלעך רייד. עטלעכע פאַרכאָרכלטע קוים־רייד ענטפערן אָפּ.

פאַר טאָג. שוין ליכטפלעקן אויף דער פּאָדלאָגע. די מאַמע איז שוין אָנגעטון, צי אפשר גאָרנישט געווען אויסגעטון. פון טאַטנס בעט — אַ שווער, טיף כאָרכלעניש. עפּעס שלעכטס טאַנצט אַרום אין שטוב. ס׳צוויקט אין דער צונג אַ ביטערניש און אין די קני ברעכט אַ פּחד.

די מאַמע רייסט אויף די לאָדנס. די קינדער זענען שוין אויף די פיס און טוען זיך גיך אָן. דער טאַטע מאַכט עפּעס מיט דער האַנט, רופט צו זיך די קינדער. די מאַמע זאָגט:

— יאַנקיוושי, דערבאַרעם זיך, נעם אַ לעפעלע קאָמפּאָט אין מויל אַרייַן, וועט דיר לייכטער ווערן.

ער וויל איר צוליב טון, וויל נעמען, און די האַנט פאַלט אַראָפּ. די מאַמע דערלאַנגט אים ס׳לעפעלע קאָמפּאָט אין מויל אַרייַן. די ציין לאָזן עס אַדורך, אָבער די צונג שוין נישט, שטופּט צוריק. אַן עטלעכעפאַכיקער כאָרכל מיט אַ מאָל — און אַ פאַרוואָרף דעם קאָפּ אויפן קישן.

ס׳איז געווען כ״ג טבת, תרע״ט.

באַלד אין זעלבן טאָג איז פאַרגעקומען די לוויה. אויפן בית הקברות לאָזט מען נישט אַרויף קיין ווייבער, אָבער דאָס געוויין פון דער מאַמען האָט אַרומגענומען ס׳גאַנצע בית־עולם. איך מיט מיינע צוויי יינגערע ברידערלעך האָבן גענומען זאָגן קדיש. און ביי מיר האָט זיך עפּעס איבער־

געהאַקט, איבערגעריסן אין מיטן. צוריקגייענדיק האָב איך נאָר געהערט ווי די מענער־קרובים האָבן צו מיר געטענהט:

— נישט שיין, אַ בר־מצווה־בחורל, אַ מאַנצפּערשוין, חלשט נישט. דאָס פּאַסט פּאַר ווייבער.

די מאַמע האָט מיך געהאַלטן אַרומגענומען. צוליב מיר טאַקע, ווען די מאַמע האָט הינטערן פּאַרקאַן דערהערט אַ טומל און רופעניש: „וואַסער!" האָט זי זיך אַריינגעריסן אויפן בית־עולם, און דערווייל שוין אויך בייגע־ווען ביי דער קבורה פון איר מאַן.

*

ליידיקע טעג האָבן זיך געשלעפּט, געשטאַנען, זיך נישט געוואָלט רירן, קוים געקראָכן, און איך האָב אומאויפהערער, כסדר, געזוען דעם טאַטנס אויגן קוקן אויף מיר, אויפן בויך, אין בויך אַריין — ווו ס׳איז געלעגן זיין לעבן. ער איז זיכער געווען, אַז ווען ער נעמט די רפואה פון דאָקטער, אויף וועלכן ער האָט לאַנגע חדשים געוואַרט, וואָלט ער אפשר נאָך גע־לעבט, און אפשר טאַקע לעבנגעבליבן.

און ס׳זענען אַדורך וואָכן, חדשים און יאָרן, און איך האָב תמיד גע־פילט דעם טאַטנס בליק אויף מיין בויך — ווי דאָ וואָלט געווען זיין קבר.

משה גראָסמאַן, וואַרשע, מאַי 1926

און דווקא ערב יום־כיפור

א

שוין עטלעכע וואָכן צופריער שיקט יום כיפור וואָרנענדיקע שליחים צו יידישע קינדער. סימנים, ריחות, סטראַשונקעס. געלע, איינגעקאָר־טשעטע בלעטער, וועלכע פאַלן מיד, אָן כוח, פון די ביימער, ס׳רוב גלייך אין רינשטאָק אַריין; מוטנע, זשאַווערדיקע רעגנס; פון ערגעץ אַרויסגע־טריבענע ווינטן וואָס טרעפן אָן אויף לויזע דאַך־בלעכן און באַמבלען מיט ווידערקלאַנג; ערגעץ ווו ליגן אַוודאי פאַרגעסענע פייקלען און דער פייקלט אין זיי און פרוווט זיין ווידערקול. אין נאָז טעמט אַ ריח פון איבערצייטיקטע, צוגעלעגענע אויבסטן, און אין די אויערן עקבערט אַ ציטער־עכאָ פון שופר־בלאָזן אין די נאָענטע „שטיבלעך" און שילעכלעך. די זון תעניתט שוין און קוים זי וואַרעמט, האָט נישט קיין כוח זיך קעגנ־שטעלן די וואָלקנס, וועלכע פאַרשטופּן זי אַרונטערצו, פאַרגראָען, פאַר־חושכן איר פּנים. זי איז שוין נישט גאָלדיק, נישט געל, נאָר פאַרריסט, פאַרקאָפּטשעט, רייסט זיך דורך אויף אַ רגע, טובלט זיך אָפּ אין לויטער־קייט, גאָלדיקט זיך ווידער, קומען־אָן צו־שווימען די כמורנע כמאַרעס און פאַרשלינגען זי.

אַזוי האָבן זיך דערשלעפּט די טעג ביז ערב יום כיפור. דורכן אָפע־נעם לופטשיק פון אונדזער שטוב הערט זיך דאָס קרייען פון אַ האָן, וואָס טראָגט שוין אויך מיט אַ ריח פון געבראָטן פלייש. שוין אַ פעליקע וואָך ווי די מאַמע האָט צוגעזאָגט, מיט אַ באַוואָרעניש פון אַ „בלי נדר", „אם ירצה השם" — אַז אויף היינט וועלן מיר האָבן געפּילטע קרעפּלעך, גע־פּעקלט פלייש און וויינטרויבן.

אין גאַס קאָכט זיך, ווי אויף אַן אונטערגעלייגט פייער, אַ טומלעניש. אַ טרייסלדיקע רעדערקלאַפּעריי פון לאַסט־וואָגנס, דראָזשקעס, פּויערישע

לייטערפורלעך; סיגנאַל־קלאַנגען פון טראַמווייען און אַ געדיכט געגייערײ פון אײלנדיקע מענטשן. איך צעפּראַל אויף דאָס גאַנצע פענצטער, ווערט פון טומלעניש אַ הודושעניש. די פאָדלאָגע און די ווענט כאַפּן דאָס אונ־טער און צעציטערן. זאָל זיך רודערן, לאָ׳מען הערן! אָבער די מאַמע רופט ראַפּטעם מיט אַ פאַרוויינטער, צעצויגענער תפילה־שטים:

— מאַך צו ס׳פענצטער, ס׳יאָגט אַ קעלט!

איך פאָלג זי און דער טומל ווערט דערוואָרגן צווישן די לייסטלעך. אין שטוב ווערט קעלטער. די זון, אַ פאַרנעצטע, פאַרשעמט די געמאָליע־ווערטע ראָזע בלומען אויף אונדזערע ווענט און באַווייזט אַז זיי האָבן היינ־טער זיך געלע ווילגאַטש־פלעקן. די קיך איז קאַלט און אָפּגעדעקט פון די פּייערקעס און שטערצלעך, וועלכע וואַלגערן זיך אין אַ קופּקעלע אַש. אין די ליידיקע טעפּלעך פלאַצט די עמאַליע.

ס׳איז שוין אַוודאי צוועלף. אויפן טיש ליגט זינלאָז די געפּלאַצטע סעראַטע. די מאַמע זיצט אויפן בענקל ווי אַ פאַרפרוירענע, די הענט שטייף אויסגעשפּרייט, און האַלט פאַרכטיק און פאַרזיכטיק, ווי אַ וויקל־קינד, אַ שוואַרצן, זײַדענעם שאַל. קייגנאיבער איר זיצט דער טאַטע, פאַרלייגט דעם וויזפינגער אויפן נאָז און בייסט דאָס קליינע, שוואַרצע בערדעלע. די מאַמע באַנעצט מיטן צונג אירע פאַרטרוקנטע ליפּן און פּרעסט אַרויס האַלבזינגענדיקע רייד:

— יעקב, נעם מיין שוואַרצן, זײַדענעם שאַל און גיי פאַרזעץ, ס׳איז פּיקוח נפש!

דער טאַטע שרומפּט איין. ער איז נישט סובל ווען די מאַמע נעמט רעדן מיט אַ תפילה־ניגון.

— כ׳וועל נישט גיין, לאהלע, סיגיש קאַן אומגליק. עט מען היינט נישט עסן.

— יעקב, די קינדער הונגערן, ס׳גייט אויף אונדז אַ פאַרכטיקער טאָג, אַ טאָג פון דין און חשבון, מ׳דאַרף היינט עסן, כדי צו קענען דעם מעת־לעת אָן אַ מכשול אויספאַסטן, ס׳אַ גרויסע סכנה, פאַרגעס נישט, ס׳איז ערב יום כיפור! היינט מוז מען עסן! ס׳אַ געבאָט, אַ גרויסע מצווה!

— אַז מ׳האָט צו עסן איז עס אַ מצווה, און אַז מ׳האָט נישט, בלייבט

מען נאָר הונגעריק. כ׳על מיך נישט גיין אַרומטראָגן מיט אַ שאַל צו פאַר־זעצן. כ׳אָ נישט ביי וועמען. און צו דיין משפחה וועל איך נישט גיין, כ׳בין זיי נישט סובל.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט:

— אין אַ צוויי שעה אַרום דאַרף איך זיך טרעפן מיט אַ היימישן ידיד, וועל איך באָרגן ביי אים עפּעס געלט.

— נישט נאָר עסן דאַרף מען דאָך, יעקב, איך מוז האָבן צו באַצאָלן פאַר אַ „שטאָט" אין שיל, סי דאָך יום־כיפור, יעקב, געדענק!

ער האָט זיך געקאָרטשעט, ער ווערט קלענער, שמעלער, ר׳האָט פאַמעלעך געעפנט די טיר און זיך שטיל אַרויסגעשאַרט.

ב

די קינדער האָבן זיך צוריקגעלייגט אין אָנטועכץ אין די בעטן אַריין. ס׳בעטגעוואַנט איז נישט איבערגעצויגן, איז ראָז־רויט ווי אַ לונג און בלאָ ווי אַ מילץ, מיט אָדערן. אין אַנדערע ערטער גאָר־געל ווי אַן אָפּגע־לעגענער ציטרין, גליטשיק־פייכט און צעקנאָדערט, באַקלעפּט מיט פעדערן.

די מאַמע זיצט נאָך אַלץ אין איר פאַרפרוירענער פּאָזע, מיט דעם זיידענעם שאַל אין האַנט. איך, דער עלטסטער פון יינגלעך־קליינוואַרג, טראַכט איצט וועגן טאַטנס ידידים. ביי וועמען קען ער דאָס כאַפּן אַ גמילות־חסד? ביי מאירל ראַפּאַפּאָרט? ער איז אַ שיינער ייד, מיט אַ קורץ געשוירן, צוגעפּרעסט, שוואַרץ בערדל און האַרטן מעלאַניק. ער האָט אַ פאַרטרעטונג פון אַ קאַלישער האַפטן־פאַבריק. זיין ווייב טראָגט די איי־גענע האָר, אָן אַ שייטל, און האָט אַ פול מויל מיט אַריינגעשטעלטע טויט־לעך־ווייסע ציין. די צוויי יינגלעך הייסן מיידלשע נעמען: גוטשע און טאַליע. טראָגן גראַנאַטענע אוניפאָרמעס מיט ליאַמפּאַסן און גאָלדענע אָדלערקנעפּ. ביי די ראַפּאַפּאָרטס אין שטוב לייענט מען יעדן שבת־צו־נאַכטס שטיקלעך מענדעלע, גרעץ און מ׳רעדט וועגן שקלים.

אַז ראַפּאַפּאָרט קומט אַרויף צו אונדז אין שטוב אַריין, טוט ער אויס

דעם שוואַרצן קאַפּעלוש, פאַרלייגט אַ געפּרעסט זיידן קאַפּעלע, גלעט נאָך מער צו דאָס צוגעשניטענע, צוגעפּרעסטע בערדל און טענהט צום טאַטן:

— ער וועט אים אויסבאָרגן וויפל געלט ער וויל נאָר אַליין; נאָר ער זאָל פאַר דעם געלט קויפן ערד אין ארץ ישראל. — ער ווייזט אויף:

— אָט איז אַ ביילים־פּראָצעס, אָט איז אַ יאַגעללאָ־באַיקאָט. אָט איז זיין גוטשע געוואָרן אַ שטאַמלער, ווייל אַ גוי האָט אים אַמאָל איבערגע־שראָקן מיט אַ לאַנג מעסער, געוויזן אויפן האַלדז כיק־כיק. עס גיסט זיך יידיש בלוט אויף דער וועלט, גיסט זיך אַ צייט נישט, ווערט עס פאַר־גליווערט פון פחד. אַזוי תמיד, כסדר, טאָג־איין, שעה־אויס. ווי לאַנג איז דער שיִער? אייביק אין דער פרעמד, אין טויט־אַנגסט, אימה, שרעק, — גענוג!

און ער פלעגט פאַרענדיקן:

— אָ, גאָט, באַשענק אונדז מיט פליגל, אַז מיר זאָלן שוין וואָס שנעלער קענען אַריבערקומען אין אונדזער הייליק לאַנד אַריין!

אַזעלכע ענלעכע רייד רעדט אויך ראַפּאָפּאָרט יעדן שבת פון דער בימה אַראָפּ אין דער שול „עדת ישורון".

אָבער שטענדיק, ווי אויף פּליים און להכעיס, פלעגט נאָך אים באַלד נאָכקומען יויזיפ, אַ זון פון נאַפּטשאַזש, וואָס האָט ס׳געוועלבל פאַר אונ־דזער טויער אויף דזשיקע אַכט. אויך ער טראָגט אַ שוואַרצן קאַפּעלוש, אָבער אַ ווייכן. און אַז ער טוט אויס דעם הוט, פאַרלייגט ער נישט אויף זיין קאָפּ קיין קאַפּעלע, אויף דעם אָרט פּאַליעט זיך אַ געדיכטע, פלאַ־טערדיקע טשופּרינע.

ער גיט זיך אַ טאַפּ ביי זיין גלעזערן אויג (צוריקגעקומען דערמיט פון סיביר), וואַרפט אַ צאָרן־בליק אויף ראַפּאָפּאָרטן און עס צעוועטערט זיך אַ שטורעם:

— יאַנקעלע, לאָז זיך נישט פאַררעדן די ציין! מיר דאַרפן נישט די מאַמע רחלס קבר און נישט דעם כותל מערבי. מיר דאַרפן בירגער־רעכט, קאָנסטיטוציע, פּראָטעסט, סוואָבאָדאַ!

אין מיטן דערינען איז אויך תמיד אָנגעקומען די מאַמע. איז תיכף געוואָרן ש־ש־אַ! זי האָט מיט די צוויי פינגער אַריינגעצוועגלט אירס אַ

שטיק באַק, זיך אַ קניפּ געטון, און הויך געמאָלדן, קודם כל צו גאָט אין דער הייך, דערנאָך צו די געסט און צום טאַטן:

— די טומאה מיט דער קליפּע זענען שוין דאָ! ברוכים הבאים, סקאָצל קומט!

ראַפּאָפּאָרט האָט ביי איר געהייסן „דער פאַלשער משיח" און יויזיפ — „דער סיבירניק". זי האָט זיי שיִער נישט, מיט אַ מכלומרשט חכמהלע און ווערטל, אַרויסגעטריבן פון שטוב. צום טאַטן האָט זי דערנאָך אַריינ־געטענהט:

— ביסט דאָך, יעקב, נישט קיין פאַרגרעבטער מענטש, קענסט לער־נען, שטאַמסט פון אַן איידעלער משפחה, טאָ פאַר וואָס זאָלסטו האָבן צו טון מיט אַזוינע פאַרשוינען? די קינדער וואַקסן אונטער און קענסט דאָך, נישט־דאָ־געדאַכט, ברענגען אויף זיי אַן אומגליק, אַ וואָרע אומגליק!

דער טאַטע האָלט דעם ווייזפינגער אָנגעלענט אויפן נאָז און גריי־זשעט אַ חלק שוואַרץ בערדעלע. די אַפּלען אין די אויגן איז ענג און זיי טענצלען פון איין אויגנווינקל צום צווייטן. איך האָב מורא, אַז ער זאָל איר נישט אָפּענטפערן יענץ איינע וואָרט, דערמאָנען איר בלויז דעם איינעם נאָמען פון איר משפחה — און די מאַמע וועט גלייך אָפּהאַקן רעדן. נאָכן דערהערן דעם דאָזיקן נאָמען פלעגט זי נעמען זיך שלאָגן אין קאָפּ אַריין, שרייען „ימח שמה!", אויסשפייען דריי מאָל, אַ שלוקערץ טון און פאַלן אין חלשות.

דער נאָמען פון יענער איז:

נייטשע!

דער מאַמעס אַ גישוועסטערקינד.

ג

מיר האָבן נאָך היינט גאָרנישט געהאַט אין מויל, אַפילו אַ ביסל גע־זאָטן וואַסער. אונטערן האַרץ־גריבל ריזלט אַ ליידיקער ווייטיק — עסן! ס'ווילט זיך עסן.

ס'איז שוין איינס באַטאָג, צוויי באַטאָג. דאָס קליינוואַרג דרייט זיך אין שלאָף. דאָס קלענסטע וויינט שוין — עסן! און דער טאַטע איז נאָך

נישט צוריק. הפּנים נישט געטראָפן זיינע ידידים. ראַפּאָפּאָרט וויל אַוודאי באָרגן געלט, נאָר אויף צו קויפן ערד אין ארץ־ישראל, אָבער נישט אויף צו עסן דאָ, און יויזיפּ, דער פון דער „סוואַבאָדע״, האָט דאָך נישט קיין געלט.

די מאַמע לייגט שוין אַוועק דעם שאַל און גייט צו צום פענצטער. זי זאָגט פון אַ סידור. פריִער ווײַנט זי אויס דאָס וואָרט, דערנאָך זאָגט זי עס אַרויס שוין דייטלעכער, און ביים דריטן מאָל איבערחזרן דאָס וואָרט צעוויינט זי זיך ווידער.

אין גאַס איז שוין קנאַפּער דער טומל. דער הויף איז שוין ליידיקלעך, ס׳פליען שפּינגעוועבן, ס׳וועבט זיך אַן אימה פאַר די פענצטער, ייִנגלעך שפּילן זיך שוין נישט, ס׳טריטלען פאַמעלעכקע עטלעכע יידן און ווייבער מיט באַדעכטיקע טריט. ווייכע, פאָרכטיקע בליקן אין זייערע אויגן. די זון רוקט זיך שוין אין אַ זייט פון פענצטער און ס׳ווערט טונקעלער, קי־לער. אין קייגנאיבערדיקע שטיבער האַלט מען שוין ביי דער סעודה. די מאַמע זאָגט שוין נישט פון סידור. זי דרייט זיך מאַנצפּערשווינישׁ הין און צוריק איבערן שטוב, די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, און רופט הויך, מאַנענדיק:

— מן המצר קראתי יה! מן המצר קראתי יה!!

זי וויינט נישט, זי פאַדערט. די טרערן גליווערן אין אירע אויגן. גייט צו צום פענצטער, נעמט ווידער דעם סידור אין האַנט אַריין, קלאַפּט איבערן טאָוול און רופט מיט אַ מאַנענדיק פּרעטענציע־קול:

— מן המצר קראתי יה!

דאַן פּראַלט זיך האַסטיק אויף די טיר. עפּנט זיך אין דער גאַנצער ברייט, ווי אַן אַריינפאַר־טויער, מיט אַ רעש און גערויש. ווער איז דאָס געקומען?

די מאַמע ווערט מתיק בלאַס, לאָזט אַרויס דעם סידור פון האַנט און דערכאַפּט אים קוים ביים טאָוול, זעצט זיך האַסטיק אַראָפּ אויף אַ בענקל. —

נייטשע איז געקומען!

הויך, אויסגעפּאַסט־דיק, אוודאי געקרעמפּעוועט פון אַ גאָרסעט, אין

אַ לאַנגן, סאַמעטן זשאַקעט איבערגעוואָרפן מיט אַ טיף־האַריקן, שוואַרץ־גרויען קאַלנער, וואָס האָט אַן אָפענעם חיהשן פיסק ביים עק. זי טראָגט אַ גרויסן העל־פילצענעם הוט, באַצויגן מיט זיידענע טאַשמעס, אויף די ברייטע ראַנדן ליגן אָנגעלייגט פרוכטן פון קאָלירט גלאָז. אירע לאַטשן זענען שפּאָגל־נייע, אויף אַ שמאָל־געהוילטן, הויכן אָפּצאַס. אין די אויערן וויגן זיך גרויסע אוירינגלעך, באַשמוקט מיט בלישטשענדיקע שטיינדלעך. אַלץ דאָס סאַמע שענסטע און עלעגאַנטסטע, וואָס מ׳זעט אין אונדזער אָרעמער געגנט פון דזשיקע און מילע.

דאָס פּנים אירס — ראָזע טייג. קיילעכדיק. אויסגעפּורעמט. געגנוי ווי די מאַנעקינען אין די אויסשטעלעס. געשמירטע ליפּן, פעט־שוואַרצע ברעמען און ליאַלקעדיקע, ליכטיק־בלויע אויגן. ס׳צופּט אַ שאַרפער פּאַרפום־ריח. זי רעדט הייזעריקלעך, ווי אויף לויזע סטרונעס פון אַ באַס.

די מאַמע זיצט נאָך, ווי אַ פּאַרליימטע, אויפן בענקל, נאָר אירע הענט זענען חופּהדיק אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג פון די קינדער, וויל זיי באַשיצן פון אַן אומגעריכטן קלאַפּ.

נייטשע זעצט זיך אַפילו נישט צו.

— הער, לאה, כ׳האָב שוין געוואָלט ביי דיר אַ סך מאָל זאָגן, נאָר כ׳אָ נישט געגאַט קאָ צאַאַט. אַ ביסל האָב איך מורא געגאַט, אַז איך פאָר שוין אַוועק מייוועך לעאַם (מעבר לים), העט־וואַאַט, און כ׳על דיך שוין קיינמאָל מער נישט זעיען, און סי גראָד היינט ערעף יאָמקיפּאָ * בין איך געקומען זיך געזעגענען.

די מאַמע האַלט צו די ווערטער צווישן די פאַרהאַקטע ציין, און שפּאַלט נאָר אַרויס צעצויגן די פראַזע:

— וויאַהין פאָ־ער־סטי דאָס, נייטשע ?

— זאָ נישט קאָ באָטש און פרעג נישט אַזעכע קאַשעס ** כ׳פאָר קאָ בוינע *** בינעך געקימע זעך געזעגענען און לאָזן אַ דיזענע אַביסל

---

* ערב יום־כיפּור. ** אַזעלכע קשיות. *** בוענאָס איירעס.

לעצטגעלט פאַר דיע, דאָאַנע קינדע — האָסט, זעיעך, קאַנעהאָרע שיינע, גערּאָטענע קינדער — זיי זאָלן דע געזינט זאַן.

די מאַמע האָט נאָך מער אויסגעשטרעקט צו אונדז די הענט צום באַשיצן פון אַ קלאַפּ.

נייטשע האָט אַראָפּגעצויגן די לאַנגע, ווייסע לאַקירטע האַנטשן, געעפּנט דעם גראָבן זילבערנעם שלאָס פון בייטל. האָט אַרויסגעצויגן איין אַסיגנאַציע, נאָך אַ באַנקנאָט, צוגעקליבן עטלעכע זילבערנע מטבעות, און מיט אַ טראַמאַסק עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

ביי דער מאַמען האָט זיך די נאָז פאַרשפּיצט שופּרדיק, כ'האָב געזען ווי די אויגן האָבן זיך ביי איר פאַרצויגן מיט אַ מאַט הייטל. מיט אַ געקוועלט, אבלדיק קול זי אַ רוף געטון:

— ניטע, נייטשע, באַזין דעך!

נייטשע האָט איר שנעל דערלאַנגט די האַנט און מיט אַ נאָך מער לויז־באַסיקער שטימע אַ זאָג־געטון:

— זאַ נישט קאַ נאַר, כ'פאַרדין דאָס ערלעך און כשר, מיט מיין אייגן לאַאַב און גוף. ווען מיין טאַטן וואָלט זיך נישט פאַרוועלן אויסאַרבעטן אייגענעם שפּערטעס און אייגענע באַנדעראָלן, וואָלט ער נישט פאַרשיקט געוואָרן קאַ סיביר, וואָלט נישט געווען קאַ קאַטאַרזשאַן און ס'וואָלט צו דעם אַלעם נישט דאַגאַנגען. מינעסטאָם האָט גאָט אַזוי געוואָלט, — האָט ער, פאַרפאַלן...

און אַרומגעכאַפּט דער מאַמען און זי אָנגעקושט:

— מיט די קינדע, זעיסטי, ווּעלעך זיך ניש קישן. ני, זאַאַמע גיזינט און גליקלעך! אַ גיט יאָר און אַ גיטע כסימע טויווע!

און נאָך אימפּעטיקער ווי זי איז געקומען איז זי אַוועק, אַ זעץ טועבדיק מיט דער טיר. ס'האָט נאָך אַ מאָל אַ בלאָז געטון מיט ווינט און צופּנדיקן פאַרפום־ריח.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דער טיש שוין געווען געדעקט מיט מחיהדיקע, געקאָכטע מאכלים, געבּרענגט פון אַ גאָרקיך, פּרוכטן, און אַפּילו אַ קליין פלעשל ווין.

דער טאַטע איז געקומען גאָר שפּעט. ער האָט די טיר געעפנט פאַ־

מעלעכקע, רוישלאַז, נישט־דרייסט, פאַרשעמט. ער האָט, זעט אויס, טאַקע קיינעם פון זיינע ידידים נישט געטראָפן, צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט. דערזען דעם געדעקטן טיש, האָט ער זיך צוריקגעצויגן. אַ קוק געטון אויף דער מאַמען, אָבער זי האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ אין אַ זייט. האָט ער געקוקט אויף אונדז, געפּרעגט מיט די בליקן, מיר האָבן אָבער באַמערקט ווי די מאַמע ווייזט צו אונדז מיט אַ פינגער אויפן מויל.

זיסלעך, מיט איינגעהאַלטענעם שטאָלץ, האָט זי זיך אָנגערופן:

— מ׳נע, יעקב, גיי וואַש זעך און קום עסן. כ׳גיי באַלד אַוועק איינצאָלן פאַר אַ שטאָט אין שיל.

דער טאַטע האָט אַ פאַרשעמטער זיך צוגעזעצט עסן — כאָטש נאָך אַלץ אָנגעשטעלט פרעגנדיק די בליקן.

— עפּעס שפּירט מען דאָ אַזעלכע ריחות.

ס׳ייִנגערע ברודערל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַ בורטשע געטון:

— נייטשע.

כ׳ווייס נישט צי דער טיש האָט זיך אַ טרייסל געטון, צי דער טאַטע האָט אַזאַ ציטער געטון. ער האָט גיך אָפּגערוקט דאָס עסן. איך, דער עלטסטער בן, האָב געוואָלט נאָכטון דעם טאַטן, און אויך אָפּגערוקט דעם טעלער:

— כ׳קען נישט, מאַמישי, ס׳שפּירט זיך מיט פּערפום.

ס׳האָט אַ פלייץ געטון פון אירע אויגן. די טרערן זענען געווען ווי פון אַ העליש פייער באַלויכטן.

— גאָט, גרויסער גאָט, רבונו דעלמא כולו, דער וואָס כ׳בין נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען — דיינע וועגן זענען פאַרהוילן! אַלמעכטיקער, דער וואָס כ׳האָב מיר נישט געוואַשן די הענט — דו שטעלסט מיך פאַר אַ נסיון? ענטפער, גאָט!!

זי האָט זיך אויפגעריסן, אויפגעשטעלט, אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט אין טיש:

— שטיל זאָל זיין! נישט מבייש זיין די סעודה המפסקת! ס׳איז פאַר כל נדרי!

אָפּגעהאַקט. אַצינד האָט זי אַזוי שטיל, ווי מען זאָגט נאָך ביי מזכיר נשמות, געפּליסטערט:

די טיר, האָט, דאַכט מיר, זיך אַליין געעפנט, די מאַמע שוועבט לופטיק, דעם קאָפּ איבערגעדעקט מיט דעם שוואַרצן שאַל. ער איז אַזוי לאַנג געוואָרן דער שוואַרצער שאַל, ער הייבט זיך, פליט. די מאַמע איז שוין אויף די שטיגן און דער שאַל פאַליעט נאָך אַלץ אַריין אין דער אָפענער טיר.

דער טאַטע זיצט צוריק אָנגעלענט דעם ווייזפינגער אויף דער נאָז און בייסט דאָס קליינע, טרויעריקע, שוואַרצע בערדעלע.

מיין לערער פון פראַנצייזיש

די האָטעלן אין פּאַריז זענען פון אַזוי פיל מדרגות, אַז וואָס ס׳קאָסט אַ האָטעל ערשטער קאַטעגאָריע שלאָפן איין נאַכט, קענט איר פאַרן זעלבן געלט וווינען אין אַ האָטעל פון אַ נידעריקער קאַטעגאָריע — אַ גאַנצן חודש.

און וואָס נידעריקער מדרגה האָטעל, — אַלץ שענערע און קליינ־גענדיקע נעמען. די גרויסע האָטעלן הייסן פשוט: „איראָפּע״, „מאָדערן״, „וויקטאָריאַ״, „טוריסט״. די קליינע האָטעלעכלעך, נאָענט צו די פּאַר־שטעט, הייסן:

„אייביקע זון״, „בליִענדיקע אָרכידיי״, „צוויי וועלטן״, „די פיר גרויסמאַכטן״, „אַמור וואַכט תמיד״, „דער שמייכל פון דער יונגפרוי״.

די דאָזיקע נעמען זענען נישט אויף קליינע גלאָז־שילדלעך מיט גאָלד־אותיות, נישט מיט נעאָן־ליכט, נאָר געווײנלעך אויסגעמאָלט אויף די האָטעל־מויערן. מיט שוואַרצער פאַרב, מיט נישט־געזשאַלעוועט־גרויסע אותיות, בײַכיק אָנגעשוואָלן אין מיטן, מיט געפּלאַצטן קאַלך אין די קעפּלעך און מיט צערונענע פּיסלעך, פון וועלכע דער רעגן ציט תמיד אַרויס שמאָלע, שוואַכע ריטשקעלעך און פּאַסיקלעך. די דאָזיקע שטאָלצע נעמען שטייט נישט אָן, זעט אויס, זיך צו האַלטן אויף דעם גראָען טינק און זיי קרישלען זיך און צערינען זיך.

מיין לערער האָט געוווינט אין אַזאַ האָטעל. אַ פּירשטאָקיקע געביידע, אויף בולוואַר מענילמאָנטאַן, אין דער אַרבעטער־געגנט פון בעלוויל.

לויט זיין אויסזען, קליידונג, האַלטונג, מאַניערן, וואָלט מען נישט געטעותט ווען מ׳פאַררעכנט אים פאַר אַן איינוווינער פון אַן ערשטראַנגיקן האָטעל. דעם טעות האָט נאָר געמאַכט — דער גורל.

ער איז סיי שמאָל, סיי הויך. באַמיט ער זיך רעדוצירן פון זיין

שלאַנקער הייך, האַלט ער דעם קאָפּ תמיד עטוואָס אַראָפּגעבויגן. מסתמא מחמת באַשיידנקייט. מעגלעך, אַז די טיר אין זיין האָטעל־צימער איז אַ נידעריקע, האָט ער זיך אַזוי איינגעוווינט.

ער קומט געבן לעקציעס פון פראַנצייזיש צו יידישע פּליטים, וועלכע וווינען אין אַ הויז פון אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט. די צימערלעך דאָ זענען נאָך קלענערע ווי אין זיין האָטעל. צימערלעך וועלכע צווינגען איך גלייך זיי פּיינט קריגן. ווענט — ווי אַרטרעטיקער, שווערפּעליקע, זעצן זיך אין די קני. פּייכטער קאַלך, קען זיך אַפילו נישט קרישלען, נישט בלוי און נישט געל, מיט פאַרהאַרטעוועטע, סענקעוואַטע בעטאָן־אָדערן. פאַרזשאַווערט, סקלעראָטיש. אַזעלכע ווענט האָבן ליב טונקלקייט. מרה־שחורה. די זון האָט דאָ זעלטן אַריינגעקוקט.

אויף די פאָדלאָגעס שטייען האַלב־אויפגעפּאַקטע, צעקנייטשטע טשע־מאָדאַנעס, און ס׳וואַלגערן זיך אַרום זייי חפצים, וועלכע זענען נאָר ניי־טיק אין אַן איינגעאָרדנטער ווירטשאַפט, — דאָ זענען זיי איבעריק. ס׳קען אויך זיין אַז די וואַליזעס זענען נישט האַלב־אויפגעפּאַקטע, נאָר שוין האַלב־פאַרפּאַקטע. סיי־ווי — די צייטווייליקייט אימפּעטיקט זיך פון זייערע אָפענע דעקלעך, און דער ריח פון וואָקזאַלן איז נאָך פון זיי נישט אויסגעוועפּט.

זיינע תלמידים און תלמידות דאָ, זענען ס׳רוב פון נידעריקן וווקס, דאַרעוואַטע. זייער גאַנג איז נאָך געשטרויכלט מיט אימה. זייערע בליקן — ווינקלדיקע, מיט פּחד פאַר פלוצימדיקע שלעכטע בשורות. אויך — מיט נישט־דערשלאָפנקייט, פּסיכישן הונגער.

איז צוליב דעם אפשר קומט אַהער אַריין דער לערער, מיט אַ נידע־ריק־געבויגענעם קאָפּ? מחמת ווילן זיך דערנענטערן צו זיי?

אַלאַיזי גיפּפּעל.

זיין קאָפּ — פון איידעלן בוי. ווי אַ יוגנטלעכער אין ערשטער תקופה מענער־רייפקייט. ראָזעווע באַקן ספק־שעמעוודיקייט, ספק שווינד־זוכט. נאָענט צו די פערציק. אויף די ליפּן — אַ פלאַטער־שמייכעלע. עס איז אים, זעט אויס, קנאַפּ ניחא צו פאַרטייטשן דעם תלמיד אָדער תלמידה — די אַקצענטירונגען פון פראַנצייזישן לשון. ווייל דעמאָלט דאַרף ער

פאַנאַנדערנעמען די ליפּן ברייטער, האַסטיקער עטוואָס באַוועגן מיט צונג און ציין, — און דאָס שטערט אים אין דער פּאָזיציע פון זיין ליפּן־קאָמ־פּאָזיציע, מיט דעם בלאַנדזשענדיקן פלאַטער־שמייכל.

אַלאַיזי גיפּפעל איז אַן עסטרייכישער ייד, אַליין אַ פּליט, אָבער נאָך פון יאָר 1936, בעת די ערשטע היטלער־עקסצעסן אין זיין שטאָט.

נישט לאַנג ערשט געהאַט פאַרענדיקט דעמאָלט זיינע שטודיעס אַלס אַרכעאָלאָג, אין ווינער אוניווערסיטעט. חתונה געהאַט, געעפנט אַ ביוראָ פאַר פאַרמיטלונג ביים קויף און פאַרקויף פון אַלטע שיפן און דאַמ־פּערס.

זיין פרוי — אַ פידלערין, ווירטואָזין, קאָנצערטירט אין די אייראָ־פּעישע הויפּטשטעט.

נאָך זיינס אַ לעקציע האָט מען זיך באַדאַרפט גוט איבערגיין, ווייל ער האָט שווער געלערנט. געקענט פּערפעקט פראַנצייזיש און ענגליש, דאָך גערעדט זיי ווי שפּראַכן אויסגעלערנטע. ער האָט זיך געמיט אונ־טערזינגען דעם פראַנצייזיש ווי ער וואָלט גערעדט געוואָרן אין ווערסייל, אָבער אויך באַנוצט דעם אַרגאָ פון דער פּעריפעריע, דעם סלענג און שאַרפע קיצורים פונעם פאַלקסמענטש. פון „זשע נע סע פּאַ״ (איך ווייס נישט) ווערט ביי אים „שע־פּאַ״. ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז ער זאָל אין מיטן לערנען איינדרימלען. האָב איך אומיסטן אויפגעהערט לייענען די לעקציע פון ביכל. האָט עס געדויערט עטלעכע מינוט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און מיט זיין פלאַטער־שמייכעלע זיך אַנטשולדיקט:

— איך הער, איך הער, זעצט־פאָר, ביטע!

גערעדט האָט ער דייטש. באַמיט זיך אַריינמישן אייניקע אָפּגע־געברויכטע, אינטים־יידישע ווערטער, אייגנטלעך ס׳רוב העברעיִזמען.

מיט די עטלעכע תלמידות מיט וועלכע ר׳האָט געלערנט אין זעלבן הויז, האָט ער זיך געפירט ווי אַ געבוירענער אין ווערסייל, מיט אַלע צערעמאָניאַלע באַגריסונגען, מיט נייגן און בייגן זיך, קושן אין האַנט. אָבער אויך דאָס האָט אים נישט געשטערט אַ מאָל איינצודרימלען אין מיטן לעקציע. ס׳פלאַטער־שמייכעלע האָט זיך דעמאָלט אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע. אויפגעכאַפּט זיך — און באַלד אונטערטעניק:

— איך הער, גנעדיקע מאַדאַם, איך הער, זייט אַזוי ליבנסווירדיק, זעצט פאַר אייער לייענען, ביטע!

נאָך דער לעקציע, פלעגן מיר אָפט אַריינגיין אין אַ ביסטראָ, אויף אַ גלעזל ביר. יעדעס מאָל האָבן, בעתן פאַמעלעכן טרינקען אַזאַ גלעזל ביר זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיינע ליפּן עטלעכע ביאָגראַפישע פרטים. זיך אַראָפּגעגליטשט אין האַלבן גלאָז אַריין. אויף דערטרונקען צו ווערן? אויף דערמונטערן זיי? אויפפרישן?

דאָס מאָל זענען מיר געזעסן אין אַ ביסטראָ אין אַ שטיל געסל, קייגנאיבער אַ שפּיטאָל־מויער. ס׳גלאָז ביר האָט ער געהאַלטן אַרומגענו־מען מיטביידע האַנטפלאַכן, ווי אַ פאַרפרוירענער וואַרעמט זיך אָן אין אַ וואַרעמער כלי. ווי ס׳גלאָז וואָלט זיין מעדיום געווען. כל זמן ער האָט עס אַרומגענומען, קען ער רעדן, נעם עס אים פלוצים צו, און ער ווערט אַ דערשראָקענער איבערהאַקן. איך אַצינד האַלט ער דעם קאָפּ אַראָפּ־געבויגן. ערב־דרימל. ס׳שמייכעלע פלאַטערט נישט. פאַרפרוירן. די ראַזקייט פון גאַנצן פּנים האָט זיך קאָנצענטרירט בלויז אונטער די קינ־באַקן. איז שוין איצט דער ספק־שווינדזוכט קנאַפּער. —:

— די דייטשן זענען אַריין קיין פּאַריז יאָר נייַנצן־פערציק. אַ יאָר שפּעטער האָב איך זיך געמוזט צעשיידן מיט מיין פרוי. בין איך אַוועק אין אַ פראַנצייזישער פּראָווינץ־שטאָט, זיך אויסבאַהאַלטן. זי האָט גע־זאָלט זיך אויסבאַהאַלטן אין פּאַריז גופא. די זאַכן אירע האָט זי אַוועק־געגעבן אויסצובאַהאַלטן צו אַן ענגלענדער. אַ צופעליקן באַקאַנטן וואָס איז דעמאָלט אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן. זי האָט ביי אים אויסגעבאָרגט אַ קליינע סומע געלט, אויף צו קענען זיך אויסהאַלטן כאָטש עטלעכע וואָכן. צווישן די חפצים איז אויך געווען איר פידל.

און אומגעריכט האָט ער די רעשט האַלבע גלאָז ביר אויסגעטרונ־קען מיט איין שלונג, וואָס האָט לגמרי נישט געפּאַסט צו זיין מאַניר־לעכקייט און פאַמעלעכקייט.

ער האָט נאָך מער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, די שטילקייט — אַן אומרויִקע, ס׳האָט זיך אַריינגעריסן אַ פליג און דורכגעפלויגן צווישן אונדז ביידן, שאַרף געזשומעט ווי אַן אַוויאָן אין מיניאַטור. אַלאַיזי האָט

זיך פאַרשטעלט ס׳אויער פאַר דעם געריש און גיך אַ זאָג געטון, ווי ווערנדיק זיך קעגן דעם געזשום:

— די פידל איז געווען אַ סטראַדיוואַריוס!

איך האָב נאָך דעם באַשטעלט צוויי שעלעכלעך שוואַרצע קאַווע. ווי אַן אַנטראַקט אין טעאַטער, אַזוי האָט איצט אַלאַיזי מיט מיר אָפּגע־שטימט דעם טערמין פון דער קומענדיקער לעקציע.

פון די שעלעכלעך קאַווע האָט זיך געהויבן אַ פאַרע, און אַלאַיזי האָט געקוקט אויף דער פאַרע, ווי פאַוסט, בעת ס׳דאַמפן פאַר אים די כישוף־קעסלען פאַרן אונטערשרייבן דעם הסכם מיט מעפיסטאָ. ער האָט אַרומגענומען ס׳שעלעכל קאַווע, אַ שלונג געטון. און אין די אויגן זיינע האָט זיך געמערקט, ווי ס׳וואָלט זיך דאָרט ערגעץ איצט אויפ־געעפנט נאָך אַ פאַרבאָרגן טירל. —:

— איך פיר איצט אַ לאַנגן, שווערן פּראָצעס.

— קעגן יענעם ענגלענדער?

— ניין. וועגן יענעם ענגלענדער ווייס איך נישט קיין סך. ער וווינט אין לאָנדאָן. און איך ווייס אַז ער ווייסט נישט — אַז די פידל איז אַ סטראַדיוואַריוס. אַ פּראָצעס פיר איך קעגן דעם מאַן וואָס האָט ביי מיר צוגענומען די צווייטע פרוי. די מיט וועלכער איך האָב חתונה געהאַט אין אַן אָרטשאַפט ביי באָרדאָ. אין יאָר 1943. יאָ, אייך נישט דערציילט אַז מיין פרוי איז אומגעקומען אין יאָר 1942.

ער האָט אַרויסגעלייגט זיין שאַכטל גאָלואַס־פּאַפּיראָסן. פאַר יעדע פאַר ווערטער, האָט געמוזט קומען אַ טיפער ציִ פונעם פּאַפּיראָס, און די ווערטער האָט ער געצויגן ווי ס׳וואָלטן צו זיי געווען צוגעבונדן שטיינער, און ער אָטעמט שווער נאָך יעדן מאָל אַרויסציען אַזאַ לאַסט —:

— אין אַ ג ו ט, הינטער באָרדאָ, זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן עטלעכע צוואַנציק יידן, פּליטים פון עסטרייך, טשעכיע, דייטשלאַנד. דער אייגנטימער פון ג ו ט, אַ רייכער, אַ וועטעראַן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ פרומער קאַטאָליק, מיט ליבעראַלע אָנשויונגען. גע־האַט אַ שוואַכקייט צו יידן, אָבער נאָר צו פאַרפאַלגטע. ער האָט אונדז

אַלעמען באַשפּייזט און באַקליידט ווי מיר וואָלטן זיין זיינע קינדער. געהאַט אַ דערוואַקסענעם זון און אַ יונגע טאָכטער, וועמענס מאַן איז געהרגעט געוואָרן אין יאָר 1940, אין אַ שלאַכט קעגן די דייטשן ביי דער מאַרנע.

זי האָט זיך מיט אונדז פאַרנומען ווי אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער. מיר אַלע, אויסבאַהאַלטענע מענער, זענען געווען אין איר פאַרליבט. איר קול (ער רייסט איבער און זוכט אַ באַצייכענונג), — איר קול, — זיסער גיפט אין די ביינער; פאַרוועלקטע בלומען דאַרפן צוריק אויפֿבליען — הערנדיק אַזאַ קול; קראַנקע קענען געזונט ווערן, — אַנטשולדיקט, נישט מיין טבע אויף אַזעלכע באַצייכענונגען, כ'מיין, סאַראַ בערנאַר, עלעאָנאָראַ דוזע — האָבן מסתם געהאַט אַזאַ סאָרט שטימע, — אַנטשולדיקט. יאָ, זי האָט אונדז אַלעמען ליב געהאַט ווי ברידער. דעם 10טן מאַי יאָר 1943 איז דער אַלטער, מאַרסעל אַזשע, איר פאָטער, געשטאָרבן. אין זיינע לעצטע ווערטער האָט ער אָנגעזאָגט דער טאָכטער, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט איינעם פון די געפלאָגטע, אויסבאַהאַלטענע יידן. זי זאָל זיך אויסקלייבן דעם וואָס געפעלט איר צום בעסטן. נאָר אין איין באַדינג בעט ער זי געדענקען —

איר אויסדערוויילטער זאָל זיין דער, — וואָס איז צוממערסטן ייד.

מיר האָבן אים באַוויינט ווי אַ פאָטער. מיר האָבן נישט געקענט גיין צו זיין לוויה, האָבן מיר אין דעם אַלטן פאַרלאָזענעם הויז אין דעם גוט, וואָס אַרומיקע האָבן עס גערעכנט פאַר אַ חורבה, אָפּגעריכט נאָך אים טרויער. איך בין געווען דער איינציקער פון אַלע יידן, וועלכער האָט געקענט עטוואָס לייענען העברעישע אותיות. האָט פּיער, דער זון פון פאַרשטאָרבענעם מסיע מאַרסעל אַזשע, פאַרשאַפט אַ יידיש געבעטבוך און איך האָב געזאָגט קדיש.

די טאָכטער מאַרי־אַמעלי האָט זיך צו מיר אַלץ מער און מער דערנענטערט. זי האָט געשפּילט קלאַוויר ווי איינע פון יענעם שאָפּענשבט. נאָך האַלבער נאַכט, ווען מ'האָט שוין נישט געזען קיין פרעמדע דורכגייער, בין איך אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש, און זי האָט מיך

פאַרבעטן צו זיך אין צימער אַריין און געשפּילט פאַר מיר באַכן און שאָפּענען.

דעם 17טן אויגוסט 1943 האָבן מיר אין אונדזער באַהעלטעניש געפּראַוועט אַ פעסטמאָל: מאַרי־אַמעלי האָט זיך מיט מיר פאַרקנסט. די אָפיציעלע ציווילע חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ וואָך נאָך דעם טאָג ווען מ׳וועט פאַרטרייבן די דייטשן פון פראַנקרייך.

פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין מער נישט געווינט אין דעם חרובן שלאָס. מ׳האָט געמאַכט פאַר מיר פאַלשע פּאַפּירן אַלס פּראַנצויז און כ׳בין אַריבער אין הויז פון די אָזשעס, כלומרשט אַלס עקאָנאָם.

יעדן טאָג בין איך און מיין פרוי געוועזן צו עטלעכע מאָל אין דער באַהעלטעניש ביי מיינע גורל־ברידער. אָבער עטלעכע פון מיינע פאַלקס־ברידער האָבן צוליב קנאה און נישט־פאַרגינען גענומען אינטריגירן ביי מאַרי־אַמעלי קעגן מיר. איר אונטערגעוואָרפן אַנאָנימע בריוועלעך מיט רכילות, אויסגעטראַכט באָבע־מעשיות וועגן מיר.

איר ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו די אויסבאַהאַלטענע האָט גענומען שוואַכער ווערן, אָבער איך האָב זיך געמיט אונטערצוהאַלטן ווי וויַיט מעגלעך איר פריערדיקע באַציונג.

מיך האָט זי אַלץ מער און מער ליב באַקומען. אויך איך האָב אין איר אַלץ מער דערפילט דעם המשך פון מיין ערשטער פרוי. זי איז גע־ווען ווי אַ שוואָם פאַר ליידן פון אַ צווייטן, ווי אַ זאַלב צו וווּנדן, נאָבל, פּערפעקטע מעלאָדיע.

איך האָב במשך דער צייט אויפגעטון עטלעכע היפּשע זאַכן אין דער ווירטשאַפט, געמאַכט אַפילו אַנטדעקונגען ווי אַזוי צו פאַרמערן ס׳תבואה־געוועטעניש. ס׳האָט אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדע הכנסה. אַ דרייפאַכע ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

ער האָט אַריינגעקוקט אין שעלעכל צי ס׳איז נאָך פאַראַן אַ שלונג קאַווע, אויסגעקנייטשט שוין דעם וויפלטן גאַנאָס: — די דייטשע זענען פאַרטריבן געוואָרן, פראַנקרייך איז באַפרייט געוואָרן. דעמאָלט האָט איר פּיער, איר ברודער, פאַרבאָטן חתונה האָבן מיט מיר. ער האָט זיינס אַ חבר, וועלכער האָט אין די מלחמה־יאָרן געקעמפט אין אונטער־

ערד. איצט איז ער פון אַ הויכן מיליטערישן ראַנג און פאַרנעמט אַ חשובן אַמט אין ים־פלאָט. אויך מאַרי־אַמעלי האָט אים געקענט פון די קינדעריאָרן. קורץ: מען האָט אונדז צעשיידט!

איך בין אַוועק פון דאָרטן מיט דעם זעלבן קליינעם רענצעלע וואָס איך בין אַהין אָנגעקומען אין יאָר 1941. זיי האָבן מיר געוואָלט אויסצאָלן אַ געוויסע סומע פאַר מיין אַרבעט, אָלס פאַרוואַלטער פון גוט, אָבער איך האָב אָפּגעזאָגט.

ער האָט זיך איצט געכאַפּט אַז ער האָלט ס׳אויסגעליידיקטע שע־לעכל קאַווע שוין אין גאַנצן איבערגעקערט און די לעצטע טראָפּנס האָבן פאַרפלעקט ס׳טישטעכל.

איך באַנעם נישט פון וואָס פאַראַ כאַראַקטער ס׳איז דער פּראָצעס קעגן דער פאַמיליע אָזשע, — אָבער כ׳רעג אים נישט. כ׳זוך ס׳פלאַטער־שמייכעלע אויף זיין אויבערשטער ליפּ, ס׳זעט מיר איצט אויס ווי אַ ליכט־וואָנסעלע. די צנויפגעלאָפּענע ראָזקייט אונטער די קינבאַקן צעגייט זיך שוין צוריק איבערן גאַנצן פּנים. אָט־אָט, און ער וועט זיך באַלד ווידער פאַרחלומען אין אַ דרימל. נעם איך אָן און פיר אים אַרויס. מיר זענען שוין אויף דער קייגנאיבערדיקער זייט, מיר שטייען ביידע אָנ־געלענט אין דער שפּיטאָל־מויער. איצט איז רעכט צו שטיין אַ ביסל און אויסשווייגן ס׳געגרעדטע און געהערטע.

*

אין אַ צייט אַרום האָב איך די לעקציע איבערגעריסן. מיינע שכנות די תלמידות האָבן דאָס שוין לאַנג געטון. איז ער אַליין געוואָרן אַ תלמיד, אויף קורסן פון „אַרט", לערנט זיך נייען לעדערנע בייטלען. ער חלומט צו פאַרדינען געלט אויף חיונה, אויף צו באַצאָלן פאַר דעם האָטעלכל ווו ר׳איז שוין פאַרשולדיקט פאַר אַ סך חדשים וווינ־געלט, וויל פאַראיבעריקן אַ ביסל געלט אויף צו קענען זיך דערשלאָגן קיין לאָנדאָן, זוכן דעם סטראַדיוואַריוס, און ווייטער פירן דעם פּראָצעס קעגן דער פאַמיליע אָזשע — — —

פּאַריז 1949 — רמת־אביב 1960

פאַריז — איז שיין און מיאוס

(בילדלעך אָן רעטוש)

די אויפשריפטן אויף מטבעות

אמתע ראָמאַנטיקער און טרוימער זאָגן אוודאי יעדן טאָג אַ תפילה:

— „גאָט היט מיך פאַר ווירקלעכקייט!"

זי, די ווירקלעכקייט, האָט שפּיציקע ציין, זי צעבייסט דאָס טייבעלע — טרוים.

טוריסטן אין פאַריז טראָגן מיט זיך בלאָע „בעדעקערס", וועלכע דערציילן וועגן היסטאָרישן באַדייט פון יעדער גאַס, פּלאַץ, דענקמאָל, געביידע. אָבער עס איז גלייכער צו פאַרשטעקן אין טעקע דעם „בעדעקער" און בלאָנדזשען איבער די פאַריזער גאַסן און זייערע טעכטער — די געסלעך.

עס איז אַ מילדער און לינדער ווינטער־טאָג אין יאָר וואָס איז שוין סוף ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אויף אַ ראָג פון דער גאַס מאַזשענטאַ און דאָס קליינע געסל גי־פּאַטען. וואָס זעסטו אין אַזאַ פאַרמיטאָג אין דעם רעכטן מיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?

אַ הויכער ערב־זקן ציט אַראָפּ פון זיך די מאַרינאַרקע, דאָס וועסטל, דאָס העמד, לייגט אויס אויפן טראָטואַר אַ ראָגזשע מיט צעבראָכענע שטיקלעך פלאַש־גרינע גלאָז, און דער אָנפאַנגער־זקן, וואָס עס וואָלט אים שוין געפּאַסט זיך צו שפּילן מיט זיינע אייניקלעך אין פעלד, לייגט זיך אַוועק אַ האַלב־נאַקעטער אויף דעם צעבראָכענעם גלאָז, און בעט די דורכגייער מ'זאָל אויף אים אַרויפטרעטן.

און עס געפינען זיך בעלנים דערויף, טרעטן אויף אים, דריקן דעם אַלטנס גוף אין דעם צעבראָכענעם גלאָז, און יענער קרעכצט פון הנאה — ווי אין אַ גוטער שוויצבאָד. ער שטייט אויף מיט אַ צעקאַליעטשעטן גוף, מיט בלעזלדיקע רויטע פינטעלעך, וועלכע לאָזן פון זיך לייכטע ריטשקעלעך בלוט. די צוויי טוץ אָבסערוואַטאָרן און אַמאַטאָרן פון אַזאַ מין פאַרוויילונג, וועלכע זענען אַרום אים פאַרזאַמלט, זענען שוין אַוודאי נאָך דעם פאַרמיטאָגדיקן גלעזל רויטוויין, וואַרפן אַריין אין זיין היטל מעטאַלענע אַלומיניום-פראַנקן, אויף וועלכע עס קיילעכיקט זיך די אויפשריפט: ליבערטע, עגאַליטע, פראַטערניטע. —

פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט. — — —

קעץ און אייניקל

אויף דעם זעלבן גי־פאַטען־געסל, וואָס פון איין זייט איז די מויער פון אַ שפּיטאָל, זענען אויף דער צווייטער זייט פאַראַנען בלויז עטלעכע הייזער, וועלכע האָבן אויף זיך דעם אומעט פון דער קייגנאיבערדיקער, בלינדער שפּיטאָל־מויער. אין איינעם פון די הייזער וווינען די יידישע שרייבער־פּליטים. אינעם צווייטן הויז וווינט אַן אַלטיטשקע פאַריזערין, וועלכע רעדט מיט אַ האַרטן מאַרסעלער דיאַלעקט, גיט זי זיך אָפּ מיט קראַנקע קעץ.

בכלל האָבן די קעץ גרויס מזל אין פאַריז, זיי גייען אַרום אויסגע־פּאַשעטע, מיט גלעקלעך אויף די העלדזער, מיט העל־קאָלירטע סטענ־געס אַרומגעוויקלט, גייען אַזוי יחסנדיק שטאָלץ ווי געשטאָפּטע אינדי־קעס. אָבער דאָס זענען אַזוי נאָר די שיינע, געזונטע קעץ.

די אַלטיטשקע פאַרנעמט זיך נאָר מיט קראַנקע, אַפילו קרעציקע קעץ. זי טראָגט אַרויס אַ קאָלדרע פאַרן טויער און בעט אויס אַ געלעגער אויפן טראָטואַר, פריער וואַשט זי די קעץ, צוואָגט זיי, לייגט צו באַנ־דאַזשן צו זייערע ווונדן, גיט זיי פריש פליש, צו פאַרטרינקען מיט סמעטענע.

די זעלבע זקנה, וואָס פאַרגינט זיך נישט קוקן אויףביידע אויגן

און איינס האַלט זי כמעט תמיד פעסט פאַרקוועטשט, זי האָט ביי זיך אַ זעקסיאַריק פאַריתומט אייניקל — הערט מען יעדעס מאָל קוויטשיקע געשרייען און דערנאָך שוין הייזעריקע קרעכצעניש — דאָס שלאָגט זי איר איינציק אייניקל. אַז מען לויפט זיך אָן קוקן, זעט מען אַז די אַל־טיטשקע איז געניט אין דעם קינדס לייב, ווי אַ שטודירטער און קוואַ־ליפיצירטער אַנאַטאָם, זי ווייסט גענוי ווי אים צו קנייפּן אַז דער ווייטיק זאָל זיין ווייטיקדיק, אירע פינגער, ווי דענטיסטישע צוועגלעך, צופּן אים שטיקער לייב. ווען דאָס קינד איז שוין אָן כוחות צו שרייען און קרעכצן, שפּייט זי אים דעמאָלט אָן אין פּנימל אַריין.

קען זיין, אַז זי וואָלט אַזוי גיך איר שלאָג־סעאַנס נישט פאַרענ־דיקט, נאָר זי דערהערט אַ מיאַוקען פון אַ קראַנקן קאָטער, לויפט זי צו אים אַנגלעטן און אַרומהילן מיט דער קאָלדרע.

אַצינד גיי צו נענטער צו דער אַלטיטשקער, זע אירע פלעמלדיקע פייערלעך אין אירע אויגן, און לייז דאָס רעטעניש : וואָס פלעמלט אין איר איצט ?

צי פלעמלט נאָך אין איר רציחה, אָדער עס פלעמלט שוין אין איר — רחמנות ?

ליבע, זינד, תשובה

ענדיקט זיך דאָס געסל גיי־פּאַטען, קומסטו אַרונטער אונטער אַ הענגענדיקער בריק אויף דער באַרבער־גאַס. די בריק איז עטלעכע קי־לאָמעטער לאַנג און אויף איר קורסירט דער מעטראָ. אונטערן בריק קושן זיך פּאָרלעך. עס פּאָדערט זיך אַ סאָציאַ־זיטן־טראַקטאַט אויף צו באַגרינדן פאַר וואָס אין די צפון־שטעט פון פראַנקרייך איז אַ חטא צו טראָגן אַ גרעסערע דעקאָלטעי, שיִער נישט אַ פאַרברעכן צו קושן זיך נישט ביים וואָקזאַל, נאָר סתם אַזוי אויפן גאַס — און אין פּאַריז גע־הערט עס צו די באַשיידנסטע, נו, — צניעותדיקסטע זיטן.

פּאָרלעך זענען עוסק אין דער עבודה פון קושן זיך. ער האָט אַוועק־געשטעלט דעם ראָוער אין אַ זייט, זי האָט אַוועקגעשטעלט איר האַנט־

קײשל מיט פּראָדוקטן, מעג זיך דאָרט וואַרפן דער לעבעדיקער פיש, שלינגען אָטעם און װעלן אַרויסשפּרינגען — דאָס פּאָרל קושט זיך לאַנגע מינוטן. די מינוטן לויפן שנעל, פון דעסטוועגן ווערט פון זיי אײן פערטל שעה, כפלט זיך, דרייפאַכט זיך. זיי קושן זיך מיט התמדה, פּאַמעלעכקע, ווי זיי וואָלטן זופן אַלטן וויין. אַ שאָד צו טרינקען גיך. מ׳דאַרף געניסן טראָפּנווייז. זיי זענען דערין ווירטואָזן — דאָס פּאַריזער יונגוואַרג, דער עיקר די זי.

אַפילו חתונה־געהאַטע פּאָרלעך האַלטן פאַר זייער חוב דורכצופירן דעם קוש־צערעמאָניאַל בפרהסיא. אונטערן בריק, אין די נישעס פון די אַלטע געביידעס, אונטער אַ רעגן־ריגע ביי דער מויער, אויפן מעטראָ־פּעראָן, גאַנץ זעלטן אין די אויטאָבוסן. זי קושט זיינע ליפּן און קושט זיינע קושן — מעג רעגענען, מעג שנייען, דער קוש־דיאַלאָג ווערט נישט איבערגעריסן. עס ווערט געקושט מיט פּרעגצייכנס, און מסתמא אָפּגע־ענטפערט מיט אויסרופצייכנס.

אַנדערש איז אָבער פון דער צווייטער זייט בריק, אויף יענער זייט באַרבעס־גאַס. קוקסטו דאָרטן אַהין, וועט דיין אויג דאָס גלייך באַדויערן.

דאָרט איז דער ליבע־קעלער, וואָס האָט מיט ליבע אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות, נאָר נאָמענטלעך הייסט עס אַזוי. דאָרט וווינען מערסטנס אַל־זשירער. דאָרט זענען קליינע האָטעלעכלעך, וואָס אויך נאָר לויטן נאָמען הייסן זיי האָטעלעכלעך. זיי ווערן נישט פאַרדינגען אויף מעת לעתן, נאָר אויף ברוכטיילן פון אַ שעה. דאָרט שפּאַצירן יענע פרויען פון אַלע קאָלירן און נאַציעס, פרויען וואָס לעבן פון זינד, וועלכע פאַרהאַנדלען זייערע גופים. זיי זענען אָרעמע, דערשלאָגענע, ביליק פאַרפּוצט און פאַרשלייערט, מיט אַ געצווונגען „פּאַך״־שמייכעלע. וואָלט זיך געפּאַסט, אַז זיי זאָלן שטיין אונטער גאַז־לאַמטערנעס מיט צעבראָכענע גלעזלעך, פאַרשאָטנט ליכט, טריבע פייערלעך, — ניין, עס איז איצט מיטן העלן טאָג. און די זון לייכט אַזוי — אַז נאָר קינדער דאַרפן זיך שפּילן אין שטראַלן־פּאַנגעניש, זקנים דאַרפן וואַרעמען זייער פאַרסקלעראָזטע ביינער, אַ קאָלירט פלאַטערל זאָל זיך אַוועקשטעלן אויף אַ בלום, כאָטש זי איז אין קויש צום פאַרקויפט ווערן, אַ שפּערל זאָל אויסגעפינען אַ

גרעסער קערעלע און מיט דעם אַוועקפּליען. — אָבער די דאָזיקע פרויען פאַרשעמען דאָס טאָגליכט מיט זייערע נאַכט־שאָטנדיקע טריט, מיט זייערע מידע אָנבאָט־ווינקעגישן.

און די אַלזשירער, וועלכע האַנדלען מיט שטיקלעך טעפּיכער, מיט אָנגעברענטע ניסלעך, מיט געשמוגלטע אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן — זיי שטעלן זיך אַוועק מיט די דאָזיקע פרויען קרעמעריש אָפּדינגען פון „מקח״, ווערן שווער מושווה מיטן פּרייז און שאַרן זיך אַריין אין די אָפּגעקראַצטע, נידעריק־טונקעלע שטיבלעך און האָטעלעכלעך, וועלכע טראָגן דווקא אַזעלכע געצירטע, פּרעטענציעזע נעמען ווי: „דער זינ־גענדיקער שוואַן״; „די זון אין קעלער״; „ווייסע נאַרציזן״; „אייביקער פרילינג״.

און צווישן די דאָזיקע האָטעלעכלעך געפינט זיך אַריינגעקוועטשט אַ הויז, וואָס איז געוואָרן אָפּגעקויפט דורך דער קריסטלעכער סעקטע „רעטונגס־אַרמיי״. דאָס הויז איז פריִער געווען אַ „הייזל״ — און אַצינד ריכט מען דאָרטן אָפּ תפילות באַטאָג און ביינאַכט. בעטנדיקע געזאַנגען, תשובהדיקע קרעכצן. גאַנץ אָפט געפינען זיך צווישן די גאָט־בעטער אויך די זעלביקע פרויען, וועלכע קומען בעטן פאַרגעבונג פאַר זייערע זינד און צעבראָכן לעבן.

*

יאָגט אָן דער פאַרנאַכט, לויפן די מעטראָס געשווינדער, מיט אַ פייפעריי — זיי זענען איצט אָנגעשטאָפּט מיט די בלוי־בלוזיקע אַרבע־טער, וועלכע לייענען איצט מידע די נאָכמיטאָג־צייטונגען און ווילן שוין וואָס גיכער זיין אין דער היים, ביי ווייב און קינדער. אויסרוען, אָננעמען כוח צום מאָרגנדיקן אַרבעטס־טאָג. פייפט דער מעטראָ מיט אַזאַ פייף, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרזייען די קלאַנגען אין דער לופט. יאָגן אים נאָך די געבעטן און תפילות־געזאַנגען פון דעם קריסטלעכן סעקטע־הויז, יאָגן נאָך די קנאהדיקע בליקן פון די פרויען אויף דער גאַס, וועלכן גייען שוין אויסגעמאַטערטע, וואַקלדיקע. זיי בליקן נאָך דעם

משה גראָסמאַן

מעטראָ, וועלכער פירט אַרבעטס־מענטשן צו זייערע היימישע היימען, היימישן מיטאָג־אָוונטברויט, צו זייערע ווייבער און קינדער, צו דער שטוביקער פרייד און רו, וואָס קומט נאָך אַ שווערן טאָג פון ערלעכער, שווייסיקער פראַצע. — — —

פּאַריז, 1950

פון בוך

קאַרל מאַרקס

(פראַגמענטן)

פון בוך קאַרל מאַרקס*

וועקט זיך די נאַכט?

„דער מאָרגנשטערן פון דער נייער וועלט האָט זיך שוין באַוויזן. ער באַדעקט שוין מיט גאָלד די שפּיצן פון די בערג און זאָגט אָן דעם טאָג, וואָס דאַרף קומען" — האָט אין 1808 שוין געזאָגט פיכטע.

צום וויפלטן מאָל זאָגט מען עס שוין? און אין וועלכן יאָרהונדערט, אָדער אַפילו יאָרצענדליק האָט מען עס שוין נישט געזאָגט? און וועלכע איז דאָס די נייע וועלט? און דער נייער טאָג?

שוין 27 יאָר פאָריבער, זינט פיכטע האָט אָנגעזאָגט דעם נייעם מאָרגנ־שטערן.

דער דיליזשאַנס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ שטיין און זיך אַ טרייסל געטון.

דער 17־יאָריקער קאַרל היינריך מאַרקס, וועלכער פאָרט איצט פון טריער קיין באָן שטודירן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טראַכטן.

— העי קוטשער — האָט זיך איינער אָנגערופן — באַגיי זיך מיט אונדז אַ ביסל אָנשטענדיקער, אַז נישט, וועסטו אונדז נישט האָבן פאַר קיין פּאַסאַזשירן. די וואָך לויפט שוין איבער אַ טייל פרייסן אַ דאַמף־מאַ־שין, אַן אייזנבאַן, וועלן מיר פאָרן מיט דער מאַשין.

---

* צווייטע אויפלאַגע, ביבליאָטעק מ. ראַקאָווסקי, וואַרשע, 1936.

— יאָ, — רופט זיך אָן יענעמס אַ שכן, אַן אייגנטימער פון אַ פלייש־קעלער — דאָ טרייסלט איר זיך אַ ביסל, אָבער דאָרט, מיט איין ריר, וועט שוין נישט זיין מיט וואָס צו טרייסלען, מען ווערט צעמאַלן אויף פּיצלעך. איז ווי איינער האָט ליבער, איך באַשטיי זיך צו טרייסלען. ס׳איז שוין איין מאָל אַ פאַרגעניגן — רייטן אויפן רוקן פון אַ טייוול, וואָס בלאָזט מיט פאַרע.

איינער לייענט פון אַ צייטונג אַ באַשרייבונג, ווי אַזוי ס׳זעט אויס די באַן:

„ברייטע, אָפענע בריטשקעס, נאָך יעדער בריטשקע אַ נאָך ברייטערע, פירקאַנטיקער וואָגן (דאָס איז אויך סחורה־לאָדונג) פון פאָרנט אַזאַ פלאַ־טשיקע מאַשין, אַ לאָקאָמאָטיוו הייסט עס, מיט גאָר אַ הויכן קוימען — דאָס איז דער פייפער. אויף דעם ערשטן קורס זענען געפאָרן פיל יונגע פּרויען, אָבער זייערע מוטערס, וועלכע זענען געשטאַנען ביים אָפּפאָרן, האָבן שטאַרק געוויינט. מען האָט זיך לאַנג געזעגנט. ווען די מאַשין איז שוין געווען העט־ווייט אַוועק, אין מיטן וועג, האָבן פיל דאָרפס־מענטשן, וועל־כע האָבן דאָס דערזעען, זיך געוואָרפן אויף דער ערד און זיך איבערגע־צלמט. פערד האָבן זיך צעבריקעוועט און זיך געלאָזט אין אַ ווילדן געיעג. אָבער אַלץ איז אַדורך בשלום. די באַן איז דורכגעפאָרן 14 קילאָמעטער אין אַ שעה. פיל פרויען האָבן פון דעסטוועגן ספּאַזמירט פאַר שרעק און איינער, אַ יונגער געלערנטער, האָט געוויינט פאַר פרייד״.

— אַ שותף צום טייוול אָט דער געלערנטער — האָט זיך אָנגערופן דער דיקער אייגנטימער פון פלייש־קעלער.

— איר וואָלט זיכער נישט געמעגט פאָרן מיט דער מאַשין. אַזאַ דיקער, כ׳ווייס, ס׳וואָלט זיך גלייך איבערגעדרייט.

— און איר שטאָלצירט דערמיט, וואָס איר זענט אַ דאַרער שטשור. די פראַנצויזן עסן שטשורעס, וואָלטן זיי אייך אויך זיכער אויפגעגעסן.

די פּאַסאַזשירן האָבן געקייכט פון געלעכטער.

מיט קאַרלען איז אויך מיטגעפאָרן זיין חבר עדגאַר, אַ ברודער פון קאָרלס פאַרעטער און הייס־געליבטער זשעני פאָן וועסטפאַליען.

ס׳איז געווען באַרג־אַרויף. דער דיליזשאַנס האָט זיך קוים געשלעפּט.

קאַרל האָט פאַרגעשלאָגן עדגאַרן אַראָפּצוגיין אַ ביסל פון וואָגן און זיך איבערגיין.

— ווייסט, עדגאַר, איך האָב איצט געטראַכט פון פּיכטעס פּראָזע פון 1808, אַז דער מאָרגנשטערן פון דער נייער וועלט באַדעקט שוין מיט גאָלד די שפּיצן פון די בערג און זאָגט אָן דעם נייעם טאָג, וואָס דאַרף קומען.

— איז וואָס?

— דאַכט זיך, אַז דאָס וועט זיין די אייזנבאַן, וואָס מען האָט ערשט גערעדט וועגן איר.

— עס וועט ווידער צונעמען די פּרנסה פון די אָרעמע פּאָלקס־מענטשן. מען וועט אפשר אָנהייבן, פּונקט ווי אין ענגלאַנד, צעשטערן די מאַשינען. האָסט געהערט, ווער ס׳פירט לעצטנס אָן מיט דער באַוועגונג פון מאַשינען־צעשטערער אין ענגלאַנד? אַ גלח. אַ גלח מיטן נאָמען סטי־פּענס. ער האָט געוואָרפן צו די אַרבעטער אַ לאָזונג: „אַ לאַנגע תּפילה און אַ לאַנגע שפּיז. אַ לאַנגע תּפילה פאַר גאָט און אַ לאַנגע שפּיז פאַר די רייכע און „אַריסטאָקראַטן".

— שוטים. זיי זענען בלינד. מען צעברעכט נישט די שווערד, נאָר דעם, וואָס האַלט די שווערד.

— איך האָב ליב, קאַרל, פּראָטעסט און בונט, באַוועגונג. מיר ווערן דאָך דאָ פאַרשלאָפן. די פראַנצויזן, זעסטו — וואָס זיי פאַרענדיקן שוין, הייבן מיר ערשט אָן אין אַ צייט אַרום. זיי האָבן הייס בלוט. ביי אונדז זענען אַלע פיש. דיר איז גוט, ביסט שוואַרץ, ברענסט, דו ביסט נישט קיין דייטש.

— איך בין יאָ אַ דייטש. אַ פאָלק מוז דען באַשטיין בלויז פון איין האָר־קאָליריקע?

— ביסט געראָטן אין דיין פאָטער, קאַרל. אַ גרויסער פּאַטריאָט. קום נאָר אין באָן, פאָרט אַ גרעסערע שטאָט, דאָרט וועל איך דיך באַקענען מיט מיינע חברים, וועסטו אַנדערש ווערן. דו ביסט געבוירן אויף עפּעס נייעס צו באַשאַפן. דו ביסט נישט בלויז דייטש. געדענק, קאַרל, דו זאָלסט נאָר נישט דאָרט אַנטרינען פון מיר.

— כ׳וועל נישט אַנטרינען פון דיר. איך בין מיט דיר צופיל געבונדן.

— אַז דו וועסט מיך זען, ווועסטו זיך אגב דערמאָנען אין מיין זשענ־ נין, ליבער קאַרל.

*

די באָנער אוניווערסיטעט איז אַ באַרימטע. אין 1818 האָט זי פייער־ לעך צוריק געעפנט פרידריך ווילהעלם דער 3טער, נאָך דעם ווי זי איז יאָרן געווען פאַרמאַכט צוליב דער פראַנצייזישער אָקופּאַציע.

אין דער אוניווערסיטעט האָט אין 1819 געלערנט היינריך היינע. עס לייענען דאָ זייערע פאָרטראַגן באַרימטע פראָפעסאָרן. מיט עטלעכע יאָר צוריק, כמעט ביז האַרט פאַר זיין טויט, האָט דאָ אויך געלייענט פרידריך שלעגעל.

עס איז געווען די צייט פון קאַנט, פיכטע, העגעל, שלעגעל, שאָפּענ־ הויער, געטהע, שילער, היינע און בעטהאָווען.

עס איז פריידיק אינעם קעניגרייך פונעם גייסט.

שילערס „אָדע צו דער פרייד", צעזונגען אין דער 9טער סימפאָניע פון בעטהאָווען, שוועבט נאָך און פלאַטערט אין דער לופט.

און דאָך איז פויל אַרום. באַגרענעצטקייט. פיליסטערישקייט. די פּראָ־ פעסאָרן רימען זיך: אונדזער הויך־שול איז נישט די בערלינער. ביי אונדז ווערט אַלץ דערצויגן אין זיטלעכן גייסט.

זיטלעכקייט. ווען מען איז אַלט 17 יאָר? ווען מען גייט אין לעבן מיט פעסטע, פרייע טריט? ווען דער קאָפּ איז אָנגעשטעלט שטענדיק ווי אויף צו שטויסן, שאָקלען מיט אים שנעל אויף ביין און גלייך גרייט אָפּצו־ שטויסן? ווען יעדעס בלעטל פון אַ בוך ווערט אויפן מאַרגינעז געדיכט באַשריבן מיט אויספירלעכע, קריטישע באַמערקונגען?

פיל בעסער ווי אין אוניווערסיטעט, האָט זיך קאַרל געפילט ביי זיך אין צימערל ביי אַ לעמפל, ווען דער טיש איז אָנגעלייגט פול מיט ביכער. טייל פּראָפעסאָרן, די, וועלכע פאַרטרעטן נאָר נישט עפּעס אַן אייגענע ריכטונג אָדער שולע, האָבן עפּעס אַ ספּעציעלן טאַלאַנט, אַרויסצוציִען פון די ווערק יעדן זאַפט. אונטער זייער רעדן דאַרט און וועלקט יעדעס וואָרט און געדאַנק.

אין קאַרלס אַ העפט האָט אַ פּראָפעסאָר געפונען אַ שטעלע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין לעצטן קלאַס אין גימנאַזיע, אויף דער טעמע: „וואָס פאַראַ פּראָפעסיע און שטעלע וואָלט זיך אייך געוואָלט פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט?"

די שטעלע האָט געלויטעט:

„נישט אַלע מאָל קענען מיר פאַרנעמען די שטעלע און פּראָפעסיע, וועלכע דאַכט זיך אונדז אויס, אַז זי איז פּאַר אונדז די פּאַסיקסטע, ווייל אונדזערע באַציִונגען מיט דער געזעלשאַפט הייבן זיך אָן שוין פיל פריִער, איידער מיר זענען נאָך אימשטאַנד זיי צו באַווירקן".

דער פּראָפעסאָר, שטייענדיק דאָן נעבן קאַרלען, האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, פאַרקנייטשט דעם שטערן, פאַרזשמורעט די אויגן, זיי צוגעבויגן נאָענט צו קאַרלס פּנים, פאַרבליפנד פרעגנדיק אים אָנגעקוקט און צעצויגן אַ זאָג געטון:

— אַ—זוי?...

קאַרל איז געשטאַנען גלייך, מיט אַן אָפן מויל, בליצנדיקע אויגן, דעם קאָפּ אַ ביסל אויסגעבויגן, ווי אויף אַ שטויס צו טון און אויך צעצויגן געענטפערט:

— י—אָ!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן און שוין אַוועקגייענדיק זיך אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר נאָר גענוי, ווי אַזוי איז אייער נאָמען?

— קאַרל היינריך מאַרקס.

אין שטוב

אין אַ זויבער, נישט גרויס צימער, ביים פענצטער, איז געזעסן די איינאַונדרייסיקיעריקע זשעני וועסטפאַליען. די גאַס איז ווייט פון האַנדל־צענטער, ס'איז שטיל דאָ, נאָר פון צייט־צו־צייט פאָרט אַדורך אַ קאַטש, עס שלעפּט זיך דורך אַ וועגעלע מיט קוילן, אַ באַלעבאַסטע איילט פון די

האַליעס מיט אַ פול פאַרטעך גרינוואַרג — ס׳איז אומעטיק דאָ אין בריסל, ס׳איז נישט פאַריז. אין פאַריז פלעגן קומען צו זיי אַ סך מענטשן, דאָ קומט כמעט קיינער נישט, און קאַרל איז אומעטום אַלצאיינס פאַרנומען. אָבער ער זיצט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין און שרייבט, אָדער ער גייט אַוועק אין שטאָט און זוימט זיך דאָרט לאַנגע שעהן.

יעדע מינוט שלאָגט קאַפּויר אַן איבלעניש, אין רוקן שטעכט — זי דאַרף בקרוב שוין ווערן מוטער — און אַרום איז קיינער נישטאָ, אַלץ פרעמדע און די, וועלכע קומען יאָ אַ מאָל אַריין, זענען בלויז מענער. און דאָס געלט לאָזט זיך אויך שוין אויס.

זי הייבט זיך אויף פון בענקל, וויל צוגיין אָפּשטויבן די ביכער אויפן הענג־שענקל, נאָר זי דערפילט גלייך אינעווייניק אַ טרייסלעניש. עס וואַרפט זיך אַ קינד, וואָס לעבט שוין. שרייבן דער מוטער — וועט זי הייסן קומען צו פאַרן און אויף קיין הוצאות וועט שוין נישט סטייען און בעטן געלט ביי דער מוטער וועט זי באַין־אופן נישט.

איר קאַרל קלעטערט שנעל פון איין שטאַפּל אויפן צווייטן, ער איז שוין איצט, דאַכט זיך, אויף אַ געננג הויכן שטאַפּל, ער איז צעשטרייט, ער שטראַלט. — מען האָט פאַר אים מורא. ער האָט נעכטן געמוזט גיין אין דער פּאָליציי אונטערשרייבן, אַז ער וועט נישט שרייבן קעגן דער רעגירונג — זיי האָבן מורא פאַר אים, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, זיי האָבן מורא פאַר אַ נייעם אמת, צו אַלטע אמתן איז מען שוין געוווינט זיך נישט צו רעכענען מיט זיי. זי דערמאָנט זיך איצט ווי איר פאָטער, נישט לאַנג פאַרן טויט, (קאַרל האָט דאַן געלערנט אין בערלין) האָט זי אַריינגערופן צו זיך אין צימער אַריין און איר געזאָגט: „דער קאַרל וועט נאָך אַ סך היפּשעס אויפטון. עס ווענדט זיך אָפּט מאָל אין דער פרוי, זי קען עס צעשטערן, צעקוועטשן, אָדער פאַרקערט. אין ערגסטן פאַל דאַרף זי זיין זיין וועכטערין און באַשיצערין. געדענק־זשע אין דעם, זשעני".

מען קלאַפּט אין טיר. קאַרל.

— אַ בראַווער דער ענגעלס. מיר צוגעשיקט פון באַרמען 400 פראַנק. יאָ, און אויך פון היינען האָב איך געקריגן אַ בריוו. זעסט, טייערע, פּאָעטן קענען לויבן. אַ האַלב זייטל מיט לויבן פאַר דיר. „אַט האָסטו — ענדיקט

ער — וואָרעמע גרוסן פאַר דיין אַנטציקנדער און גייסטרייכער זשעני״.
ער האָט נישט איבערגעטריבן, דער קאַרל, אמת, זשעני?

זיי האָבן זיך צעשמייכלט ווי קינדער.

— האָסט אפשר געדולד אַ ביסל, טייערינקע, וועל איך דיר איבער־לייענען ענגעלס׳ בריוו.

„די גאַס איז אין אָוונט דאָ זייער אומזיכער. די בורזשואַזיע ווערט געקאָטעוועט, מיט מעסערס געשטאָכן און באַרויבט. ווו מען גייט, טרעפט מען זיך אָן אויף קאָמוניסטן. כדי צו וויסן צי פאָסט מאַכט נישט עפּעס מיט אונדזערע בריוו, נומעריר זיי. ווען מען זאָגט דעם עולם, אַז רוגע איז נישט קיין קאָמוניסט, גליבן זיי נישט. זיי באַדויערן, וואָס אַזאַ גרויסע ליטעראַרישע קראַפט געהערט נישט צו אונדז.

האָסטו שוין געלייענט שטירנערס „דער איינציקער און זיין אייגנטום״? קודם־כל מוז מען אים דערוויזן, אַז אויך זיינע עגאָיסטישע מענטשן וועלן מוזן קומען צום קאָמוניזם. דאָס מוז מען דעם קערל דערוויזן. אויסער דעם מוז מען נאָך אָנשרייבן אַ טעאָרעטיש־זאַכלעכע דערקלערונג. מיר מוזן דאָס אַלגעמיינע אָפּטיילן פון דעם איינצלנעם און נישט סתם אַזוי, פון דער לופט געצויגן — אַלאַ העגעל. אויך העס איז נאָך גאַנץ היפּש אַנגאַ־זשירט אין די אידעאַליסטישע שטותים. העס קען אויך נישט שרייבן פּאָ־פּולער, ווייל ער איז צו אַבסטראַקט. זוען העס וועט ביי דיר זיין, שמועס מיט אים אַ ביסל וועגן דעם. שטירנערס בוך באַוויזט אויך ווי טיף עס שטעקט נאָך די אַבסטראַקציע אין די „פרייע״. כאָטש פון די „פרייע״ איז ער דער פיינסטער, זעלבשטענדיקסטער און פלייסיקסטער.

וועגן זיך וויל איך דיר זאָגן, אַז ביי דער שאַכעריי אין מיין טאַטנס קאָנטאָר וועל איך נאָך ווערן אַ פיליסטער און נאָך דערמיט אויך אָנ־שטעקן דעם קאָמוניזם. איך שיק דיר דאָ אַ ביסל פּאַפּירלעך, און זאָלסט זיך קענען ווי ס׳איז כאָטש אַ ביסל איינאָרדענען.

פייערבאַך שרייבט מיר, אַז ער גייט זיך שוין אָנהייבן באַשעפטיקן מיט קאָמוניזם, נאָר פאַר דעם מוז ער נאָך פריער צעשטערן דאָס רעלי־גיעזע דרעק. אַלנפאַלס, אַ קאָמוניסט איז ער.

גריס עווערבעקן און באַקוינינען. די פריינדלעכסטע גרוסן פאַר דיין פרוי״.

— נו, זייער גוט, קאַרל איך בין שטאַרק צופרידן.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש עפּעס אָפּעסן.

— קאַרל, האָסטו שוין אַ מאָל געטראַכט וועגן דעם, אַז אַ מענטש גייט אַרום און פילט אין זיך אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אַ מענטש, וואָס טרייסלט זיך אין אייגענעם גוף, קענסטו זיך פאָרשטעלן אַזאַ געפיל?

קאַרל האָט זיך ווידער שטאַרק צעשמייכלט, אָפּגעווישט מיט אַ טיש־טעכל דאָס מויל און קוקנדיק שטאַר אין אַ ווינקל איר געענטפערט:

— יאָ, איך קען זיך פאָרשטעלן. איך האָב לעצטנס אַזאַ ענלעך געפיל. שטעל דיר פאָר, טייערע, דער נירענבערגער זייגערמאַכער פּעטער הענ־ליין, וועלכער האָט קאָנסטרויִרט אין 1472 דאָס טאַשן־זייגערל. ער האָט געקענט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ זייגער, געקענט יעדעס שרייפל, צונויפ־געשטעלט וואַנט־זייגערס, נאָר דעם יסוד דערפון, דעם טעאָרעטישן געבוי האָט ער נישט פאַרשטאַנען. איז ער עס נאָר איין מאָל, אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט דערגאַנגען, האָט ער שוין אויפצומאָרגנס אָנגעהויבן פיבערהאַפט צונויפשטעלן פאַרשידענע זייגערס, ביז ער איז דערגאַנגען אָט צו דעם קליינעם טישן־זייגערל.

— איך שאַף שוין עטלעכע יאָר, עס ליגט שוין אַ היפּש ביסל דאָרט אין קאָפּ, קלאָר געטראַכט, קלאָר געאַרבעט, נאָר דאָך האָט עפּעס געפעלט — עפּעס נאָר, אָבער דאָס, וואָס איז אַלץ — דער יסוד. און אָט זשעני, האָב איך די טעג, צווישן די פאַרשידענע געדאַנקען־וואָלקנס דערזען פּלוצ־לינג עפּעס זייער אַ קלאָרן, אויסגעלייטערטן שטיק הימל. פּריש, אויסגע־וואַשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן וואָס אַ מאָל מער צו דערנענטערן צו מיר. דאָס געפיל איז געווען — אַ קינד, וואָס טרייסלט זיך אין בויך פון אַ מוטער. עס וועט געבוירן ווערן. נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש, אַז עס לעבט שוין, עס טרייסלט זיך. האָב איך שוין אַ פאָרשטעלונג?

— קאַרל, איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געהערט רעדן אין אַזעלכע קינדיש־פּאָעטישע פאַרגלייכן.

— אַך, בראַוואָ, נאָך אַן איבערבלייבעניש פון דער יוגנט־זינד. עך,

אַ שרעקלעכער פּאָעט בין איך דאָס געווען. און דו, זשעני, האָסט דאָך פון מיר שטאַרק געהאַלטן אַלס פּאָעט, אמת?

— דו אַליין האָסט זיך דאָך דעמאָלט אויך געהאַלטן פאַר אַזעלכן.

— בראַוואָ, בראַוואָ, היינע איז גערעכט, ביסט גייסטרייך, מיין טייערע.

— ס׳וואָלט זיך מיר וועלן זאָגן, אַז פּאָעטן זענען שטענדיק גערעכט.

— אָ, פּאָעטן, דאָס איז אַ באַזונדער שבט. ער גייט זיך מיט זיינע אייגענע שטעגן און מען קען אים נישט מעסטן מיט דער מאָס פון אַ דורכשניטלעכן מענטש און אַפילו נישט־דורכשניטלעכן. מען דאַרף זיי ליבן, ווען זיי זינגען, מען דאַרף זיי נישט צו שאַרף קריטיקירן.

— דו טראַכסט אַזוי, ווייל דו נעמסט אפשר אַ מאָס פאַר אַ פּאָעט נאָר אַזעלכן ווי עס איז היינע.

— אפשר אויך גערעכט. זעסט וואָס ער שרייבט אין בריוו:

„דער פרייהייט־דראַנג איז פיל וויניקער ביי די געלערנטע, פּאָעטן, ליטעראַטן, ווי צווישן די ברייטע מאַסן אַרבעטער און האַנטווערקער. די היינטיקע פירער פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע קעמפן קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, זענען די גרעסטע גייסטער און פילאָזאָפן.

— נו, קאַרל. ליבט ער דאָך נישט נאָר מיך אַליין.

— מיינסט אַזוי?

*

„אַ שרעק־בילד גייט אום איבער אייראָפּע — דאָס שרעק־בילד פון קאָמוניזם. אַלע כוחות פון דער אַלטער אייראָפּע האָבן זיך פאַראייניקט צוליב דער הייליקער זאַך פון העצן און רודפן דאָס דאָזיקע געשפּענסט. דער פּויפּסט און דער צאַר, מעטערניך און גיזאָ, פראַנצייזישע ראַדיקאַלן און דייטשע פּאָליצײ־לייט.

עס איז שוין די העכסטע צייט צו דערציילן אָפן, פאַר דער גאַנצער וועלט וועגן דער וועלט־אַנשויונג, וועגן די צילן און שטרעבונגען פון די קאָמוניסטן. קעגן דער באָבע־מעשה וועגן אַ שרעק־בילד פון קאָמוניזם, אַרויסשטעלן אַ מאַניפעסט פון דער פּאַרטיי גופא״.

*

ס'איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט, ווען מאַרקס האָט אויפגעהערט לייענען פאַר זיין פרוי די פראַגמענטן פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״.

— פּראַקטיק, קאַרל, און פאַר וואָס האַלט איר ביידע אויף מיטן פאַר־ענדיקן דאָס אין גאַנצן און עס אָפּשיקן אין דער אָרגאַניזאַציע קיין לאָנדאָן?

— פּראַקטיק זאָגסטו?

— יאָ, אומבאַדינגט. אונדזערע זשענכען, לאַאוראַ און עדגאַר ווען שוין זיכער אָטעמען מיט דער לופט פון דער נייער, פרייער געזעלשאַפט. און אפשר מיר נאָך אויך?

— און דער אָרעמער פילאָזאָף פּרודאָן שרייבט, אַז די אַרבעטער האָבן שוין גענוג בלוט, זיי ווילן זיך לערנען. לערנען ווילן זיי זיך, פאַר־שטייט זיך, זיינע תורהס. און איך בין דאָס — לויט אים — דאָס געשפּענסט, וואָס דורשט נאָך בלוט. אַגב, מיט פּרודאָנען בין איך מיר אַליין אַ ביסל שולדיק. איך בין מיט אים איינמאָל געזעסן אין פּאַריז אַ גאַנצע נאַכט און געמאַכט אים עטלעכע העגעלשע איינשפּריצונגען. ער האָט זיך דער־פון אַ ביסל אָנגעשטעקט און ווען ער האָט זיך גענומען אים גענויער לערנען, האָט ער אים, נעבעך, שלעכט צעקייט און נאָך ערגער פאַרדייעט. אמת, אַז אַ ביסל שולדיק איז אין דעם זיין שוואַך קענען דייטש. יאָ, איך בין אַ געשפּענסט, וואָס דורשט נאָך בלוט.

— נו, וויטלינג האָט דאָך נאָך ערגער געזאָגט וועגן דיר. דו ווילסט זיי פאַרטרייבן פון דער באַוועגונג, ווייל דו ווילסט זיי אַוועקטרייבן פון די געלט־קוואַלן און אַלץ צונעמען פאַר זיך. דאָס איז אַוודאי דער תוך פון זייער פילאָזאָפיע וועגן אָרעמקייט.

— און דער תלמודיש־קריסטלעכער מאָזעס האָט מיר נאָך געשריבן, אַז איך זאָל נישט הערמעטיש פאַרמאַכן פאַר אים מיין פּאָרטמאָנע. ער וואָלט באַדאַרפט בעסער שרייבן „די שטאָלענע קאַסע״. און ווייסטו ווי אַזוי דער וויטלינג שרייבט וועגן מיר אין „ניו־יאָרקער פאָלקס־טריבון״? „היט זיך פאַר די ברודיקע אינטריגאַנטן! די קעפּ פון דער געשפּענסטי־קער, אין גאָלד־זיך־טונקענדיקער ליגע, קלערן גאָרנישט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן קעמפן קעגן מיר״. האָ, דאָס איז שוין איינמאָל אַ

קונציקער סאָרט אויטאָ־רעקלאַמע. נו, פֿאַרפֿאַלן. נאָר אַ טייל אַלטע סאָ־ציאַליסטישע באָבעס וואָלטן געוואָלט פֿאַרטושן און פֿאַרזיסן דעם צווישן־פּאַרטייִישן קאַמף.

— אָבער אויף אַזאַ אופֿן? עס איז דאָך גרוילעך.

— וואַרט, וואַרט, דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אָט איז נאָך אַ בלום. הערוועג האָט איינעם איבערגעגעבן אַ קאָפּיע פֿון באַקונינס אַ בריוו צו אים, איבערגעגעבן יענעם מיט דער פֿאַרבאָרגענער כוונה, אַז יענער וועט עס מיר זיכער ווייזן. ער האָט זיך מסתמא געריבן די הענט פֿון הנאָה ביים איבערגעבן די אָפּשריפֿט.

— לייען זי מיר, קאַרל.

— לייענען דיר? ס׳איז עקלהאַפֿטע פּאַסקודסטווע ביז דער צענטער פּאָטענץ.

„די דייטשן באַרנשטעט, מאַרקס און ענגעלס, דער עיקר מאַרקס, טוען דאָ אָפּ זייערע געוויינלעכע שווייַנערייען. גדלות, נידערטרעכטיקייט, פּליאָט־קעס, טעאָרעטישע גאווה און פּראַקטישע קליינלעכקייט. אַ חשק צום לעבן, טאַט און איינפֿאַכקייט — און אַ פֿולשטענדיקער מאַנגל אין לעבן, טאַט און איינפֿאַכקייט. אַן עקלדיק זיך חנפֿענען צו די ליטעראַרישע און דיסקוטי־רנדיקע באַלמעלאָכעס.

„פֿייערבאַך איז אַ בורזשוי" און דאָס וואָרט „בורזשוי" חזרט זיך איבער אַזוי פֿיל מאָל, אַז עס קריכט שוין פֿון האַלדז. אָבער אַליין זענען זיי פֿון קאָפּ ביז די פֿיס קליינשטעטלדיקע בורזשויען. מיט איין וואָרט: שקר און נאַרישקייט, נאַרישקייט און שקר. אין דער דאָזיקער חברותא איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט פֿריי צו אָטעמען. איך האַלט מיך ווייט פֿון זיי. איך האָב קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז איך גיי נישט אין זייער קאָמו־ניסטן־פֿאַראיין און וויל מיט זיי קיין שום מגע־ומשא נישט האָבן".

— ברוטאַל, כאַמיש.

— דאָס איז דערפֿאַר, ווייל זיי פֿילן שוין דעם אונטערגאַנג פֿון זייערע אידעען.

— ס׳איז דאָ אַ סך אמת אין דעם, וואָס דו זאָגסט.

— און כאַטש ווייטלינג און פּרודאָן זענען דאָך אַליין געווען אַרבע־

טער, פילן זיי זיך דאָך נישט פסיכיש צונויפגעבונדן מיט די אַרבעטער: אַזוי ווי אויפגעקומענע גבירים. איך האָב דאָס גאַנץ געגוג געפילט אין זייער האַלטונג.

— וואָלסט באַדאַרפט זען, זשעני, ווי די פּשוטע אַרבעטער, די מיט די פאַרכמורעטע אויגן און נישט־ראַזירטע פּנימער, ווען זיי זאָגן זיך אָפּט מאָל אַרויס אויף די פאַרזאַמלונגען, ווי טיף זיי אַנען געוויסן זאַכן. דער אינסטינקט איז ביי טייל פון זיי אַזוי פאַרשאַרפט, אַז זיי דערפילן אָפּט מאָל מיט אַ הונדערט־פּראָצענטיקער, העלזעערישער זיכערקייט די קאָמפּליצירטסטע סיטואַציע און וועלן אַלץ גענוי אונטערשיידן און אָפּ־שאַצן. נאָך באַקונינס אַ פאָרטראַג האָט אַן אַרבעטער צו מיר געזאָגט: „ווען דאָס מעסער איז שוין אָנגעשאַרפט, קען מען מיט דעם שניידן. אָבער באַקונין וויל פון דעם נישט וויסן, ער וויל גלייך שניידן. און אויך וויל ער שניידן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אָפּט מאָל, פון אַזאַ שטאַרק פאַרמעסטן זיך, גיט מען יענעם נאָר אַ צעדראַפּע. יענער איז צופרידן פון דער גע־לעגנהייט, ער קען ווערן צערייצט און וואַרפט זיך גלייך אויף דעם שניידער און דערדריקט אים צוזאַמען מיטן מעסער".

— אַ ביסל מליצהדיק, אָבער נישט שלעכט געזאָגט.

— זשעני, אַז מוש וועט געזונט ווערן, וועסטו גלייב איך, קומען אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען. נו, מען וועט נאָך זיך אַוועקזעצן איצט אַ ביסל שרייבן, עטלעכע שטעלן פון דעם מאַניפעסט דערגענצן, פאַרפּעס־טיקן, און דו, טייערע, וועסט זיך שוין גיין לייגן, ווייל ס'איז שוין היפּש שפּעט. פרידריך וועט אַוודאי קומען באַלד אין דער פרי.

פון דעם צווייטן צימער האָט זיך דערטראָגן אַ קינדיש געוויין.

— עס וויינט לאַוראַ, זי איז צופיל צעצערטלט.

— אָבער מיין זשענכען וויינט נישט, זי איז אַ מאַנספּערשוין.

זשעני איז אַריין אין צווייטן צימער און געברענגט צו טראָגן פון דאָרט ביידע מיידעלעך. די שוואַרץ־אויגיקע און שוואַרץ־לאָקיקע זשענכען אויף איין האַנט און די בלאָנדע, בלוי־אויגיקע לאַוראַ אויף דער צווייטער האַנט.

— נאַ, האָסטו דיר ביידע טעכטער.

ער האָט זיך צו זיי צוגעבויגן און לאַנג געקושט:
— גייט שלאָפן, מלאָכימלעך.
— קאַרל, האָסט, דאַכט זיך, זשעניכען געגעבן מיט איין קוש מער.
— ניין, ביידע גלייך, נאָר טאָמער נישט, נאָ דיר אָפּ איר קוש.

*

די פרוי מאַרקס האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן באַקונינס, ווייטלינגס און פּרודאָנס קאַמפּאַניע קעגן קאַרלען. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס אַלץ איז פּרודאָנס אַרבעט. זי האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. זי איז אַראָפּ פון בעט און גענומען קאַרלס בוך „די אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע". זי האָט אַריינגעקוקט אין דער הקדמה.

„הער פּרודאָן געניסט דאָס אומגליק באַקאַנט צו ווערן אויף אַן אייגנ־טימלעכן אופן. אין פראַנקרייך האָט ער דאָס רעכט צו זיין אַ שלעכטער עקאָנאָמיסט, ווייל מען האַלט אים דאָרט פאַר אַ גרויסן געלערנטן אין דער דייטשער פילאָזאָפיע; אין דייטשלאַנד דאַקעגן, קען ער זיין אַ שלעכ־טער פילאָזאָף, ווייל מען האַלט אים דאָרט פאַר דעם גרעסטן פראַנצייזישן עקאָנאָמיסט. איז מיר באַשערט די טאָפּל־אייגנשאַפטן פונעם הער פּרודאָן, דעם טאָפּל־טעות — אומצוואָרפן.

דער לעזער וועט באַגרייפן, אַז דאָס איז אַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט.

דאָס ווערק פון הער פּרודאָן איז נישט קיין איינפאַכע אָפּהאַנדלונג איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, עס איז נישט קיין געוויינלעך בוך, עס איז אַ ביבל, מיסטעריען, געהיימנישן, אַרויסגעשלעפּט פון גאָטס בוזעם, נביאותן. אָבער היינט־צו־טאָג, ווען נביאותן ווערן אויסגעפאָרשט, אַנאַלי־זירט און אָפּגעשאַצט צוזאַמען מיט ווערק פון יעדן בשר־ודמדיקן מחבר, וועלן מיר זיך אויך איצט לאָזן אין די עטערישע הייכן פון דעם הער פּרודאָנס איבער־סאָציאַליזם".

זי האָט אַ ביסל לייכט אָפּגעזיפצט און האַסטיק אַ פאַרמאַך געטון דאָס בוך:

— רעכט אויף אים אַזוי, ער איז עס ווערט, דער פראַנצויז.

משה גראָסמאַן

שוין?

אין איינעם פון די סוף־ווינטער־טעג. אַ מאַטע טונקלקייט אין דרויסן. אין די ראָוועס פליסט שמוציקלעך וואַסער מיט שטיקלעך אייז, שפּענדלעך און שטיקלעך שטרוי. נאָר אויף די דעכער, צווישן די שינדלען האָבן זיך נאָך פאַרהאַלטן קלאָרע פאַסיקלעך שניי, וועלכע דערמאָנען אין דער יוגנט פון ווינטער.

אויף די בלעכן פון די פענצטער פון די אָרעמע שטובן הענגען נאָך אַראָפּ פאַרפרוירענע צויטן. אַ קליין מיידעלע קראַצט מיט די נעגל די פאַרפרוירענע שויבן און גיט יעדעס מאָל אַ קוק אַרויס: „צי קען מען שוין אַרויס אויף דער גאַס? צי עסט שוין נישט אַזוי דער פראָסט?" אַ פרוי טראָגט אַ קליין קוישל מיט אַ ביסל פאַרשנייטע קוילן. אין שוך איז ביי איר אויפגעריסן און עס שטאַרט אַרויס אַ שטיק רויט־בלוילעכע פּיאַטע. אַ יינגל לויפט מיט זיין רענצל אין שולע אַריין. אין איילעניש טרעט ער אָן דער פרוי אויף דער אַנטבלויזטער פּיאַטע. ס׳פאַרגייט איר אונטערן האַרץ, טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן און זי שרייט נאָך דעם אַנטלויפנדן יינגל:

— אַז אַ שוואַרצער סוף זאָל שוין אויף אייך קומען. ס׳איז שוין די העכסטע צייט!

קאַרל איז צוגעקילט און ליגט היינט צו־בעט. ער הוסט שווער, הערט אָבער נישט אויף צו פּיפקען זיין ליולקע און קוקט זיך איין אין די גע־דיכטע קנוילן רויך, וועלכע פאַליען זיך איבערן צימער.

עס וועלקט און בליט

מוש איז קראַנק. אין דער געגנט בושעוועט די כאָלערע. די סיבה זאָל זיין, וואָס ביים אַדורכפירן אין דער געגנט אַ קאַנאַל־נעץ האָט מען געפונען אָן אָרט, ווו ס׳איז אין יאָר 1665 באַגראָבן געוואָרן אַ גרויסע צאָל געשטאָרבענע פון כאָלערע.

דער דאָקטער באַטראַכט איצט מושן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ, איז אויפגערעגט און שרייט: „פאַר וואָס זאָלט איר וווינען אין אַזאַ פאַרעיפּוש־טער געגנט? שוין יאָרן, ווי איר אָטעמט מיט דער פאַרפּעסטעטער לופט. איר אַליין, הער מאַרקס, האָט זיכער צו פאַרדאַנקען אייער געזונט־צו־שטאַנד אָט די סירחאדיקע ריחות. איר, דער באַרימטער רויטער דאָקטאָר מאַרקס, פאַר וועלכן אונדזער מיניסטער פּאַלמערסטאָן ציטערט צו־ביס־לעך אונטער און קריצט מיט די ציין אויף אייערע פּאַמפּלעטן, איר זאָלט נישט האָבן די עלעמענטאַרסטע מיטלען אויף צום לעבן?

— וואָס האָט איר געוואָלט, דאָקטער, די בירגערלעכע געזעלשאַפט איז דאָך נישט מחויב מיר צו באַצאָלן פאַר דעם טויט־אורטייל, וואָס ווערט איר דורך מיר פאַרויסגעזאָגט. די אַרבעטער? זיי האָבן נישט און מען טאָר ביי זיי נישט נעמען אויך. שווער פאַרהאַרעוועט געלט. און פאַר וואָס זאָל איך דאָס נעמען? מען דאַרף אַליין אַרבעטן.

— זענט איר טאַקע אַזוי זיכער, חשובער דאָקטאָר, מיט דעם זיג פון סאָציאַליזם? גלייבט איר פּאַקטיש, אַז ער וועט אַ מאָל קומען?

מאַרקס האָט אַ שמייכל געטון:

— ער וועט קומען אַזוי זיכער ווי דער טויט.

דער קליינער מוש האָט אַ ציטער געטון.

דער דאָקטער איז אויך בלייך געוואָרן און זיך ווייטער גענומען צום באַטראַכטן דאָס קינד.

*

זשעני שרייבט צו ענגעלסן:

„ליבער הער ענגעלס! עס איז מיר מוראדיק אומאַנגענעם צו מוזן שרייבן צו אייך וועגן געלט־ענינים. איר האָט אונדז שוין צו אָפּט גע־האָלפן. אָבער דאָס מאָל זע איך נישט קיין אַנדערע רעטונג און אַנדערן אויסוועג. איך האָב שוין געשריבן צו מיינע שוועסטערן און צו מיין שווי־גער־מוטער, איך קריג אָבער פון זיי נישט קיין שום ענטפער. אויסמאָלן ווי עס זעט ביי אונדז אויס די לאַגע, איז אוממעגלעך. מיין מאַן איז איצט ערגעץ אַוועק אויף דער סיטי צו גערשטנבערגן. איר קענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גאַנג דאָס איז פאַר אים. איבער דער צייט שרייב איך אייך

די פּאָר שורות. קענט איר אונדז עפּעס שיקן? פּרייטיק האָט דער בעקער שוין אונדז אָפּגעזאָגט דאָס ברויט. מיר אַלע אין שטוב זענען צו־ביסלעך נישט געזונט — די גריפּע. מוש האָט אַ שטאַרקן פיבער. ער שלאָגט זיך אַליין. „נ. טריבון" האָט געשריבן צו קאַרלען, אַז זי קען נישט דרוקן זיינע אַרטיקלען אונטער זיין נאָמען, ווייל זיי ברענגען שאָדן דעם פּרעס־טיזש פון זיין צייטונג".

*

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זשעני געבוירן אַ מיידעלע — לעאָנאָרע.

„איך בין שוין ווידער צו עטוואָס געקומען, און נעמלעך — צו אַ יונגער פריילין מאַרקס — לעאָנאָרע הייסט זי. דאַנאַ שלאָגט מיר פּאָר אָנצושרייבן פאַר אַ ניו־יאָרקער מאַגאַזין אַ גרויסע אַרבעט איבער דער געשיכטע פון דער דייטשער פילאָזאָפיע, פון קאַנטן ביז די לעצטע. 12 פונט פאַר אַ בויגן. די פירמע פאַרלאַנגט אָבער, אַז זי זאָל זיין געמאַכט סאַרקאַסטיש און אַמוזאַנט! און אויך אויסמיידן דאָס רייצן דער רעליגיעזער עמפּינדלעכקייט. ווי אַזוי אַזעלכעס אָנהייבן? וואָלטן מיר זיין ביידע צוזאַמען, דאַן וואָלטן מיר שנעל געקענט פאַרדינען אַ זעכציק פונט. סאָלאָ ריזיקיר איך זיך נישט צו אַזאַ אַרבעט.

פּיעפּער ליגט מיר שוין אויפן האַלדז. מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה און איך האָב אים, נאַטירלעך, גלייך אַריינגענומען צו זיך. איך בין צוליב דער קליינלעכער נויט געוואָרן אַ מרה־שחורהדיקער הונט. נאָר דאָך ווער איך נישט פּעסימיסטיש, ווייל דאָס וואָלט זיין נידערטרעכטיק, פויל, רוסיש.

„ איך האָב צו מיין פרוי געמוזט נעמען אַ גוטן דאָקטער, דעם דאָקטער פריינד. האָט ער מיר נאָכהער צוגעשיקט אַ רעכענונג אויף 26 פונט. איך האָב גלייך געשריבן דעם טייערן דאָקטער „פריינד", אַז סוף וואָך וועל איך אים געבן 8 פונט און די רעשט אויסצאָלן במשך פון 6 ביז 16 וואָכן.

איך האָב די טעג געקריגן צוגעשיקט פון היינען זיינע לעצטע דריי בענדער. ער דערציילט דאָרט אויספירלעך, ווי איך בין אים געקומען אַלס טרייסט, ווען ער איז געוואָרן אָנגעגריפן אין דער „אויגסבורגער

ציטונג״ פאַר זיין נעמען געלט פון לואי פיליפ. דער גוטער און אָרעמער היינע זוכט זיך צו טרייסטן אין פּיין פון זיין בייזן געוויסן.

איך לייד לעצטנס אויף די אויגן און אויף אַן עקלהאַפטן הוסט. איך שרייב לעצטנס זייער ווייניק, ווייל איך בין מיד ווי אַ הונט און גאַנצע נעכט זיץ איך ביי מיין קראַנקן מוש. די פרוי איז אויך גאַנץ היפּש קראַנק, זי איז נאָך קיין מאָל אַזוי נישט קראַנק געווען. דאָס האַרץ בלוטיקט, דער קאָפּ ברענט און איך מוז דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, פעסט האַלטן אין זיך און נישט אַרויסווייזן.

מוש קוקט איצט מיט זיינע פּרעכטיקע אויגן, ער פאַרשטייט צופיל, דער קליינער. איבער דער גאַנצער צייט פון זיין קרענק ווייזט ער אַרויס אַן אײדעלן, אָריגינעלן און זעלבשטענדיקן כאַראַקטער״.

*

אין אַ קורצער צייט אַרום:

„פרידריך, דער אָרעמער מוש איז שוין מער נישטאָ! ער איז היינט איינגעשלאָפן אין מיינע אָרעמס!

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווי דיין פריינדשאַפט האָט אונדז אין די לעצטע שרעקלעכע טעג דערלייכטערט. מיין ווייטיק צוליב דעם קינד פאַרשטייסטו. מיין פרוי שיקט דיר איבער די פריינדלעכסטע גרוסן.״

(ווילהעלם ליבקנעכט האָט דערציילט פאַר די חברים:

— מאַרקס, די פאַמיליע און איך זענען געזעסן אין אַ באַזונדערן אָמניבוס, וואָס האָט נאָכגעגליִיט מושס לוויה. מאַרקס איז געזעסן מיטן קאָפּ אין די הענט פאַרגראָבן. „מאָר, דו האָסט דאָך אַ פרוי, די מיידלעך און אונדז, מיר אַלע האָבן דאָך דיך זייער ליב״.

— „איר קענט מיר אָבער דעם יונג נישט צוריקגעבן!״.

ביים אַראָפּלאָזן דאָס טרומנעלע אין קבר, האָב איך געמוזט שטיין נעבן אים, מורא האָבנדיק ער זאָל נישט אַריינשפּרונגען אין קבר אַריין.)

אין עטלעכע טעג אַרום:

„פרידריך, איך קום צו דיר מיט מיין פרוי. איך וויל זי אַ ביסל אַרויסנעמען פון שטוב. דאָס קינד איז שוין נישטאָ, אָבער אין דער שטוב

ליגט נאָך באמת זיין נשמה. איך האָב דאָך שוין אין מיין לעבן געהאַט געגוג אומגליקן, נאָר ערשט איצט האָב איך ערשט דערפילט אויף אַן אמת, וואָס עס הייסט אומגליק. איך פיל זיך אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. צום גליק האָב איך זינט זיין קבורה אַזעלכע קאָפּ־שמערצן, אַז איך זע נישט, הער נישט און דענק נישט. ס׳האַלט מיך אויף דער געדאַנק, אַז דו ביסט דאָ און אַז איך האָב דיין פריינדשאַפט און די האָפענונג, אַז מיר וועלן נאָך צוזאַמען עפּעס רעכטס און פאַרנונפטיקס אויפטון אויף דער וועלט״.

נאָך אין דריי חדשים אַרום, אין יולי, 1855, אויף אַ מיטגעפיל־בריוו פון לאַסאַלן, ענטפערט אים מאַרקס:

„בעקאָן זאָגט, אַז גרויסע מענטשן, באַדייטנדע פערזענלעכקייטן זענען מיט אַזוי פיל קנופּן צוגעבונדן צו דער וועלט, פאַרמאָגן אַזוי פיל אינ־טערעסאַנטעס, אַז עס איז לייכט אַזאַ מענטש זיך צו טרייסטן נאָך יעדן פערזענלעכן אומגליק. זאָג איך אייך, אַז איך געהער נישט צו די באַדיי־טנדע פערזענלעכקייטן. דער טויט פון מיין קינד האָט מיך דערשיטערט ביז דער טיפעניש פון מיין האַרץ און מוח. נאָך היינט פיל איך דעם צער גאַנץ געגוי אַזוי, ווי אין דעם ערשטן טאָג. מיין פרוי איז דעסגלייכן צעבראָכן״.

פרייליגראַט איז געוואָר געוואָרן פון דעם ענטפער און ער שרייבט צו מאַרקסן:

„עס איז פאַר מיר אומגעהויער אינטערעסאַנט, אַז דו האָסט נאָך ביז היינט־צו־טאָג נישט פאַרגעסן אין דיין ווייטיק. עס איז אָבער פאַרפאַלן. דאָ וועט זיך גאָרנישט לאָזן מאַכן. איך פאַרשטיי און אַכט דיין צער, אָבער פרווו דאָך זיך צו שטאַרקן, פאַרוואָרף דעם צער, אַז נישט וועט ער דיך פאַרוואָרפן. עס וועט אין קיין פאַל נישט זיין קיין פאַרראַט צו דיין טייער און אומפאַרגעסלעך קינד״.

אין דעם זעלבן יאָר איז געשטאָרבן דאַניעלס. אָנהייב פון 58סטן יאָר איז געשטאָרבן ווערט, דעם 20סטן פעברואַר שטאַרבט אין פאַריז היינריך

היינע. נאָך זיין לוויה גייען נאָך אַ קאַרגע הונדערט מענטשן. אין זיין צוואה איז שוין פאַראַן אַ צוריקקער צום „ליבנדיקן גאָט".

צוויי אַרבעטער־טוער אין דייטשלאַנד, מאַרקס' פריינד און פאַרערער — איז איינער פון זיי שוין איצט בירגערמייסטער אין קעלן און דער צווייטער — פינאַנץ־מיניסטער פון פרייסן. אינערן־מיניסטער איז דער ברודער פון מאַרקס' פרוי.

ברונאָ בויער, וועלכער קומט צו־גאַסט צו זיין ברודער קיין לאָנדאָן, קומט אויף אַ וויזיט צו מאַרקסן און ער באַווייזט דאָרט זיין גרויסן, פּראָ־פעסאָרישן פליך, זיינע פעדאַנטיש־פּראָפעסאָרישע מאַניערן און איז שטאַרק געצוימט, רעזערווירט.

— קאַרל, לאָז שוין ענדלעך צורו די פּראָלעטאַריער, מיט אַ הוספה פון אַ קליינע פּאָר פעניג נעמט מען זיי אַלע איין, מעגסט מיר גלייבן.

זשעני פאָרט אַראָפּ מיט די דריי טעכטער צו־גאַסט צו דער מוטער. באַלד אין די ערשטע פּאָר טעג פון זייער זיין דאָרט, שטאַרבט די אַלטע פאָן וועסטפאַליען.

זיי זענען צוריקגעקומען פון דאָרט פאַרביטערטע און צעווייטיקטע און אין טייסטער עטלעכע הונדערט טאַלער ירושה.

„מיר האָבן זיך פאַר דעם געלט איבערגעצויגן אין אַ נייער דירה אַריין, נאָענט צו אונדזער באַליבטן פּאַרק. עס קאָסט 36 פונט יערלעך דירה־געלט. קעגן אונדזערע פריערדיקע נאָרעס, איז דאָס אַן אמת־פירשטלעכע וווינונג, אַ פּאַלאַץ. דאָס אויסמעבלירן די וווינונג האָט אונדז געקאָסט ביז אַ 40 פונט (אַלע געקויפטע זאַכן זענען מערסטנס אַלטע און געניצטע). טייערע פריינדין! איך האָב אויסגעקויפט אַ סך זאַכן פון לאָמבאַרד און דאָס האָט מיר אָן אַ שיעור פאַרגעניגן פאַרשאַפט. איך האָב געהאַט אַ היפּשע הנאה איבערצולייענען די אָפּגענומענע אַדאַמאַסק־סערוועטן, וועל־כע שטאַמען נאָך פון גאָר אַלטע צייטן פון אונדזערע קרובים אין שאָט־לאַנד. נאָר מיר האָבן זיך צופיל גאַלאָפּירט. די סערוועטן וואַנדערן שוין איינציקווייז צוריק אין זייער רו אַריין — אין לאָמבאַרד. נאָר אַ גאָר

קורצע צייט האָבן מיר הנאה געהאַט פון דער בורזשואַזער איינאָרדנונג, אַ גאָר קורצע צייט. דיין זשעני׳׳.

*

ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן וואַקסן אין דער באַוועגונג די טונקעלע, האַלב־טונקעלע, פּיפּיקע און אינטריגאַנטישע פּאַרשוינען.

צו מאַרקסן קומט צו פאָרן אַ טוער פון דיסלדאָרף, דער סוחר גוסטאַוו לעווי. ער האָט פון דער אַרבעטערשאַפט אין דייטשלאַנד 2 אויפטראָגן צו מאַרקסן: ערשטנס, זאָל ער אויסאַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן פון אַן אויפּשטאַנד, ווייל די אַרבעטער זענען שוין מיד און צעבראָכן און דערפאַר זענען זיי שוין אויף אַלעם גרייט. און צווייטנס, זאָל מאַרקס וואָרענען די דייטשע אַרבעטערשאַפט פאַר לאַסאַלן. נאָך דעם געוווינעם האַצפּעלד־פּראָצעס, שווימט ער אַרום מיט פּאַראַד אין לאָרבער־קרענץ, ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער פירשטין האַצפעלד, לעבט מיט איר, לאַדט איין פיל שריפטשטעלער און פּאָליטיקער אין איר סאַלאָן אַריין, מאַכט פאַר זיי באַנקעטן און אין די אַרבעטער האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן.

מאַרקס איז אויפגעבראַכט. ער דערמאָנט זיך אין זיין בריוו, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבן לאַסאַלן: „איך וווּנדער זיך שטאַרק דערויף, וואָס דו ביסט אַזוי נאָענט פון לאָנדאָן און האָסט אפילו נישט קיין טראַכט געטון, צו קומען צו מיר אויף עטלעכע טעג. איך מיין, אַז דו וועסט נאָך אַריינטראַכטן אין דעם ענין און דעמאָלט וועסטו געוואָר ווערן, אַז פון פּאַריז קיין לאָנדאָן זענען די הוצאות גאָר קליינע. ווען די טויערן פון פראַנקרייך זאָלן נישט זיין פאַר מיר געשלאָסן, וואָלט איך זיך אַליין געגרן צו דיר אַריבערגעכאַפּט׳׳. ער דערמאָנט זיך איצט אין דעם בריוול און עס פאַרדריסט אים איצט דערויף.

ער שרייבט וועגן לעוויס וויזיט צו ענגעלסן און ענגעלס ענטפערט גלייך אָפּ:

„אַ שאָד דער קערל, אַ שאָד זיין גרויסער טאַלאַנט! ער איז אַ מענטש, וואָס מען דאַרף אויף אים אויפפּאַסן. אַלס עכטער ייד פון דער סלאַווישער גרענעץ, איז ער שטענדיק גרייט אויף אַ שפּרונג און אונטערן אויסרייד פון פּאַרטיי־טעטיקייט. עקספּלואַטירט ער אַ סך פאַר זיינע פּריוואַטע

צוועקן. ער האָט אויך צופיל חשק זיך איינצוקויפן אין דער פאַרנעמער געזעלשאַפט. איך פאַרשטיי פאַר וואָס די דיסלדאָרפער אַרבעטער זענען אויף אים אין כעס".

אָבער גאַנץ קורץ נאָך דעם האָבן זיי ביידע, מאַרקס און ענגעלס, איינגעזען, אַז זיי גלייבן צו־לייכט און חרטה געהאַט פאַר זייערע שלעכטע מחשבות. דער גוסטאַוו לעווי האָט כמעט די גאַנצע מעשה אויסגעזויגן פונעם פינגער. ער האָט געוואָלט, דער לעווי, אַ הלוואה פון 2 טויזנט טאָלער און לאַסאַל האָט אים נאָר געוואָלט באָרגן 500 טאָלער.

פרייליגראַט איז שטאַרק אין כעס אויף דער מעשה און ער וואַרפט פאַר מאַרקסן, אַז אין זיינע קרייזן האָבן זיך גאַנץ אָפט געפּאָרעט טונקעלע פאַרשוינען. מאַרקס ענטפערט דערויף:

„יעדער שטורעם לאָזט נאָך זיך אַ שוים. און איבערהויפּט שמעקט נישט קיין שום רעוואָלוציע מיט רויזן־אייל. אָפט מאָל קלעבן זיך אַפילו צו ווערעם און זיי קריכן גאַנץ ראַש איבערן קערפּער. דאָס אַלץ איז אמת, אָבער פאַרפאַלן! אָדער־אָדער!"

פון בוך
דערוואַכונג

(פראַגמענטן)

פון בוך דערוואַכונג*

עס בליט אין לאַנד דער ווילשטאַנד, ראַש טרייבט דער דאַמף די מאַשינען, דער האַנדל ברייטערט זיך אויס און רודערט, עס בליט תאווה און אויסגעלאַסנקייט. קיין חלומות און אידעען פלאַנטערן זיך שוין נישט אין קאָפּ און אונטער די פיס, דאָס לעבן איז לייכט און אַמוזאַנט.

די באַפעלקערונג וויל באַקוועמלעכקייטן, אָט נוצט מען גאַז אין אַנדערע לענדער, פאַר וואָס איך דאָ שוין נישט דורכפירן די רערן, ווען ס׳ליגן נאָך דערצו אין וואַרשע שוין פון יאָרן די רערן אין אויוונס? נאָר די מאַכט איילט זיך עס נישט דורכצופירן. מיטן גאַז, דערקלערן זיי, קען נאָך אַ מאָל די באַפעלקערונג זיך באַנוצן צו אויפרייסן פון רעגירונגס־געביידעס, צו אַטענטאַטן. זיי האָבן אַ וויטן און טיפן בליק, דער דורכ־שניט־בירגער זעט דאָס נישט, אָבער זיי פאַרשטייען, אַז נישט שטענדיק, ווען די אויבערפלאַך איז רויִק, איז אויך אין די טיפענישן דאָס זעלבע. אומצופרידענע און קרענקלעכע, פאַרברעכערישע נאַטורן לאָקערן, מסתמא, ערגעץ אין דער פאַרהוילנקייט. ווי עס ענדערט זיך נאָר די סיטואַציע אין לאַנד, עקאָנאָמישער קריזיס, אָדער אַ פּאָליטיש געשעעניש אין דער וועלט און די אַלע פאַרבאָרגענע טויכן אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. אמת, דער עולם איז זאָרגלאָז, ווילט זיך, פילט אויס די שאַנסאָנעטן־לאָקאַלן, פּאַקט אָן יעדן אָוונט דעם ראַטהויז־זאַל אויף היפּנאָטישע סעאַנסן, די פרעסע ווידמעט גאַנצע קאָלומנעס די פליענדיקע טישלעך, דאָס אַרויסרופן געשטאָרבענע ביי פאַרדעקטע שפּיגלען און שוואַרצע ליכט — אָבער ציווילע זענען קינדער, אָט פעלט זיי עפּעס אויס און שוין קרימען

* ביאָגראַפישער ראָמאַן וועגן ראָזאַ לוקסעמבורג, פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע 1937.

זיי מיט דער נאָז, פּאָליציי מוז זיין ערנסט און פאַרויסגעזען — ווער סטו נישט זען דאָס מעסער פאַר די אויגן, וועט דיר נישט איינפאַלן צו שניידן! קענסט נאָך אויסקומען אָן גאַז, דאַנק גאָט, וואָס דו דאַרפסט נישט ברע־נען קיין קינעלע, נאָפט איז אויך אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר דער מענטשהייט.

די ליניעס אויף פערד־טראַמווייען וועט מען יאָ פאַרמערן, איין ליניע פון מוראַנאָוו ביז מאָקאָטאָוו, איז צו ווייניק, דערצו איז נאָך פאַראַן איין פאַר שינעס, פון איין זייט דאַרף איין טראַמוויי אָפּוואַרטן און דורכ־לאָזן דעם צווייטן, איצט וועט שוין זיין אַ ליניע פון טעאַטער־פּלאַץ ביז פּאָוואָנזעק. די צייטונגען דערציילן וועגן דעם מיט פרייד:

„ענדלעך דערוואַרט אונדז שוין בקרוב אַ צווייטע טראַמוויי־ליניע אין וואַרשע. די באַפעלקערונג וואַרט שוין אויף דעם מיט אומגעדולד. שוין גענוג געפאָרן מיט די שמוציקע דראָזשקעס און נאָך שמוציקערע אָמניבוסן. וואַרשע איז שוין היינט אַ ריזן־שטאָט און מיר קענען זיך שוין פאַרגינען צו פאָרן אויף די פראַכטפולע טראַמווייען, מיט באַשטימטע זיץ־פּלעצער, געטיילט אויף צוויי קלאַסן, פאַר רייכערע סוחרים און אָרעמע הענדלער און ס'איז אָנגענעם צו קוקן אויף דעם וואַגאָן־פירער אין גרויסן, שוואַרצן צילינדער מיט דער בייטש, וועלכע ער האַלט גיכער פאַר פּאַראַד, און פילן דאָס שטילע, רוישלאָזע גליטשן זיך איבער די בלאַנקענדיקע שינעס אויף וואַרשעווער גאַסן. אָט אַזוי גייט עס וואָס ווייטער, אַלץ בעסער".

עדוואַרד בורגן גייט עס אין די געשעפטן אַלץ בעסער און בעסער. ער איז פּעיִק און ענערגיש, אַ לאָגישער קאָפּ און קען אַ זאַך גוט דורכ־טראַכטן. ער איז דערפאַר זייער אָנגעזען אין די סוחרישע קרייזן, באַ־שאָנקען מיט אַ סך צוטרוי און צו די אַלע עסקים, וואָס מען דאַרף דורכפירן מיט אויסלאַנד, ווערט פון דער גאַנץ גרויסער שותפות־געזעלשאַפט נאָר ער אַליין דעלעגירט.

אין שטוב קלערט מען וועגן איבערטראָגן זיך פון דער דירה אין אַ גרעסערער. די קינדער וואַקסן אונטער, דאַרפן באַזונדערע צימערן אויף לערנען, דער פאָטער דאַרף נאָכן גאַנצן טאָג אַרבעט, אָפט מאָל ביז

שפּעט אין דער נאַכט אַריין, האָבן אַ באַזונדערן קאַבינעט, דאַרף אויך אָפּט מאָל איינלאַדן די שותּפים צו זיך אין שטוב אַריין. דערצו איז נייטיק אַ גרעסערער סאַלאָן, יענע זענען נישט הורוויץ און דאָקטאָר נוסבוים, פאַר גייסטיקע געשפּרעכן גענוגנט דאָס איצטיקע צימער אויך (אגב קומען זיי שוין לעצטנס סיי ווי נישט פאַר), אָבער נישט פאַר די סוחרים, זיי האָבן ליב רחבות, עלעגאַנץ, מיט די דריי צימערן איז אַלזאָ נישט אויסצוקומען.

אָבער ווען עס דערוויסט זיך וועגן דעם די קליינע ראָזאַ, שטעלט זי אַ העפטיקן ווידערשטאַנד, זי וויל נישט, מען זאָל זיך פון דאַנען אַרויס־ציען. זי האָט זייער ליב דעם הויף, האָט ליב דעם שוסטערס קאַנאַריקל, וואָס זינגט אַזוי שיין אין די פרימאָרגנס, זי האָט ליב דעם סטרוזשס אַנטאָניס הונט און מער ווי אַלץ, האָט זי ליב די קירכע פון קייגנאיבער. די עוואַנגעלישע קירכע, אין גאָטישן סטיל, מיט איר הויכן טורעם, וואָס דערגרייכט צו די וואָלקנס, איז קייגנאיבער זייער פענצטער. אָפּט מאָל שטייט זי אָפּ ביים פענצטער אַ גאַנצע שעה, דער עיקר אין די פאַרנאַכטן, און קוקט אויף אים וויטלעך־פאַרחלומט, ביז ער ווערט נישט אין גאַנצן איינגעהילט פון דער נאַכטיקער פינצטערניש. זונטיק, ווען זי גייט מיט דער דינסט שפּאַצירן, בעט זי זיך דאָרט אַריינצופירן, כאָטש די דינסט טוט עס נישט גערן, עס איז נישט — זאָגט זי — קיין אמתער קאָשטשאָל — נאָר אַן עוואַנגעלישער, אָבער ראָזאַ לאָזט נישט אָפּ. זי האָט זיך ליב איינצוהערן אין די תּפילות און קען שוין אַפילו גאַנץ „פאַטער נאָסטער" פון אויסנווייניק.

ס'איז איר דאָ גוט און זי וויל נישט, מען זאָל זיך פון דאַנען אַוועק־ציען.

זי שטייט איצט אין איר ניי מאַנטעלע מיט ווייסע קנעפּלעך ביז אַראָפּ, הויכע, גלאַנציקע שטיוועלעך, די טרוקענע, טונקעלע הערעלעך גלאַטיק פאַרקעמט און פאַרנומען אונטער די אויערן, מיטן גרויסן, בלאָס־לעכן שטערן, בלויע, לויטערע אייגעלעך, אַרויסגעשטעלט אין פּיסל בראַוווריש און בעט שמייכלענדיק:

— ניין, מאַמע און פּאַפּאַ, מיר וועלן נישט אַוועק פון דאַנען, מיר בלייבן דאָ.

די עלטערן קוקן אויף זייער קליינטשיקער ראָזאַ, וועלכע איז שוין אַריבער דאָס פערטע יאָר, נישט קיין סך צוגעוואַקסן פון פּאַראַיאָרן אָן, זייט דעם וויזיט פון פּראָפעסאָר, נאָר בלויז אירע אייגעלעך זענען גרעסער געוואָרן און די שטריכן פון פּנים שאַרפער. די מוטער שמייכלט מיט פייכטלעכע אויגן און דער פאָטער לאַכט הויך אויף אַ קול. זיי וועלן צוליב טון זייער מוזיניקל, זיי וועלן בלייבן אין דער דירה.

אָבער אין צוויי יאָר אַרום, אין 1876, נאָכן אויסברוך פון גרויסן קריזיס, וועלן זיי שוין דעם צוזאָג נישט קענען דערהאַלטן, זיך מוזן איבערטראָגן אין אַן אַנדערער דירה, אָבער שוין אין אַ קלענערער! ווייל ס'וועט נישט זיין מיט וואָס צו צאָלן אַפילו ווייניק דירה־געלט.

דעמאָלט וועט די קליינע ראָזאַ זיך שוין נישט איינשפּאַרן, נאָר נאָכטון דער מוטער און איינגעהאַלטן לאָזן רינען איינצלנע טרערן אויף די באַקן.

*

דער באַזיצנדער קלאַס האָט שוין פון לאַנגע צייטן דערפאַרונג, אַז בשעת אַ גרויסן שטורעם, איז גלייכער דעם קאָפּ עטוואָס איינצובייגן און איבערוואַרטן. זיי ציען אַפילו דעמאָלט דעם הוט אַראָפּ, ווייל אַנדערש קען דאָך פליען דער קאָפּ! די צאַרישע מאַכט האָט פאַרן און בשעתן אויפשטאַנד שאַרירט די פּויערים קעגן די פּריצים. די פּויערים האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין די לאָזונג פון דעם גלחישן בונטאָוושטשיק פּיאָטר שטשעגעני, אַז „די שליאַכטע איז די פּלעווע, די מעקענע און איר, פּויערים, זענט דער קערן", יחסנים געוואָרן, האָט מען דעריבער בשעתן אויפשטאַנד, אין מאַניפעסט פון דער פּוילישער רעגירונג, אַלס דעם ערשטן פּאַראַגראַף געמוזט אַריינשטעלן, אַז „פון היינטיקן טאָג אָן זענען די פּויערים און אַלע איינוווינער פון דער פּוילישער ערד, פון וועלכער עס איז אָפּשטאַמונג און גלויבן, גענצלעך פריי צוגלייך מיט דער אַלט־פּוילישער שליאַכטע". אַלס צווייטן פּאַראַגראַף, אַז די נאַציאָ־נאַלע רעגירונג גיט אָפּ אין באַזיץ פון די פּויערים די גאַנצע ערד, וועלכע זיי האָבן ביז איצט געהאַט, אָן צינז און אויסקויף־געלט און אַלע

מאָסקווער פּאַראַרדענונגען (וועגן דער פּויערים־באַפרייונג) ווערן בטל, ווייל דאָס איז פּוילישע ערד און נישט מאָסקוויטישע. די רוסישע רעגירונג האָט אָבער אין די דערקלערונגען צו די פּויערים אויסגעלאָכט די גוטע צוזאָגן פון דער אַנאָנימער, נישט־עקזיסטירנדער פּוילישער רעגירונג. זיי רעדן נאָר און די רוסישע רעגירונג האָט באַוויזן, אַז זי איז מיט די פּויערים — אָפּגעשאַפט פּאַנשטשיזנע און דורכגעפירט גרעסערע אַגראַר־רעפאָרמען. אָבער איצט דאַרף דער צאַר שוין נישט שאַכירן די פּויערים. די שליאַכטע איז שוין גוט און ווויל, קריכט אויף אַלע פיר, דאַרף מען איר שוין צוריק אַקייגנקומען. זיי זענען דאָך איר פּאַרט נענטער ווי די פּויערים. די פּויערים פירן זייערע בהמות אויף די פּאַשע־פּעלדער, וועלכע זיי האַלטן, אַז עס געהערט צו זיי, טרייבן די פּריצים אַראָפּ מיט נאַהייקעס און אויב פּויעריש לייב האַלט נישט קיין נאַהייקע פּאַר געגנוג ווירקזאַם, באַנוצט מען פּיסטוילן און מען הרגעט אויס צו עטלעכע שטיק. קומט נאָכהער אַ רעגירונגס־קאָמיסיע און גיט, פּאַרשטייט זיך, רעכט דעם פּריץ. ענלעך גייט עס אויך צו אין די פאַבריקן. די אַרבעטער האָבן זיך, מסתמא, אָנגעשטעקט פון דעם אַרומיקן ווילטאַג און ווייזן שוין אַרויס אומצופרידנקייט. אַרבעטן ס׳רוב פּערצן שעה און נישט זעכצן און אַכצן, ווי אין די קליינע וואַרשטאַטן, און ווען עס קומט צו די לעצטע צוויי שעה, אַרבעטן זיי שוין מיד, שלעפּעריק און אַפּעטיטלאָז. פּאַר אַרבעטן דעם האַלבן זונטיקדיקן טאָג, וואָלטן זיי וועלן כאָטש אַן עקסטרע באַלוינונג. און דאָ וואַקסט נאָך די קאָנקורענץ פון טאָג צו טאָג.

אין 1876 ברעכט אויס אַ קריזיס, שוין מסתמא, צופיל סחורה אָנגע־אַרבעט, איבערגעפּאַקט זיך, קליינע און מיטעלע סוחרים און פאַברי־קאַנטן פאַלן לייכט אום, אָבער די גרויסע מוזן זיך אַן עצה געבן — אַ טייל אַרבעטער זאָגט מען אָפּ און ביי דער רעשט שניידט מען די לוינען.

און אָט געשעט אַ נייעס אין וואַרשע. אין לילפּאָפּס פאַבריקן, איינע פון די גרעסטע, שטעלן די אַרבעטער אַליין אָפּ די אַרבעט — שטרייק. עפּעס געקומען אַן עמיסאַר פון פּעטערבורג — אַזוי גייט איבער דער פאַבריקס־קאַסירער זיינע באַלעבאַטים — יאַן בוך איז זיין נאָמען, און

ער פירט דאָס מיט אַלעמען אָן. אויף דער פאַבריק געפינט מען עטלעכע אָפּגעשריבענע צעטעלעך:

אין יאָר 1848 אויף אַן אוידיענץ פון אַדאַם מיצקעוויטש ביים פויפּסט אין רוים, האָט אַדאַם צו אים געזאָגט: „זיי וויסן, פּאָטער, אַז גאָטס גייסט רוט היינט אויף די בלוזעס פון די פּאַריזער אַרבעטער". און דער־נעבן אַ קליינע צושריפט: „איך אויף אונדז, פּוילישע אַרבעטער".

נאָר פון וואַנען וויסן דאָס די אַרבעטער, וואָס אין די צעטעלעך שטייט, קיינער פון זיי קען דאָך נישט לייענען? דאַן רוימט איין דער אויפזעער דעם דירעקטאָר אין אויער אַריין:

— כ׳האָב אַ פאַרדאַכט, אַז צווישן די אַרבעטער געפינען זיך עטלעכע פאַרשטעלטע סטודענטן.

מיקאָליי בורג, דער עלטסטער זון עדוואַרדס, האָט שוין געמוזט איבעררייסן דאָס לערנען און אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנו־פאַקטור־מאַגאַזין. ער געהערט שוין אַפילו צו דער „געזעלשאַפט פון סוביעקטן און וואַיאַזשאַרן פון משהס גלויבן". זיי פירן אַ געהיימע שפּאָר־קאַסע, זענען פאַרפליכטעט צו באַזוכן זיך בשעת אַ קרענק, באַגלייטן ביי אַ לוויה, קומען טרייסטן אין אבלות, האָבן אַן אייגן מנין צום דאַווענען און שבת אין אָוונט אָרדענען זיי איין אַ סעודה פאַר אַלע מיטגלידער, נאָכהער שפּילט מען אין קאָרטן און אין דאָמינע. זיי ציילן שוין איבער פופציק מיטגלידער. עס טרעפט אָבער אויך, אַז אין מיטן עסן אָדער אין מיטן שפּילן זאָל פּלוצלונג זיך באַווייזן אויפן טיש אַ שטיקל באַשריבן פּאַפּיר מיט שמאָלע שורהלעך:

דער צאַר איז אַ נאַר,
ער זאָל ווערן קראַנק און דאַר,
ער זאָל ווערן גרין און געל
און ס׳זאָל אים שטיקן אין דער קעל.

אין דער קעל זאָל אים שטיקן
און פון דער ערד זאָל אים פליקן,

שטויב און אייביקייט

אויספליקן אים פון דער וועלט
און אים וואַרפן אין היץ און קעלט.

מיטן צאַר שוין אויס, דאַלוי,
זאָלסט פלאַקערן ווי שטרוי,
מ׳זאָל פאַררויכן ביי דיר ציגאַרן
און אויף די מיסטן שאַרן.

פון אונטן אַ צייכענונג פון פינף פינגער, מיט אַ צושריפט: „די שוואַרצע האַנט".

— יאַן בוך — דאָס ווייסן נאָר געציילטע מענטשן — הייסט אין דער אמתן לודוויק וואַרינסקי. ער איז אַ געוואַגטער רעוואָלוציאָנער, מיט אַ סך ענערגיע און איינפאַלן און דערצו אַ מענטש פון אַ טיפערער לאָגיק און אומגעהויערע טעאָרעטישע קענטענישן — מען רופט אים „דער פוילישער לאַסאַל". דאָס אָרגאַניזירן דאָ קרייזלעך פון סטודענטן און געזעלן איז אים גאָרנישט שווער אָנגעקומען, געווען דערויף אַ פּרוכט־באַרער באָדן, נאָר קוים עטוואָס צוגעפּרוּירן, ביים ערשטן דערוואַרעמען און ס׳האָט אַ שפּראָץ געטון מיט קעמפער פון אַלע ווינקעלעך. שוין לאַנג, ווייזט אויס, דערויף געוואַרט, יאַן הלאַסקאָ און מאַנדשיין, דלוסקי און מענדעלסאָן, קאָביליאַנסקי און דיקשטיין, פלאַסקאָוויצקאָ און ראָזענ־גאַרטן, די באַרימטע שיינהייט וואַנדאָ ווינאַראָווסקאָ און די אַריסטאָקראַ־טישע סאַלאָמעאָ יאַוויץ, מאַריאָ באָהושעוויטש און פרוי האָראָוויץ. די באַדייטנדסטע פון דער גאַנצער גרופּע זענען וואַרינסקי און דיקשטיין.

וואַרינסקי איז אַ הויכער, שלאַנקער, מיט אַן אָפן פנים, גרויסע, לויטערע, העל־בלויע אויגן, קורץ־געשוירענע בלאָנדע האָר און אַ גלייכע פאַרריסענע נאָז. מיט אַזעלכן האָט פּאָליציי נישט גערן צו טון, מען קען אים נישט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, דער קאָפּ מוז זיין אַראָפּגעלאָזן, פון אַזעלכן שפּראָצט מיט שטאָלץ און חכמה, קיין שום פראַגע ראַשט אים נישט איבער, דער ענטפער איז שוין גרייט, אַ שניידיקער, אַ בליציקער, ער ליגט שוין אויף די פאַרצויגן־שמייכלענדע ליפּן, אין די לויטערע,

אָפּענע אויגן, אויפן קין, אויף די נאָז־פליגל, די טראַציקייט דריקט אויף דיר — שווער זיך מיט אַזעלכע צו עסקן.

דיקשטיין איז אַ קליינער, אַ מאָגערער, אויסגעבלייכט, טונקל־טריבע אויגן, אויסגעבויגענע נאָז, קורצזיכטיק און אָפּגעלאָזן. די גאונות פון אַזעלכן איז לייכט פון זיך אָפּטרייבן, ווען מען קוקט אויף זיין פּנים און פיגור. דיקשטיין איז צו 14 יאָר שוין געגאַנגען אין אוניווערסיטעט, צוליב זיין יונגקייט האָט מען אים נישט גלייך געוואָלט אָננעמען און ער האָט געמוזט בלייבן אַלס פריייער צוהערער. אָבער ווען דער פּראָפעסאָר האָט געשטעלט אַ האַרבע פראַגע, האָבן די בליקן פון אַלע סטודענטן זיך געווענדט אין ווינקל, ווו ס׳זיצט דער קליינער דיניאָ — ווי די חברים האָבן אים גערופן — און דער האָט שוין געענטפערט פּאַמעלעך, רויִק און פּאַרטראַכט. ביי 19 יאָר שוין געענדיקט דעם נאַטור־וויסנשאַפט־פאַקולטעט און גלייך אַריבער אויפן מעדיציניש. דעמאָלט זענען שוין דערשינען זיינע אומלעגאַלע בראָשורן, רודערן אויף סטודענטישע און פּאָליציייִשע קרייזן און זיין נאָמען איז שוין דאָן — יאַן מלאָט.

דעמאָלט צעברילט זיך שוין ווי אַ לייב דער נאָך גענוג יונגער אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי און ער רופט — ווי ער זאָגט אַליין — מיט אַ פּאַטערלעכער שטים:

„הערט אויף! איך זע, ווי ס׳הייבט זיך שוין ווידער אויף אַ שטורעם. זאָל ער גלייך אויפהערן! גענוג מיט דער מגפה פון מזרח!! ער וועט נאָר ברענגען בלויז אומגליק און מער גאָרנישט. מיר מוזן און ווען שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע! אונדזערע קונפטיקע דורות וועלן אונדז דערפאַר בענטשן. איך שטעל פעסט, אַז די רעוואָלוציאָנערע מגפה קומט פון רוסישע קוועלן און נישט פון פוילישע. נאָך אַ מאָל, איר געערטע אַפּאָסטאָלן פון דער סאָציאַליסטישער עוואַנגעליע! פּרעדיקט נישט קיין אומזיניקייטן, ווייל איר וועט דערגרייכן דערמיט נאָר דאָס, וואָס מ׳וועט אייך איינזעצן אין קאָזע!״

אָבער אין די זונטיקס אין דער פרי, אין שלאָסער־וואַרשטאַט, וועלכן ס׳האָט פּאַרלייגט יאַן בוך, האָבן אַלץ מער געזעלן און סטודענטן אונטערגעשריבן דעקלאַראַציעס, אין וועלכע ס׳שרייבט זיך צווישן אַנדערן, אַז:

„איך נעם אויף זיך די מאָראַלישע פאַרפליכטונג אָפּצוגעבן אַלע מיינע פיזישע און גייסטיקע כוחות אויף צוצוגרייטן די סאָציאַלע איבער־קערעניש און זי פאַרענדיקן. גרייטנדיק זיך אויף אַ שווערן קאַמף מיט די שונאים, דאַרף איך, אַלס סאָציאַליסט, לכתחילה זיין גרייט אויף יעדן צופאַל און קרבן. איך ווייס, אַז אין קאַמף מוזן אַ סך אומקומען, איידער דער נצחון וועט זיין אויף אונדזער זייט. איך ווייס דערפון און בין מיטן פולן באַוווסטזיין און שטעל פולקאָם דערצו גרייט!"

נאָכהער שמועסט מען:

— אָבער אַ שאָד, וואָס מיר זענען נאָך אַזוי ווייניק.

— ספּאַרטאַקוס האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף מיט 200 שקלאַפן און נאָכהער איז זיין אַרמיי געוואַקסן ביז 70 טויזנט.

— ריכטיק, בראַוואָ, נאָר מוט און דויערהאַפטיקייט.

— אַ פּחדן שטאַרבט יעדע מינוט, אַ העלד — נאָר איין מאָל.

זעט אויס, אַז שוויענטאָכאָווסקיס דראָונג מיט קאָזע שרעקט זיי נישט איבעריק.

די באַוועגונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

*

די נייע דירה בורגס באַשטייט איצט נאָר פון איין גרעסער צימער מיט אַ קליינעם, טונקעלן אַלקער.

די קליינע ראָזאַ האָט זיך שוין דאָ צוגעוווינט, כאָטש יעדן טאָג מוז מען זי פירן שפּאַצירן אויף דעם פּריִערדיקן הויף. מיט טייל זאַכן איז אָבער דער הויף נאָך אינטערעסאַנטער פאַרן פריערדיקן. פאַראַן דאָ אַ סך וואַרשטאַטן, צוקערלעך־מאַכערינס, העפטערס, בייגערס, אַ שלאָ־סעריי און אַ שוסטער. ביים שוסטער וווינט דער אַלטער, האַלב־בלינדער מאַטעאוש, וועלכער שפּילט מיט זיין האַרמאָניע אויף מערק און יאַרידים און דאָ, ביים קליינעם פענצטערל, וואָס שטייגט קוים אַרויס פון דער ערד, פּרובירט ער אויס אויף זיין האַרמאָניע נייע ניגונים. פון די וואַר־שטאַטן הערן זיך אין די פאַרנאַכטן טרויעריקע לידער, וועלכע צעגייען זיך איבערן גאַנצן הויף און פאַרזונקען פּאַמעלעך אין די קעלער־שטובן. דער סטרוזש, וועלכער הייסט דאָ אויך אַנטאָני, איז אַ הויכער און דיקער,

מיט געדרייטע, בלאָנדע וואָנסן, שטייף און ערנסט און פּאָר די רייכע לאָקאַטאָרן, אַפילו פאַר זייערע קליינע קינדער, באַגריסט ער זיך מיט אַ טיפן נייג. אָבער אויך פּונקט אַזוי נייגט ער זיך פאַר דער קליינער ראָזאַ, כאָטש זיי וווינען אין צווייטן הויף, אויף אַ הויכן שטאָק און קליינער דירה. זיין קליין, פּויעריש ווייבעלע שמייכלט צו איר שטענדיק אַזוי לוסטיק און צודרינגלעך און פירט אַרויס אין טויער אירע צוויי קליינע קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידעלע און ראָזאַ גלעט זיי איבער די העל־בלאָנדע קעפּלעך און איז זיי מכבד מיט צוקערלעך.

ס'טרעפט, ווען ראָזאַ גייט שפּאַצירן מיט דער דינסט (מיט איר שוועסטער גייט זי קיין מאָל נישט צוזאַמען אויף דער גאַס), גייען צו דאַמען, רופן אַוועק די דינסט אין אַ זייט און פרעגן עפּעס אויפן אויער. ראָזאַ גייט דאַן אָפּ אויף פאָרויס. ס'טרעפט אָבער, אַז זי גייט צו צו אַזאַ דאַמע און זאָגט:

— נייגעריק זיין אין אַזאַ פאַל איז נישט גענוג שיין און רחמנות איז אַ באַליידיקונג.

נאָך אַזאַ פאַל ווערט איר דער טראָט נאָך שווערער. זי באַמיט זיך צו הייבן וואָס העכער דעם פוס, מאַכן גרעסערע שריט, אָבער נאָך עטלעכע טריט מוז זי שוין ווידער בלייבן שטיין אויף לענגערע מינוטן. זי קאָר־טשעט זיך דאַן פון וויטיק.

דערפאַר זיצט זי מערסטנס אין שטוב. שוין ביי פינף יאָר האָט זי פליסיק געלייענט און געשריבן. שרייבן איז געווען אירס אַ ליידנשאַפט. אין אַלקער האָט זי געשריבן בריוולעך צו דער מוטער, שוועסטער און געפּאָדערט נאָר אַ שריפטלעכן ענטפער. געשריבן אַ טאָג־בוך און לידע־לעך. אַ לידל געשריבן צו דער מוטער, צום פאָטער, צו דער שוועסטער, צו יעדן פון די ברידער, צום קאַנאַריקל, וואָס דער פאָטער האָט איר געברענגט צו איר געבורטסטאָג, צו דער קעכין, צום הויכן קירכע־טורעם און צו אַנטאָני דעם סטרוזש.

זי ווערט שוין בקרוב אַלט זיבן יאָר און זי קען נאָך אַלץ נישט גיין אין שולע, זי מוז נאָך אונטערוואַרטן אַ גאַנץ פעליק יאָר. איר ברודער יוזעף גייט שוין אין פערטן קלאַס און זי לייענט זיינע לערן־ביכער,

ספעציעל די וועגן געשיכטע, יוזעף איז צו איר זייער צוגעבונדן און ער העלפט איר צו לייענען און אויסטייטשן. ער לערנט זיך גוט, די לערער זאָגן אים צו, אַז ער וועט קיין איין מאָל נישט בלייבן צוויי יאָר אין אַ קלאַס, אַז ער דאַרף אויף אַן אמת ווייטער שטודירן, ווייל ביי ס׳רוב שילער איז דאָס ווייטערדיקע לערנען אין אוניווערסיטעט אַרויסגעוואָרפן. ער פרעגט ראָזאַן:

— אויף וואָס זאָל איך שטודירן, בלימעלע מיינס?

— געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע.

— ניין, איך וועל שטודירן מעדיצין.

צוליב וואָס עפּעס מעדיצין? שטעלן באַנקעס, פאַרשרייבן רעצעפּטן?

— כדי אויסצוהיילן קראַנקע מענטשן, איך וועל אַלע קראַנקע אויסהיילן.

זי האָט אים אַרומגענומען און לאַנג זיך צו אים געדריקט. זי וועט אים, זאָגט זי, פאַר דאָס פאָרלייענען אַ שיינע זאַך פון זיינע געשיכטע־ביכלעך. ער האָט עס נאָך זיכער נישט געלייענט, ווייל ס׳איז שוין באַלדביים סוף און די בלעטלעך זענען נאָך ניי, ער האָט דאָס נאָך זיכער נישט געלייענט. וועגן די ברידער טיבעריוס און גאַיוס גראַקכוס.

„די ברידער טיבעריוס און גאַיוס זענען געווען שיין ווי אַפּאָלאָ, שטאַרק ווי הערקולעס און קלוג ווי מינערוואַ. זיי זענען געווען שטאָלצע רוימער, אומדערשראָקענע קעמפער און דעראָבערט פאַר זייער פאָלק אין זיג נאָכן צווייטן. זיי האָבן אָבער געזען, ווי פון דעם גאַנצן מלחמה־רויב געניסט נישט דאָס גאַנצע פאָלק, נאָר בלויז די רייכע און הערשנדע. זיי זענען נישט געווען קיין גיריקע רויב־חיות און נישט געוואָלט געניסן פונעם רויב. זיי האָבן געהאַט דערפון צער און זיך פאַרקלאָגט פאַר זייער קלוגער און גוטער מאַמע קאָרנעליאַ, וועלכע האָט געהאַט געבוירן צוועלף קינדער.

מאַמע! ווילדע חיות, מיט וועלכע ס׳זענען פול די בערג און וויסטעס, האָבן זייערס אַן אָרט אויף אָפּרו און שוץ, אָבער די רוימער, אונדזערע ברידער, וועלכע גייען אין מלחמה, פאַרשטעלן דאָס פאָטערלאַנד מיט זייערע אייגענע קערפּערס, האָבן נאָר ליכט און לופט, ווייל נאָר דאָס

קען זיי קיינער נישט צונעמען. אָן שוץ, אָן וואַרעמער אויפזיכט, נע־ונד, שלעפּן זיי זיך מיט די פרויען און קינדער, אונדזערע ברידער אין אייגע־נעם פאָטערלאַנד. מען הייסט זיי גיין זיך שלאָגן און פאַרטיידיקן הייזער, וועלכע זיי האָבן נישט, פאַרטיידיקן דאָס אייגנטום — וואָס זיי פאַרמאָגן נישט. איז זיי נאָך ווייניק די פיינלעכע נויט, באַהאַנדלט מען זיי נאָך דערצו געמיין און נידערטרעכטיק.

די מאַמע קאָרנעליאַ האָט זיי אַרומגענומען און געקושט זייערע שיינע קעפּ און קלוגע אויגן.

— גייט און טוט וואָס אייער האַרץ באַפעלט אייך, כאָטש אַ האַרץ איז אָפט אַ בייזער אינטריגאַנט.

און זיי זענען געגאַנגען און זיך געשטעלט פאַרן פאָלק. אין יאָר 133 איז טיבעריוס געוויילט געוואָרן אַלס פאָלקס־טריבון און ער האָט זיך פאַרגענומען דורכצופירן אַן אַגראַר־רעפאָרם. ער האָט געשטעלט דעם פאָרשלאָג, אַז קיינער טאָר נישט באַזיצן מער ווי 500 מאָרג מלוכה־ערד און די רעשט צעטיילן צווישן די ערדלאָזע. אַקטאַוויוס האָט אים אָבער געשטערט דאָס דורכצופירן, האָט ער אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיין אַמט. ער איז אָבער שוין קורץ נאָך דעם, צוזאַמען מיט זיינע 300 איבערגע־געבענע אָנהענגער געוואָרן שוידערלעך דערמאָרדעט.

אָבער זיין ברודער גאַיוס איז געווען נאָך מער ענערגישער פאַר זיין עלטערן ברודער טיבעריוס און צען יאָר נאָך דעם איז ער אויך געוויילט געוואָרן אַלס טריבון. ער האָט צוגעזאָגט אַדורכצופירן די רעפאָרמען פון זיין ברודער, נאָך צעטיילן פון מלוכה־שפּייכלער שפּייז פאַר די אָרעמע, באַנייען דאָס אַלטע געזעץ, אַז אַ רוימער טאָר נישט ווערן פאַראורטיילט צום טויט, פאַרטריבן פון זיין לאַנד אָן דער צושטימונג פון גאַנצן פאָלק. און דאָס פאָלק, דאָס דערהערנדיק, האָט געיובלט פון פרייד, געליבט זייער העלד און דערלייזער. ס'איז אָבער געקומען ליוויוש דרוז, אונטערגע־שיקט פון די סענאַטאָרן און געמאַכט נאָך מער ווייטגייענדיקע, בעסערע פאָרשלאָגן פאַרן פאָלק, באַפרייט פון אַ סך שטייערן, אָבער דאָס פאָלק האָט אין אים נישט געגלייבט. ביי די וואַלן האָבן די סענאַטאָרן געפעלשט די שטימען און גאַיוס איז דורכגעפאַלן. אַ געפאַלענעם טרעט מען צו און

מען האָט אים גלייך באַשולדיקט אין אַ מאָרד און אים אויסגערופן אַלס פּאַטערלאַנד־פאַררעטער. גאַיוס האָט זיך צעוויינט פאַרן שטיינערנעם אָפּ־בילד פון זיין פאָטער און זיך געריסן די האָר.

פריינד זענען געקומען אין שטוב צו אים טרייסטן, דערציילן, אַז ס׳גרייט זיך אויף אים אַן איבערפאַל, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַרויס אין דער שטאָט. זיין ווייב ליציניאַ, אַלע שטוב־מענטשן און די פריינד האָבן צו אים גערופן, אַז ער זאָל כאָטש מיטנעמען זיין וואָפן, אָבער ער האָט אָפּגעזאָגט. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין בלוטיקער שונא אָפּימיוס איז געוויילט געוואָרן אַלס קאָנסול און איינגעפירט אויסנאַם־צושטאַנד. אונ־טערגעשיקטע מערדער האָבן זיך געוואָרפן אויף גאַיוסן, איז ער אַנטלאָפן און אַריין אין אַ הייליקן געבעט־אָרט. דאָרט האָט ער זיך געוואָלט אַליין אָפּנעמען דאָס לעבן, אָבער די חברים זיינע האָבן צו דעם נישט דערלאָזט. זיי האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פאַרן שונא, כדי גאַיוס זאָל קענען ווייטער לויפן. גלייך זענען געפאַלן זיינע טרייע פריינד פאָמפּאָניוס און ליציניוס. ער איז שוין נישט געשלאָפן און צוגערופן זיין שקלאַף, געבעטן ער זאָל אים טייטן. דער שקלאַף האָט אים געטייט און גלייך זיך אַליין אָפּגענומען דאָס לעבן. אינעם זעלבן טאָג האָט מען 300 רוימער, אַנהענגער פון גאַיוסן, געוואָרפן אין טייך טיבער.

און זייער מוטער האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן, אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון רוים און גערופן:

— „און דאָך זענען מיינע זין געווען צווישן די גרעסטע און בעסטע בירגער פון רוים! אַלע גוטע און קלוגע וועלן אין זייערע וועגן גיין!"

די בעקעלעך אירע האָבן געבליט און אין אירע אייגעלעך האָט גע־זאָטן מיט פייער.

יוזעף האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָס נאָך אַ מאָל איבערלייענען. גלייך איז ער צוגעלאָפן צו ראָזאַן אַן איבערראַשטער:

— שוועסטערל מיינס, ביסט דאָך אַ ליגנערין, איך לייען עס דאָך איצט און געפין נישט אַ סך זאַכן, וועלכע דו האָסט אַרויסגעלייענט!

זי האָט אַוועקגעשאַרט אירע האָר אויף אַרונטער, איינגעצויגן אירע

דיקלעך־ראָזע ליפּן און מיט אָפענעם בליק געקוקט אויף איר דערוואַק־סענעם ברודער:

— אָבער פאַרגעקומען איז עס זיכער אַזוי ווי איך האָב געלייענט.

זי האָט געמאַכט אַ טראָט נענטער צו אים:

— פאַר דאָס האָב איך דיר נישט פאַרגעלייענט דאָס לעצטע שטיקל, ווו ס׳שטייט, אַז בעת די מוטער האָט גערופן „מיינע זין זענען געווען די גרעסטע און בעסטע בירגער פון רוים! אַלע גוטע און קלוגע וועלן אין זייערע וועגן נאָכגיין! — איז דאָס פאָלק איר נאָכגעלאָפן און אָפּגעשפּעט, האַלטנדיק זי פאַר משוגע״. איך זאָג דיר, קאָרנעליאַ איז נישט געווען משוגע!

יוזעף האָט אַרויסגעלאָזט דאָס בוך פון האַנט, געקוקט מיט שטאַרע אויגן אויף זיין קליין, קראַנק שוועסטערל און זיך אָנגערופן:

— ראָזאַליאַ, איך האַלט מיט דיר! ניין, קאָרנעליאַ איז נישט געווען משוגע!!

*

ס׳איז האַלבער מערץ, איבער נאַכט איז אָנגעפאַלן אַ הויכע שיכט שניי. אַ דינער שניי שטויבט נאָך איצט. אויף די דעכער איז ער ווייס און מיניעט זיך אונטער דער זון. ער איז ווייס אויף די פוטערנע קעלנער און הויכע סויבלנע היטן, וועלכע ס׳טראָגן די מיט די פולע, רויטע בעקלעך און ברייטלעכן גאַנג. די קוועלן אָן פון לייכטן פרעסטל און שניי. ער איז ווייס אויף די פאַסאַזשירן פון די צעקלונגענע שליטנס, וועלכע גליטשן זיך אַזוי לוסטיק און בראַווויריש איבער דער גאַס. ער איז ווייס אויף די לאַנגע, שוואַרצע בערד פון די בייכיקע רוסישע קופּצעס, וועלכע שפּילן זיך מיט שנירלעך בורשטינענע קוועלן אין די הענט. אויף די אין אָפּגעטראָגענע מלבושים, קאָרטשענדיקע גופים, צעריסענע קאַשקעטן און אויסגעדרייטע שיך, — אויף די האַלט זיך דער שניי נישט לאַנג. ער ווערט באַלד געל און שמוציק. זיי טרייסלען זיך פון אים אָפּ, זיי בלאָזן אויף אים, קרעכצן און ער רינט באַלד אַראָפּ אין ברודיקע ריטשקעלעך. ס׳גייען אָרעמע פרויען געהילט אין געלאַטעטע פאַטשיילעס און טראָגן אין צעריסענע האַנט־קיישלעך פאַרשנייטע שטיקלעך קוילן, קליינע

בינטלעך האָלץ און קאַרטאָפל. אַ מיידעלע גייט אין צעריסענע לעטשלעך, מיט די רויטע פיאַטעס אין דרויסן און ווינט פון קעלט. ס׳דרייען זיך אַרום סטויקאָוויס אין לאַנגע פּלאַשטשן, לאַנגע, נאַכהענגענדיקע שווערדן, מיט רויטע פּיסקעס, געדרייטע וואָנסן, מיט פול רציחה אין די אויגן. די קרעמער און סטרוזשעס ציִען פּאַר זיי די היטלען, אָבער זיי ענטפערן נאַכלעסיק אָפּ, זיי זוכן די, וועלכע ציען נישט די היטלען, אָט די בלייכע סטודענטן, וועלכע האָבן נישט קיין מורא פאַרן טויט, קאַזאַמאַטן, שלאָפן יאָרן אין קעלערס אויף דינאַמיט. עס איז פול מיט זיי פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו און אָט האָבן זיי שוין פאַרשלעפּט די עפּידעמיע קיין וואַרשע, ווילנע און לאָדזש. זיי וואַרפן אָן אַ שרעק און פאַרטרייבן דעם שלאָף פון די גובערנאַטאָרן, פּאָליצמייסטערס און פּראָקוראָרן.

*

אָט שטייען ביי די ראָגעס ווייבער איינגעהילט אין טיכער, מיט טשייניקעס און טעפּ אין די אָנגעדראָלענע, פאַרפרוירענע הענט און פאַר־קויפן טיי און געקעכטס. ס׳שטייט אַרום אַן עולם פון טרעגערס, משרתים, געזעלן און גאַסן־הענדלער און קוויקן זיך מיט דעם וואַרעמס, כליפּען הויך און קרעכצן פון הנאה. אָט די האָבן נישט אין זינען קיינעם צו דערהרגענען, אָט אַזוי דאַרפן אַלע זיין, אָרעמע, פאַרפרוירענע, צעבראָ־כענע, וואָלטן זיי נישט אין זינען געהאַט קיין פּראָקלאַמאַציעס און רציחות.

די פּאָליציאַנטן פילן זיך היינט מונטערער און וויכטיקער, ווייל ערשט די טעג האָט מען זיי דערלייגט צום געהאַלט. מען האָט זיי דער־ביי אָנגעזאָגט:

— גוט אַכטונג געבן אויף די סטודענטישע סוקינסינעס, ביי יעדער געלעגנהייט דערלאַנגען זיי אַזוי, אַז נישט איינער פון זיי זאָל באַלד צו־ריק אָפּגעבן די נשמה צו גאָט. נישט זשאַלעווען, אויף דער הייליקער רוסישער ערד פעלט נישט אוים קיין זרע. עטלעכע ווייניקער און ס׳וועט זיך נישט אָנזען.

אַן עלטערער פּאָליציאַנט אַן אונטעראָפיציר, אַ זון פון אַ פּאָליאַק, האָט זיך מיט רעספּעקט איבערגעפרעגט:

— און טאָמער טרעפן זיך צווישן זיי אויך אומשולדיקע?

— עד, קאָפּ־דרייעניש, ממיתן אַלעמען צוגלייך, אויף יענער וועלט וועט שוין גאָט אַליין צעטיילן די שולדיקע און אומשולדיקע, מיר האָבן אַ קלוג גאָטעלע אויף דער וועלט.

אין דער ביבליאָטעק „טאָוואַזשיסטוואָ דאָבראָטשינגע", ווו ס'זענען זיך צונויפגעקומען סטודענטן אין קליינע גרופּעס, מכלומרשט נאָך ביכער, האָט מען שוין דערציילט, אַז מען האָט לעצטנס געכאַפּט אַ סך מענטשן און איינגעזעצט אין צענטן פּאַוויליאָן. רוסלאַנד פירט איצט קריג מיט טערקיי, שטייט שוין פאַר די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דערפאַר זענען די פאַרפאָלגונגען נאָך שטאַרקער געוואָרן. אָנגעקומען פון פּעטערבורג ספּעציעלע באַפעלן וועגן דעם. פון די אַרעסטירטע האָט מען אַ טייל אויפגעהאָנגען און כמעט די גאַנצע רעשט געוואָרפן אין דער ווייסל. די לעבן־געבליבענע שפּייזט מען נאָר גאַנצע טעג מיט בלויזע הערינג און מען גיט זיי נישט קיין וואַסער צו טרינקען. די גאָר איינגעשפּאַרטע פּרויען שטעכט מען מיט אָנגעגליטע נאָדלען אין די נעז און בריסטן און מענער שלעפּן זיי איבער די קאָרידאָרן ביי די געשלעכטס־אָרגאַנען. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעשטיגן אין פאַנטאַסטישע גרויל־מעשיות און מיט מוט דערביי צוגעגעבן: „און פאָרט וועלן זיי דערמיט אונדז נישט איבער־שרעקן!"

די קירכעס, וועלכע מען האָט געשלאָסן אין 1861, זענען שוין פון לאַנג צוריק אָפן און ס'קומען כסדר צו נאָך נייע. אויף גזשיבאָוו האָט מען געעפנט אַ נייע ריזיקע קירכע א. נ. „פון אַלע הייליקע" — און זי נעמט אַריין פינף טויזנט מענטשן, די גרעסטע אין פּוילן. אויך די סינאַגאָגע טראָגט זיך איבער דאָס יאָר פון דער קליינער געביידע פון דאַני־לאָוויטשעווסקע אין אַ נייער, ריזיקער, פּראַכטפולער געביידע אויף טלאָ־מאַצקע. די גלחים פאַרשעלטן פון די אַמבאָנעס די ווידערשפּעניקע פּוילישע זין, וועלכע שעצן נישט גאָט און אַכטן נישט זיינע הערשער. אין די געהיימע צירקולאַרן פון צאַרישן הויף צו די גענעראַל־גובערנאַטאָרן האָט זיך געפונען אַ ציטאַט פון פראַנצייזישן מיניסטער טיער, פון אַ רעדע צו די גייסטלעכע אין יאָר 1849:

„איך וויל, אַז די השפעה פון די גייסטלעכע זאָל זיין אַ שטאַרקע, ווייל איך וויל דורך אייער הילף פאַרשפרייטן איצט די פילאָזאָפיע, וועלכע לערנט דעם קליינעם מענטש, אַז ער איז געשיקט געוואָרן אויף דער וועלט נאָר דערויף, אַז ער זאָל ליידן און נישט די פילאָזאָפיע, וועלכע רופט: „געניס!״

און נאָך אַ ציטאַט האָט זיך געפונען, דאָס שוין פון מיקאַליי 1׳. דעם זשאַנדאַרם פון אייראָפּע:

„אין אייראָפּע עקזיסטירן נאָר צוויי פּאַקטישע ריזיקע מלוכות, רוס־לאַנד און די רעוואָלוציע״.

*

היינט דאַרף זי צום ערשטן מאָל גיין אין שולע אַריין.

אַ גאַנצע נאַכט איז זי נישט געשלאָפן. אַלע אַרומיקע זענען איבער־געגעבן דער מאַכט פון אַ טיפן שלאָף. דער איינער, וואָס וואַכט צווישן שלאָפנדיקע, פילט זיך ווי אַ הערשער. זי הערט יעדנס אָטעמען, זי טראַכט, אַז דאָס איז דער איינציקער סימן פון אַ מענטש, אַז ער לעבט. זיי סאָפּען, עפּעס טוט זיך דאָס אָן דעם מענטשנס וויסן און ווילן, אומ־אָפּהענגיק, פאַר זיך אַליין, דער מענטש האָט איבער דעם קיין דעה נישט, דער שלאָף פאַרוויגט דעם קערפּער, דעם מוח, ער רעגירט מיט אים, ער וועבט פאַר אים אויס חלומות, טייל מאָל שווערע און אומעטיקע, טייל מאָל לייכטע און צופרידענע, שרייט מען אָפּט מאָל פון שלאָף, אָדער אַ לייטזעליקער שמייכל באַווייזט זיך גאָר אויף די ליפּן. זי איינע אַליין איז וואַך און קען מיט זיך טון, וואָס זי וויל. זי ליגט גלייך, אויסגעצויגן, די אויגן געשלאָסן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף עטוואָס אַרונטער און די הענט פאַרוואָרפן אין אַ זייט אויף דעם איבערבעט. זי טראַכט. עפּעס הערט זיך אַ ווייטע מעלאָדיע פון אַ פאַסטעך־פייפל, אַ פאַרבענקטער ניגון, האָט זי דאָס געהערט אַמאָל ביים זאַמאָשטשער טייך? אָדער איז עס גאָר אַ ניגון, וואָס דער אַלטער מאַטעאוש שפּילט אויס אויף זיין האַרמאָניע? און ביי איר האָט זיך עס פאַרטוישט אויף אַ פלייט, ער וואָלט באַדאַרפט, דער אַלטער מאַטעאוש, אויך שפּילן אויף אַ פלייט. אַז מען פרעגט אים אַ מאָל: „וואָס הערט זיך, אַלטיטשקער?״ ענטפערט ער ברומענדיק: „מען דאַרף

פאַרטרייבן די קראָען". אַנטאָני זאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַ געהיימניש־פולער מענטש, אַז דאָס מוז זיין אַ געוועזענער גלח, אָדער גאָר אַן אַנטלאָפענער, איבערגעטוענער שליאַכטשיץ, אַלנפאַלס ווייסט ער אַלץ — זאָגט אַנטאָני — נאָר מען קען פון אים גאָרנישט דערגיין. ער דערנערט זיך נאָר פון שוואַרץ ברויט מיט מילך. טוט אָפּט מאָל אַן ביי נאַכט אַ פּאָר האַלב־צעבראָכענע שפּאָקולן און לייענט. דאָס איינציקע, וואָס ער ענט־פערט נאָר, איז: „מען דאַרף פאַרטרייבן די קראָען". עס איז פינצטער און שטיל. די פינצטערניש ווערט נאָך געדיכטער. איצט, פאַרשטייט זי, וועט שוין באַלד אָנהייבן טאָגן. אָבער דערווייל איז אַ טיפע פינצטערניש און ריטמיש און מאָנאָטאָן קלאַפּט דער זייגער. ס'דערמאָנט זיך איר פון מיצקעוויטשעס „דזשאַדי", וואָס זי האָט געלייענט צו שטיקלעך:

Ciemno wszędzie, głucho wszędzie,

Co to będzie, co to będzie?!

זי חזרט דאָס צו עטלעכע מאָל איבער, צאָ טאָ בענדזשע, צאָ טאָ בענדזשע? זי דערפילט אַ באַנגלעכקייט אין יונגן, אַכט־יעריקן הערצל. אָט דערטראָגט זיך פלוצלינג דאָס קרייען פון אַ האָן. זי אָטעמט טיפער אָפּ. ס'איז איר לייכטער געוואָרן. איז דאָס דערפאַר, ווייל מאָרגן דאַרף זי צום ערשטן מאָל גיין אין שולע אַריין?

ס'הייבט אָן צו טאָגן. דער טאַטע באַוועגט זיך שוין. דרייט זיך פון אַ זייט אויף אַ זייט און ס'באַוועגט זיך שוין אויך אומרויִק איר שוועס־טער אַננאַ. זי איז פערצן יאָר אַלט און פאַרדינט שוין געלט. זי זיצט אין אַ קליינעם מאַגאַזין הינטער אַ קאַסע־פענצטערל און נעמט צו געלט. פאַר אירע שוואַכע פיס און איר גאַנג איז אַזאַ אַרבעט ווי אויסגעטרוימט — האָט געזאָגט דער עלטסטער ברודער מיקאַליי. דעמאָלט האָט ער זי צום ערשטן מאָל אַוועקגעפירט און די מאַמע האָט דערביי שטאַרק גע־שמייכלט, כדי זי זאָל באַלד אין אַ מינוט אַרום אָפּווישן די הייסע, שנעל־פליסנדע טרערן. דער טאַטע האָט דאַן צו איר שפּעטער געזאָגט: „לינאַ, נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין", און די מאַמע האָט געענטפערט: „ליבער עדוואַרד, אַ האַרץ איז נישט קיין געאָמעטרישע פיגור, מיט קיין צירקל און ווירע וועסטו דאָס נישט אויסמעסטן, ליבינקער". אויך איר האָט

שטויב און אייביקייט

שוין אַ מאָל דער פּאָטער דאָס זעלבע געזאָגט. ס'איז געווען פאַראיאָרן, ווען איר קאַנאַריקל, וואָס פלעגט אַזוי שיין זינגען, איז איר אָפּגעשטאָרבן, פאַרוואָרפן דאָס קעפּל און פון געל, ווי טונקל־בלוי געוואָרן. זי האָט דאַן שטאַרק געוויינט, האָט דער פּאָטער דעמאָלט געזאָגט:

— ראָזאַ, באַזין דיך, מען דאַרף נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין! האָט זי דאַן אָנגעשריבן וועגן דעם אַ לידל:

טויט און לעבן, דאָס איז אַ טויש פון פאַרבן,
אַלע מוזן שטאַרבן,
נאָר דאָס גוטע טוט שטענדיק פריִער גיין,
פאַרפאַלן! מען דאַרף נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין!

פסח הורוויץ מיט דעם בלייכן פּנים, פאַרטרויערטע שוואַרצע אויגן און שוואַרץ־געקרייזלטע פּאות פאַרלייגט הינטער די אויערן, האָט דעמאָלט מיטן טאַטן געמאַכט אַ שמועס וועגן איינעם שפּינאָזע, דערביי אויפגעהויבן אַ ביינערדיקע האַנט און מיט אַ וואַרעמען קול אויסגערופן:

— גאָט איז אומעטום, ער איז אין אונדז!

ס'איז שוין טאָג און זי שטייט אַן איבערגעבויגענע ביים פענצטער. אַנטאָני דער סטרוזש פאַרקערט דעם הויף, ער מאַכט מיט דעם בעזעם אַזעלכע גלייכע, אויסגעמאָסטענע, ריטמישע באַוועגונגען און ס'פאַרקערט זיך ביי יעדן מאָל אַ גלייך שטיקל ערד. נאָך יעדע פּאָר שאָר שטעלט ער זיך אָפּ, לייגט אַוועק די האַנט אויפן בעזעם און טראַכט. אויף דער רער פון גאַז־לאַמטערן און אויף אַ פאַרדאַרט צווייגל פון אַ פאַריתומט־געבליבן ביימל איז אָנגעלייגט מיט שניי. הענגט אַראָפּ פוןביידע זייטן, אָבער פאַלט נישט אַראָפּ. דער הימל איז טונקל פאַרצויגן, ס'רירט זיך נישט קיין וואָלקן, דער שניי איז ווייס און שטיל, אַנטאָני גיט ווידער עטלעכע אויסגעמאָסטענע קער מיטן בעזעם און לענט זיך ווידער אָן און טראַכט. עס דעקלאַמירט זיך איר ווידער „טשעמנאָ וושענדזשע, גלוכאָ וושענדזשע, צאָ טאָ בענדזשע, צאָ טאָ בענדזשע?" זי הערט ווייטער די ווייטע, פאַרבענקטע מעלאָדיע פון אַ פּאַסטעך־פייפל און זי זעט די

שוואַרץ־געקרייזלטע פאות, דאָס בלייכע פנים און שוואַרץ־אומעטיקע אויגן פון פסח הורוויץ. ס׳קלאַפּט דאָס קליינע האַרץ. זי טאַפּט עס אָן, פאַר־טראַכט זיך און רופט פּלוצלינג הויך אויס:

— אָט פיל איך דאָך דאָ גאָט!

זי זעט נאָך, ווי אַנטאָני גיט דעם לעצטן קער מיטן בעזעם.

*

די קליינע ראָזאַ איז נאָך דעם שווער געשלאָפן און די מוטער האָט זי לאַנג געמוזט וועקן.

— ראָזעלע טייערע, פאַרגעסן, אַז דו דאַרפסט היינט גיין אין שולע אַריין?

זי האָט עפּעס נעפּלדיק געענטפערט, שווער צו פאַרשטיין. די מאַמע האָט איר אַ טאַפּ געטון דעם שטערן און געפרעגט:

— ביסטו, צומאָל, נישט עפּעס קראַנק?

אָבער זי איז שנעל צו זיך געקומען און דערווידערט:

ס׳איז איר גאָרנישט, אָט טוט זי זיך שוין אָן.

דער פאָטער וואַרט שוין אויף איר און ביידע וועלן זיי דאָס מאָל זי צופירן.

אַ שטיק וועגס צו גיין ביז זלאָטע 57. זיי וועלן פאָרן מיט דער קאָנקע, אָבער די קליינע וויל נישט פאָרן. זי וויל נישט איינס־צוויי שוין זיין ביים טויער, אַ ביסל צו־שנעל, זי וויל געוויי דערקענען דעם וועג, אויף וועלכן זי וועט דאַרפן גיין עטלעכע יאָר.

עס איז איר איצט אָנגעקומען דאָס גיין שווערער ווי אַלע מאָל. ביי יעדע פאַר טויערן זיך געמוזט אָוועקשטעלן אָפּרוען.

ווען זיי זענען צוגעקומען ביי עק זלאָטע און מאַרשאַלקאָווסקע, איז געוואָרן אַ גרויס געלויף פון מענטשן. מען איז געלאָפן פאַרסאָפּעטע, זיך געשטופּט איינער אויפן צווייטן. פרויען און קינדער זענען אומגעפאַלן, געקרעכצט, געליאַרעמט. די עלטערן כאַפּן ראָזאַן אויף די הענט און ווילן מיט איר אַריין אין אַ געוועלב, אָבער זי רייסט זיך פון די הענט און לאָזט זיך נישט, זי וויל וויסן, פאַר וואָס מען לויפט און וואָס דאָ קומט פאָר, זי וויל זען.

דאָס לויפן האָט זיך שוין דערווייל אָפּגעשטעלט און ס׳איז אויפן טראָטואַר געוואָרן שיטערלעך. אַט זעט מען שוין אַלץ:

אין מיטן גאַס גייען איבערגעשראָקענע, בלאַסע, נישט אויסגעשלאָ־פענע מענטשן, לויטן אויסזען — אַ טייל אַרבעטער און די רעשט סטו־דענטן, צוזאַמען ביי עטלעכע און צוואַנציק מאַן. די הענט זענען ביי זיי פאַרוואָרפן אויף הינטן און פאַרשלאָסן אין קייטן. אַרום זיי גייען ביי אַ פופציק סטויקאָוועס, עטלעכע העכערע פּאָליציי־אָפיצירן, אַגענטן און איינער אַ גראָבער, אין אויסגעפּוצטע בגדים מיט אַ מעדאַל אויפן לאַץ. מען דערקענט אין אים אַ פּראָקוראָר. די סטויקאָוועס האַלטן איבער זייערע קעפּ גרויסע מויזערס און אין דער צווייטער האַנט אַנטבלויזטע שאַבלעס. אַ טייל האָבן אָפּגעטריבן די, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צו נאָענט קוקן. די אַרעסטאַנטן זענען געגאַנגען שווייגנדיקע, פאַרפינצטערטע, אָבער דאָך מיט די קעפּ פאַרריסן. ראָזאַ האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזן, נאָר מען זאָל זיך פרעגן ווער און וועמען, וואָס דאָס איז. דער פאָטער האָט איינעם אַ דורכ־גייער אָפּגעשטעלט און געפרעגט. יענער ענטפערט לאַקאָניש:

— דאָס פירט מען זיי פון מאַרשאַלקאָווסקע 27, געווען ביי זיי אַ רעוויזיע אַ גאַנצע נאַכט, פּאָליציי זאָגט, אַז דאָס זענען געלט־פעלשער, אַזוי זאָגן זיי.

און דערביי אַ פאַרקוועטש געטון אַן אויג צו א ווונק, אַ לייכטן שמייכל און איילִיק אַוועק.

ראָזאַ האָט שוין דעם פאָטער נישט אָפּגעלאָזן, פאַר וואָס, וויל זי וויסן, האָט יענער עפּעס פאַרקוועטשט מיט אַן אויג? דער פאָטער פאַר־לייגט אַ פינגער אויף די ליפּן און פאַרזשמורעט אויך אַן אויג:

— פרעג נישט, קינד!

זיי זענען שוין איצט גאָר פאַמעלעך געגאַנגען, נאָך אָפטער ווי פריער זיך געמוזט אָפּשטעלן צום רוען און שוין פאַר דער שולע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. שווער געסאָפּעט און אַ שוויס האָט איר באַדעקט דעם שטערן. זי האָט געטראַכט, געטראַכט, ביז זי האָט זיך דעצידירט אָנ־צורופן:

— מאַמאַ, דער קאָפּ טוט מיר שטאַרק וויי.

די מוטער האָט אַ טאַפּ געטון דאָס קעפּל און פעסטגעשטעלט שטאַרקע היץ. זיי האָבן זיך באַלד אַריינגעזעצט אין אַ טראַמוויי און גלייך צוריקגעפאָרן.

דאָס איז געווען איר ערשטער שול־טאָג. — — —

*

דאָס אייז, הייסט עס, האָט צוביסלעך אויפגעטאַיעט און אַנגעהויבן לאָזן. פאַר וויניק־אויפמערקזאַמע איז שוין אַלץ געווען דערליידיקט; געכאַפּט אַ חברה בונטאַוטשיקעס, זיי אײַנגעזעצט הינטער די קראַטעס און דערמיט איז געענדיקט. אין טייל פּרעסע האָט וועגן דעם מיט טריִומף געמאָלדן, געלויבט דערביי די געשיקטקייט פון דער פּאָליציי און די דערהאַבנקייט פון געריכט. אַפילו פון קראָקע האָט זיך געלאָזט הערן די קאָנסערוואַטיווע צייטונג „טשאַס" מיט אַ לויב פאַרן ליקווידירן די העצער און שטערער פון רויִקן, בירגערלעכן לעבן. מער דורכדרינגלעכערע האָבן דערפילט, אַז עס הייבט זיך ערשט איצט רעכט אָן. אויך די פּאָליציי איז געווען ביי אַזאַ מיינונג, כאָטש פאַרזיכערט האָט זי פייערלעך, אַז ס'איז שוין מיט אַלעם געענדיקט. זי האָט נאָכגעקוקט די גרופּעס, וועלכע האָבן אין די אָוונטן זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין שיפלעך אויף דער ווייסל, אַריינגעשיקט אויסשפּירער אין די פאַבריקן, אוניווערסיטעטן, אַריינגעשיקט אירע מענטשן אין די געהיימע קרייזלעך און איבערגעקויפט כמעט אַלע הויף־סטרוזשעס — זיי זאָלן אויפפּאַסן אויף די פאַרדעכטיקע לאָקאַטאָרן. דעם הויפּט־אָנפירער איז איר אויף יענער גרויסער אָבלאַווע נישט געלונגען צו כאַפּן. דעם סטודענט, פאַבריק־אַרבעטער, אייגנטימער פון שלאָסער־וואַרשטאַט לודוויק וואַרינסקי האָט זיך נישט איינגעגעבן צו פאַרשפּאַרן. זי האָט געהאַט גרוסן, אַז ער שפּאַצירט איבער די גאַסן אין אַ הויכן, שוואַרצן צילינדער, עלעגאַנטן סורדוט און ווייסע הענטשקעס, אַ מאָל נאָר אַלס קוימענקערער אָדער גאַסן־הענדלער. מע באַווייזט אים אָפּט נאָכצוגיין אַ שטיקל וועגס, ער פאַרשווינדט אָבער גלייך ווי אונטער דער ערד.

אויף דער אָבלאַווע איז עס געלונגען וואַרינסקין צו אַנטלויפן אַ דאַנק דעם אַרבעטער פון די באַן־וואַרשטאַטן ביים ווינער וואָקזאַל —

וואַצלאַוו שערעשעווסקי. ער האָט אין דער לעצטער רגע באַוויזן אַ געשריי צו טון צו וואַרינסקין, וועלכער איז צוגעפאָרן צום טויער אויף אַ דראָזשקע: „פאָר שנעל ווייטער!״ דעם אָנזאָגער האָט מען אָבער קורץ נאָך דעם אַליין געפּאַקט — וואַצלאַוו שערעשעווסקי, סטאַניסלאַוו לאַנדע, מיט נאָך עטלעכע צענדליק אינטעליגענטן און אַרבעטער האָט מען געכאַפּט און איינגעזעצט אין צענטן פּאַוויליאָן.

די קליינע ראָזאַ האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט איר עלטסטן ברודער מיקאָליי, אַז אַלץ, וואָס ער וועט דערציילן דעם טאַטן, מאַמען, אַנגען, זאָל זי האָבן די רעכט דאָס אויסצוהערן. נישט אַלץ, זאָגט זי, וועט זי אויסהערן, נאָר בלויז אינטערעסאַנטע געשיכטן — פון ביכלעך און פון לעבן. צוליב איר האָט שוין אויך דערפון געוואָסן יוזעף און דער עלטערער מאַקסימיליאַן, כאָטש ער האָט זיין רעכט גאַנץ ווייניק אויסגענוצט.

יעדן טאָג האָט מיקאָליי געהאַט צו דערציילן נייעס און ער האָט דאָס געטון ביים אָונט־ברויט. זיינע בעסטע צוהערער זענען געווען לינאַ און ראָזאַ, די מאַמע און דאָס יינגסטע קינד. ביים סוף האָט מיקאָליי יעדן טאָג עטלעכע מינוט געלערנט זיי די קונסט פון שוויגן און דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַלץ בעסער דערין געאיבט. דער פאָטער איז שוין לעצטנס ווייניק אויפמערקזאַם געווען צו גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע ענינים. די פּרנסה־זאָרג האָט אים געפייניקט טאָג און נאַכט און אים פאַרצערט. קיין אַנדערער — האָט ער איין מאָל דערקלערט — הערשט נישט איבער אונדז, ווי נאָר דאָס עקלהאַפטע באַשעפעניש — געלט... אַ גיריקע רויב־חיה, וועלכע פאַרציקט אונדזער לייב, געזונט, האַרץ און מוח. אָבער די דערקלערונג איז געווען אַן אומפאַרזיכטיקע און האָט אים און דער גאַנצער שטוב פאַרשאַפט עגמת־נפש — אַ באַנקנאָט, דעם איינציקן, וואָס ר׳האָט פאַרמאָגט, האָט ער געלאָזן אין דער פרי, פאַרן אַוועקגיין, אויפן טיש, פאַר דער מוטער, האָט ראָזאַ געכאַפּט דעם באַנקנאָט, צו צו דער קיך און אים דאָרט אַריינגעוואָרפן.

דעם נאָמען וואַרינסקי האָט שוין ראָזאַ עטלעכע מאָל געהערט פון מיקאָלייען, אָבער היינט האָט ער וועגן אים דערציילט אַ זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע:

לודוויקן איז דעמאָלט געלונגען צו אַנטלויפן, ער איז אַוועק קיין קראָקע, אָבער פון דאָרט גלייך געשריבן אַ בריוו צום מיניסטער פלעווע. דעם בריוו האָט די אָרגאַניזאַציע אָפּגעדרוקט און קאָפּיעס פאַרטיילט אין די קרייזלעך. ער לייענט:

„קראָקע, וואָקזאַל, 10 אָקטאָבער 1878.

צום געערטן הער פלעווע!

איך בין גליקלעך אַריבער די גרענעץ. איך וואָלט אייך שוין נישט באַשעפטיקט מיט מיין פּערזאָן, ווען נישט די פאַרפאַלן אין דער לעצטער צייט... אַלזאָ, דער רעוואָלווער און דאָס קליינע שטילעטל איז מיינס. די פּוילישע שריפט, וואַלץ און אַנדערע דרוק־מכשירים, מיין באַליבט קעסטל מיט פּוילישע ביכער, דאָס אַלץ איז מיינס. טאָמאַשעווסקין האָב איך טאַקע אַנגערעדט צו אַנטלויפן. איך דערקלער עס אייך מיט דער גאַנצער זיכערקייט. איך גלייב, אַז איך וועל נאָך האָבן די געלעגנהייט עס אייך פּערזענלעך צו באַשטעטיקן, אַזאַ געלעגנהייט וועט איר שוין, מסתמא, גאָר בקרוב האָבן, ווייל איך פאָר אין גיכן צוריק קיין קאָנגרעס־פּוילן. לויט דער לעצטער קאָנסטיטוציע מוז דאָך יעדער אָרנטלעכער מענטש דורכגיין דעם פּילטער פון צענטן פּאַוויליאָן אָדער דריטער אָפּטיילונג, אַזוי, אַז איך האָב גענוג שאַנסן זיך צו זען מיט אייך. אויסער, אַז איר וועט פון דער „אַלבאַנישער ליגע״, וועלכע האָט שוין צעקלאַפּט עסטרייך, אויך באַקומען אַ פּאָר קלעפּ.

פאַרפאַלגט אונדז ווייטער, מיינע הערן, ווי איר ווילט, מילא, מען צאָלט דאָך אייך דערפאַר, אָבער איך וואָרן אייך, אויב די אויספאָרשונגען אייערע וועלן פאַרלירן די לעצטע רעשטלעך פון מכלומרשטער מענטש־לעכער באַהאַנדלונג, אַזעלכע סימנים באַווייזן זיך שוין, דאָס זאָל שטאַ־מען פון זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט (וועלכן אונדז, סאָציאַליסטן, ווילט איר נישט אָנערקענען), וועט דאָס אַרויסרופן פון אונדזער זייט גאַרנישט קיין אָנגענעמע רעאַקציע. מיר מוזן זיך דאָך ווי ס'איז פאַרטיי־דיקן. געבן אייך מער געלד ווי זיי, קענען מיר נישט, מיר האָבן עס נישט פאַר אייך, מוזן מיר אַלזאָ אייך גוט אָנשרעקן. און אייך איז דאָך דאָס לעבן זייער טייער, פאַר אייער באַקוועמלעכקייט זשאַלעוועט איר דאָך

נישט קיין מתים, אָבער מקריב זיין אייער אייגן לעבן פאַר עפּעס, דאָס וועט איר דאָך באין־אופן נישט קענען. איר האַלט דאָך:

בעסער ווייניקער מעדאַלן, אבי זיין זיכער, אַז מען וועט ד י קענען טראָגן.

מיט פאַראַכטונג

לודוויק וואַרינסקי."

אַזעלכע זאַכן האָט ראָזאַ ליב צו הערן. זי וואָלט קיין מאָל נישט מיד געוואָרן און פון צופרידנהייט האָט זי געקושט מיקאַלייען און דער מאַמען.

יעדן טאָג, ווען מיקאַליי איז צוריקגעקומען פון זיין אַרבעט אין געשעפט, האָט זי גלייך אַ פרעג געטון:

— מיקאַליי, פאַר מיר וועט עפּעס היינט זיין?

האָט ער געגעבן אַ קנייטש מיט אַן אויג און אַ שאָקל מיטן קאָפּ, האָט זי גענומען האָפּסען פון צופרידנקייט. טאָמער האָט דער ברודער אַרויסגענומען פון טאַש נאַשוואַרג, אָדער אַ שפּילצייג, האָט עס געהייסן, אַז ער האָט פאַר איר היינט גאָרנישט צו דערציילן, אָדער איז מיד פון דער שווערער אַרבעט און וועט זיך גלייך, נאָך פאַרן אָונט־ברויט, לייגן אין בעט. זי בלייבט דאַן אומעטיק.

אָבער דאָך האָט זי זיך גענוג אָנגעהערט. עטלעכע מאָל אין וואָך האָט ער קיין נאַשוואַרג און שפּילצייג נישט געברענגט.

פון דעם יאָר איז איר אַממערסטן געבליבן אין זכרון, אַז:

ספּאַסאָוויטש האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן ווינצענטי פּאָל, האָט ער קריטיקירט פאַרן אידעאַליזירן די גאַנצע פּוילישע פאַרגאַנגענהייט, אים אָנגערופן פאַרעלטערטער אַנטיק. פאַר וואָס די פּאָרגעשריטענע און סאָציאַליסטישע אַקאַדעמישע יוגנט האָט הייס אַפּלאָדירט. באָלעסלאַוו פּרוס האָט דערפאַר אין „קוריער וואַרשאַווסקי" אָנגערופן די סטודענטן „אַ סטאַדע שעפּסן", פאַר וואָס די סטודענטן האָבן פּרוסן אויף דער גאַס אויסגעפּאַטשט. די אָנפאַלער זענען געווען סאַוויצקי, רוזשאַנסקי, מאַנד־שיין, דלוסקי, סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, אויגוסטאָווסקי און לאַנדע; אַז

די אַרעסטאַנטן אין צענטן פּאַוויליאָן האָבן אויסגעהוילט אין די ווענט גרויסע שפּאַרעס, וועלכע זענען באַטאָג פאַרקלעבט מיט ברויט און איבערגעצויגן מיט שטויב, אָבער ביי נאַכט ווערט געפירט אַן אויסטויש פון עסן, טאַבאַק, ביכער און בריוו; אַז אַ גרופּע אַרעסטאַנטן פון צענטן פּאַוויליאָן גיט אַרויס אַ צייטונג „גלאָס וויענזשניאַ״, אָפּגעשריבן אין פופצן עקזעמפּלאַרן און אין דרויסן ווערט זי איבערגעשריבן אין די הונ־דערטער און דערגייט אַפילו קיין אויסלאַנד. דער זשורנאַל האָט אַן אָפּטיילונג פאַר פּובליציסטיק, ליטעראַטור, הומאָר און צייכענונגען. אין ליטעראַרישן טייל האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט אַ נאָוועלע פון נאָך מינדעריעריקן וואַצלאַוו שערעשעווסקי; אַז אַ געריכט פון גע־שווירענע האָט באַפרייט וויעראַ זאַסוליטש צוליבן אַטענטאַט אויפן פּאָליצ־מייסטער טרעפּאָוו; אַז לודוויק דזשאַנקאָווסקי געפינט זיך שוין אין לעצטע סטאַדיום פון סוכאָטע און דערפאַר האָט אים די טורמע־מאַכט דערלויבט אַריינצונעמען אין קאַמער זיין גאַנצע ביבליאָטעק, גלאָבוס און מאַפּעס. ער איז געזעסן צוזאַמען מיט הערינגען, פאַרברענגט מיט אים אין שמועסן דורך גאַנצע טעג און נעכט, אָבער איין מאָל, אין אַ מיטן נאַכט, נאָך אַ שמועס וועגן דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פוריע. ער האָט אָנגעהויבן שרעקלעך שרייען און וואַרפן אַלע מכשירים פון קאַמער. איז געשטאַנען אויפן בעט אין דאַנטאָנס פּאָזע און געדונערט מיט די שאַרפסטע ווערטער קעגן ראָבעס־פּיערן; אַלס ראָבעספּיער האָט אים געדינט זיין תפיסה־חבר זיגמונט הערינג. צוזאַמען מיט זאַכלעכע אַרגומענטן האָט ער אויך געוואָרפן מיט זינלאָזע רייד און צום סוף גענומען וואַרפן אויף זיין ראָבעספּיער מיטן שפּיי־קעסטל, קאָלדרעס, בענקלעך, שיך און צום סוף אַלע בענדער פון דער גרויסער בראָקהאַוז־ענציקלאָפּעדיע. מען האָט אים אָנגעטון אַ משוגעים־קאַפטאַן און אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. נאָך עטלעכע חדשים, ווען ער האָט זיך שוין געפילט בעסער, האָט מען אים באַשטימט צו שיקן קיין קאַווקאַז. פאַר דעם אַרויסשיקן האָט ער אַדורכגעפירט אין דער תפיסה־קירכע אַ חתונה מיט דער אַקטיווער סאָציאַליסטישער טוערין זאָפיאַ פלאָסקאָוויצקאַ. זי איז מיט אים מיטגעפאָרן קיין קאַווקאַז;

אַז אין בעלגיע איז פאָרגעקומען אַ גענעראַל־שטרייק צוליב דער פאָדערונג פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט;

און אַז אין דייטשלאַנד האָט דער אייזערנער קאַנצלער ביסמאַרק דורכגעפירט אַ האַרב געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן. אַז בראַקע האָט געוואָגט צו שרייען אויף דער רייכסטאַג־טריבונע: „מיר פייפן אויף אייער געזעץ!" און אַז בעת דער רעדע פון דעפוטאַט ריינדערס, אַ שלעזישער סטאָליער, ווען ער האָט געזאָגט: „דער פרעזידענט מאַכט מ י ר אויפמערקזאַם", איז געוואָרן אַ טומל: „אויף דייטש זאָגט מען מ י ך, אַ שאַנדע!" אויף וואָס ריינדערס האָט גלייך געענטפערט: „די שאַנדע פאַלט אויף אייערע קעפּ! צוליב אייך איז מיין גראַמאַטיק אַזעלכע, איך האָב געמוזט שוין אין די קינדער־יאָרן גיין אין פאַבריק, דעריבער, אויב מ י ר אַנשטאָט מ י ך איז אַ שאַנדע, פאַלט זי נאָר אויף אייערע קעפּ". און אין עטלעכע וואָכן אַרום איז שוין דער זעלבער ריינדערס געשטאָרבן אויף סוכאָטע, אַלט־זייענדיק קוים צוויי און דרייסיק יאָר.

ראָזאַ געדענקט די אַלע פאַקטן גענוג גוט, כאָטש נאָך נישט אַלץ פאַרשטייט זי אַזוי גענוי. — — —

*

מיקאָליי וועט אין די ווייטערע יאָרן שוין אַזוי אָפט נישט דערציילן. ער אַרבעט וואָס אַ מאָל שווערער און קומט אַהיים שוין אין גאַנצן אַ פאַרמאַטערטער. בקרוב נעמט ער אַ ווייב, קריגט אַ ביסל געלט און עפנט אַן אייגן געשעפטל. ער מוז שוין וווינען באַזונדער, מיט זיין ווייב. אין שטוב אַריין וועט ער שוין קומען נאָר איין מאָל אַ וואָך. איצט איז ער נאָך מער פאַרנומען ווי פריִער. ער דאַרף שוין איצט אָפטער געבן דעם פאָטער צו עטלעכע באַנקנאָטן, כאָטש אַננאַ אַרבעט שוין ביי אים אין געשעפט און קריגט אַ באַזונדערע פּענסיע. מיקאָליי וועט שוין זעלטן ווען דערציילן די אינטערעסאַנטע געשיכטן. טיילווייז פאַרטרעט אים, וואָס אמת, דער אַלטער, בלינדער מאַטעאוש וועלכער ווייזט זיך גאָר אַרויס אַלס גענוג־זעעוודיקער. ער דאַרף טראָגן די טונקעלע ברילן — זאָגט ער — כדי אַנדערע זאָלן אים נישט זען. מאַטעאוש דערציילט איר גאָר טשיקאַווע געשיכטן און זי פאַרשווינדט אויף גאַנצע שעהן אינעם שוס־

טערשן קעלער־שטיבל. אָבער ראָזאַ לערנט אויך אין שולע. זי איז אין גאַנצן איבערגעגעבן דער לערע און איז די סאַמע בעסטע שילערין. זי לייענט אָן אַ שיעור פּאָעזיע און שרייבט אַליין לידער. זי ווייזט זיך אויך אַרויס אַלס גוטע צייכנערין. זי לערנט געשיכטע, מאַטעמאַטיק און באַ־טאַניק — וואָס פּאַראַ אומגעהויער שפּאַנענדע לעקציעס דאָס זענען. אירע איינדרוקן פאַרשרייבט זי אין אַ טאָגבוך. זי מאַנט שוין היינט נישט אַזוי איפּעריק, מ׳זאָל איר דערציילן טשיקאַווע געשיכטן. זי לעבט אַליין גענוג אינטערעסאַנט, — אַזאַ גרויסע און רייכע וועלט אַנטדעקט! זי איז פאַר־נומען מיט זיך.

אָבער פאַרט נישט אין גאַנצן ווייט דערפון. זי גייט נאָר נישט האַרט נעבן זיי, אָבער באַגלייט זיי דאָך, זאָל זיין פון דער ווייטנס. אין שטוב זענען, אַגב, שטענדיק פאַראַן די וואָכנזשורנאַלן „פּזשעגלאָנד טיגאָדניאָווי״, „ביוואָ״, „איזראַעליטאַ״ און די טאָג־צייטונג „קוריער וואַרשאַווסקי״. זי לייענט זיי אַלע. דאָס געוואוינט נישט, קומט פון דעסטוועגן פאַרט מיקאַליי ווען ס׳איז אין שטוב אַריין, קיין גאַנץ פרעמדער אין דער באַוועגונג איז ער נישט געוואָרן און ס׳איז אים נאָך געבליבן וואָס צו דערציילן:

אַז יוזעף בעיטע, אַ יונגער אַכצן־יעריקער אַרעסטאַנט פון צענטן פּאַווילאָן איז געזעסן ביים פענצטער און זיך דורכגערעדט מיט חברים, דער זשאַנדאַרם־וועכטער האָט צו אים דערפאַר אַרויפגעשאָסן און אַוועק־געלייגט אַ טויטן אויפן אָרט. די רעשט אַרעסטאַנטן האָבן צעבראָכן די שויבן, די טירן, טישן און בענקלעך. מען האָט זיי דערפאַר שטאַרק צע־שלאָגן און צום מערסטן — סטאַניסלאַוו לאַנדען און וואַצלאַוו שערע־שעווסקין. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויפן תפיסה־קאָמענדאַנט — שערע־שעווסקי מיט אַ ברעט און לאַנדע מיט אַן אייזן. מ׳האָט זיי ביידע גע־שטעלט פאַר אַ קריגס־געריכט. דער ערשטער קריגס־געריכט אין אַ סאָציאַליסטישן ענין. לאַנדע האָט באַקומען 12 יאָר קאַטאָרגע און שערע־שעווסקי, אַלס מינדעריעריקער, 8 יאָר קאַטאָרגע (אין 1879). דעם צווייטן נאָוועמבער, ביי דער זאַדושקי־מאַניפעסטאַציע, איז געלונגען זיך צו־צוקריגן צו בעיטעס קבר און אַריינשטעקן דאָרט צוויי פענער, אַ ווייס־אַמאַראַנטענע און אַ רויטע.

געהערט אויך:

אַז אַלעקסאַנדער ראַדישעוויטש, וועלכער איז שוין באַזייטיקט געוואָרן פון גימנאַזיע פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין מאָהילעוו, געכאַפּט געוואָרן שפּעטער ביי אַרבעט אין וואַרשע, האָט זיך אין תּפיסה איינגעבראָכן און אַ סך חברים פאַרשיט. אַז דער יידישער אַרבעטער סידאָרעק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּראָוואָקאַטאָר און אַז דער פאַררעטער אַלעקסאַנדער נוימאַן איז שוין פון די חברים געוואָרן אָפּגערוימט דורך אַ קויל אין קאָפּ; אַז הינטער מאָסקווע איז געוואָרן אויפגעריסן דער צאַרישער צוג; אַז ס׳האָט אויפגעריסן דער עס־זאַל אין ווינטער־פּאַלאַץ, עטלעכע מינוט פאַרן אָנקומען פון צאַר; אַז אין זשענעווע דערשיינט אַ צייטונג „רוונאַשטש", אַרויסגעגעבן פון קליינעם יאַן מלאָט — דיקשטיין, וואַרינסקי און דלוסקי און ווערט פינאַנסירט פון סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן; אַז וואַרינסקי האָט זיך פאַרט נישט געקענט איינלעבן אויף דער עמיגראַציע און צוריקגעקומען קיין קאָנגרעס־פּוילן און שוין געכאַפּט געוואָרן פון דער פּאָליציי.

אָבער פיל זאַכן האָט שוין מיקאַליי נישט דערציילט, ער האָט פּלוצלינג דערזען, אַז זיין בעסטע צוהערערין, ראָזאַ, איז נאָך אַ קליין, צען־יעריק מיידעלע, וועלכע שפּילט זיך נאָך נישט זעלטן מיט אירע אַמאָליקע שפּילצייג. ער האָט דאָס עפּעס אַזוי פּלוצלינג באַמערקט און — איבערראַשט געוואָרן. פאַר וואָס האָט ער עס נאָך ביז איצט נישט באַמערקט? אפשר דערפאַר, ווייל ער קומט שוין זעלטן אין שטוב אַריין און פאַרגעסן, ווער זיין שוועסטערל ראָזאַ איז, און ערשט פּלוצלינג דערזען איר וווקס און זיך דערמאָנט אירע יאָרן?

אַלצאיינס, מער דערציילט, וויניקער דערציילט, זאָל זיין אַפילו גאָרנישט, זאָל זיין, אַז פּאָעזיע און באַטאַניק פאַראינטערעסירן זי איצט נישט וויניקער ווי וואַרינסקיס בריוו צו פּלעווען און די געשיכטן פון אַלטן מאַטעאוש וועגן די פּאָוסטאַניעס פון 1831 און 1863. דעם אָטעם פון די אַלע געשעענישן האָט זי שוין אין זיך היפּש אַריינגעצויגן און זיי אַקלימאַטיזירן זיך שוין דאָרט.

דאָס געשעענע פון יאָר 1881 וועט שוין דאָס עמפּינדלעכע הערצל

און פלאַטערנד נשמהלע פון דעם עלף־יעריקן מיידעלע מיט די גרויסע און לויטערע אייגעלעך און טיפן שטערן, פעסט אַרומקלאַמערן און שוין קיין מאָל נישט אָפּלאָזן — — —

*

אין די נאָענטסטע אַנדערטהאַלבן יאָר איז מיט ראָזאַן געשען עפּעס אויסטערלישס — ווי זי וואָלט אין גאַנצן אַטראָפּירט געוואָרן, כמעט פאַרטעמפּט. ביז איצט האָבן זיך די עלטערן געשראָקן פאַר איר שאַרפזין, היפּער־רייפקייט און עמפּינדלעכקייט. ס׳האָבן זיך געשראָקן דערפאַר די דאָקטוירים, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען איבער דער צייט זי צו אונטער־זוכן און שמועסן מיט איר. ס׳האָבן געלאָזט פאַלן שרעק־ווערטער מאַמעס, באַקאַנטע פריינד און די לערער. זי האָט קיין מאָל נישט געפּאַסט אין איר קלאַס צו די רעשט שילערינס, וואָס ס׳האָט אָפט געשטעלט אין פאַר־לעגנהייט די לערער. זי האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם שטרענגן רעזשים אין שולע, מיט דער אונטערטעניקייט, זי האָט זיך געהאַלטן פרייער פאַר אַלע שילערינס און די לערער פאַרשאַפט אַ סך אומאַנגענעמ־לעכקייטן. און פּלוצלינג איז איינגעטרעטן אַזאַ ענדערונג — כמעט אַנ־דערטהאַלבן יאָר פויל, אַפּאַטיש, שווער און צייכנט זיך מיט גאָרנישט באַזונדערס אויס. אין אַנהייב זענען די עלטערן געווען צופרידן פון אַזאַ צושטאַנד, אָבער נאָכן אָנהאַלטן אַ לענגערע צייט, האָט עס זיי שוין גע־שראָקן. די דאָקטוירים האָבן עס אויסגעטייטשט: זי האָט זיך איבערגע־לאָדן מיט איבערלעבונגען, טראַכטענישן, טרוימערייען און אפשר אויך, וואָס איז נישט אויסגעשלאָסן, איר ביינער־קרענק. עס מוז איצט נעמען אַ לענגערע צייט, ביז צו אַ נייער אימפּולסיווקייט און אויפשוווּנג. עס קען אָבער דערפאַר — זאָגן זיי — אויסברעכן ספּאָנטאַן און מיט אַ שטאַרקערער קראַפט.

אַנדערטהאַלבן יאָר האָט אָנגעהאַלטן דער דאָזיקער צושטאַנד. די עלטערן און דער ברודער מיקאַלי, כדי אַרויסצורופן ביי איר אַ רעאַק־ציע, האָבן איבער דער גאַנצער צייט געטון דאָס זייעריקע און גילייענט און דערציילט איר די פאַרשידנסטע געשעענישן, וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן.

אין אַ צייט נאָכן ראַבונעק — האָט מען איר דערציילט — איז מען ערשט געוואָר געוואָרן, אַז אויף קראָכמאַלנע האָבן די פּראָסטע יידן גע־שטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און דערהרגעט עטלעכע אָנפאַלער. זיי האָבן זיי באַהאַלטן אין פעסער און ביי נאַכט אַרויסגעפירט צו דער ווייסל און דאָרט אַריינגעוואָרפן.

אַז סאַראַ בערנאַרד האָט אַלס נקמה דערפאַר, וואָס יידן האַלטן זי פאַר אַ יידישקע, געגעבן אין וואַרשע אַ קאָנצערט און די הכנסה באַשטימט פאַר די געליטענע קריסטן אין דער קירכע אויף גזשיבאָוו.

אַז ביזן 15טן אַפּריל מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן קיעוו.

אַז ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין פאַריז אַ קאָמיטעט צו העלפן די רוסישע יידן. צו דעם צוועק האָט דער פאַרזיצער פון דעם קאָמיטעט, וויקטאָר הוגאָ, אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן ער שרייבט:

„דער אָפּשטאַרבנדיקער פאַנאַטיזם כאַפּט זיך שוין אָן אין די לעצטע מיטלען. דאָס זענען שוין נישט נאָר שטראָפּבאַרע האַנדלונגען, נאָר שווי־דערלעכע פאַרברעכנס! מענטשהייט! זע, וואָס ס׳טוט זיך איצט און פאַר־טראַכט זיך דעריבער, די מינוט איז אַ דעציזירנדיקע. ס׳הייבט אָן הערשן איצט אַ נייער גאָט, גאָט־וויסנשאַפט, גאָט־אמת, גאָט־געוויסן, גאָט־ליבע, גאָט־גערעכטיקייט, פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט! אַלע פעל־קער זענען ברידער! יעדער פולס־קלאַפּ פון מענטשלעכן האַרץ באַדייט היינט — פּראָגרעס! נאָך פּרוּוון די אָפּשטאַרבנדע זיך וואַרפן אויף אונדז, די אינקוויזיציע, די באַרטאָלאָמיי־נאַכט, מאַריאַ טערעזאַ, אַלע די וואַרפן זיך אויפן 19טן יאָרהונדערט, זיי ווילן אים דערשטיקן, אומברענגען. דאָס, וואָס ס׳איז לעצטנס געשען אין רוסלאַנד, דאָס איז די שאָטנדיקע לאַפּע פון דער פאַרגאַנגענהייט. די צוקונפט וועט אָבער נישט אָפּטרעטן און זי האַלט פעסט די מענטשהייט אין אירע אָרעמס. פון איין זייט פינצ־טערניש, פון דער צווייטער זייט — ליכט! מענטש, קלייב אויס!״

זי האָט אַלץ אויסגעהערט, געזעסן ווי שטאַר, פאַרטראַכט, אָבער מיט גאָרנישט רעאַגירט.

מען האָט דערציילט אין שטוב, אַז לינאָס ברודער, דער ראַבינער ד״ר לעווענשטיין פירט אַ שטאַרקע אַקציע פאַרן שטיצן די רוסישע יידן,

אַז ער איז אויפגענומען געוואָרן אין זיין לאַנד דורך די מיניסטאָרן און אַפילו דורכן עסטרייך־אונגאַרישן קייזער אַליין. פראַנץ־יאָזעף האָט צו אים געזאָגט: „עס פרייט מיך זייער אייך צו זען, גנעדיקער דאָקטאָר־ראַבינער". לעווענשטיין האָט געבעטן דעם קייזער אַ דערלויבעניש אויף צוריק אָנצוטון זיין הוט, ווייל ער וויל אָט שוין אָפּריכטן אַ תפילה פאַר זיין מאַיעסטעטס געזונט און ווילשטאַנד, וואָס פראַנץ־יאָזעף האָט גערן דערלויבט. די אוידיענץ האָט געדויערט אַזש גאַנצע צען מינוט.

מען האָט איר דערציילט, אַז ס'איז אין טורמע געשטאָרבן העסי העלפמאַן, אַז ס'איז געשטאָרבן דאַרווין, געשטאָרבן קאָך, אַז פאַרן קע־ניגלעכן שלאָס זענען פאָרגעקומען אומרועס פון אַרבעטסלאָזע; אַז ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע „פּראָלע־טאַריאַט", אַז דער סטודענט זשוקאָוויטש האָט עפנטלעך געפּאַטשט דעם געמיינעם רוסיפיקאַטאָר, דעם בילדונגס־קוראַטאָר אָפּוכטין — זי האָט אין בעסטן פאַל נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַהיימגעקומען פון שולע, האָט זי אָפּגעגעסן, געמאַכט די לעקציעס, גענומען דאָס ערשטע־בעסטע ביכל אין האַנט אַריין, געלייענט אַ שעה־צוויי און זיך געלייגט שלאָפן. זי פלעגט אָפּשלאָפן מיט איין מאָל צוועלף און אַפילו פערצן שעה נאָכאַנאַנד.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז פרילינג, ביז אָנהייב אַפּריל 1883. פּלוצלינג איז זי געוואָרן באַהערשט פון אַ געוואַלדיקן אומרו, ווי זי וואָלט וועלן אָניאָגן די גאַנצע אָנדערטהאַלבן יאָר. זי איז שוין איצט געשלאָפן נאָר צו זעקס און אַפילו פינף שעה אין מעת־לעת. יעדן טאָג האָט זי גע־קענט אַדורכלייענען אַ בוך, אַ מאָל אויך צוויי, לייענען זשורנאַלן און צייטונ־גען, בעטן די עלטערן צו גיין מיט איר אין טעאַטער אַריין, אַליין אָפּט געמאַכט שפּאַצירן צו דער ווייסל, געווען פריילעך, זיך אונטערגעזונגען און זיך ווידער גענומען צו שרייבן איר טאָג־בוך, צייכענען און דיכטן. די וווינונג האָבן זיי שוין איבער דער צייט געטוישט אויף אַ גרעסערע, שענערע, ווייל אין לעצטן יאָר איז דעם פאָטער זייער גוט געגאַנגען אין די געשעפטן, פאַראיבעריקט אַ שיין ביסל געלט. זי איז געווען אַנטציקט

מיטן היינטיקן פרילינג און ס׳האָט געשפּראָצט פון איר מיט פרייד און ענערגיע.

זי האָט דערשנאַפּט, אַז אין שולע, אין די עלטערע קלאַסן קומט עפּעס פּאָר און אַז אַ גרופּע פון צען שילערינס קומט זיך צונויף יעדע וואָך אין אַן אַנדער שטוב אויף אַ זעלבסטבילדונגס־קרייז, וואָס ווערט גערופן „מאַרקסוווקע״. זי האָט זיך געווענדט צו זיי מיט דער בקשה, זי דאַרט אַריינצונעמען, אָבער מ׳האָט איר אָפּגעזאָגט, זי מוז האָבן כאָטש 15 יאָר און נישט 13. אויף צו מאָרגנס, בשעת דער פּויזע, איז זי נאָך אַ מאָל אַריין צו דער אָנפירערין פון דער גרופּע באַנייען איר ביטע, דאַן האָט די אָנפירערין זי אַוועקגערופן אָן אַ זייט און געזאָגט:

— אַריינגעמען דיך אין קרייז קען איך נאָך נישט, אָבער — דאָס מעגסטו יאָ וויסן, ראָזאַ, אַז מיר זענען היינט אין טרויער! מיר זענען ערשט היינט געוואָר געוואָרן, אַז קאָרל מאַרקס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געשטאָרבן!

ראָזאַ איז געוואָרן צווייפאַך איבערראַשט. זי האָט פון מאַרקסן שוין געהערט עטלעכע מאָל, אָבער ס׳איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז ער לעבט נאָך און איצט איז זי ביידע זאַכן מיט אַ מאָל געוואָר געוואָרן, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער נאָך געלעבט און איצט איז ער שוין נישטאָ!

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלונג. די חברטע איז אַוועק און ראָזאַ איז געבליבן שטיין אַליין אַ פאַרטראַכטע.

זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז די לעקציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן און, קעגן דעם שטרענגן פאַרבאָט, האָט זי הילכיק אויפגעריסן די טיר און אַריין אין מיטן דער לעקציע.

דער לערער האָט אויסגעשריגן מיט כעס:

— וואָס מיינסטו מיט זיך, ראָזאַ, מיר וועלן דיך, גלייבסטו, צוליב דייך אונטערהינקען, אַזוי כסדר טאָלערירן דיינע פרעכע האַנדלונגען?!

דאָס בלוט האָט איר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן. אָט וואַרפט זי זיך שוין אויף אים, דעם גרוביאַן, אָבער וואַרט, אָט איז איר עפּעס איינגעפאַלן. זי האָט זיך באַמיט שנעל צו זיך צו קומען און רויִק געענטפערט:

— איך בין נישט אַריין צו דער צייט דערפֿאַר, ווייל איך האָב געהערט אַ טרויעריקע ידיעה — קאַרל מאַרקס איז געשטאָרבן!

דער לערער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— ווער איז ער דאָס, אָט דער מאַרקס?

— איך גלייב, אַז אַ לערער ווייסט, ווער ער איז געווען.

ער האָט זיך נאָך מער אויפגעקאָכט און זיך צעשריגן:

— אויב אַ בונטאָווטשיק, ווערסטו אים שוין פֿאַרטרעטן, דו פּרעכע יידישקע, אַרויס!

זי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען און רויִק געגאַנגען צו דער טיר. שוין פֿון יענער זייט טיר, ביים פֿאַרמאַכן, האָט זי צוריקגערופֿן:

— און דאָך פֿיל איך זיך נישט באַליידיקט!

*

שוין נישט לאַנג וועט זי נאָך גיין אין שולע, דאָס יאָר ענדיקט זי, ווערט שוין 17 יאָר אַלט. אָ, ווי לאַנג זי לעבט שוין! זיבעצן יאָר, אַ יאָר האָט 365 טעג און יעדן טאָג האָט זי אין גאַנצן אויסגעלעבט, אים אויסגעשעפּט ביזן דנאָ, געלעבט אין די לעצטע 8—10 יאָר (מיט אַ קורצן איבעררייס) כמעט אין יעדער שעה, 16—17 אַ טאָג, אַלץ אויסגעפֿילט ביזן ברעג, דאָס האַרץ ביי יעדן קלאַפּ און ביי יעדן שרומפּ, דער מוח אין יעדן נערוו, אין מינדסטן דרעטל, האָבן צוזאַמען געליפֿערט מחשבות און געפֿילן, איינס האָט געיאָגט אויפֿן צווייטן, מיטגעלעבט מיט יעדן העלד פֿון לעבן, מיט יעדן קלאַנג פֿון וויאָלאָנטשעל און פּיאַנאָ, מיטן זון־אויפֿגאַנג און אונטערגאַנג, מיטן מאָנאָטאָנעם רעגן און שעפּטשענדיקן טייך, מיטן לעצטן כאָרכלען פֿון קוניצקין און מאַטעאוש, מיטן טיפֿן קרעכץ פֿון דעם געבויגענעם פּסח הורוויץ, מיט עטלס אַרויסגעפּליקטע האָר פֿון קאָפּ, מיט די לידער פֿון סלאָוואַצקי און מיצקעוויטש און מיט די טיפֿע און דערהויבענע שטעלן פֿון „מאַניפֿעסט" פֿון מאַרקס און ענגעלס.

און דאָ איז איצט אַרום אַזאַ שטילקייט, ס'טומלען נאָר די פֿאַבריקאַנטן און קרעמער, די פּראָדוקציע וואַקסט, די געשעפֿטן בליִען, אָבער „פּראָלעטאַריאַט" איז צעבראָכן און אַנידערגעשמעטערט, די פֿירער זענען אין ערד־קברים און תּפֿיסה־קברים. אַ טייל פֿון די געבליבענע, דער עיקר

פון דער אינטעליגענץ, האָט זיך אין בהלה צוריקגעצויגן, האָבן רייך חתונה, הוליען אין די קאַפעען, וואַרפן זיך אין שכרות און אין זנות.

ראָזאַ שפּאַצירט אין אַ טריבן פאַרנאַכט איינע אַליין ביי די ברעגעס פון דער ווייסל און ווידער רייסט זיך ביי איר אַרויס:

Ciemno wszędzie, głucho wszędzie,
Co to będzie, co to będzie?!

ווידער אַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן, ווידער גרייטן זיך שוין תליות. דאָס זאָל שוין זיין דער לעצטער צאַפּל פון אַן אויסגייענ־דיקן ריז? נישטאָ שוין „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", נישטאָ שוין „פּראָלעטאַ־ריאַט", אַ שטילשווייגן, רעאַקציע, אַנטוישונג, טייל האָבן געמיינט — אַט שוין ברעכט אויס די רעוואָלוציע, האָט זיי דער זיגמאַרש מיטגעריסן, איצט, ווען ס'איז דערוויל פאַרשפּילט, קערן זיי שנעל אָפּ אין אַ זייט. מ'האָט זיי געוואָלט צוריקרופן דורכן לעצטן פאַרטויבנדן קלאַנג פון דער באָמבע אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן, איז אויך דאָס דורכגעפאַלן און דער תלין זייפט ווידער די שטריק.

ערשט איצט דערמאָנט זי זיך, וואָס מאַטעאוש האָט איר געזאָגט מיט זעקס יאָר צוריק, בשעתן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן:

— כל־זמן ס'איז פאַראַן מיסט, וועלן זיין אויף אים ווערעם. ס'איז ווייניק, וואָס מ'האַקט אַרויס די שווערד פון האַנט, אַ שווערד וועט זיך געפינען אַ צווייטע, מ'דאַרף אָפּהאַקן די גאַנצע האַנט.

דער געדאַנק פאַרבינדט זי שוין מיט דעם, וואָס זי האָט מיט אַ צייט צוריק געהערט וועגן אַ נישט לאַנג־געגרינדעטן „צפון פאַרבאַנד פון רו־סישע אַרבעטער" אין רוסלאַנד. מ'וואָלט באַדאַרפט עפּעס וועגן דעם געוואָר ווערן. נאָר ווו און ביי וועמען? אַז אין דער גרויסער, לעבעדיקער שטאָט פילט זי נאָר מיט בית־הקברות. און אין שטוב גלוסט זיך אויך נישט אַהיימגיין, די עלטערן קלאָגן אויף זייער רויִנירטן געזונט־צושטאַנד, קלאָגן, וואָס זייער טאָכטער איז זיי פרעמד געוואָרן — צוריקגעשטאַנענע, גרויע, וואַכנדיקע, אין אָוונט פאַרשפּינען קרומע שאָטנס, וואָס דער לאָמפּ וואַרפט אויף די ווענט, אויף די רויט־אויסגענייטע סענטענצן אויף די האַנטעכער — „ריין גיט מיין!" „אַ שטרענגער טאַטע איז רו אין כאַטע".

אין דעם הערט זי, ווי מ׳רופט ערגעץ איר נאָמען. זי קערט זיך אום: אויף אַ קאַטש פאָרט דורך ליאָלקאַ, איר חברטע, וואָס האָט שוין פאַראַיאָרן געענדיקט די שולע. זי זיצט צוגעטוליעט צו אַ בחור, אַנגעטון אין אַ באַ־פוצטן מאַנטל, לאַנגע העלע הענטשקעס, נייע שיך אויף הויכע קנאַפּל, זי לאַכט, כיכיקעט, באַרוישט פון פרייד, זי גריסט צו איר מיט דער האַנט פון ווייטנס און רופט:

— ראָזאַ, ראָזאַ, צום ווידערזען!

זי בלייבט שטיין אויפן אָרט, אַנגעשטעקט פון ליאָלקעס לאַכן, נעמט עס אויף אירע ליפּן אויך צו אַ שמייכל און לאַנג קוקט זי נאָך דער שנעל־פאָרנדיקער קאַטש.

ליאָלקאַ, שטענדיק אַ פריילעכע, אַ מונטערע, אַ פרישע, די צוויי לאַנגע גראָבע צעפּ פאַרוואָרפן אויף פאָרנט, דעם קאָפּ שטענדיק ווילעריש פאַרוואָרפן אין אַ זייט, אַ פול ראָז פּנים, גרויסע שמייכלענדיקע אויגן, גייט טאַנצנדיק. אַ דיקלעכע, אַ פולכנע און קיינער פון די לערער, דירעקטאָר צי אַפילו שול־דינער וועט נישט אַדורכלאָזן קיין געלעגנהייט זי נישט אָנצו־נעמען ביי אַ האַנט, ביים צורוקן נענטער צום טאַפל, ביים אויסטון און אָנטון דעם פּאַלטאָ, ליאָלקען זענען די חברטעס שטענדיק מקנא געווען.

ליאָלקאַ האָט אַפילו אַ צייט געפלעגט קומען אויף זייער קרייזל, אָבער ס׳איז איר שנעל פאַרמיאוסט געוואָרן, ס׳שמעקט מיט קלויסטער — האָט זי איין מאָל געזאָגט, און זיך לייכט אָוועקגעטענצלט. דאָס יאָר — טראַכט ראָזאַ — ענדיקט זי שוין אויך די שולע. די בעסטע שילערין, דאָס ערשטע אָרט, דעם גאָלדענעם מעדאַל, וואָס איז פאַר איר באַשטימט, ווייסט זי, וועט זי שוין נישט באַקומען, דאָס האָט איר געזאָגט דער לערער פון רע־ליגיע. צוליב איר אַרויסגיין בשעת זיינע לעקציעס, אָבער צי וועט זי אין אַ יאָר אַרום אויך אַזוי פאָרן אין אַ קאַטש, טוליען זיך צו אַ בחור און כיכיקען? ס׳כאַפּט זי ווער אָן ביים האַנט. ווער איז דאָס? אַ, ליאָלקאַ! זי האָט שוין געזעגנט דעם בחור און לויפט איר שוין אַ שטיק וועגס נאָך. זי האָט זי שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, נישט געשמועסט און דאָ שפּאַצירט זי גאָר, ראָזאַ, ביים ברעג ווייסל, ווי עפּעס אַן איינזאַמער וואַלד־וועכטער, אַ נאַכט־היטער.

— ראָזאַ, האָסט דאָך, זע איך, אין גאַנצן ווי עפּעס פאַרגעסן אין לאַכן, פאַר וואָס אַזאַ גרויזאַמער אומעט?

ראָזאַ ענטפערט, אָבער גאַנץ ווייניק, ס׳פאַרשאַפט איר הנאה די פרישע, זאָרגלאָזע, פריילעך־קלינגענדיקע שטימע פון ליאָלקאַ. די חברטע האַלט זי אַרומגענומען און רעדט אַזוי שפּרודלדיק, מיט אַזאַ קוועלן און פאַרגעניגן:

— איצט, אומעטיקער גלאָבוס מיינער, ווייס איך שוין, צו וואָס מיר לעבן. און ס׳לעבן איז דאָך אַזוי שיין! לייב, פרויען־לייב, מיר ווייסן אַליין נישט, וואָס מיר פאַרמאָגן, זיי, די יונגען ווייסן שוין! מיר לעבן נאָר פאַר זיי, נאָר פאַר זיי. מיר אַליין, מיין טייערע ראָזאַ, איך וויל דיר זאָגן אַ שיינעם געדאַנק, דו פאַרשטייסט זיך דאָך דערויף, מיר אַליין זענען נאָר בלויזע נולן, מיר באַקומען ערשט אַ ווערט, ווען מען שטעלט צו אַן איינס, אים, דעם מאַן, דאַן ווערט פון די נולן — הונדערט, טויזנט, הונדערט־טויזנט און אַפילו אַ מיליאָן, אַ גאַנצער מיליאָן.

— איר האָט זיך ביידע ליב?

— ביסט אַ קינד, ער האָט מיך ליב און איך גיי אויס, אַז ער זאָל מיך וואָס אַלץ שטאַרקער ליב האָבן. דאָס הייסט אייגנטלעך ליבע פון אַ פרוי, זי האָט ליב דעם מאַנס ליבע צו איר.

— און אויסער דעם אינטערעסירט דיך שוין אַבסאָלוט גאָרנישט? אַ בוך, געזעלשאַפטלעך לעבן, פּאָליטיק?

— גאָט באַהיט, נאָך וואָס דאַרף איך דאָס? דאָס לאָז פאַר זיי, פאַר די מענער, מיר זענען אַליין — בוך, לעבן, פּאָליטיק. זיי גרייטן שוין אַלץ פאַר אונדז צו, זיי שטודירן, פּאָליטיקירן און, אויב אַ פרוי איז געלערנט, פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק, וויכן זיי אויס ווי פייער, זיי ווילן פון אונדז — זי בייגט זיך צו נאָענט צו איר אויער — צאַפּלדיקן פרויען־קערפּער. מיין יונג האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז די פראַנצויזישע קעניגין, די שיינע מאַריאַ אַנטואַנעט איז דערפאַר געקעפּט געוואָרן, ווייל זי האָט זיך גענומען מישן אין פּאָליטיק.

— נאָר מאַריאַ אַנטואַנעט? און סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ אויך און לואיזאַ מישעל אויך און העסי העלפמאַן אויך און מאַריאַ באָהושעוויטש אויך און —

ליאָלקאַ האָט איר פאַרשטעלט דאָס מויל:

— מיין ליבע, דו רעגסט זיך צופיל אויף, ווערסט היסטעריש, מסכים — פּעראָווסקאַיאַ און די און יענע, נאָך, איך ווייס, אָבער, מיין טייערע, איך שטעל מיר נאָך פאָר, ווי מען פירט אַ מאַן צו דער תליה, צום דערשיסן, ער גייט מיטן קאָפּ אין דער הייך, שטעלט פעסטע טריט, שרייט אויס מיט אַ דונערדיקער שטים, אָבער אַ פרוי — מיין גאָט! אַ פרוי צו דער תליה! אָדער דערשיסן?! אַ שמאָלער קערפּער, פיבערט, ציטערט, די זעלנער לאַכן אונטער, זאָגן אַ גראָב וואָרט און דער תלין פּילט זיך עפּעס פאַרלוירן, נישט־דרייסט, שלימזלדיק, ציטערט אונטער מיט די הענט, עד — אַ רחמנותדיקער ספּעקטאַקל! אַ פרוי דאַרף מען נאָר זען, ווי זי איז אָנגעטון אין אַ לאַנג, זיידן קלייד, באַהאָנגען מיט פּערל און דיאַמאַנטן, טיפער, אויסגעהוילטער ביוסט, אַ ראָזע בלום אין דער פריזור, אַ שמעקנדיקע — פון די בעסטע פּאַרפומען, נעבן זיי מענער, לייכט־געבויגן, אין שוואַרצן שטייף, אונטערטעניק, אָט, ראָזאַ, ווי אַזוי כ׳זע אונדזער מין!

ראָזאַ האָט חשק זי שוין געזעגענען, נאָר דאָ גיט איר ליאָלקאַ אַ שטאַרקן טרייסל פאַרן האַנט:

— אָט נאַ, זע!

אויף אַ גרויסער שילד איבער אַ געשעפט פון גאָרסעטן, קאָלירטע שפּיצן, האָפּטן, זיידענע דאַמען־וועש, איז אָנגעשריבן מיט פעטע אותיות:

„Minerwa".

— זעסטו, די געטין פון חכמה, מינערוואַ, זעסטו, צו וואָס זי רופט?

ראָזאַ שמייכלט שוין פון ליאָלקעס באַרעדעוודיקייט און דערפינדעריש־קייט פון מאָטיוון. זי גיט איר אַ מוטערלעכן גלעט איבערן פּנים און געזעגנט זי:

— ווייל זיך גוט און פאַרברענג גוט, ליאָלקאַ, מעגסט צו מיר אַ מאָל אַריינפאַלן.

ראָזאַ איז אַוועק פון איר אין אַ גאַנץ לייכטן געמיט און ווי צו זיך אַליין עטוואָס געשמייכלט.

ס׳איז נעבן איר פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגער סטודענט, מיט קליינע,

בלאָנדע וואָנסעלעך און, זעענדיק זי אַ שמייכלענדיקע, האָט ער ווילעריש אַ הויכן קלאַפּ געטון מיט דער צונג.

נייַן, זי האָט נישט געזאָגט איצט, ווי געוויינלעך, און ווי אַלע שילערינס זאָגן אין אַזאַ פאַל „נאָכאַל״!

אַ הייטערע איז זי געגאַנגען אַהיים.

שוין זייענדיק אין הויז, איז ווער צו איר האַסטיק צו און געזאָגט דעם פּאַרטיי־פּאַראָל. ס׳איז געווען אַ הויכער, בלייכער יונגערמאַן, כאָטש פעסט געבויט. די טראָציקע אויגן פאַרשטעלט מיט אַ פּאָר ברילן, און אַ קליין בלאָנד בערדל. ס׳איז מאַרטשין קאַספּזשאַק, ערשט זיט עטלעכע טעג געקומען פון אויסלאַנד, אַנטלאָפן פון טורמע. אויף מאָרגן ווערט צונויפגערופן אַ זיצונג פון עטלעכע אַקטיוויסטן, ס׳זענען אָנגעקומען עטלעכע נייע, אָנגעזעענע חברים, קולטשיצקי און סטודניצקי, מען מוז זיך ווידער צונויפקלייבן און אָנהייבן אויפסניי. „פּראָלעטאַריאַט״ מוז ווידער אויפלעבן.

— איר זאָלט זיין פּינקטלעך, חברטע, נאָר פאָרזיכטיק!

און ער האָט איר פעסט געדריקט די האַנט.

*

ראָזאַ זעט פאַר זיך אַ גרויסע ריזיקע געביידע אין דער געשטאַלט פון אַ קויל, ס׳איז דער גלאָבוס — די וועלט און אונטער דער געביידע שטייען נישט קיין סך, אפשר קוים הונדערטער און לענען אונטער זייערע פּלייצעס, נאַקנס און רוקנס. די אַלע, וואָס שטייען דאָרט, האָבן מערסטנס בלייכע פּנימער, טייל די אויגן מערסטנס פאַרשטעלט מיט ברילן און טייל מיט גרויסע, לויטערע און צעגליטע אויגן, ס׳רוב מיט בערד, קליינע און גאָר לאַנגע; פּנימער ערנסטע, פאַרחלומטע און טראָציקע, אין שוואַרצע און ווייסע בלוזעס, אין הויכע, פּוטערנע היטלען, ברייט־ראַנדיקע קאַפּעלושן, עטלעכע צילינדערס, אַ סך סטודענטישע היטלען, אַ ביסל ליציפּעטן און נישט ווייניק מיט אַנטבלויזטע קעפּ. לאַנגע און גלאַט־פאַרקעמטע דינזיידענע האָר און האָר צעפּאַטלטע, פאַרקניפּטע, צוגעקלעפּט צום שווייסיקן שטערן. פאַראַן אויך אַ קלענערע צאָל פרויען, מערסטנס בלאָנדע, שלאַנקע, אין אויסגעפּאַסטע קליידער, פאַרקנעפּלט ביזן האַלדז אַרויף, מיט אַ קאָלנערל, לאַנגע אַרבל, נאָך מער אויסגעלייטערטע אויגן, אָפענע, פריינדלעכע

פּנימער, מוטערלעכע, צאַרטע, אָפּפערוויליק. אַט די עטלעכע הונדערט האַלטן אויף די וועלט, האַלטן זי אויף זייערע רוקנס. טייל שטייען נאָך אין גאַנצן אויסגעצויגן, פּריש, טייל שוין איינגעבויגן, אָבער באַמיִען זיך מיט אַלע כוחות די משא צו דערהאַלטן, אָבער פיל, שוין זייער פיל, ליגן אונטער די חורבות, צעשמעטערטע, פאַרפייניקטע, מיט קוילן אין האַרץ, מיט שטריק פאַרצויגן אויפן האַלדז, אויסגעגאַנגען מיט פאַרקריצטע ציין, גע־ביילטע פויסטן, אָבער אויסגעגאַנגען. און אַלע מאָל פאַלט אַן אַנדערער, נאָך איינער, אַ צווייטער, ס׳ווערט פריי אַן אָרט און ס׳וואַרט אויף אַ פאַר־טרעטער.

אַט זעט זי זיך שוין צווישן די, וואָס לענען אונטער די ערד־קויל. זי ציט אויס איר קערפּער, פאַררייסט דעם קאָפּ, אַט איז זי אַזוי שלאַנק, ווי זיי, האַלט פעסט איר נאַקן, די אויגן עטוואָס צוגעלענט, קוקט פאַרזשמורעט און די רעכטע האַנט האַלט זי אויפגעהויבן און באַפעלט, ווייזט אָן, אַט דאָרט! אונטערהאַלטן! פון דאָרט אָוועקגיין! דעם טויטן אויף יענעם אָרט, נעבן איר שטייט דער בלייכער און פעסט־געבויטער קאַספּזשאַק, איר שטים איז אַ שטילע, חזרט ער איבער אירע ווערטער מיט אַ דונערנדיקער שטים.

— אומוואַרפן! אויפשטעלן!

ס׳הילכט אָפּ אַן עכאָ.

באַלד אָבער זאָגט זי צו זיך:

„ביסט אַ נאַרישע, אַן עגאָאיסטין, שטעלסט קוים די ערשטע טריט און זעסט זיך שוין ווי אַ פירערין, באַפעלערין, אויב דו טראַכסט אַזוי, מעגסטו בלייבן זיצן אין שטוב, העלפן דער מאַמע שטריקן און הערן זי לייענען אַ שטיקל שילער און אַ שטיקל תנ״ך״.

זי לייענט אַן אויסצוג פון אַ סטאַטוט פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן:

„אין קאַמף מיט די שונאים דאַרף יעדער סאָציאַליסט לכתחילה זיין גרייט צו יעדן צופאַל און קרבן, וויסן אַז אין קאַמף מיט די שטאַרקע שונאים מוזן אַ סך אומקומען פריִער, איידער דער נצחון וועט זיין אויף אונדזער זייט, וויסן, אַז זיין מאַטעריעלער ווילזיין און דאָס ווילזיין פון זיינע נאָענטע מענטשן קענען זיין אין אַ סכנה, קענען און דאַרפן געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן, אויב דאָס וועט נאָר פאָדערן די זאַך. וויסן און געדענקען, אַז

יעדער פון אונדז האָט זיך פאַרמשפּט אויף אָט די אַלע צופאַלן, וואָס קענען טרעפן. אויך געדענקען, אַז ווער פון אונדז ס׳פאַלט אַריין אין די הענט פון שונא, טאָר נישט וועלן קיין רחמים, טאָר נישט פאַרפלעקן אונדזער זאַך מיט מוטלאָזיקייט, אַפילו ווען זיי קענען דורך דעם ראַטעווען דאָס לעבן פון די סאַמע נאָענטסטע מענטשן״.

אָט אַזוי דאַרף מען טראַכטן און נישט זיך זען אַ באַפּעלנדיקע. אַוודאי בלייבט זי נישט אין שטוב. אָט דאָרט אונטער דער שווערער משא פון דער וועלט־קויל, דאָרט איז ליידיק אַן אָרט, אפשר שוין צוויי, פינף, צען ערטער. מען דאַרף איילן!

ווען זי שטייט איינגעבויגן איבער אַ שיסל מיט וואַסער און וואַשט דאָס לייב, דערמאָנט זי זיך אין ליאַלקען. נעבן דער ריזיקער וועלט־גע־ביידע וועט ליאַלקאַ דורכפאָרן אין אַ שליטן מיט גלעקלעך, מיט צעפלאָ־שעטע האָר, אַ שיינענדיקע, אַ פריילעכע, טרייסלען איר פריש־צאַפּלדיקן, פוכקען קערפּער, זיך טוליען צו אַ בחור און לאַכן, לאַכן.

דער פאָטער זיצט ביים טיש און שפּילט מיט זיך אַליין אַ שאַך און די מאַמע זיצט צוגעבויגן צום נאַפט־לאָמפּ און בלעטערט אין דיקן פאָ־טאָגראַפיע־אַלבום.

און ראָזאַ חזרט פאַר זיך איבער:

„וויסן, אַז מיין ווילזיין און דאָס ווילזיין פון מיינע נאָענטע קען זיין אין סכנה, אָבער ס׳דאַרף אַלץ געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן אויב דאָס וועט נאָר פאָדערן די זאַך!״

זי קוקט אויף איר מאַמע און טאַטע, געקנייטשטע פנימער, אויפן וועג שוין צו זיקנה, שאַרפער, שטאָלצער קין, פון די אויגן טליִעט אַרויס פאַרשלאָסענער אומעט, ווי זיי האָבן דאָס ביידע געמיינזאַמע שטריכן אין די געזיכטער, אויך זי, זייער טאָכטער, האָט זייערע ביידנס שטריכן, געצאַפּלט איבער איר פון ערשטן טאָג פון געבורט, אפשר נאָך פריער, זיך געפרייט, געקוקט איר אין די אויגן, געצערטלט, געקושט. ווער ווייסט, ווי לאַנג זי קען נאָך זיין מיט זיי צוזאַמען, ווען זי קען זיך שוין דאַרפן מיט זיי שיידן. „זייט פינקטלעך און פאָרזיכטיק״ האָט איר שטיל געזאָגט דער הויכער מאַרטשין.

זי מאַכט זיך קוראַזש, באַמיט זיך צו האָבן אַ שמייכל אויף די ליפּן און גייט צו צום טיש.

— וואָס זענט איר עפּעס אַזוי אומעטיק, מיינע ליבע?

און קושט זיי ביידן.

די שרעק איז ביי זיי איצט אַרויס פון דער פאַרבאָרגעניש און אַריין אין די אויגן, נאָז און ציין. ראָזאַס אומגעריכטע, פלוצימדיקע צערטלעכקייט צו זיי האָט צעטריבן די שטייף־פאַרשלאָסענע האַלטונג. דער פאָטער האָט זיך באַמיט צוצודריקן די ציין, נישט באַוועגן מיט די ליפּן און די מוטער האָט אַלע כוחות געפּאַסט, די טרערן זאָלן נישט אַרויס פון אונטער די אויגן־לעדלעך.

דער פאָטער האָט געוואָלט אָנהייבן רעדן, רעדן פאַר אַלע צייטן, שרייען, בעטן, אַלץ, וואָס קלייבט זיך אָן שוין ביי אים אַזוי לאַנג אויפן האַרצן און פון צייט צו צייט געלאָזט פאַלן דערפון נאָר בלויז צו עטלעכע ווערטער, ער האָט דאָס אַלץ איצט געוואָלט אויסרעדן, אָבער אויף דער הייסער מינוט, אויף שנעל האָט ער נישט באַוויזן ווי געהעריק דאָס סעגרעגירן, נישט געפונען דעם אופן, די פּאַסיקע פאָרעם און דערפאַר האָט ער, נישט לאַנג טראַכטנדיק, געגעבן אַ רייס אַרויס איינס פון דער גאַנצער קופּע:

— אין אַ פּראָקלאַמאַציע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין 1881, וואָס מיקאַליי האָט מיר נישט לאַנג צוריק געוויזן, שרייבט זיך דאָרט וועגן די יידישע פּאָגראָמען: „מיר זעען דערין סימנים פון רעוואָלוציאָנערן אויפבררויז! מיר טאָרן זיך נישט פאַרהאַלטן. נישט נאָר נעגאַטיוו, נאָר אַפילו גלייכגילטיק צו דער ריינער פאָלקס־באַוועגונג. דאָס פאָלק שלאָגט יידן נישט אַלס יידן, נאָר ווי אַלס אויסנוצער פון פאָלק, נישט אַלס „יעווריעוו", נאָר אַלס „זשידאָוו". האָט דאָך די גרויסע פראַנצייזישע רעוואָלוציע אָנגעהויבן פון שלאָגן יידן!" אָט וואָס!

ראָזאַ זעצט זיך אַוועק געמיטלעך, פאַרוואָרפט די האָר אונטער די אויערן און לענט אונטער די האַנט. דיספּוטירן מיט אים אויף דער פלאַך, וועגן אידעען, פּראָגראַמען און לאָזונגען, איז אַדרבא, זי איז אָנגעגרייט דערצו.

— אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" נעמען קודם־כל אָנטייל אויך יידן. והשנית זענען טאַקע פאַראַן יידן אויסנוצער, זיי וואַרפן זיך נאָך מער אין די אויגן, ווייל זיי זענען אַ האַנדלס־עלעמענט, און אויב אויסנוצערס, עקספּלאָאַטאַטאָרן, פאַר וואָס זאָל מען זיי שווייגן? פאַר וואָס מעגן זיין פון צאַרישע גענעראַלן אָנטייל נעמען אין אַטענטאַטן, וואָס מאָרגן קען דער־פון פאַלן אויך זיין אייגענער טאַטע און רוסישע, פּוילישע און יידישע רעוואָלוציאָנערן זאָלן נישט טאָרן אומברענגען קיין ייד־וווכערניק, ייד־פאַבריקאַנט און אויסנוצער? וואָס איז דאָס מיט די יידן אַזוי דער מער? אַלץ צוליב עמוס הנביא און שפּינאָזע?

— יעזוס און קאַרל מאַרקס?!

אויף אַ ווײַלע נאָר האָט זי דער פאָטער מיט זיין רעפּליק דעטאָנירט, אָבער נאָר אויף אַ קורצע ווײַלע.

— ווען דו דאַרפסט צו דיינס אַן אַרגומענט, אייגנסט דו זיך צו אויך מאַרקסן, אין אַ צווייטן פאַל ווערסטו אים באַנוצן צו אַ קאָנטער־אַרגומענט.

— זאָל זיין, ער איז טאַקע געווען אַ היפּשער אַנטיסעמיט.

— אָט זעסטו! אַזעלכע גייסטער געהערן דער גאַנצער וועלט, אגב לעבן מיר שוין נישט היינט אין די צייטן פון שבטים און נישט אַלץ מוז מען אַריינפּאַסן אין קעסטלעך, אַ ייד, אַ טערק, אַ רוס, אַ מאַדיאַר. מיינס אַ חבר, פעליקס פּערעל, וואָס קען נישט שלעכט די יידישע געשיכטע, האָט מיר ערשט דאָ נישט לאַנג געזאָגט „אַן אומגליק מיט די יידן, זיי מיינען, אַז נאָר זיי זענען דער נאָפּל פון דער וועלט, די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך אונדזער גאַנצער פּלאַנעט". אגב, פון ווען אָן ביסטו דאָס געוואָרן אַזאַ הייסער נאַציאָנאַליסט, אַזאַ יידישער שאָוויניסט?

— דאָס מאַכן זיי פון מיר אַזוי, אָט שטופּן זיי דאָס מיך אַריין אין אַ יידיש קעסטעלע — אָט דאָ ליג! — רופן זיי אויס ביי יעדער געלעגנהייט, אָט האָב איך דאָך געלייענט אין „גלאָס", וואָס דו ברענגסט אַהיים, דאַכט זיך אַ סאָציאַליסטישע צייטונג, „דער אונטערשיד, וועלכער עקזיסטירט צווישן פּריץ און פּויער, צווישן קאַפּיטאַליסט און לוין־אַרבעטער איז לגמרי גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם ראַסן־אונטערשיד, וועלכער עקזיסטירט צווישן פּאָליאַק און סעמיט!" טאָמער איז נאָך פאַר דיר דאָס

וויניק, שרייבט ווידער אין דיין לעמבערגער „פזשעגלאָנד ספּאָלעטשני" דער אוקראַינישער פּאָעט, פּיערדיקער סאָציאַליסט איוואַן פראַנקאָ: „די מער קולטורעלע און פאָרגעשריטענע יידן וועלן זיך אַסימילירן מיט אונדז, נאָר די אָפּגעשטאַנענע, פינצטערע יידן, זיי זאָלן זיך עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, צי ערגעץ אַנדערשוווּ. מיר דאַרפן דאָס טון, אַפילו ווען עס זאָל אונדז קאָסטן קאָסטן געלט. אגב, פאַראַן נאָך אַ דריטער אויסוועג, טייל יידן לאָזן אין לאַנד אויף דער רעכט פון אויסלענדער!" נו?!

— דו געהערסט דאָך נישט צו די אָפּגעשטאַנענע און פינצטערע, נאָר צו די קולטורעלע און אַסימילירטע, וואָס איז די מורא?

— דו, ראָזאַ, זאָלסט אַזוי זאָגן? די אָפּגעשטאַנענע און פינצטערע דאַרף מען לאָזן אַזוי אין זייער פינצטערן מצב און זיי פאַרטרייבן? דאַרף מען דען נישט די פינצטערע געבן ליכט, זענען זיי דען אַליין דערין שולדיק, וועלן זיי דען אייביק בלייבן פינצטער? דו ראָזאַ —

ראָזאַ האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן. ס'האָט זי פאַרדראָסן, וואָס זי ענטפערט אָפּ דעם טאַטן מיט אַזעלכע אויבערפלעכלעכע תירוצים גלייך פון דער האַנט אַוועק. זי האָט אין געדאַנק זיך פאַרענטפערט: אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער פאָטער האָט זי נאָך נישט געלאָזט קומען אויס־פירלעך צום וואָרט.

— פּאַפּאַ איך וויל דיר נאָר קודם צוגעבן, אַז אינעם זעלבן אַרטיקל שרייבט פראַנקאָ, אַז אין דער עפּאָכע פון סאָציאַלער הערשאַפט, וועט נישט זיין קיין אונטערדריקונג פון קלאַס איבער קלאַס און פון פאָלק איבער פאָלק.

— דעסטאָ מער! טאָ פאַר וואָס אַזאַ נישט־יושרדיקע באַהאַנדלונג די יידן!

— האָלסטו די יידן פאַר אַ פאָלק? איז דען אַ פאָלק, אויב עטנאָ־גראַפיש —

— דערלויב, דערלויב, האָסט מיר שוין היינט איין מאָל פאָרגעוואָרפן יידישן שאָוויניזם, ווייל איך דיר נאָך אַ מאָל זאָגן, איך בין נישט קיין נאַציאָנאַליסט, האַלט זיך נישט פאַר אויסדערוויילט און בין נישט איבע־ריק צוגעבונדן צו מיין שטאַם, אָבער פאַר וואָס שלאָגן זיי מיך פאַרט?!

מיט דער באַרד, צי אָן דער באַרד, פינצטער, צי קולטורעל און אַסימי־
לירט, אגב, וואָס איז דאָס פאַר אַן אויפצווינגען! די פוילישע קולטור,
צי די רוסישע קען מיר בעסער געפעלן, איך בין אַן איראָפּעער, האָב
פיינט פיל יידישע זיטן און מנהגים, האָב פיינט די יידן מיט די ווילדע
רויטע און געלע בערד, ווי דיין מאַמאַ זאָגט, בין נישט רעליגיעז, אָבער
אַלץ פרייוויליק, ווייל מיין געפיל און שכל דיקטירט מיר אַזוי, אָבער
נישט ווען מען זאָגט — די אַסימילירטע וועלן בלייבן מיט אונדז, אָדער
בלייבן מיט די זעלבע רעכט, וואָס אויסלענדער און די פינצטערע —
זאָלן זיי זיך פאָרן קיין פּאַלעסטינע, צי ערגעץ אַנדערשוווּ.

ראָזאַ איז איבערראַשט פון דעם פאָטערס פאַרהאַלטן זיך. דאָס אייליקע
און אימפּולסיווע רעדן, דאָס כסדרדיקע איבעררייסן איר, דאָס רעדן די
גאַנצע צייט וועגן יידן, און נאָך אַ מאָל יידן, זעלטן האָט מען דאָך דאָ
געהערט דאָס וואָרט איזראַעליטשי, סטאַראָזאַקאָנני, זשידזשי, און ווו איז
פון דעסטוועגן זיין דיסטינגירטע צוריקגעהאַלטנקייט, זיין ישוב־הדעת,
זאָל עס זיין אַ וויז־צייכן אויפן וועג צו אַלטקייט?

ראָזאַ ענטפערט:

— וועל איך דיר שוין זאָגן אַלץ מיטאַנאַנדער:

אונדזער פּראָגראַם איז נישט דער פּראָגראַם פון „נאַראָדנאַיאַ וואָ־
ליאַ", זיי זענען נישט קיין מאָדערן־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, דאָס
הייסט, באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות, באַזירן נישט אויפן גרויס־
שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט עטצעטערא, עטצעטעראַ. ווייטער: „גלאָס" איז
נישט קיין סאָציאַליסטישע צייטונג, דאָס איז פון די הענדלער, וואָס מען
האָט לעצטנס געכאַפּט ביי פאַרקויפן נאָר ביליק גראָבע שפּולקעס גאַרן.
וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? עס איז גאָר געווען אַרויפגעוויקלט אַ קאַ־
פּעטשקע גאַרן, נאָר דאָס קלעצל אַליין איז געווען אומגעהויער גראָב. דאָס
איז אַ קאָנקורענץ־מיטל פון שווינדלער. אי אַ גרעבער קלעצל גאַרן, אי
ס'קאָסט ביליקער — אָבער צוזאַמען איז דאָ אַ פייג. „פּזשעגלאָנד ספּאָלעטש־
ני" איז אויך נישט קיין ריכטיק־סאָציאַליסטישער זשורנאַל, קוים טיילווייז
סאָציאַליסטיש. אגב, נאָך וואָס ווייטער זוכן, געדענקסט מאַטעאושס טויט?
געדענקסט, ווי ס'האָבן זיך אַוועקגעשטעלט הונדערטער פּוילישע אַרבע־

טער און מיט העק און קלאַניצעס פאַרטריבן די כוליגאַנעס? אָט האָט דאָך נאָך וואַרינסקי געשריבן אין „רוונאָשטש" אין 1880 (די נומערן וועסטו געפינען אין שענקל הינטערן „קאַלאַקאַל"): „מיר זענען מיטגלי־דער פון איין גרויסער נאַציע, וועלכע איז פול אומגליקלעכער ווי פוילן — די נאַציע פון פּראָלעטאַריער!" טאָ פאַר וואָס נישט דאָס זעלבע זאָגן אויך וועגן יידן?! באַזונדערס, וואָס עפּעס זוכן נאָר בלויז פלעקן, פון וועלכע אויך די ליבע זון איז נישט פריי? די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז פאַרהעלטנישמעסיק יונג און זי דאַרף און וועט נאָך, מסתמא, נישט איין פּונקט אויסבעסערן, אויסמעקן, אָדער צוגעבן. פאַר וואָס, ליבער פּאַפּאַ, נישט געדענקען בעסער אין דער מאַרטיראָלאָגיע פון די אַלע, וועלכע קעמפן שוין זיבנט טויזנטער יאָרן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט?! פאַר די אומגעקומענע אויף קרייצן, צירק־אַרענעס, קלויסטער־היילן, שייטערהויפנס, טאָרטור־קעלערן, האַק־קלעצער, באַריקאַדן און תליות?!

— און גי־ליאָ־טינעס!

— און גיליאָטינעס, יאָ, הלוואי וואָס מער, וואָלט מען כאָטש אויס־געמיטן די קאָמונע־שחיטה. און מען דאַרף אויך צורעכענען צו זיי די סוכאָטניקעס, די קליינע קינדער, וועלכע האָבן קיין מילך, זון, ליכט, לופט, און די קוילן־גרעבער און די קעסל־הייצער און נאָך און נאָך.

לינאָ האָט פאַרגעסן אין גאַנצן צוליב וואָס דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן, ס'איז איר אין גאַנצן אַנטרינען די שרעק און פאַרבליפּט זיך איינגעהערט צום שמועס פון איר טאָכטער מיטן טאַטן. זי האָט זיך מיט גאָרנישט געוואָלט אַריינמישן, גאָרנישט פרעגן, זי וואָלט נאָר וועלן, אַז זיי זאָלן כסדר זיצן אַזוי און שמועסן גאַנצע שעהן אַוועק. אָט די קליינע און קראַנקע ראָזאַ איז שוין אַזוי בקי אין די פּראָגראַמען, טעאָריעס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווייסט אַלץ אַזוי גענוי, רעדט אַזוי רויִק, מיט זעלבסט־באַוווסטזיין, ווי זי וואָלט שוין געווען טעטיק דעריין כאָטש אַ צענדליק יאָר.

דער פאָטער, ווידער, ער האָט נישט אין זינען געהאַט איצט צו באַ־וווּנדערן ראָזאַס דיאַלעקטיק, כאָטש ער האָט אַזוי זוייניק מיט איר גע־רעדט, האָט ער זיך דאָך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון ראָזאַס רייפקייט, אַפילו

איבעררייפקייט, זיין מיינונג וועגן איר איז גאַרנישט געווען קיין אונטער־שעצנדע, ער האָט זי געזען ווי אַ דענקער, אַ לערער, פירער און קעמפער, דאָס האָט ער באַמערקט אין איר בליק, אין איר געזיכט, זי אַבסערווירט בשעתן לייענען, ווי זי גיט אָפּט מאָל אַ קלאַפּ מיט דער פויסט איבערן בוך, כאַפּט אײַליק דאָס שרייב־פּענדל צום מאַכן נאָטיצן, אָדער זיצט גאַר מיט דער האַנט פאַרלייגט ביי דער שלייף און טראַכט. די מוטער שלאָפט שוין דאַן געוויינלעך, אָבער ער זעט דאָס אַלץ. ער זעט, ווי ס'דויערט אַ שעה און אָפּט מאָל צווי, ביז זי ווערט אַנטשלאָפן, זעצט זיך אָפּט מאָל צוריק אויף, לענט אָן די פּלייצע אין קאָפּ־שטיק פון בעט און זיצט אַ שטאַר־פאַרטרוימטע. דאָס וואָלט אים אַלץ הנאה געטון, ער איז דערמיט גליקלעך און שטאָלץ, אָבער, זי זאָל נישט דאַרפן צוליב איר שאַרפן גייסט און וואַרעם מענטשלעך האַרץ באַצאָלן מיטן אייגענעם לעבן, מיט געפענגעניש, הונגער, שמוץ, באַליידיקונגען און סיביר! ס'איז דאָך אַ שאָד, אַזאַ גרויסער שאָד, און זי איז דאָך נאָך אַ קראַנקע דערצו. אפשר וועט פאַרט געלונגען אויף אַ צייט איינצוהאַלטן איר פייער, זי מאָלט דאָך, שרייבט לידער, דערציילונגען, זאָל זי זיך דערין אויסלעבן. דאַכט זיך, אַז לינאַ, וואָס איז די גאַנצע צייט פונעם שמועס געזעסן אַזאַ פאַרבליפטע און צעשטראַלטע, ער האָט דאָס גוט באַמערקט, זיצט איצט שוין צוריק אַ פאַרטרויערטע, ווי אַן אויסגעלאָשענע, ס'פּייניקן זי, מסתמא, די זעלבע מחשבות וואָס אים. אָבער דער שמועס איז אַוועק אויף שלעכטע רעלסן, נישט וועגן דער יידן־פראַגע האָט ער דאָך גע־וואָלט מיט איר רעדן, ער האָט געמיינט דאַדורך זי שטאַרקער צערייצן, אפשר וועט קומען אַ רעאַקציע פון דער זייט, אָבער נישט אין דעם גייט עס אים דאָך. אגב, ער וואָלט באַדאַרפט ענדערן דעם חברישן טאָן פון שמועס, אָנהייבן מיט פאָטערלעכן. מ'דאַרף פּרוּוון:

— ווייסעך וואָס, אויף יעדן העלד זענען פאַראַן הונדערט טויזנט טויגעניכטן, פופציק טויזנט פּחדנים, צען טויזנט קריכערס, טויזנטער פּאַ־ראַזיטן, הונדערטער קאַריעריסטן און צענדליקער פאַררעטער!

— וואָס עפּעס אַזאַ פּאָטענציאַל־חשבון? —

— כ'בעט מיר נישט איבעררייסן! איז יעדע קרעאַטור, וואָס ווערט

געבוירן — אַ ווערטפול מענטשלעך באַשעפעניש? זענען אַלע מענטשן ווערט עפּעס בעסערס און שענערס? פילן זיי דען אַ נויטווענדיקייט אין פרייהייט, פעלט דאָס זיי דען, דאַרפן זיי דאָס דען, דאַרפן זיי דען נישט קיין הערשער?!

ער באַמערקט, ווי ביי ראָזאַן פאַלט דער אינטערעס אים אויסצוהערן, זיינע אַרגומענטן, קלערט ער זיך, שטייען, מסתמא, אויף אַ נידעריקן ניוואָ.

— אדרבא, ראָזאַ, ענטפער מיר אויף דעם געפרעגטן.

— ציי אָט די אַלע פאַרחושכטע, פּראָסטע מענטשן פילן אַ נויטווענ־דיקייט אין פרייהייט? זיי דאַרפן דאָס נישט — זאָגסטו? כ׳האָב געלייענט אין אַ זשורנאַל אַן אויסצוג פון מאַרקס׳ אַ פעליעטאָן אין דער „נייער ריינישער ציייטונג”. הער:

„דער גלח בעניטאָ בלאַנק פון קלויסטער „פּאַראַדיז” האָט געהאָדע־ וועט סראָקעס. ער האָט זיי אויסגעשניטן די אונטערשטע טיילן פון שנאָבל און דעריבער האָבן זיי שוין נישט געקענט זיך אַליין דערנערן, זיי האָבן געקענט עסן נאָר דאַן, ווען בעניטאָ בלאַנק האָט זיי די שפּייזן געלייגט אין די פּיסקלעך. פיליסטערס, וועלכע האָבן געזען פון דער וויטנס, ווי די פייגל זיצן אויף די אַקסלען פון דעם הייליקן, קריכן אים נאָך און טרעטן פון אים נישט אָפּ אויף איין ווײַלע, האָבן שטאַרק באַוווּנדערט די נישט־דורכשניטלעכע קולטור און געלערנזאַמקייט פון אָט דעם הייליקן ברודערל. די פייגל — שרייבט דעריבער זיין ביאָגראַף — האָבן אים געליבט, ווי זייער שפּייזער און דערלייזער!”

אויב מען פאַרטעמפּט ביים פאַלק די חושים, שניידט אים אויס די אויגן, האַלט דאָס שטיקל ברויט אויף אַ שטריקל, הייבט דאָס אויף און לאָזט אַראָפּ, וועט יענער, פאַרשטייט זיך, נישט געדענקען וועגן דער פרייהייט, כאָטש, פאַרגעס נישט, אַז דער קאַמף גייט טאַקע אויך אַן פאַר ברויט, פאַר ממש ברויט.

— טאָ וואָס פאַר אַ דירעקטע שייכות האָסטו דערצו?

ראָזאַן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. די מוטער האָט דאָס גלייך באַמערקט:

— נו, קינדער, שוין צייט גיין שלאָפן!

ראָזאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואָלט אָפּענטפערן קורץ און שאַרף, נאָר דער פאָטער האָט פאַרכאַפּט:

— אפשר זיך שלעכט אויסגעדריקט. אַלטרויִזם — איין מענטש דאַרף זיךווידמען דעם צווייטן, דער שטאַרקער — צוהעלפן דעם שוואַכן, אָפּגעבן דאָס לעבן איינער פאַרן צווייטן, אָבער צי מיינט דאָס דען, אַז מען דאַרף דאָס אייגענע לעבן נעגירן? האָט דאָס אייגענע לעבן קיין ווערט נישט, נאָר דווקא יענעמס איז טייער. יענער פאַר מיר און איך פאַר יענעם, אויב אַזוי, צי קען מען נישט מאַכן דעם חשבון פּשוטער, איך פאַר יענעם, אָבער אויך איך פאַר זיך!

— פאַפּאַ, נעם אַ פעדער אין האַנט און חשבון אויס אויף פּראָצענטער, וויפל פּראָצענט פאַר זיך, וויפל פאַר יענעם, אויף וויפל ס׳לוינט דער גאַנצער עסק און אַזוי ווייטער. מיר וואָלטן טאַקע געהאַט אַ קולטור, אַ ציוויליזאַציע, לופט־באַלאָנען, געפונען אַמעריקע, אַנטדעקט די קאָך־באַצילן, די פראַנצייזישע רעוואָלוציע און דאָס אָפּשאַפן די פאַנשטשיזנע — ווען אַזוי וואָלטן געדענקט גאַליליי און זשעליאַבאָוו, סאָקראַטעס און יעזוס, ספּאַרטאַקוס און אוליאַנאָוו, וואָס מען האָט איצט געהאַנגען פאַר אַן אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן. מיר וואָלטן נאָך איצט געזעסן אויף די ביימער און געגריזשעט וואַלד־ניס! געדענקסט אַן אָוונט, בעת די מוטער האָט פאַרגעלייענט מיצקעוויטשעס „דזשאַדי" און ביי דער שטעלע „איך בין אַ מיליאָן און לייד פאַר מיליאָנען" — האָסטו אַפּלאָדירט?!

די מוטער זיצט שוין ווייטער אַ פאַרבליפטע און שטראַלט פון מוטער־לעכן תענוג. דעם פאָטער רעגט דאָס אויף.

— נו, אפשר וועט אויף היינט שוין גענוג זיין. יאָ, נאָר פון דעסט־וועגן זאָג מיר נאָך, ליבע ראָזאַ, אפשר וואָלסטו מיר געקענט געבן דע־פיניר ן דעם באַגריף „פרייהייט" — וואָס איז דאָס אַזוינס? עס איז דאָך אַלנפאַלס נישט מער ווערט, ווי דאָס לעבן אַליין. לאָמיר זאָגן —

ראָזאַ רייסט איבער:

— דו חשבונסט שוין ווידער.

— פאַר וואָס דאָס נישט? דער לופט־באַלאָן איז אויך חשבון און גאַליליי האָט אויך געחשבונט און ראַציאָ — דאָס איז דאָך חשבון! באַנעמסטו דאָס נישט!

— אמת, ביסט גערעכט, פאָטער, חשבון איז אפשר אַלץ, אַפילו דער יסוד (ס'איז איר דערווייל שווער געוואָרן דאָס זיצן, דער פאַרשטייפטער פוס האָט גענומען דערקוטשען, אַ מאַטקייט האָט פאַרצויגן איר פּנים און זי האָט זיך אויפגעשטעלט. די מוטער האָט איר צוגעטראָגן איר געבעטן פאַטעל און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט). פרייהייט — דאָס איז אַ שמעטערלינג! און היינע זאָגט אין זיינע „פלאָרענטינישע נעכט", אַז שטודירן אַ שמעטערלינג קען מען נישט בשעת מען נאָגלט אים צו צום טיש, ער איז שוין דאַן אויס שמעטערלינג, פרייהייט וועסטו נישט אויסחשבונען!

דער פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך גלייך געמאַכט דאָס וועסטל, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געגרייט עס באַלד אויסצוטון און צעפירט מיט די הענט —

— איך וועל גיין שלאָפן.

דאַן האָט זיך ראָזאַ אויך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו איר טישלעדל און עפּעס פון דאָרט אַרויסגענומען. זי האָט עס צוגעטראָגן דעם פאָטער:

— ביטע, קוק זיך גוט דערין איין.

ס'איז אַ רעפּראָדוקציע פון גאָיאַס בילד „דאָס דערשיסן די אויפשטענדער". אַ טונקל בילד. אין הינטערגרונט זעט זיך דער שפּיץ פון אַ פאַרנעפּלטן קלויסטער. צופוסנס פון אַ באַרג ליגן קופּעס טויטע. אויף די קופּעס שטייט איינער אַ הויכער, שלאַנקער, מיט אַ געדיכט־ שוואַרצן קאָפּ האָר, אויפגעריסענע אויגן, אין אַ בלאַנק־ווייסן כאַלאַט, דעם האַלדז אַנטבלויזט, די הענט אויפגעהויבן און פאַנאַנדערגעשפּרייט און אונטערגעהאַלטן דורך עטלעכע טונקעלע געשפּענסטער. די ווייסקייט פון דעם צעשפּיליעטן כאַלאַט לייכט אויפן גאַנצן בילד, ווי אַן אַנטפּלעקונג, אַ מאַנונג, אַ רוף. פון דער ווייטנס, אין אַ ווינקל ליגט אַ קופּע פרויען מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן. אַממערסטן שלאָגט זיך אָפּ די ווייסקייט

פון כאַלאַט אויף די לאַנגגע און דינע לופּעס פון די ביקסן. די גוואַרדיסטן זענען הויכע, געזונטע, פעסטע, טונקעלע, זייערע פּנימער אונטער די טיפע הוטן זעט מען נישט אַרויס, מען זעט נאָר זייערע קעפּ איינגענורעט נעבן די ביקסן־צינגלעך, די לאַנגגע, די דינע לופּעס זעען אויס ווי שפּיזן, מען זעט נאָר דעם ווייסן כאַלאַט און זיין ליכטיקייט, וואָס שטראַלט אויס אויף די אויסגעשטרעקטע שפּיזן —

— אַט זע די פרייהייט! אַט הערסטו פון דעם, דעם ברויזנדן און שאַלנדן רוף צו פרייהייט! פריי—הייט!!

אין דער רגע איז געשען אַ מאָדנע קליינינקייט — דאָס גלעזל פון לאָמפּ האָט געפּלאַצט. אין דער שטוב איז פינצטער געוואָרן.

די מוטער האָט זיך הויך צעכליפּעט.

דער פאָטער האָט שווער געסאָפּעט.

אין מינוטן אַרום זענען לינאַ און עדוואַרד שוין געזעסן נעבן זיך נאָענט, אויפן קאַנט פון בעט, דאָס האָט זיי ראָזאַ דאָ אַוועקגעזעצט און זי האָט זיי ביידן געהאַלזט און געקושט. אירע טרערן האָבן גענעצט זייערע איידעלע, שוין געקנייטשטע געזיכטער.

משה גראָסמאַן

משה גראָסמאַן, וואַרשע, 1938

אין פאַרכישופטן לאַנד

אונטערערדישע אוניווערסיטעטן *

א

מיין ליבער חבר און פריינד!

עס קען זיין, אַז דו ביזט שוין מיד געוואָרן לייענענדיק די אַלע געשיכטעס וועגן ליידן, פּיין, טורמעס. עס זעט דיר שוין, אפשר, אויס — מאָנאָטאָן, ווייל דו מיינסט אַוודאי, אַז אַ תפיסה — איז אַ גרויע און איינטאָניקע זאַך. אַלע טאָג — די זעלבע גראַטעס, די זעלבע קאַמער, דאָס זעלבע עסן, די זעלבע שמועסן וועגן פרייהייט, בענקשאַפט, טרוימען. דאָס אַלץ איז שוין ביי דיר, אפשר, נישט קיין נייעס. דו מיינסט, אַז עס איז נישטאָ וואָס קיין באַזונדערס צו דערציילן.

ווייל איך דיר זאָגן, אַז דו ביסט אין טעות. דאָס תפיסה־לעבן איז שוין גראָד זייער אינטערעסאַנט: די סאָוויעטישע תפיסה — אַוודאי און אַוודאי. איך וויל דיר זאָגן נאָך מער:

מיר זעט אויס, אַז דער מענטש, וועלכער איז נישט געזעסן אין קיין רוסישער טורמע, האָט גאָר קיין אינטערעסאַנטעס אין לעבן נישט געזען. אַזוי, אַלנפאַלס, דוכט זיך מיר אויס.

דאָרט איז אַ גרויסער אוניווערסיטעט. איך וועל נישט איבערטרייבן זאָגנדיק, אַז דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע, באַלערנדיקסטע און נוצלעכסטע לעבנס־שולן. הלוואי זאָלן זיי שוין נישט זיין, הלוואי זאָל שוין דאָרט קיין איין „סטודענט" נישט זיין, דאָס איז מיין טיפסטער טרוים און באַגער. נאָר אויב דו ווילסט דערקענען אַלע שטאַפּלען פון לעבן, אויב ווילסט דערקענען און וויסן וואָס עס הייסט לעבנס־ווירקלעכקייט, אויב

---

* פון בוך „אין פאַרכישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי".

ווילסט דערקענען רוסלאַנד, די סאָוויעטישע אָרדענונג, מוזט דו זיין אין די דאָרטיקע תפיסות. שווער וועט דיר דאָס באַמיִען זיך, נישט אָנקומען... גיכער וועט דיר שווער אָנקומען דאָס אויסמיידן...

פּאַרפּאַלן, זעט אויס, אַז דורך הונדערטער יאָרן איז שוין אַזוי באַשערט געוואָרן, אַז ווען דו זאָגסט אַרויס דאָס וואָרט „רוסלאַנד", מוזטו גלייך צוגעבן דאָס וואָרט „טורמעס". אַן אומגליקלעך לאַנד און אַן אומגליקלעך פּאָלק.

שטעל דיר פאָר, מיין ליבער חבר, אַז אין דער טורמע, אין וועלכער מען האָט מיך איצט, אין מיטן נאַכט, אַריינגעפירט, די עטאַפּ־טורמע אין וואָלאָגדע, איז אַ געביידע, געבויט אין די צייטן נאָך פון יעקאַטערינאַ דער גרויסער. איך קום אַריין אין אַ זאַל מיט געוועלבטע מויערן, נישעס, שיפּע, געבויגענע קאָלומנעס ביים פענצטערל, סטיליזירט. איך קען דיר נישט זאָגן אין וואָס פאַראַ אַרכיטעקטאָנישן סטיל דאָס איז געבויט, ווי אַזוי מען רופט אים. עס קען זיין, אַז איידער עס איז געוואָרן אַ תפיסה, איז דאָרט אַמאָל געווען אַ מאָנאַרכן־אָרדן, אָדער אַ וויין־קעלער. סיי־ווי, צו דער אַרכיטעקטור האָט עס נישט. איך מיין, אַז עס איז גענוג ווי אַזוי עס הייסט היינט — וואָלאָגדער עטאַפּן־טורמע.

די ווענט דאָ זענען צעלעכערטע און נאַסע, פון סופיט טריפן פאַרזשאַווערטע טראָפּנס; דער דיל איז נאַס און צעלעכערט; עס לויפן אַרום פראַנק און פריי ברוינע און גרויע שטשורעס. דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל לייכט נאָר אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל דערזען דעם חושך. שמוץ, פייכטקייט און אומהיימלעכקייט. אין דער דאָזיקער קאַמער זענען דאָ, חוץ מיר, נאָך צוויי אַרעסטאַנטן.

זיי ליגן אויף דער הוילער ערד, אין אָנטועכץ, אָנגעשפּאַרט אויף די פויסטן. איך לייג מיר אונטער צוקאָפּנס מיין רענצל. נישט נאָר דאַרף איך עס ווי אַ קישן, איך מוז עס אויך צוהאַלטן, אַז מיינע חברים זאָלן מיר נישט צולקחנען די זאַכן.

איינער פון די אַרעסטאַנטן איז אַן אוקראַיִנער; דער צווייטער — אַ גרוזינער. דער ערשטער זיצט פאַר אַ מאָרד, געהרגעט זיין אייגן ווייב, געקראָגן דערפאַר 7 יאָר; דער צווייטער — פאַר קאָנטראַבאַנדע, געקראָגן

8 יאָר טורמע. ביידע זענען זיי היינט אַרויס פון משוגעים־הויז ביי דער תפיסה. אָפּגעווען דאָרט צוויי חדשים, איצט האַלט מען זיי שוין פּאַר אויסגעהיילטע און מען האָט זיי היינט צוריקגעבראַכט אין טורמע. פון דאַנען וועט מען זיי צוריקשיקן אין לאַגער אַריין, פון וואַנען מען האָט זיי געבראַכט.

זיי ביידע דאַרפן שוין זיין נאָרמאַל. נאָר ביידע דערציילן זיי זיך מיט געלעכטער, ווי זיי האָבן אָפּגענאַרט דעם שפּיטאָל־וועכטער און געגעסן מענטשלעכע צואה. מיט דעם זעלבן האָבן זיי אויך מכבד געווען זייערע חברים, עס געוואָרפן צו זיי אין עסן.

דער גרוזינער איז נאָך גישט אַלט קיין דרייסיק יאָר, האָט אַ חנוודיק געזיכט, גליענדיקע, גלוסטיקע אויגן, עלעגאַנטע, שוואַרצע וואָנסעלעך און אַ קאָפּ מיט געדיכטע, סאַמעט־שוואַרצע האָר. ער האָט אַפילו ביי זיך אַ שפּיגעלע און קוקט יעדע פּאָר מינוט דערין אַריין. די צוויי נישט־דער־לויבטע זאַכן, אַ שפּיגעלע און האָר, דאָס — זאָגט ער — האָט ער זיך אויסגעקעמפּט מיט אַ פּאַרטל: ווער פון די וועכטער גייט צו אים צו נענטער, בייסט ער אים די הענט, שפּייט אין פּנים, אָדער פּאַרפּאָרט מיט די פינגער אין די אויגן אַריין. דער אוקראַינער לאַכט הייזעריק און שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף יאָ, עס איז אַלץ אמת, ער איז אַן עדות.

דער גרוזינער זינגט זיינע נאַציאָנאַלע בענקשאַפט־לידער. ער זינגט ווי אַ געבוירענער אַרטיסט. דאָס אַלץ איז אין מיטן־נאַכט, ווען מען טאָר דאָס מויל נישט עפענען. די שליסער קלאַפּן אין טיר, מען זאָל אויפהערן זינגען, אָבער דאָס נאָר אויף יוצא־וועגן, ווייל זיי שטייען אַליין דאָרט הינטער דער טיר און הערן זיך צו צו זיינע לאָקנדיקע מזרח־ניגונים.

איך עפן מיין רענצל און נעם אַרויס אַ העמד צום איבערטון. דער אוקראַינער דערזעט מיינס אַ היטל. איך זאָל עס אים אַוועקשענקען. ניין, איך קען נישט, כ׳מוז עם האָבן אויף פרילינג, זומער. איך וועל דאָך דעמאָלט נישט טראָגן דעם ווינטער־הוט מיט פוטערנע אויערן.

— וואָס? ביז פרילינג? דו וועסט נאָך דערלעבן ביז פרילינג? קוק אָן דיין פּנים! אָדער מען האָט עס איצט אַרויסגענומען פון קבר, אָדער מען וועט עס אין גיכן לייגן אין קבר!

איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, דאָס היטל אים נישט געגעבן. שלאָפן טאָר איך סיי־ווי נישט — צווישן צוויי משוגעים! זיי קענען מיך דער־שטיקן אויך. איך האָב אָבער, זעט אויס, פאָרט געכאַפּט אַ דרימל. זיי האָבן מיך נישט דערשטיקט, נאָר בלויז אַרויסגעגנבעט דאָס היטל און אַ פּאָרל שמוציקע זויעס.

אין דער פרי האָט מען געפירט אין באָד אַריין, און נאָך דעם איבער־געשיקט אין אַן אַנדער קאַמער. זי איז אַ סך קלענער ווי די פריִערדיקע, נאָר דערפאַר שוין מיט 40 אַרעסטאַנטן.

די אַרעסטאַנטן האָבן מיך אַנגענומען פאַר אַ קופּיעץ (סוחר). זיי פרעגן מיך מיט וואָס איך האָב שפּעקולירט. איך ענטפער:

— מיט פרייהייט. איך האָב מיר געוואָלט אויסשפּעקולירן פרייהייט.

עס געפעלט זיי. נעמען מיך אַריין אין מיטן, גיבן אָפּ אַן אָרט צווישן זיך אויפן דיל, וווּ אַלע זיצן אין אַ קרייז, אויפן מזרח־שטייגער, די פיס אונטער זיך. איינער דערציילט אַלעקסאַנדער דיומאַס אַ שפּאַנענדן ראָ־מאַן. זיי הערן נייגעריק און אויפמערקזאַם.

איך זע פאַר זיך יונגע מענטשן. עטלעכע־צוואַנציק־יעריקע, מיט טרוימעריש־טראַציקע אויגן, אויסגעבלייכטע פּנימער, אַרומגעזוימט מיט קליינע, ווייכע בערדלעך, ווי זיי וואָלטן זיין קאָפּיעס פון יעזוסן, אָדער פון די רעוואָלוציאָנערע סטודענטן אין יאָר 1905.

איינער פון זיי האָט זיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט — אַ פּוילישער פּעדאַגאָג פון קיעוו. ער איז אַנטלאָפן פון לאַגער. ער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער, מען האָט אים געכאַפּט, אַ פּויער האָט אים פאַרהאַלטן. דער פּויער קריגט דערפאַר באַלוינונג 50 רובל. אַ צווייטער איז פּראָפעסאָר אין אַ פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין אוקראַינע. ער איז נאָך אַ יונגער מענטש. מען האָט אים אַרעסטירט פאַר אוקראַינישן נאַציאָנאַליזם.

דאָ, אין דער תפיסה, זיצט מען נישט לאַנג, נאָר עטלעכע טעג, עס איז אַן עטאַפּ־טורמע, מען צעשיקט אין די לאַגערן, אין אַנדערע טורמעס.

מען דערלאַנגט אַריין די „באַלאַנדע" (וואַסערדיקע זופּ, יושקע). דער פּוילישער פּעדאַגאָג זיצט שוין נעבן מיר. ער זעט, אַז איך קען נישט

עסן די זופּ. איך זאָל זי אים אָוועקשענקען. דער פּראָפעסאָר האָלט אָבער, אַז איך דאַרף עס צעטיילן צווישן זיי ביידן. זיי קומען דורך. איצט זע איך, אַז דאָס עסן אין דער באַן־ג. ק. וו. ד. איז געווען אומפאַרגלייכלעך בעסער. די „באַלאַנדע" עיפּושט פּשוט. דער פּעדאַגאָג וויצלט זיך:

— אַן אַרעסטאַנט איז נישט קיין חזיר, ער עסט אַלץ אויף.

מען פירט אונדז אַלע אַרויס אויף שפּאַציר, אין אַ הויפל. עס איז מחיהדיק. 41 מענטשן גייען געגנדזן־טריט, די הענט פאַרלייגט אויף אַהינטער. עס איז היימלעך. דער וועכטער, וואָס גיט אַכטונג, שטייט שוין דאָ אויף אַ טורעם. דאָ וועט ער שוין אויף איינעם נישט שיסן.

דער הילצערנער פּלויט אין דעם הויפן איז פול מיט אויפשריפטן, אין אַלע שפּראַכן. יעדער אַרעסטאַנט, ביים דורכגיין, גיט אַ שרייב אַן אות, אַ וואָרט, ביים צווייטן מאָל אַרומקרייזן — נאָך אַ וואָרט, ביז ער שרייבט נישט אויף זיין נאָמען, ס׳רוב איניציאַלן, אָדער פּסעוודאָנים (מען זאָל אים נישט קענען דערפאַר זעצן אין קאַרצער אויף 5־10 טעג), פּאַ־ראַגראַף, אורטייל, דאַטע, צוגעשריבן דאָס איינע וואָרט „פּריוועט!" (גרוס) אָדער „פּראָשטשאַי!" (זיי געזונט).

חוץ רוסיש, אוקראַיניש, פּויליש, זענען אויך דאָ פאַרטרעטן די מזרח־שפּראַכן, געשריבן פון רעכטס אויף לינקס. איך געפין אַ יידישע אויפ־שריפט. דאָס איז שוין נישט נאָר אַ נאָמען מיט אַ גרוס, נאָר אַ קליין אַרטיקעלע. ווי אַזוי האָט יענער געהאַט צייט אין די 20 מינוט שפּאַצירן דאָס אַלץ אָנצושרייבן? בלייפעדערס האָט, זע איך, כמעט יעדער אַרעס־טאַנט, כאָטש עס איז שטרענג פאַרבאָטן. נאָך עטלעכע הקפות איבערן הויף האָב איך שוין איבערגעלייענט דעם גאַנצן יידישן אויפשריפט. איך דערקען אַפילו וועלכע צייטונג יענער האָט אַמאָל געלייענט. ס׳איז גע־שריבן מיט דער „היינט"־אָרטאָגראַפיע, יעדעס וואָרט איז דאָ אויפגעשריבן גרוים, דייטלעך, באַלעבאַטיש:

„אידען! מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פאַס מיט סמאָלע! עס איז שוואַרץ, עס בריט און איז קלעפּיק. געוואַלד, געוואַלד, ווען וועט מען פונדאַנען אַרויס?!".

עס איז אונטערגעשריבן דער פולער פאַר־ און פאַמיליע־נאָמען, דער

אַדרעס פון דער אַלטער היים, וואַרשע, טוואַרדע־גאַס, נומער 16. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קאַרצער, ווייל יידישע טורמע־וועכטער זענען, זעט אויס, דאָ נישט פאַראַן. מען וועט עס נישט קענען איבערלעזן.

פאַר מיר איז די אויפשריפט געווען אַ וואַרעמער, חברישער האַנט־דרוק. איך דערזע שוין ווידער וואַרשע, די טוואַרדע־גאַס, דעם „היינט" די יידישע צייטונג־לעזער. איך טרייסט מיך — עס איז שוין דאָ געווען נאָך אַ ייד אויף דעם הויפל, אין דער טורמע. בין איך דאָ נישט איינער, וועל איך אפשר אין ווייטערדיקן וועג נאָך אָנטרעפן יידן אויך. דאַן איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, דאַן איז שוין אַ סך לייכטער. נאָר ווי טרעפט מען שוין אַ ייד?!

ב

איינער פון די סאָציאַל־שעדלעכע עלעמענטן (נישט פאַרמישן מיט דער קאַטעגאָריע „סאָציאַל־געפערלעכע" עלעמענטן. דאָס איז אַ „העכע־רע" מדרגה) איז געווען אַ יאַט, 16 יאָר אַלט, כמעט אין גאַנצן טויב, הערט קוים־קוים וואָס מען רעדט צו אים, הערט שוואַך יעדן קלאַנג, חוץ איינעם — דעם סיגנאַל פון אַ באַן־לאָקאָמאָטיוו. עס איז ביי אים אַזאַ קרענק: ער אַרבעט־אָפּ אין פאַבריק עטלעכע וואָכן, גייט רויִק פון דער אַרבעט איבער דער גאַס און ווען ער דערהערט פּלוצים אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, לאָזט ער זיך לויפן צום וואָקזאַל. ער לויפט אַרויס אויפן פּעראָן און לאָזט זיך אַריין אין דער ערשט־בעסטער באַן וואָס גייט דורך. ער גייט אַראָפּ ערגעץ אויף אַ סטאַנציע, שטעלט זיך ווידער ערגעץ אַר־בעטן. אין עטלעכע וואָכן אַרום, אַ מאָל נאָר דורך עטלעכע טעג, ווי ער דערהערט נאָר דעם ערשטן סיגנאַל פון אַ צוג, איז ער שוין ווידער דאָרטן.

מען האָט אים אַרעסטירט אויפן מאָסקווער וואָקזאַל. ער האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין שום דאָקומענטן, נישט געווען אין ערגעץ איינגע־מאָלדן, האָט מען אים פאַרמשפּט אויף פינף יאָר.

דיאַדיאַ וואַניאַ באַפעלט אים איצט, פאַרן עטאַפּ, אויסצובאַהאַלטן דאָס

פעשל קאַרטן, דער טויבער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. דיאַדיאַ וואַניאַ דערלאַנגט אים אין די ציין. עס פּועלט.

אויף דער רעוויזיע פירט מען אַרויס אין אַ באַזונדערן גרויסן האָל, פּאַרטיעסווייז, צו צען מאַן. די וועכטער טראָגן ספּעציעלע פּאַרטעכער, אָן טאַשן, פאַרבונדן אויף הינטן, זיי זאָלן בעת דער רעוויזיע נישט קענען צוגנבענען עפּעס פון די אַרעסטאַנטישע זאַכן. די טירן אַרום זענען אָפן. אין האָל איז אַ שטיינערנער דיל, דער פראָסט גליט. עס איז שוין מיטן נאַכט. מיר שטייען אויסגעטון נאַקעט און וואַרטן אויף דער ריי. די רעוויזיע איז אַ גרינטלעכע. יעדער איינער דאַרף דורכמאַכן די פאַרשידנסטע איבונגען. בייגן דעם קערפּער אויף אַלע זייטן, אַראָפּ און אַרויף, אונטערהייבן די פיס. מען זוכט אונטער דער צונג, אין די אויערן, אונטער די אָרעמס. פיינלעך איז דעמאָלט, ווען זיי הייבן אָן זוכן אין דער צווייטער, נידעריקער טייל פון קערפּער. אָט גייט ער צו פון הינטן, באַפעלט ווידער זיך אָנבייגן און זוכט... אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר פון צווייטן האָל. דאָרט שטייען אַזוי אין דער זעלבער פּאָזיציע נאַקעטע פרויען־אַרעסטאַנטקעס און עס אונטערזוכן זיי וועכטערינס.

איך ווייס נישט פאַר וואָס עס האָט זיך מיר גראָד אין דער רגע, שטייענדיק אין דער דאָזיקער פּאָזיציע, דערמאָנט דער אַלטער ויכוח וואָס איז יאָרן־לאַנג געפירט געוואָרן צווישן די שרייבער וועגן —

פּראָלעטאַרישער קונסט, פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור!

און נאָך עפּעס האָט זיך מיר דערמאָנט אין דער רגע. דער גרויסער שריפטשטעלער, עכטער הומאַניסט, „דאָס געוויסן פון אייראָפּע", דער, וואָס האָט מיטגעהאָלפן און סימפּאַטיזירט מיטן סאָוויעטישן רעזשים, דער גרויסער — ראָמען ראָלאַן!

איך האָב, ווייזט אויס, זיך צופיל פאַרגאַפט, ווייל אַ קאָפּע מיט אַ שטיוול אין מיין לייב אַריין האָט מיך דערמאָנט, אַז איך מעג זיך שוין אויסגלייכן, אַז די קערפּער־אונטערזוכונג איז שוין געענדיקט. אַ שאָד וואָס איך האָב נישט באַוויזן צו דערטראַכטן ביזן סוף מיינע געדאַנקען וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און ראָמען ראָלאַן. איך וואָלט גערן, אין דער פּאָזע, אַזוי צוגעלאָפן צו דער גרופּע שרייבער, די פאַר־

טיידיקער פון „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור” און וואָלט זיי געזאָגט איצט מיין וואָרט אין דעם איידעלן ויכוח. איך וואָלט אויך אַהינגעלאָפן איצט צום מחבר פון „זשאַן קריסטאָף” און „פאַרכישופטע נשמה” און ביי אים געפרעגט אַצינד זיין מיינונג וועגן דעם הויכן ענין.

נאָך מיר איז געקומען די ריי אויף דיאַדיאַ וואַניאַ. ער נעמט זיך קנאַפּ איבער מיט דער לייב־אונטערזוכונג. האָט אויך נישט מורא פאַר באַטשאַלסטווע. ווען דער אונטערזוכער הייסט אים איינבייגן דעם קערפּער, טוט ער דאָס געהאָרכזאַם, נאָר זאָגט דערביי:

— קיין פּולעמיאָט וועסטו דאָרט נישט געפינען!

מען באַזוכט דעם טויבן בראָדיאַגע. מען הייסט אים אַפילו פאַנאַנדערנעמען די פינגער. אַ רגע פריער האָט ער נאָך געהאַט דאָס פּעשל קאָרטן. ווי דורך אַ פאַרבלענדעניש איז עס גלייך פון אים פאַרשווונדן און דיאַדיאַ וואַניאַ האָט עס שוין אונטערן אָרעם.

מען האָט שוין אַלעמען אַרויסגעפירט אויפן הויף, אויך צוויי פרויען. איינע איז מיט אַ צוויי־וואָכיק קינד אויף דער האַנט. זי האָט עס געבוירן אין תפיסה־שפּיטאָל. די פרוי איז פאַרמשפּט בסך־הכל אויף איין יאָר, פאַר אַ קליינער גנבה. זי האָט געאַרבעט אין אַ בעקערײַ. ביים אַרויסגיין פון דער אַרבעט האָט מען אין איר בוזעם געפונען עטלעכע טייגלעך אויף זעמעלעך.

איצט באַפעלט מען אונדז אַנידערקניִען. די קאָנוואָיערן האַלטן די ביקסן געלאָדן, אַרויפגעזעצט די באַגנעטן. מען רופט אויס אונדזערע נעמען. מען ציילט אונדז עטלעכע מאָל הין און צוריק. זיי זענען זיך כסדר טועה אין ציילן. עס דויערט עטלעכע שעה. מיר דאַרפן דורך דער צייט שטיין אויף די קני.

מיין רענצל האָב איך מיט זיך. די טעקע, אין וועלכער עס ליגט אַ האַנטעך, וואַרעם־פלאַש, עלעקטריש טאַשן־לעמפּל, ראַזיר־מכשירים, זייף, פאָדעם — דאָס טאָר איך ביי זיך נישט האַלטן. דער עטאַפּ־קאָמענדאַנט האָט דאָס איבערגענומען פון דער אַדמיניסטראַציע און גיט מיר דערויף אַ צעטל.

דער קאָמענדאַנט חזרט איבער עטלעכע מאָל דעם באַפעל:

— אַ טראַט אויף רעכטס, אַ טראַט אויף לינקס, אַ טראַט צוריק — ווערט גערעכנט אַלס אַנטלויפן! אַן וואָרענונג — דערשאָסן!

עס טאָגט שוין. איצט פירט מען אונדז צו דער באַן. די צוויי הונדערט אַרעסטאַנטן ווערן באַגלייט פון פופציק קאָנוואָירן און אַכט אָווטשאַרקע־הינט.

איצט טראַכט איך וועגן גאָרנישט. דער גלאַנץ פון באַגנעטן שפּיזלט אין די אויגן. די ביקסן־רערן זעען מיר אויס ווי ראַדיאָ־הילכערס, וועלכע וואָרענען און אַלאַרמירן:

— אַ טראַט אויף רעכטס, אַ טראַט אויף לינקס, אַ טראַט צוריק — אָן וואָרענונג דערשאָסן!

ג

אַנדערטהאַלבן מעת־לעת האָט געדויערט דאָס פאָרן ביז אַרכאַנגעלסק. מיר זענען געפאָרן אין אַ „סטאָליפינקע" — אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, צו־געטשעפּעט צו אַ פּאַסאַזשיר־צוג.

פאַרן איינשטייגן אין צוג זענען מיר נאָך אָפּגעשטאַנען אויפן פּעראָן אַ שעה צייט, אויך אויף די קני. מען האָט נאָך עטלעכע מאָל אויסגערופן די נעמען און געציילט.

די פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען דאָ אויסגעשטיגן פונעם מאָסקווער צוג, טייל אין פוטערנע שובעס, פוטערנע היטלען און ווייסע פילץ־וואַ־ליקעס — מסתמא אַלץ העכערע באַאַמטע, נאַטשאַלסטווע, זיי זענען פאַר־בייגעגאַנגען פאַר אונדז רויִק, גלייכגילטיק, נישט אויסדרייענדיק אַפילו די קעפּ אין אונדזער זייט. דאַקעגן די פרויען האָבן געקוקט אויף אונדז מיט מיטלייד, אַרויסגעוויזן אומרויִקייט און איבערגעשראָקן אָוועקגע־איַילט. צוגיין צו אונדז נאָענט טאָר מען נישט, די קאָנוואָיען שטייען אַרום אַלע זייטן און האַלטן אויסגעשטרעקט די ביקסן.

אין יעדער קופּע זענען איינגעאָרדנט צוויי פּאַכן. די וואָס ליגן אויף דער העכסטער פּאָליצע, מוזן ליגן מיטן קאָפּ צום פאַרקראַטעוועטן פענצ־טער, אויף דער פּלייצע, נישט באַוועגן זיך, נישט אויסדרייען דעם קאָפּ צום אַרויסקוקן.

יעדע עטלעכע שעה בייט מען איבער דעם פּלאַץ. דאָס איז דווקא נישט שלעכט. ביי יעדן מאָל טרעפט מען זיך מיט נייע אַרעסטאַנטן. איך האָב שוין געוואָלט פּטור ווערן פון מיינע ערשטע שכנים אויף דער אויבערשטער פּאָליצע, די „אורקעס״ (גנבים) מיט זייער אַנפירער דיאַדיאַ וואַניאַ. אַזוי ליגנדיק האָבן זיי געשפּילט אין קאָרטן און אין קאָן איז שוין ביי זיי געשטאַנען מיין מאַנטל. אַלע האָבן זיי געטראָגן פּוילישע סוועטערס, הויזן, מאַרינאַרקעס, צוגענומען אין די קאַמערן ביי די פּוילישע אַרעס־טאַנטן (מיינסטנס ביי פּוילישע יידן). זיי האָבן שוין געהייסן מיך אויסטון דעם מאַנטל, ווייל איינער פון זיי האָט אים שוין געוווּנען אין קאָרטן־שפּיל. אויב איך וועל זיי גלייך נישט געבן, וועל איך קריגן אַ „גאָפּל״. דאָס הייסט, מיט צוויי פינגער מיר אויסדלאָביען די אויגן.

אין מיטן דער אַמפּערניש זענען אַריינגעקומען די קאָנוואָיערן אויף איבערזעצן מיך אין אַ צווייטער קופּע.

ביים אויסרופן דעם נאָמען, געבורט־אָרט, דאַטע, באַשולדיקונג־פּאַ־ראַגראַף, אורטייל — בין איך ערשט איצט געוואָר געוואָרן, אַז איך בין אין אויספאָרשונג־סטאַדיע, פּאַראַגראַף 82 — דאָס הייסט, פאַר וועלן אַנטלויפן פון טורמע, פאַרשיקונג, אָדער איבערלויפן די גרענעץ. אַז אין מיין אַרעסטאַנטן־צעטל איז צוגעשריבן מיט רויטער שריפט, אַז איך גע־הער צו דער קאַטעגאָריע „סאָע״ (סאָציאַל־געפערלעכער עלעמענט). דער קאָנוואָיער, ביים אויסלייענען מיין צעטל, סומירט מיין פאַרברעכן מיט דער קורצער פאָרמולע:

— שפּיאָן!

און הייסט מיך אַריינפירן אין דער אָפּטיילונג פאַר שפּיאָנען.

איך האָב ווייניק געלעזן דעטעקטיוו־ראָמאַנען און נישט געזען קיין קרימינעלע פילמען. דאָס וואָרט „שפּיאָן״ איז פאַר מיר געווען אַן אַב־סטראַקציע, עפּעס אַ מענטש מיט הערנער. און אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזאַ שרעקלעכע זאַך, גאָרנישט קיין אַבסטראַקציע. וואָרום, אָט בין איך, דער שטענדיק־איבערגעשראָקענער, וואָס האָב נאָך אין די גוטע יאָרן, אין פּוילן, אויסגעמיטן צו שטיין נאָענט לעבן אַ פּאָ־ליציאַנט, אָט בין איך אַליין טאַקע אַ שפּיאָן.

ביים איבערגיין אין דער צווייטער קופעי־קאַמער, באַזוכט מען מיך נאָך אַ מאָל. האָט ער ביי מיר געפונען די קוויטאַנציע אויף מיין טעקע. ער האָט זי צוגענומען: איך טאָר ביי זיך נישט האַלטן קיין שום דאָקו־מענט. די טעקע, זאָגט ער, וועל איך קריגן אָן דער קוויטאַנציע.

איך זיץ שוין איצטער אויף דער אונטערשטער באַנק מיט נאָך עלף חברים פון דעם זעלבן באַרוף — „שפּיאָנען". צען פון זיי זענען פון דער נאָרמאַלער, גרויער קאַטעגאָריע — קאָמוניסטן, וועלכע זענען אַ מאָל אַנטלאָפן פון רומעניע, ליטע, לעטלאַנד, פינלאַנד. געוואָלט אַריבער קיין סאָוויעט־רוסלאַנד און מען האָט זיי געכאַפּט אויף דער גרענעץ. עטלעכע זענען דאָ, וועלכע ווײַנען שוין אין סאָוויעט־רוסלאַנד זינט דעם יאָר 1922. זיי זיצן שוין עטלעכע יאָר און האָבן באַקומען דעם באַזונדערן „פּ. ש." (פּאַרדאַכט אין שפּיאָנאַזש). ביי עטלעכע איז שוין דער פּאַראַ־גראַף אַ בולטער 6־58, דאָס הייסט שוין נישט פּאַרדאַכט, נאָר שוין זיכע־רע...

דער עלפטער איז אַ כינעזער. דאָס גאַנצע פּנים איז אים געשטופּלט מיט פּאָקן־לעכלעך, אַזוי אויך די נאָז און אַפילו די אויגן־לעדלעך. די הויט אויפן פּנים איז אַ רויט־בלויע, ווי אָפּגעבריט אָדער אָפּגעשונדן. ער פאַרשטייט נישט און קען נישט רעדן קיין איין רוסיש וואָרט, חוץ „דאַ".

— „טי שפּיאָן?" (ביזט אַ שפּיאָן?).

ציט ער נאָך מער איין דאָס געלעכערטע פּנים, ענטפערט מיט אַ מאָדנעם געלעכטערל, וואָס איז גיכער ענלעך אויף אַ חיהש געוויין:

— „דאַ־דאַ־דאַ!" (יאָ־יאָ־יאָ).

דער קאָנוואָיער ענטפערט־אָפּ מיט אַן אַלוויסנדיק, איראָניש, גע־לעכטערל:

— „טי כיטרי" (ביסט אַ קלוגעטשקער).

מען האָט אים געכאַפּט אויף דער גרענעץ ביי אַריבערקומען פון דער כינעזישער זייט.

ביים צווייטן מאָל איבערזעצן אין אַן אַנדערער אָפּטיילונג, האָב איך אָנגעטראָפן אַ פּוילישן פּריץ און אַן אוקראַינישן היסטאָריקער. דער פּריץ שוועץ, מיט אַ פּאַרוואַקסענער, געדיכטער, קופּער־רויטער באָרד, איז

שוין, זעט־אויס, אַ ביסל געריירט פון זינען. ער איז געווען פאַרשיקט מיט זיין ווייב און צוויי טעכטער אויף אַ פּאָסיאָלעק, איז ער פון דאָרט אַנט־לאָפן פון פאַרשיקונג. ער האָט נאָך געוואָלט פאַרברענגען עטלעכע וואָכן אין וואַלד, כדי דאָרטן זיך אַנצועסן. ער ווייסט פון אַזעלכע געוויקסן אין וואַלד, וואָס מאַכן פולקאָם זאַט און ער האָט געוואָלט עטלעכע וואָכן לעבן אין זעטיקייט. ער האַלט, אַז די בעסטע זאַך אין דער וועלט איז — עסן!

ווען מען האָט דערלאַנגט דעם עטאַפּ־פּאַיאָק, 800 גראַם ברויט, פיר צוקערלעך און צוויי הערינג, האָט שוועץ דאָס אויפגעגעסן מיט איין מאָל. און נישט נאָר וואָס ער האָט אונטערגעהאַלטן דאָס היטל ביי יעדן איינעם, וואָס האָט געגעסן, די קרישקעלעך זאָלן אים אַריינפאַלן, נאָר אויך די הויט, וואָס מען האָט אָפּגעשיילט פון די הערינג, האָט ער אויפגעגעסן.

דער אוקראַיינישער פּראָפעסאָר האָט אויף דעם געזאָגט:

„דער מענטש איז אַ באַגאַבט באַשעפעניש. אַ חיה קען קיין מאָל נישט ווערן אַ חיה — אָט קוקט אָן דעם גוט־באַזיצער שוועץ!”..

דער היסטאָריקער האָט געהאַט ביי זיך קיכלעך און אַלעמען דאָס צעטיילט. שוועץ האָט אויך באַקומען צוויי קיכלעך. ער האָט זיי געהאַלטן פאָרזיכטיק אויפן האַנט, נאָענט צו די אויגן, לאַנג אין זיי זיך איינגעקוקט, ביז די אויגן האָבן זיך אים פאַרטרערט. דאַן האָט ער אַ זאָג געטון:

„זייט געזונט, טייערע קיכלעך!”

און זיי מיט אַ מאָל אַריינגעוואָרפן אין מויל אַריין.

דער היסטאָריקער פאָרט איצטער פון דער לוביאַנקער טורמע אין מאָסקווע. יעדער אַרעסטאַנט, וועלכער האָט נאָר געלט, קען קריגן צו קויפן דאָרטן יעדע צוויי וואָכן, חוץ ברויט און מאַכאָרקע, אויך קיכעלעך. דאָרטן איז אַ מוסטער־טורמע. זי איז שיין איינגעאָרדנט, ווערט אַ מאָל אויך באַוויזן פאַר אויסלענדישע באַזוכער. ער איז צופרידן, דער היס־טאָריקער, וואָס מען שיקט אים איבער אין אַ צווייטער טורמע. די אויס־לענדישע באַזוכער זעען נאָר דאָרטן די שיינע געביידע, ריינע קאַמערן און פריש בעט־צייג. זיי ווייסן אָבער נישט וועגן דעם, אַז דורך דריי טעג גיט מען אונדז צו עסן בלויז הערינג, און גלייכצייטיק פאַרמאַכט מען אין זיין קאַמער דעם וואַסער־קראַן אויף דריי טעג (בעת דער אויספאָר־

שונג), זיי, די אויסלענדישע באַזוכער, זעען אויך נישט דעם „קאָנוווערט".

דריי מאָל איז דער אוקראַינישער פּראָפעסאָר אָפּגעשטאַנען צו צוויי שעה אין דעם „קאָנוווערט". מען האָט אים נאָך דעם געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין. ער גיט צו פאַרשטיין די טעכנישע פּרטים פון דער איינ־אָרדענונג. דאָס איז אַזאַ שמאָל, פאַרמאַכט קעסטל, מיט אַן עפענונג בלויז פאַר דעם קאָפּ און ביי דער ברוסט. דאָרטן ווערט מען אַריינגעשטעלט. דורך דער „ברוסט־שפּאַלט" ווערט אַריינגערוקט אַ פלאַכע, אייזערנע לאָפּאַטע, וואָס דריקט־אָן אויפן האַרצן און פאַרהאַלט דעם אָטעם. יעדע מינוט ווערט עס צוריק אַרויסגעצויגן און מען פרעגט דעם אַרעסטאַנט:

„נו, וועסט אויסזאָגן דעם אמת?"

זאָגט ער נישט דאָס געווינטשטע, ווערט ווידער אַריינגערוקט די לאָפּאַטע און מען קוועטשט ווידער אויפן האַרץ.

דער פריץ שוועץ קען זיך נישט איינהאַלטן:

„אָבער מען גיט דאָך נאָך דעם קיכעלעך!"

אין דעם צוג איז היפּש אָנגעהייצט. מען מוז פון זיך אַראָפּוואַרפן דאָס אָנטועכץ, כאָטש עס איז חודש יאַנואַר, אויפן וועג צו צפון. ערגער איז מיט דעם דורשט. די הערינג ברענען־אויס די אינגעווייד. וואַסער קריגט מען נאָר דריי מאָל אין טאָג. נאָכהער קומט ווידער אָן שווער מיטן גיין אין קלאָזעט.

און ווי יעדעס מאָל, ווען מען פאַרענדיקט אַ רייזע און מען דער־גרייכט דעם ציל, אַזוי האָבן מיר זיך אויך שוין דערפרייט, ווען מיר האָבן דערגרייכט אונדזער „ציל" — די אַרכאַנגעלסקער עטאַפּן־טורמע.

ד

איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז מעלאָמאַנען, ליבהאָבער פון דער ערנסטער, קלאַסישער מוזיק, ספּעציעל נאָך די ליבהאָבער און פאַרערער פון בעטהאָווען, זענען מענטשן פון אַ באַזונדערער קאַסטע, געמיינזאַמער פּסיכיק. איינער דעם צווייטן דערפילט בעסער, פאַרשטייט אים אַפילו אָן ווערטער. מיך האָט זייער פאַרדראָסן, ווען איך האָב זיך באַדאַרפט איצט דעריין אַנטוישן. איך האָב געוויטיקט דערביי, פונקט ווי ביי יעדער אַנ־

דערער אַנטוישונג. מיין איצטיקער סליעדאָוואַטעל קאַלאַשניקאָוו, האָט גראָד זייער ליב בעטהאָווענען.

און ער וויל דווקא, אַז איך זאָל וואָס מער און מערער רעדן. דריי מאָל האָב איך שוין דאָ אָנגעשריבן דורך איין נאַכט מיין ביאָגראַפיע, יעדעס מאָל האָב איך באַדאַרפט שרייבן אין אַן אַנדער שפּראַך — רוסיש, פּויליש און דייטש. עס מאַכט נישט אויס וואָס איך שרייב רוסיש און דייטש מיט פעלערן. אָבער דאָס איז אים נאָך אַלץ ווייניק. איך זאָל וואָס מער רעדן און דערציילן וועגן מיין פאַמיליע־לעבן, וועגן מיינע שרייבע־רישע אַרבעטן, וועגן מיינע באַגעגענישן מיט באַקאַנטע, עפּיזאָדן, פּאַסי־רונגען. איך זאָל נאָר האַלטן אין איין רעדן און רעדן.

ער פאַרשטייט דווקא גאָרנישט, ער שניצט אַ בלייפעדער אָדער פּיילט די נעגל. ער האָט שוין גערעדט מיט מיר וועגן ליטעראַטור און מוזיק, וואָס איך האָב געלעזן פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור. וועגן דעם שריפטשטעלער פּאַנטאַלעי ראָמאַנאָוו האָט ער אַפילו נישט געהערט. ער ווייסט אויך נישט דעם באַדייט פון דעם וואָרט „סאַנטימענטאַלני". ער זוכט דאָס אין ווערטער־בוך. נאָר ער איז זייער מוזיקאַליש, פאַרגעטערט בעטהאָווענען.

קאַלאַשניקאָוו איז יונג, שיין, הויך, שלאַנק, מיט אַן אויסגעאיידלט, אַפילו סובטעל פּנים. אָפט מאָל רייסט ער מיר איבער אין מיטן רעדן און קלינגט דורכן טעלעפאָן צו זיין געליבטער. ער זאָגט איר די צאַרטסטע ליבע־ווערטער. לויבט איר שמייכל, איר פיגור און באַזונדערע קערפּער־טיילן.

געענדיקט דעם טעלעפאָן־שמועס, זעצט ער זיך אַוועק ביים פענצטער און נעמט ברומען אַ מאָטיוו פון בעטהאָווענס זעקסטער, פּאַסטאָראַל־סימ־פאָניע. ער זינגט איצט דאָס וואונדערלעכע לויב־געזאַנג פון די שניטער נאָך דעם געוויטער־שטורעם. ער באַגייסטערט זיך מיט דער מעלאָדיע, שפּאַצירט שוין הין און צוריק איבערן צימער. ער זעט ווי איך הער זיך אויפמערקזאַם איין צו זיין געזאַנג, אָבער פּלוצלינג רייסט ער איבער דאָס זינגען און גיט מיך שנעל אַ פרעג:

— ווי אַזוי זעט אויס די פעסטונג פון סמאָלענסק?

איך האָב זיך פאַרלוירן. מיך האָט פאַרקלעמט שרעק. עס האָבן זיך געשפּאַרט טרערן אין די אויגן. ער מינטערט מיך, שרייט און חזרט ווידער איבער זיין פראַגע. איך האָב אים שטיל צוריקגעענטפערט מיט אַ פראַגע:

— פאַר וואָס זינגט איר בעטהאָווענען?

ווערט ער צוריק גוט. ער האָט שוין צוריק אַרויפגעצויגן זיין קינדישן שמייכל אויף די ליפּן. ער רעדט שוין מיט מיר ווידער פריינדשאַפטלעך:

— מענזשינסקי, דער פירער פון דער „געפּעאו", איז געווען אַ געוואַלדיקער און ליידנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון מוזיק.

אין דער צווייטער נאַכט האָט ער געפּרווט פון אַן אַנדער זייט:

איך זאָל אים אויסמשלען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען מיין פרוי, מיין טעכטערל. ווען איך פּרווו, אין קאַרגע ווערטער, אויסמיידנדיק, עפּעס אים זאָגן וועגן דעם, כאַפּט ער שנעל אַרויס פון די אַקטן אַ פאָטאָ פון מיין פרוי און קינד און ווייזט זי מיר פון דער וויטן:

— אַ וווּנדערלעך מיידעלע! דאָס שלייפל אין אירע הערעלעך איז זיכער אַ זיידנס און פון אַ בלויער קאָליר, אמת?

און ווען איך שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ, קוק זיך דערוויל גיריק איין אין דער פאָטאָ, גיט ער עס אַ כאַפּ אַוועק און ווידער פּלוצים אַ פרעג:

— איז ווו געפינט זיך איצט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די לינקע פּועלי־ציון?

איך זאָג אים:

— אייער אויספאָרשונגס־מעטאָד איז גאַנץ אָריגינעל און אימפּאָנירט מיר.

ער איז מיך מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס. ער איז נאָך אַ יונגער לייטענאַנט, אַוודאי נישט לאַנג געענדיקט דעם סליעדאָוואַטעל־קורס. ער האָט הנאה פון מיין קאָמפּלימענט.

אָבער ווי נאָר איך פאַררויכער דעם פּאַפּיראָס, נעמט ער טופּען מיט די פיס, דאָס פּנים ווערט ביי אים פאַרגאָסן מיט אַ שלעכטער רויטקייט, אַלע איידעלע שטריכן אויף זיין פּנים פאַרבייטן זיך שנעל אויף מיאוסע, דעגענעראַטישע קנייטשן. ער קלאַפּט מיטן פויסט אין טיש:

— איר וועט די ראַטן־מאַכט נישט אָפּנאַרן! מיר מוזן אַלץ וויסן! מיר ווייסן סיי־ווי אַלץ! איר האָט פון ביאַליסטאָק, אין פעברואַר 1940, געפּרוּווט זיך דורכרייסן קיין ווילנע! אייערע חברים־שרייבער פון ביאַליסטאָק האָבן אונדז דאָס מיטגעטיילט. מיר ווייסן וועגן אייך אַלץ! דער־ציילט־זשע בעסער אַליין! וואָס פאַר אַן אויפגאַבע האָט אייך געגעבן אייער פּאַרטיי, אויסצופירן אין אונדזער לאַנד?! ווער זענען אייערע נאָ־ענטע מיטהעלפער? מיר באַהאַנדלען אייך איידל און פיין, פירט מיך נישט אַרויס פון גלייכגעוויכט! צו אונדזער דיספּאָזיציע שטייען אַ סך, אַ סך, די פאַרשידנסטע מעטאָדן! פון אונדז האָט נאָך קיינער גאָרנישט אויסבאַ־האַלטן! זייט זיך מיישב, טראַכט איבער אין דער קאַמער אייער לאַגע און מאָרגן זאָלט איר אָנהייבן מיט אונדז רעדן אַנדערש, אָפן! צווינגט אונדז נישט אָנצוווענדן לגבי אייך יענע מעטאָדן! דאָס זענען שרעקלעכע מעטאָדן, אָבער נייטיקע פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מאַכט! מיר זענען אומדערבאַרעמלעך! מאַרש אין קאַמער אַריין!

ה

איך זיץ אין דער אינערלעכער טורמע אין אַרכאַנגעלסק. ביים אָנ־קומען פון וואָלאָגדע בין איך פריער געזעסן עטלעכע טעג אין דער עטאַפּן־טורמע. דורכגייענדיק אַזוי פיל רעוויזיעס, האָב איך פון דעסטוועגן גע־פונען דאָ אין מיין פּעקעלע מאַכאָרקע פאַרשטופּט אַ צעטעלע — דעם אַד־רעס פון וואַסילי אַסיפּאָווס שוועסטער!

האָב איך שוין אַצינד פאַרשטאַנען פאַר וואָס וואַסילי האָט געקוועטשט גרויפּן אין אַ טיכעלע און געמאַכט דערפון קלעבעכץ, זאָגנדיק, אַז „עס קען נאָך אַ מאָל צונוץ קומען". ער האָט פּשוט אויפגעריסן מיינס אַ פאַר־מאַכט פּעקעלע מאַכאָרקע, אַהין אַריינגעשטופּט דעם אַדרעס און עס פאַר־קלעפּט אַזוי, אַז איך זאָל גאָרנישט דערקענען.

די טעקע מיט די זאַכן איז מיר פאַרפאַלן געוואָרן. דער קאָמענדאַנט פונעם עטאַפּ האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט די טעקע איבערגעגעבן דער טורמע־אַדמיניסטראַציע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך געוועזן אַ ליגן.

די אינערלעכע טורמע איז ספּעציעל פאַר אויספאָרשן ערנסטערע

פאַרברעכער, ס׳רוב פּאָליטישע. איך זיץ איינער אַליין אין אַ קאַמער. איך האָב שוין אַכט טעג נישט געריכערט, חוץ איין פּאַפּיראָס קאָלאַשניקאָווס.

אויף די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען האָב איך זיך שוין אָפּגעזאָגט פון דעם כיבוד. רויכערן איז איצט מיין טרוים. איך פיל ווי מיין גאַנצער קערפּער צערינט, ווערט שלאַבערדיק, איך קען נישט קאָנצענטרירן דעם געדאַנק, אַלץ צעשווימט, צעפאַלט. בלויז עטלעכע צי פון אַ פּאַפּיראָס קען דאָס אַלץ צונויפהאַלטן, פאַרפעסטיקן. זיין אַ גאַנצן טאָג איינער אַליין אין קאַמער, אַ האַלבע אָדער דריי־פערטל נאַכט זיצן ביים סליעדאָוואַטעל אויף אויספאָרשונג און דאָס אַלץ אָן אַ פּאַפּיראָס — איז שווער איבער־צוטראָגן.

עטלעכע טעג האָט מען מיך נישט געפירט אויף דעם 15־מינוטיקן שפּאַציר. עס איז אַ גרויסער פראָסט אין דרויסן און איך טראָג זומער־לעטשלעך. די טורמע אַדמיניסטראַציע באָרגט אויס צום שפּאַציר וואָילי־קעס. פאַראַן אָבער נאָר עטלעכע פּאָר וואָיליקעס און אַרעסטאַנטן אין לייכטע אָדער צעריסענע שיך זענען דאָ אַ סך.

איך בין אָבער גראָד דערמיט צופרידן. ווען עס קומט מיר אויס צו שפּאַצירן אויף דעם אָפּגעצוימטן הויפל און איך דערזע דעם וועכטער אויפן טורעם, מיטן אויסגעשטרעקטן ביקס אין האַנט, מיין איך נאָך אַלץ, אַז אָט־אָט וועט עס געשען, ער וועט אַ צי טון ביים צינגל פון ביקס. און דווקא דעמאָלט, ווען איך גיי מיט דער פּלייצע צו אים. דאָס וועט זיין דער שרעקלעכער מעטאָד, וואָס איז נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מאַכט — ווי קאָלאַשניקאָוו האָט עס מיר אויפגעקלערט.

איך האָב מיר פאַרגענומען, אַז היינט ביי נאַכט מוז מען אַריינברענ־גען אין קאַמער נאָך אַן אַרעסטאַנט. אין וואָלאָגדע בין איך אויך געזעסן אַכט טעג איינער אַליין. איך שלאָף נישט איין, איך וואַרט אָפּ מיט זיכער־קייט מיין קומענדיקן פּאַרטנער. דאָס פאַרגעפיל ביי אַרעסטאַנטן איז אַזוי דין און אויסגעשאַרפט, ווי ביי אַ שווער־קראַנקן וואָס ליגט שוין לאַנג צו־בעט, אָדער ווי אַ פרוי נאָכן געבוירן דאָס ערשטע קינד. דער אַרעס־טאַנט באַקומט אַ חוש־הריח פון אַ הונט. אַזוי רעדן זיך, אַלנפאַלס איין די אַרעסטאַנטן.

איך האָב געוואָרט אויף צוויי זאַכן: עס זאָל אַריינקומען אַן אַרעס־טאַנט; ער זאָל אומבאַדינגט האָבן ביי זיך צו רויכערן.

מיין פאַרגעפיל האָט מיך דאָס מאָל נישט אָפּגענאַרט. עס האָט שוין געמוזט זיין צוויי ביי נאַכט. אויף קיין אויספאָרשונג האָט מען מיך די נאַכט נישט גערופן. איך ליג מיט געשלאָסענע אויגן, כדי דער שליסער, וואָס בליקט יעדע מינוט דורכן „וואָלפישן אויג", זאָל נישט זען מיך אויפ־זיין — מען מוז דאָך שלאָפן ביי נאַכט. און אָט הער איך טריט, צוויי דערנענטערן זיך צום טיר. הייסט עס, אַז נישט מען קומט מיך רופן צום סליעדאָוואַטעל, נאָר מען וועט וועמען אַריינפירן.

ענדלעך, דאַנקען גאָט, איך האָב שוין אַ פּאַרטנער. ווי מען האָט נאָר צוריק פאַרמאַכט די טיר, האָב איך דאָס ערשטע געגעבן אַ פרעג:

— „קוריט יעסט?" (רויכערן פאַראַן?).

ער האָט מיר אַרונטערגערוקט אונטערן קאָלדרע אַ ציגאַר־מאַכאַרקע.

איך האָב געשלונגען דעם רויך ווי אַ דורשט־פאַרברענטער שלינגט וואַסער אין מדבר.

איצט האָב איך אים שוין, ווי געוויינלעך, געפרעגט זיין נאָמען, סטאַטיאַ (פּאַראַגראַף). איך האָב רעכט נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער און גלייך געבעטן נאָך אַ ביסל מאַכאַרקע.

זיין נאָמען איז טיעלאָוו, אַן אינזשעניר, קאַפּיטאַן. זיין פּאַראַגראַף?

ער ענטפערט מיט אַ שמייכל און פראָוואָצירנדיק:

— אָבשטשעגאָראַדנאַיאַ סטאַטיאַ (אַלגעמיינער פּאָלקס־פּאַראַגראַף) אַכט און פופציק, שטריך — צען! (קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע).

איך זע שוין, אַז מען דאַרף מיט אים וואָס ווייניקער רעדן. אָבער ווי מען איז נאָר איבערגעשלאָפן די נאַכט און עס איז געקומען דער „פּאָדיאָם" (אויפשטיין), האָט מען שוין געהאַלטן נאָר אין איין רעדן.

ער איז נישט איבערגעשראָקן, ווייל ער זיצט שוין צום צווייטן מאָל. דאָס ערשטע מאָל געווען אַרעסטירט אין יאָר 1937. אָפּגעקומען דעמאָלט נאָר מיט פיר חדשים תפיסה. מען האָט אים געהאַט באַשולדיקט אין סאַבאָ־טאַזש. עס האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז ער איז נישט געווען שולדיק, די מאַשינען זענען קאַליע געוואָרן צוליב שלעכטן אייל. פאַר די פיר חדשים

איז אים אָפּגעקומען פיר־און־פערציק קילאָ פון זיין וואָג, פון 104 אויף 60. איצט באַשולדיקט מען אים אין אַנטי־סאָוויעטישער אַגיטאַציע. עס איז דאָ דערויף נאָר איין עדות — זיין געוועזן ווייב.

שוין צוויי יאָר זינט ער האָט זיך מיט איר געגט. זיי זענען אָבער געבליבן וווינען אין דעם זעלביקן צימער. נישט ער און נישט זי וועלן דאָך אָפּטרעטן פון דער דירה; עס איז נישט לייכט צו קריגן אַ צווייטע.

צו אים אין שטוב איז אָפּט אַרויפגעקומען אַ צווייטע פרוי, זיין ווייבס אַ חברטע. ער האָט זיך מיט איר נאָענט באַפריינדעט. האָט זיין געוועזן ווייב אָנגעהויבן זוכן אויף אים חטאים. זי האָט זיך דערמאָנט אין אַ פּאַסירונג פון די פריערדיקע יאָרן. זי איז אַוועק דאָס מעלדן אין „נקווד". יאָ, איר געוועזענער מאַן איז אַ שונא פון דער ראַטן־מאַכט. צי זי האָט דערויף באַווייזן? האָט ער עפּעס געזאָגט פאַר וועמען? ניין, דערצו איז ער געווען ביטרע. נאָר זי געדענקט גענוי, אַז איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען זי האָט פאַר אים פאָרגעלייענט אַ צייטונג, איבערגעלעזן אַן אַרטיקל וועגן קאָלכאָזן, האָט ער, ווסיעוואָלאָד טיעלאָוו, איראָניש געשמייכלט.

צו דער באַשולדיקונג האָט שוין די „נקווד" אויסגעזוכט, אַז דער אַמאָ־ליקער ווייסער גענעראַל מיללער, וואָס האָט געקעמפט קעגן די באָלשע־וויקעס, האָט געהאַט אַן איידעם מיטן זעלבן פאָר־ און פאַמיליע־נאָמען, מוז ער אַוודאי דאָס האָבן געווען דער איידעם. טיעלאָוו האָט אַמאָל געדינט אין ראַנג פון אָפיציר אין דער ווייסער אַרמיי. דאָס איז טאָקע ריכטיק, נאָר ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן און זיך פרייוויליק איבערגעגעבן דער רויטער אַרמיי. אַ לאַנגע צייט געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, דער־הויבן געוואָרן ביז קאַפּיטאַן. זאָגט איצט „נקווד", אַז דאָס האָט ער, מסתמא, געטון בכיוון, זייענדיק דערביי עפּעס אויסן.

טיעלאָוו רופט אָן דעם איצטיקן רעזשים „דאָס כאַמישע קעניגרייך". איך לאָז דערביי אַראָפּ די אויגן און מאַך זיך נישט הערן. האָט ער, זעט אויס, גלייך חרטה אויף דעם געזאָגטן און נעמט מיך אַגיטירן פאַר קאָמו־ניזם, אויפווייזן וואָס פאַר אַ פיינע און געהויבענע אָרדענונג עס איז די ראַטן־מאַכט.

היינטיקע נאַכט רופט מען מיך, פריער ווי אַלע מאָל, צו דער אויספאָר־שונג. קאָלאָשניקאָוו שניצט היינט לענגער ווי אַלע מאָל דעם בלייפעדער און פיילט די נעגל. ער הייבט אָן מיט אַן אַנדערן טאָן און אַנדערן נוסח:

— עס קען גראָד זיין, אַז מיר זאָלן אייך באַפרייען. עס קען געמאָלט זיין, אַז אין אַ צייט אַרום זאָלט איר זיך שוין זען מיט אייער פרוי און קינד, פאַרשטייט זיך, אַז נישט באַלד. איר וועט בלייבן דערווייל אַרבעטן אין אַרכאַנגעלסק. איר וועט באַקומען אַ גוטן פּאָסטן אין אַ פאַבריק. איר דאַרפט נאָר, ווי יעדער סאָוויעטישער מענטש, זיין פאַר אונדז נוצלעך, דינען מיט עפּעס ממשותדיקס.

— אין וואָס באַשטייט די נוצלעכע אַרבעט?

— גאַנץ פּשוט. איר דאַרפט פאַרפירן שמועסן מיט די אַרבעטער, אַרויסזאָגן פאַר זיי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מיינונגען, גאַנץ צוריקגע־האַלטן, פאַרזיכטיק, מען זאָל נישט דערקענען, אַז עס איז בכיוון. און דאַן וועט איר אויסהערן זייערע מיינונגען. נאָר דאָס וועט איר אונדז דאַרפן איבערגעבן, מער נישט. איר ווילט דאָך זיין אויף דער פריי? איר ווילט דאָך האָבן אַ גוטן פּאָסטן? איר ווילט דאָך נאָך אַ מאָל זען אייער פרוי און קינד? ענטפערט, ענטפערט!

— יאָ!

— אַן אָנהענגער פון דער ראַטן־מאַכט זענט איר דאָך, אמת? אייך געפעלט דאָך אונדזער סאָוויעטישע סיסטעם?

— האָ?

— וואָס זענט איר פלוצים טויב געוואָרן!! איך פרעג אייך, צי עס געפעלט אייך אונדזער סאָוויעטישער סיסטעם, אונדזער אָרדענונג!

— יאָ!

— דאַרפט איר אונדז צוהעלפן באַקעמפן אונדזערע שונאים, אונדזערע קעגנער!

— אויף וואָס פאַר אַן אופן?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט דעם אופן. דאָס איז מחויב צו טון יעדער ערלעכער סאָוויעטישער בירגער.

— איך בין נישט פעיִק צו אַזאַ מלאכה.

— דאָס איז אַ קליניקייט. מיר וועלן עס אייך אויסלערנען, אינס־טרויִרן. אַז מען וועט דאַרפֿן, וועט מען אייך שיקן אויף אַ ספּעציעלן קורס.

— איך קען נישט טראַכטן איינס און זאָגן דאָס צווייטע. איך בין נישט קיין דיפּלאָמאַט. איך קען נישט אָפּנאַרן.

— אונדזער חבר מאָלאָטאָוו איז אויך אַ דיפּלאָמאַט.

— איך זאָג גאָרנישט אויפֿן חבר מאָלאָטאָוו, נאָר איך קען דאָס נישט. דערויף דאַרף מען האָבן באַזונדערע פֿעיִקייטן.

ער שמייכלט זיסלעך און רעדט צו מיר ווייך און פֿאַרטרוילעך:

— שרעקט זיך נישט, דער חבר מאָלאָטאָוו וועט זיך דערפֿון נישט באַ־לײדיקן. ער טוט זיין גרויסע, נוצלעכע אַרבעט פֿאַרן סאָוויעטן־לאַנד. אַז ער זיצט מיט ריבענטראָפּן, ווייסן מיר דאָך, אַז ער נאַרט ריבענטראָפּן און יענער נאַרט אים אָפּ. יעדער זאָגט עפּעס אַנדערש ווי ער מיינט. נאָר דער־מיט טוט מען אַ גרויסע זאַך דער מלוכה. יעדער אויף זיין אופֿן. דעריבער וועט איר פֿון אייער אַרבעט זיך אויך נישט אָפּזאָגן. איר וועט אויספֿירן די פֿונקציע וואָס מיר פֿאַרגיבן אייך.

— איך קען דאָס נישט, איך בין נישט קיין אַקטיאָר, איך קען נישט שפּילן. איך בין נישט יאַנוס, וואָס איין העלפֿט פּנים לאַכט און די צווייטע וויינט.

זאָל איך אים קודם זאָגן ווער עס איז דאָס דער יאַנוס. איך זאָג אים און ער פֿאַרשרייבט זיך דאָס מיט צופֿרידנקייט אין זיין נאָטיץ־ביכל. ער שטייט אָבער נישט אָפּ פֿון זיין פֿאָדערונג:

— זייט ווייסן, אַז מיר וועלן אייך באַטראַכטן פֿאַר אַ שונא. ווער עס איז נישט מיט אונדז, דער איז קעגן אונדז!

— אַזוי האָט דאָך אויך געזאָגט יעזוס קריסטוס.

ער פֿאַרשרייבט דאָס ווידער אין זיין נאָטיץ־ביכל.

— איר וועט שוין דווקא יאָ טון דאָס וואָס מיר הייסן!

— ניין. איך בין אַ שרייבער, מיין אַרבעט איז נאָר מיט דער פּען, קיין אַנדערע אַרבעטן קען איך נישט.

— ביי אונדז טוט דאָס אויך יעדער שרייבער. דאָס איז אַ הייליקער

חוב פון יעדן סאָוויעטישן בירגער. אַ שרייבער דאַרף אויך אויספּילן די דאָזיקע פליכט, אַנדערש אַנערקענען מיר אים נישט.

— האָט מאַקסים גאָרקי דען אויך געטון אַזאַ אַרבעט?

ער האָט אַ כרוקע געטון. דער גאָרגל־קנאָפּ האָט זיך ביי אים אַ הייב געטון. איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם געזאָגטן!

— איך גיב אייך צייט פיר־און־צוואַנציק שעה! אָדער איר וועט שוין מער נישט זען די ליכטיקע שיין פאַר אייערע אויגן! איר פאַרשטייט? שוין קיין מאָל נישט זען די וועלט פאַר אייערע אויגן! איר וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, אָדער איר וועט מאָרגן מסכים זיין און אונטערשרייבן אַ פאַרפליכטונג! אָט איז אייער לעצטער שאַנס!

ו

קלאַודיאַ איז אַ סטאַכאַנאָווקע אין איר פאַך. זי איז אַ תפיסה־וועכטע־רין. ביים גיין אין קלאָזעט אַריין, גייט זי מיט און שטעלט זיך אַוועק דער־נעבן, מען זאָל נישט קענען עפּעס אָנשרייבן אויפן וואַנט, אָדער אונטער־וואַרפן אַ צעטעלע צו אַרעסטאַנטן פון אַנדערע קאַמערן.

קלאַודיאַ האָט אַ פּנים פון אַ טומטום. זי איז בלויז רשעות. זי טראָגט אַ מיליטערישן האַקי־מונדיר, ווי אַלע זעלנער, נאָר אַ קליידל אַנשטאָט הויזן. די זעלבע שטיוול, בלוזע און היטל. די האָר זענען ביי איר אויך מאַנספאַרשויניש אָפּגעשוירן און עס טראָגט פון איר אַ פאַראייליצטער אָדעקאָלאָן־ריח. זי איז אַ ספּעציאַליסטין ביים כאַפּן די אַרעסטאַנטן ביי פאַרברעכנס, וואָס זענען קעגן די טורמע־פאַרשריפטן. זי פירט אַרויס אַרעסטאַנטן פון קאַמער, גייט דאָרט אַליין אַריין און נעמט קלאַפּן דורכן וואַנט צו אַ שכנותדיקער קאַמער. זי פאַרפירט אַזוי אַרום מיט וועמען אַ שמועס. ווען יענער ענטפערט אָפּ מיט קלאַפּן, שפּרינגט זי אַרויס, רייסט אויף די טיר פון קאַמער פון וואַנען מען קלאַפּט צוריק און כאַפּט יענעם אין מיטן פאַרברעך. זי גיט דערפאַר צען טעג קאַרצער. די גרעסטע צאָל קאַרצער קומט פון אירע הענט. דערפאַר איז זי אויסגעצייכנט געוואָרן אַלס סטאַכאַנאָווקע.

אינזשעניר טיעלאָוו געדענקט זי נאָך פון מיט דריי־פיר יאָר צוריק.

מיך דאַרף ער פֿאַר איר נישט וואָרענען. איך היט אָפּ דעם תּפֿיסה־רעגולאַ־מין. איך ריזיקיר נישט דורכצוקלאַפּן. ער דאַרף אָבער וואָרענען אונדזער פּאַרטנער, וועלכער איז היינט צו אונדז צוגעקומען, דעם סטודענט פּראָקאָ־פּיעוו. איצט זענען מיר שוין אַ קליינע משפּחה פֿון דריי מענטשן. פּראָקאָ־פּיעוו איז אַלט 17 יאָר. ער איז נאָך ווייניק דערפֿאַרן. ווען ער האָט נאָר דערהערט קלאַפּן דורכן וואַנט און הוסטן, האָט ער דערקענט, אַז דאָרט זיצט אַ פּרוי, האָט ער זיך געכאַפּט צוריקקלאַפּן, אָבער טיטאָוו האָט אים שנעל אָפּגעהאַלטן:

— דאָ זיצט נישט קיין פּרוי, נאָר אַ טייוול. אַ צווייטנס פּיין איז איר גליק.

פּראָקאָפּיעוו איז פֿון אַלץ פֿאַרחידושט און איבערראַשט. אים אימפּאָ־נירט אַפֿילו די טורמע, ווי ער וואָלט געווען אויף אַ טוריסטן־עקסקורסיע. קוקט זיך צו און הערט זיך איין אין אַלעם מיט געשפּאַנטער אויפֿמערק־זאַמקייט. דאָס עסן דאָ איז אַפֿילו נישט ערגער פֿון דעם, וואָס ער האָט געגעסן אויף דער פֿריי, אין מעכאַניק־אינסטיטוט. אפֿשר נאָך בעסער.

מען האָט אים אַרעסטירט מיט אַ גאַנצער חבֿרה. זיי זענען זיבן סטו־דענטן, צווישן זיי אויך צוויי מיידלעך. זיי זיצן דאָ ערגעץ אַלע, פֿילט ער זיך דאַדורך היימלעכער. ער איז באַשולדיקט אין עטלעכע פֿאַרברעכנס און ווייסט נישט פֿאַר וועלכן פֿון זיי מער מורא צו האָבן.

היי־יאָר זענען געוואָרן אָפּגעשאַפֿט די רעגולערע סטיפּענדיעס פֿאַר סטודענטן. איז דאָס נאָך ווייניק, דאַרף מען שוין צאָלן הונדערט און אַכט־און־דרייסיק רובל אַ יאָר שכר־לימוד. פֿון וואַנען זאָל ער עס נעמען?

ביזן יאָר 1929 איז דער פֿאָטער געווען נישט קיין אָרעמער פּויער. האָט מען זיי „ראַזקולאַטשעט" (צוגענומען די ערד און פֿאַרמעגן ביי די רייכערע פּויערים־„קולאַקעס") און פֿאַרשיקט. קורץ נאָך דעם האָט מען דעם טאַטן איינגעזעצט און איז פֿון דעמאָלט־אָן פֿאַרשוווּנדן. ער געדענקט שוין נישט זיין אויסזען. אים איז דעמאָלט געווען בסך־הכּל זעקס יאָר. איצט אַרבעט די מאַמע אין אַ „סאָווכאָז" און שיקט אים צו פֿון־צייט־צו־צייט אַ ביסל קאַרטאָפֿל, גרינוואַרג. ער האָט געקראָגן אַ סטיפּענדיע 75 רובל אַ חודש. עס האָט אים געסטאַיעט נאָר אויף ברויט מיט „קיפּיאַטאָק"

(געזאָטן וואַסער). עס איז אַפּילו נישט פאַרבליבן קיין געלט אויף צו קויפן די זופּ און קאַשע אין זייער סטאָלאָווקע. פון־צייט־צו־צייט פלעגט פאַר אים באַצאָלן פאַר אַ זופּ איינע פון די שול־חברטעס. אַזוי האָט ער געלעבט דריי יאָר. אמת, מען פלעגט זיך אַ מאָל צונויפנעמען אויף אַ טרונק בראָנפן. דערויף האָט שוין געמוזט זיין געלט. מען האָט געטרונקען, געזונגען, גע־שפּילט אויף אַ האַרמאָניע, געטאַנצט. איז געווען אַ ביסל פריילעך. איצט, אַז מען האָט אָפּגעשאַפט די סטיפּענדיעס און מען דאַרף צאָלן פאַרן לערנען אין אינסטיטוט — ווו וועט מען דאָס נעמען? — האָבן זיי, זיבן חברים, זיך צונויפגערעדט, אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און פאַרפאַסט אַ בריוו אין גראַמען צו סטאַלינען. זיי האָבן דערציילט וועגן זייער לאַגע און געבעטן, אַז מען זאָל פאַר זיי צוריקשטעלן די סטיפּענדיעס, וויניקסטנס כאָטש באַפרייען פון שול־אָפּצאָל.

האָט איינער פון די זיבן מיטגעטיילט וועגן דעם דער „נ. ק. וו. ד.״

דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן זיי האָט אַ סך פּונקטן:

פאַר האָבן אַ קאָלעקטיווע באַראַטונג — געהיימע אָרגאַניזאַציע;

פאַר זיין אומצופרידן מיט אַ באַשלוס פון דער רעגירונג — אַנטי־סאָוויעטיזם;

פאַר אויסדריקן די אומצופרידנקייט אין אַ גרופּן־בריוו — קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע.

אָבער ער, פּראָקאָפּיעוו, האָט חוץ דעם, נאָך עטלעכע פּאַראַגראַפן. עס איז שוין נישט אַזוי די שטראָף, ווי די חרפּה. מען האָט ביי אים געפונען אַ שטעקן מיט אַן אַריינגעזעצט לאַנג מעסער, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט — דאָס ווערט גערעכנט פאַר ווייס געווער. דאָס איז נאָך אָבער גאָרנישט. מען האָט אויך ביי אים געפונען אַ פּראָשעק, וואָס ער האָט ערגעץ געקראָגן אין געהיים. פון דעם פּראָשעק, אַז מען שיט דערפון אַ ביסעלע אַריין אין אַ גלאָז און גיט עס צו טרינקען אַ פרוי, ווערט זי דערפון ליידנשאַפטלעך, סעקסועל געררייצט. ער פלעגט דאָס באַנוצן ביי באַגעגענישן מיט זיינע פריינדינס. אויסער דעם האָט מען ביי אים נאָך געפונען אַ פּאָרנאָגראַפישע קאַרטע, אַ בילד פון אַ נאַקעטער פרוי. ער האָט עס אַמאָל געקראָגן ביים פּאָרט פון אַן ענגלישן מאַטראָז, פאַר צוהעלפן אים אָפּטראָגן דאָס רענצל.

אָט דער פּראָשעק און דאָס בילד פֿייניקן אים מער פֿון אַלעם.

אויב זייער פּראָצעס וועט זיין אַ געמיינזאַמער, וועלן דאָס דערזען זיינע צוויי חברטעס. וואָלט ער שוין בעסער געוואָלט, אַז מען זאָל אים פריִער דערשיסן.

איינע פֿון זיינע חברטעס איז אַ געבילדעטע און פֿעיִקע, פֿאַרפֿאַסט אַליין גראַמען. ביי דער רעוויזיע אויף איר געלעגער האָט מען געפֿונען אין איר העפֿט, חוץ אירע אייגענע גראַמען, אויך עטלעכע שורות פֿון אַ קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערער „טשאַסטושקע", וואָס מען האָט געזונגען אין די ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָלוציע:

„אַלץ איז ביי אונדז אונטער מאָנאָפּאָל,
אויפֿן מויל קלעפּט אויך אַ באַנדעראָל!"

זי איז ניינצן יאָר אַלט, אָבער ליידט שוין אויף די לונגען. הוסט, „טשאַכאָטקע" (טובערקולאָז), האָט ער געמיינט, פּראָקאָפּיעוו, אַז דאָס הוסט טאָקע זי, וויערא, אַז זי קלאַפּט צו אים דורכן וואַנט.

ז

היינט גייען מיר אויף שפּאַציר אין דרייען. איך באַמי זיך שטענדיק צו ניין אין מיטן. איך האָב מורא צו זיין דער ערשטער, אָדער לעצטער. ווייל פֿון טורעם קוקט דער זעלנער גאַנץ מאָדנע און האַלט די האַנט אויפֿן צינגל פֿון ביקס.

טיעלאָוו באַציט זיך צו פּראָקאָפּיעוון ווי אַ פֿאָטער צו אַ זון. ער האָט אַליין אַ דערוואַקסענעם זון, פֿריִער געקעמפֿט אויפֿן פֿינישן פֿראָנט און איצט געפֿינט ער זיך אין די באַפֿרייטע באַלטישע לענדער. די יינגערע טאָכטער לערנט אין אינסטיטוט.

טיעלאָוו האָט הנאה פֿון דערציילן און באַלערנען דעם יונגן פּראָקאָ־פּיעוו, וועלכער הערט אַלץ אויס מיט דורשטיקער נייגעריקייט. אינזשעניר טיעלאָוו איז שוין געווען אין ענגלאַנד, שוועדן, ער האָט דעמאָלט געאַרבעט אַלס שיף־מעכאַניקער. ער האָט נישט ליב ווען איך בעסער אים אויס, בעת זיין דערציילן, געוויסע טעותים. טשעכאָסלאָוואַקיע גרענעצט זיך ביי אים מיט גריכנלאַנד. יידן זענען, לויט אים, דאָס גרעסטע, לויט דער צאָל,

פאָלק אין דער וועלט. אַלע גרויסע דערפינדונגען, אויך אַעראָפּלאַן און ראַדיאָ האָבן געמאַכט נאָר רוסישע געלערנטע.

איך בעסער אויס, אָבער ער שפּאַרט זיך מיט מיר, ווערט עשיו־רויט. כעסט זיך. ער איז עלטער פון מיר און ווייסט בעסער פון מיר. ער וואָלט וועלן געבן מיר אויך אָנצוהערן, אַז איך רויכער שוין לאַנג זיין טאַבאַק, אַז ער האָט געטיילט מיט מיר זיין עסן, וואָס ער האָט נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים. ער זאָגט דאָס נישט, נאָר איך פיל עס אַרויס. ער דערציילט מיר וועגן זיין אַמאָליקער פריינדשאַפט מיט יידן. ער האָט מיט זיי געהאַנדלט, געגעסן ביי זיי פיש, איין מאָל אַפילו געווען אין שולביים דאַווענען. ער האָט אויך געשפּילט מיט יידישע סוחרים אין קאָרטן. ער וויל מיך אָבער פּאָרט מיט עפּעס פלעפן:

— אָבער אַז די יידישע שפּראַך איז אַזאַ נאַרישע און קאָמישע! אָט איז אַזאַ וואָרט ווי „שמענדעפּער״! הערט נאָר ווי קאָמיש עס קלינגט: שמענ־דע־פּער!

איך גיב אים, פאַרשטייט זיך, נישט נאָך. „שמענדעפּער״ איז דווקא אַ פראַנצייזיש וואָרט, וואָס איז דער טייטש — אייזנבאַן. מען רופט אויך אַזוי אַ געוויסע שפּיל אין קאָרטן. ער האָט אוודאי אַליין דערין געשפּילט מיט די יידישע קופּצעס, געהערט דאָס וואָרט און נישט געוווּסט פון וואַנען דאָס שטאַמט.

גיט ער מיר אויך נישט נאָך. האָט ער עפּעס אַנדערש מיר פאָרצוואַרפן:

— מיר, רוסן, אַז מיר וועלן גיין אין לאַגער אַריין, קען יעדער פון אונדז עפּעס טון, אַרבעטן אין וואַרשטאַט, אָפּקאָכן אַ געקעכטס, שיילן קאַר־טאָפל, פאַררייכטן די הויזן, שיך; איר, אָבער, קענט דאָך גאָרנישט! איר קענט אוודאי גוט „טאַלמוד״ (תלמוד) און מאַרקסיזם. איר זענט גוטע מייס־טערס אויף שפּילן פידל און קענט נישט האַלטן קיין מעסער אין האַנט. אַפילו שעכטן אַן עוף גייט איר צו אַ ספּעציאַליסט. אין לאַגער וועט איר מוזן ריייניקן די קלאָזעטן! קיין „טאַלמוד״ און „שמענדעפּער״ העלפן דאָרטן נישט.

ער צעלאַכט זיך, שטויסט פּראָקאָפּיעוון, אַז ער זאָל אויך מיטלאַכן. דער דיזשורני קלאַפּט אין טיר — מען זאָל זיך נישט טומלען אין קאַמער.

פראָקאָפּיעוו ווינקט צו מיר, אַז איך זאָל אים פאַרשווייגן. צעקריגן זיך מיט אים, האָב איך, פון דעסטוועגן, נישט בדעה. איך האָב אים נאָר אויפ־געהערט צו פאַרליידן און באַמי זיך אויסצומיידן מיט אים געשפּרעכן.

ער האָט אַפילו אויסגעפונען צו מיר נאָך אַ מאָדנע טענה:

— מיר רוסן, כאָטש געבילדעטע, זענען גלייכצייטיק אויך פּראָסטע פאָלקס־מענטשן, אַז מען עסט אָפּ דאָס שוואַרצע ברויט מיט דער זופּ, קרעמפּירן מיר זיך נישט, לאָזט מען זיך נאָך דעם הערן... זאָלן די גאַזן אַרויס... עס מאַכט נישט אויס, בעסער אָפּן און הויך. איר, אָבער — קאָנספּירירט....

נאָר ער זוכט זיך צו מיר מיט טענות.

ח

קאַלאַשניקאָוו איז פּינקטלעך, צו די פיר־און־צוואַנציק שעה האָט מען מיך אַרויסגעפירט צו אים, ער קוקט מיך פריִער אַרום, וויל דערקענען פון מיין בליק, וואָס פאַר אַן ענטפער איך וועל אים געבן אויף זיין אולטימאַ־טום. ער רעדט איצט וועגן זיך:

— איך בין דער מילדעסטער אויספאָרשער דאָ. אויב איך קען מיט אייך גאָרנישט מאַכן, וועט איר איבערגיין צו אַ צווייטן. דאַן וועט איר שוין נישט נאָר באַדויערן וואָס איר זענט אַרויסגעפאַלן פון מיין האַנט, נאָר איר וועט אויך באַדויערן אייער געבוירן ווערן און לעבן אויף דער וועלט. איך זאָג עס אייך מיט דער פולסטער אויפריכטיקייט. איך וויל איצט הערן אייער ענטפער. אייער טערמין האָט זיך געענדיקט.

מיין ענטפער איז געווען קורץ:

— ניין! איך האַלט דאָס פאַר אַ באַליידיקונג פאַר מיר.

— דינען דער ראַטנמאַכט, דער איינציקער סאָציאַליסטישער מלוכה אויף דער וועלט, באַליידיקט אייך?!

— יעדער האָט זיך זיינע אויפגאַבן און פעִיקייטן. איך האָב געאַרבעט אין וואַלד ביים זעגן ביימער, איך האָב געאַרבעט אַלס מאַטראָז אויף אַ לאָסט־דאַמפער, איך בין ווידער גרייט צו טון די שווערסטע אַרבעט. איך מיין, אַז דאָס דינט אויך דעם סאָוויעטן־לאַנד. מיט פּראָוואָצירן און מסירות

וועל איך זיך נישט פאַרנעמען, מעג עס אַפילו זיין לטובת ראַטנפאַרבאַנד.

— שווייגט! איר זענט אַן אַרעסטאַנט! איר זענט אַ פאַרברעכער! איר דערלויבט זיך שוין צופיל מיט אונדז. איר קענט דערפון באַקומען נאָך אַ באַזונדערע שטראָף, כאָטש יענע שטראָף וואָס קומט אייך שוין — איז אויך אַ גענוגנדיקע. זי איז די העכסטע שטראָף. פאַרשטאַנען?! איר וועט אונדז נישט לערנען מיט וואָס צו מאַכן נוצלעך יעדן איינעם פון אונדזערע בירגער. איר זענט אַנטלאָפן פון די דייטשן און זיך געראַטעוועט אויף אונדזער טעריטאָריע. מיט וואָס וועט איר אונדז אָפּדאַנקען?! הערט זיך איין מיט קאָפּ. איך וועל קיין סך שוין מיט אייך נישט רעדן. וועגן וואָס שמועסט איר דאָרט אין דער קאַמער צווישן זיך?

— פאַרשידנס. ס׳רוב דערציילט מען זיך אַנעקדאָטן וועגן פרויען. אָפט מאָל רעדט מען וועגן טעכניק, אַ מאָל פאַרהערט מען זיך ווער פון אונדז עס קען בעסער געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק.

— הם, וועגן טעכניק, געאָגראַפיע. אויף אייער פּאַס האָבן מיר געפונען אַ סך אויסלענדישע וויזעס. איר זענט שוין געווען אין אַ סך לענדער. צוליב וואָס זענט איר דאָרט געפאָרן? פאַר וואָס האָט אייך די פּויליש־פאַשיסטישע רעגירונג דערלויבט אַזוי פיל מאָל אַרויסצופאָרן קיין אויס־לאַנד? אייער פריינד, אינזשעניר טיעלאָוו, איז אַ געוועזענער צאַרישער אָפי־ציר. ער איז אַ סאַבאָטאַזשניק, אונדזערס אַ שונא. האָט ער זיך פאַר אייך פאַרטרויט?

— פאַרקערט, ער אַגיטירט מיך גאָר פאַר קאָמוניזם. ער דערציילט וועגן זיין זון דעם קאָמסאָמאָליעץ און העלדישן קעמפער אויפן פינלענדישן פראָנט. ער לויבט די נייע דערציִונג אין שולן. קיין אַנדערע זאַכן האָב איך פון אים נישט געהערט.

— ביי אונדז, ווער עס הערט עפּעס רעדן שלעכטס אויף דער ראַטנ־מאַכט און טיילט עס נישט מיט די געהעריקע אָרגאַנען, ווערט ער אויך באַשולדיקט אין דעם זעלבן. עס קומט אים די זעלבע שטראָף. דער אינ־זשעניר טיעלאָוו מאַסקירט זיך פאַר אייך. ער האָט אַ טאָפּלטע דנאָ. איר דאַרפט זיך באַמיִען אַרויסצובאַקומען ביי אים אַלץ פון דעם צווייטן דנאָ, דעם פאַרבאָרגענעם!

— איך בין נישט קיין טויכער. איך קען זיך דאָך צו אים נישט אַראָפּ־לאָזן. איך הער נאָר דאָס, וואָס ער זאָגט מיר. אַפּילו נישט אַלץ הער איך אויס, ווייל ער באַליידיקט מיך אָפּט, איז אַ בייזער, אַן אויפגערעגטער. איך האָב, זעט אויס, נישט קיין פעיִקייטן צו זיין אַן אויספאָרשער און דערגיין וואָס יענער טראַכט.

ער שמייכלט פון מיין קאָמפּלימענט, אָבער ווישט דעם שמייכל שנעל אָפּ מיט דער האַנט:

— קומט מיט מיר צום פּראָקוראָר!

איך בין אַריין אין אַ גרויס צימער. עס זיצט דאָרט איינער אַליין אַ מאַיאָר. פאַר זיין אויסזען איז זיך באמת דאָ וואָס איבערצושרעקן. מיין קאַ־לאַשניקאָוו זעט שוין אויס אַ מלאך קעגן יענעם.

דאָס ערשטע פרעגט מיך דער פּראָקוראָר־מאַיאָר צי איך האָב צו רויכערן. עס ליגט נעבן אים אַ פּעקל מאַכאָרקע.

— אַז איר וועט ענטפערן אויף אַלץ וואָס איך וועל אייך פרעגן, קריגט איר גלייך דאָס פּעקל מאַכאָרקע, שפּעטער — נאָך מתנות, וויכטיקערע.

אויף אַזאַ באַליידיקונג האָב איך זיך נישט געריכט.

— פאַר וואָס נעמט איר נישט אָן דעם פאָרשלאָג פון לייטענאַנט קאַלאַשניקאָוו?

איך גיב אים די זעלבע ענטפערס וואָס קאַלאַשניקאָוון.

ער גיט מיר אויף פיר־און־צוואַנציק שעה צייט אויף באַטראַכטן זיך. דאָס איז זיין לעצט וואָרט.

— חוץ אַלעם, זענט איר נאָך אומדאַנקבאַרע, פאַרברעכערישע טיפּן! פאַר וואָס זענט איר אַנטלאָפן פון די דייטשן צו אונדז?

— ווייל זיי מאָרדן יידן.

— זיי מאָרדן יידן? דאָס הייסט שוין ביי אייך געמאָרדעט? איך וואָלט אייך באַוויזן, ווי אַזוי מען דאַרף אייך מאָרדן, פאַרשאָלטענע זרע! איר זענט אַלע סוואָלאָטשעס, אויסוואָרפן. איר זענט געקומען אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד אונדז אויפרייסן, צעשטערן אונדזער בויונג, אונדזער סאָציאַליסטיש איי־גנטום, אונדזער מאַכט! אויסשיסן ווי די הינט דאַרף מען אייך ביז איינעם! מיר וועלן זיך מיט אייך נישט צערעמאָניען! נעמט אים שנעל צו אין דער

קאַמער אַריין! מאָרגן זאָלט איר אים ברענגען צו מיר מיט אַן ענטפער! מאָרגן זאָלט איר דערציילן אַלץ, וואָס עס רעדט מיט אייך טיעלאָוו! פאַר אייך בלייבט אויסצוקלייבן נאָר איינס — אָדער — אָדער!

ט

ווען די צוויי זעלנער האָבן מיך געהאַלטן ביי די הענט פון הינטן און צוריקגעפירט אין קאַמער אַריין, האָב איך אויף דעם קורצן שטיקל וועג, די פיר שטאָק שטיגן, באַוויזן דורכצוטראַכטן און באַשליסן:

פונקט ווי מען פאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל איבערגעבן וואָס עס רעדט אינזשעניר טיעלאָוו, דאַרף ער, מסתמא, אויך איבערגעבן וואָס איך רעד. עס קען זיין, אַז ער רעדט צייטנווייז ספּעציעל שלעכטס אויף די סאָוויעטן, דער אויספאָרשער ווייסט דערפון, נאָר כדי אַזוי אַרום פעסטצו־שטעלן צי איך גיב איבער די זעלבע רייד, אָדער פאַרשוויג זיי. הייסט עס דעמאָלט, אַז נישט נאָר איך פאַרשווייג מיינע אייגענע חטאים, נאָר אויך פאַרברעכנס פון אַנדערע. איז דעריבער דער בעסטער אויסוועג — אַז איך זאָל מער נישט הערן, נישט קענען הערן, נישט קענען הערן. מוז איך איין מאָל פאַר אַלע מאָל ווערן טויב!

איך האָב אַפילו אַ טראַכט געטון אין דער זעלבער מינוט:

וועל איך שוין מער נישט קענען הערן דאָס וואַרעמע, סאַמעטענע, זיסע שטימעלע פון מיין טעכטערל? שוין מער אויך נישט קענען הערן קיין מוזיק? נישט הערן בעטהאָווענס פינפטע און ניינטע סימפאָניע? פאַרפאַלן. נאָר דאָס קען מיך ראַטעווען.

און ווי איך בין נאָר אַריין אין קאַמער, האָב איך גענומען אויספירן מיין פּלאַן:

איך האָב מיט דער פויסט גענומען זיך קלאַפּן אין אויער אַריין, אָנגע־שטרענגט אַלע כוחות און געקלאַפּט איבערן אויער — איך מוז איבעררייסן די אויער־מעמבראַנע.

טיעלאָוו האָט זיך אויף מיר געוואָרפן, געכאַפּט מיך ביי די הענט, מיך פאַטערלעך אַרומגענומען, געבעטן און אַפילו געקושט. עס האָט זיך פאַרענ־

דיקט מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין, וואָס האָט אויך אָנגעשטעקט מיינע שכנים טיעלאָוו און פּראָקאָפּיעוו.

איך האָב דעם גאַנצן טאָג נישט גערעדט. ווען זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך, האָב איך פאַרשטעלט די אויערן. זיי טוען מיר וויי, די אויערן, איך קען נישט הערן קיין שום קלאַנג. איך בעט זיי רעדן צווישן זיך שטילער.

מען האָט מיך דאָס מאָל צו די פיר־און־צוואַנציק שעה נישט אַרויס־גערופן.

*

אויף צומאָרגנס איז געשען אַ וווּנדערלעכע זאַך:

דער דיזשורני האָט אַריינגעבראַכט אין קאַמער — ביכער צום לייענען!

איך האָב במשך צוויי טעג איבערגעלייענט דריי ביכער: געטהעס אַ גרויסן באַנד דערציילונגען, אַ באַנד עסייען פון היינריך היינע (ביידע אויס־גאַבן דערשינען אין רוסיש נאָך אין יאָר 1904 אין אַ פּעטערבורגער פאַרלאַג) און אַ ראָמאַן פון יורי טיניאַנאָוו, אונטערן נאָמען „קיוכלאַ".

ביי היינען האָב איך איצט צום ערשטן מאָל געלייענט זיין „ווידוי". זי האָט מיך דערשיטערט. ווען ער דערציילט, היינע, ווי ער וואַרפט אין אויוון אַריין און פאַרברענט זיין מאַנוסקריפּט פון די וויטערדיקע טיילן „געשיכטע פון דער קולטור און פילאָזאָפיע", דעם באַנד ווו עס האַנדלט זיך גראָד וועגן העגעלן; די שטעלן, ווו ער ווענדט זיך „צו אונדזער אַלטן און גרויסן „מאָזעס", ניין, נישט „מאָזעס", נאָר מאָשע ראַביינו (משה רבנו)", האָבן מיך צענומען, צעטרייסלט.

נישט ווייניקער האָט געמאַכט אַ רושם דער ביאָגראַפישער ראָמאַן וועגן דעם רוסישן פּאָעט ווילהעלם קיוכלבעקער, אַ דעקאַבריסט, אַ חבר פון פּושקינען. די סצענע ווו ער שילדערט ווי קיוכלבעקער, נאָכן אָפּזיצן פופצן יאָר אויף קאַטאָרגע און פאַרשיקונג, ווען זיין יוגנט־געליבטער געלינגט שוין אויסצופּועלן זיין באַפרייונג, זי דערוואַרט אים מיט בענקשאַפט, די גאַנצע צייט געלעבט מיט אים אין מחשבה, נישט גערוט קיין מינוט — וויל קיוכלבעקער נישט צוריקפאָרן פון פאַרשיקונג. ער האָט שוין דאָרט

חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטער פּויערטע, האָט שוין מיט איר עטלעכע קינדער — די סצענע האָט מיך אויפגעשווידערט און אַרויסגערופן אַ סך טרערן.

אין די אַלע ביכער, וווּ עס איז נאָר געווען דאָס וואָרט פרייהייט, איז עס געווען אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטן שטריך. אויך אַ נישט־געניט אויג האָט געקענט דערקענען, אַז דאָס איז נישט קיין רויטע פאַרב פון אַ בליי־פעדער אָדער טינט, נאָר בלוט. עס קען זיין, אַז די ביכער (די ערשטע צוויי) זענען נאָך געווען אין די צאַרישע תפיסות, דאָס אונטערגעשטראָכענע וואָרט „פרייהייט״ שטאַמט נאָך אפשר פון דעמאָלט. האָט אָבער די רויטע פאַרב אין טייל ערטער נאָך אויסגעזען גענוג פריש... וואַרשיינלעך איז עס פון ביידע פעריאָדן...

די לעקטור האָט מיר צוריקגעגעבן גייסטיקן גלייכגעוויכט און באַרויִקונג.

אויפן דריטן מעת־לעת, ווען מען האָט מיך גערופן צו דער אויספאָר־שונג, זענען שוין געווען קאַלאַשניקאָוו און דער פּראָקוראָר. אין מיטן מיין רעדן האָט זיך אַ נישט־געזעענער דריטער, אַריבערגעבויגן פון הינטן איבער מיין שטול און אומגעריכט אַ זאָג געטון:

— די לינקע פּועלי ציון זענען ביי אונדז געווען לעגאַל ביזן יאָר 1929. נאָך דעם האָבן מיר זיי ליקווידירט. איצט זעען מיר, אַז מיר האָבן ריכטיק געהאַנדלט. אויב מיר האָבן זיך געקענט אַן עצה געבן דעמאָלט מיט אַלע, וועלן מיר זיך מיט אייך איינעם אויך אַן עצה געבן.

דאָס פּלוצלינגע דערשיינען פון איינעם הינטער מיין שטול, — איך האָב נישט געהערט זיין אַריינקומען און ווייס נישט דורך וואַנען, איך ווייס נישט ווי לאַנג ער איז שוין געשטאַנען אַזוי הינטער מיר, ווייל איך מוז דאָך זיצן אומבאַוועגלעך — האָט מיך איבערראַשט. ער איז אַ פאַרפאַל־קאָווניק, הויך, מאַנירלעך, גלאַט ראַזירט, מיט אַן איידל, אַריסטאָקראַטיש פּנים, עלעגאַנט אָנגעטון, אין ווייס־פּילצענע וואַילאַק־שטיוול. ער רעדט העפלעך, דעליקאַט און אויסגעצוכט. איצט — זאָגט ער — וועלן זיי מיט מיר שוין קיין סך טענות נישט מאַכן. איך דאַרף ענטפערן קורץ:

— „יאָ״, אָדער „ניין״.

איך וואַקל זיך נישט און ענטפער אַפּ אַנטשידן:
— ניין!

נו, גוט. איז שוין פאַר זיי אַלץ קלאָר. איך דאַרף נאָר אונטערשטרייכן אַ פּאַפּירל, אַז איך וועל קיינעם נישט, קיין מאָל נישט און אין ערגעץ נישט דערציילן וועגן דעם, וואָס מען האָט פון מיר געפאָדערט.

י

עס איז געווען שבת ביי טאָג, האַלב פעברואַר 1941. ווי אַלע אַרעסטאַנטן, וועלכע לעבן מיט פאָראורטיילן און איינרעדענישן, האָב איך אויך געהאַט מיינע אַן איינרעדעניש, אַז שבת — איז פאַר מיר אַ מזלדיקער טאָג.

איך האָב געגעבן פּראָקאָפּיעוון אַ מתנה, אַ צעלולאָיד־שאַכטעלע אויף מאַכאָרקע, וואָס איך האָב געהאַט געקויפט אין אַרכאַנגעלסק. ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַן אויסלענדיש שאַכטעלע, אַזוי שיין האָט עס אים אויסגע־זען. ער האָט זיך מיט דעם געשאַנק זייער געפרייט. איך האָב געפילט, אַז מען וועט אונדז בקרוב צעשיידן און איך האָב אים געוואָלט לאָזן עפּעס צום אָנדענק.

איך האָב זיך אויך דורכגעשמועסט אין געדאַנק מיט מיינע נאָענטסטע — קינד, פרוי און מאַמע:

— איר ווילט דאָך אויך אַוודאי נישט האָבן, אַז אייער טאַטע, מאַן, זון, זאָל בלייבן לעבן פאַרן פּרייז פון אַנדערע מענטשלעכע לעבנס. ווערן אַ מסור און באַקומען דערפאַר די פרייהייט.

עס זענען אַריינגעקומען דער שליסער מיטן דיזשורני — איך זאָל איינפּאַקן מיינע זאַכן און גיין מיט זיי.

איך בין נאָך פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין אַרעסט נישט געווען אַזוי אַבסאָלוט רויִק ווי איצט. איך פיל באמת נישט דעם מינדעסטן פחד. מען וועט מיך זיכער אַוועקפירן „איינקאַסירן" דעם לוין פאַרן אָפּזאָג. קאַלאַש־ניקאָוו, דער פּראָקוראָר, דער פּאָדפּאָלקאָווניק. זיי האָבן דאָך מיר אַלע דאָס צוגעזאָגט. און דאָך פיל איך נישט די מינדסטע שרעק.

איך ווענד זיך אַפילו איצט צום אַלהעכסטן מיט מיין מאַמעס נוסח און ווערטער:

— אויב דיר איז אַזאַ זאַך ניחא, איז מיר ליב!

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע חברים און בין אַרויס.

מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין „טשאָרני וואָראָן" (שוואַרצער קרוק — דאָס תפיסה־קעטשל) און מיך אַוועקגעפירט. דורך עטלעכע לעכלעך אין דאַך פון קעטשל קען מען זען נאָר דעם הימל. עס האָט זיך מיר דערמאָנט דער הימל, וואָס איך האָב געזען אונטערן וואַסער, בעת איך האָב זיך געטרונקען אין דער צפון־דווינע. אויך דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז איך זע שוין דעם הימל דאָס לעצטע מאָל.

דאַנקען גאָט וואָס נאַטשאַלניקעס פון „נ. ק. וו. ד." האַלטן נישט קיין וואָרט. זיי האָבן מיך געפירט נישט שיסן, נאָר אין דער אַלגעמיינער גרויסער טורמע אין אַרכאַנגעלסק.

משה גראָסמאַן, אויף פאַרשיקונג אין טשעריווקאָוואַ
(אַבראַהאַמקאָוואַ) ביי קאָטלאַס, סעפטעמבער 1940

ראַיאַ

(מלחמה־צייט אין סאָוויעטישן אַזיע)

אין פּאַרק ביי נאַכט אַמפּערן זיך צוויי ריחות: פון די אַרומיקע פּרוכטן־סעדער, און פון געבראָטענעם שאַשליק פון פּאַרק־רעסטאָראַנען. דער פּרוכט־ריח גלעט באַרויִקנדיק, דער געבראָטן־ריח רייבט די סליונע, צוויקט די צונג. די נאַכט אַליין איז אַ גלאַטיק־סאַמעטענע, באַרויִקטע.

מיר זענען פינף: די דריי יונגע פרויען פון ריגע טרינקען טיי און פּאַרבייסן מיט געפּילטע טייגלעך. דאָ זיצט מייסטנס נאַטשאַלסטווע, טרינקען וויין און פּאַרבייסן מיט שאַשליק. היימלאָזע, פּאַרוואָרלאָזטע יאַט־לעך, וועלכע בלאָנקען דאָ אַרום, קלייבן פון די טישלעך ברעקלעך עסן. אָט איז איינער ביי אונדזער טיש. נישטאָ קיין ברעקלעך. דאַרף מען אים עפּעס קויפן. ער איז פּאַרעקשנט קליין, אָבער שוין דרייצן יאָר אַלט. אַ טאַדזשיק. אַ גרויסן דיניע־קאָפּ. פּאַרוואַקסן מיט שוואַרצע, האַרט־געדיכטע געקרייזלטע האָר, אַזש בין האַלדז אַריין. די האָר פּאַרשטויבט. זיין קיילעכיק מאָט פּנים, די שוואַרצע בויגן־ברעמען, די בולטע נאָז און ליפּן — ווי פּאַרמירט פון אַ בייזן סקולפּטאָר. קלאַסיש־מאָנומענטאַל, אָבער אין מיטן פּאַרמירן, זעט אויס, חרטה געקריגן. און דאָך איז דער דאָזיקער קאָפּ און דאָס דאָזיקע פּנים צו להכעיס שיין. מענערישע רייפקייט און קינ־דערישער חן.

זיין חוצפּהדיקער הפקר־בליק צוימט זיך איצט, גייט איבער אין אַ שמייכל. ער איז געוווינט מ׳זאָל אים פון די טישלעך אַוועקטרייבן, אָנזיד־לען. ער איז באָרוועס, אין צעריסענע לייוונטענע הייזלעך, און אין אַ צע־ריסן, ווייס העמדל, וואָס איז דווקא פון אַ גוטן שטאָף.

מיט זיין שוואַכן רוסיש דערציילט ער נישט קיין סך: „מיט זעקס

יאָר צוריק, אין יאָר 1937, האָט מען זיין טאַטן אַרעסטירט. באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש. קיין מאָל נישט צוריקגעקומען. די מאַמע איז נישט־לאַנג נאָך דעם געשטאָרבן. אים האָט מען אַריינגעגעבן אין אַ הויז פאַר „בעז־פּריזאָרנע". ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן".

ראַיאַ: אַך, ווען איך וואָלט זיין אַ מאָלערין, מיט וויפל פּאַסיע איך וואָלט געמאָלט דעם דאָזיקן קאָפּ.

צווייטע: ער איז גוט פאַר אַ מאָנומענט, דער דאָזיקער קאָפּ.

דריטע: איך וואָלט דעם דאָזיקן מאָנומענט־קאָפּ אַרויפגעזעצט אויף „זיין" דענקמאָל, אויפן דאַשיק־היטל מיט דער קיילעכיקער דענקע!*

מ'האָט זיך נישט פאַרגינען צו לאַכן. אַנשטאָט דעם האָט מען זיך אַרומגעקוקט.

ס'טאַדזשיקישע בחורל האָט, פאַרשטייט זיך, קיין יידיש נישט פאַר־שטאַנען, אָבער ער האָט פריילעך געלאַכט און אַ צופרידענער אַוועק.

ראַיאַ: ער האָט יאָ פאַרשטאַנען, כאָטש נישט ס'לשון. אַ ספּעציעלן חוש זיך אויסגעאַרבעט. אַ זעקסטן, צי זיבעטן חוש.

*

מ'לעשט שוין אויס די לאָמפּן אין רעסטאָראַן. פּאַרלעך שפּאַצירן אַוועק דורכן בריקל צו דער געדיכטער ביימער־אַליי. דער אייביקער גאַנג פון פּאָרלעך ביי נאַכט. אין דעם בריקל זענען אויסגעריסן עטלעכע ברעטער. ביי אַ נישט־פּאָרזיכטיקן טראָט פאַלט מען אין וואַסער אַריין. אָבער קיינער פאַלט נישט אַריין. אַפילו שיכורים. מ'קען שוין דעם דאָזיקן וועג דאָ, ס'בריקל.

מיר גייען אַריבער ס'בריקל. די שטערן איבער אונדז זענען דאָ. אין מיטל־אַזיע באַוויזן זיי זיך גרעסערע, ליכטיקערע. איצט איז שוין פאַראַן נאָר איין ריח, דער אַראָמאַט פון די אַרומיקע גערטנער, פון די ווייַנטרויבן און פערסיקעס. ס'איז דאָ אַ ווינטל צו חברותא, קומט אָן פון פאָרנט, פון אַ זייט, דעם אַראָמאַט טראָגט ער צו דער נאָז, די קילקייט זיינע — צום

---

* צוויי'רעדערדיקער וואָגן.

גוף. די קילקייט צעוואַרעמט גאָר. ס׳איז פאַרשלייערט אין אומעט. אָבער ס׳מיינט מסתמא — בענקשאַפט, און וואָס בענקשאַפט מיינט אַליין נישט.

די דריי יונגע פרויען זענען אָן די מענער. דער ווילנער דיכטער האָט געלאָזט זיין פרוי און קינד אין ליטע, נישט באַוויזן זיי צו עוואַקויִרן.

מיר זעצן זיך אויס אויף די אָפגעזעגטעביימער ביים טייך. שווייגן. דאָס מיינט — אַ שמועס מיט די מחשבות. פאַלן יאָ צו עטלעכע ווערטער, אָפגעקרישלטע זאַצן. די פרויען — וועגן זייערע מענער און די מענער — וועגן זייערע פרויען. אַזאַ מין אופן שמועס.

ראַיאַ איז שמאָל און שלאַנק ווי אַ שווערד, מיט אַ ייִנגלשן קערפּער, אָבער ווייבלעך. בלאַס און בלאָנד. בלויע אויגן און אַ פּוכיק פּנימל. זי רעדט מיט אַ באַיאָרטער חכמה, אָבער איר סאָפּראַן־שטימע איז יונג. נישט ווי זי וואָלט שוין געהאַט אַריבער צוואַנציק.

זי טאַנצט איצט אויף די קלעצער, דעקלאַמירט אין דער שטיל, ווי נאָר פאַר אונדז, פאַר די ביימער און פאַרן טייך — דעקלאַמירט העבּ־רעיִשע שירים. אויך רוסישע. זעצט זיך דערנאָך האַסטיק צוריק אַוועק, פאַרוויקלט אַ ציגאַר־מאַכאָרקע, רויכערט, און קוקט נאָך דעם רויך ווי ער קרייזלט זיך אַוועק אין דער פינצטערניש.

— ווי זשאַן ד׳אַרק האָט איר איצט אויסגעזען, ראַיאַ.

— העלדישקייטן? די גראָע, טאָגטעגלעכע.

נאָך לאַנגע חדשים שלעפּן זיך אויף דער עוואַקואַציע פון ריגע קיין מיטלאַזיע, איז יענעם זומער 1941, איז זיי, איר, און איר מאַן, אויסגעקו־מען צו פאָרן נאָך אַ מעת־לעת פון באַן ביזן קאָלכאָז, שלעפּן זיך אויף אָן „אַרבאַ״*. די וועגן זענען געווען דורכגעווייקט, און דער רעגן האָט אַליין נישט אויפגעהערט, זיי דורכגענעצט נישט נאָר ביזן ביין, נאָר אין די ביינער אַריין, אין דער נשמה אַריין. און צוויי מעת־לעת שוין אָן עסן. זי האָט פּערציק גראַד היץ. אין קאָלכאָז האָט מען זי אַוועקגעלייגט אין אַ שייער. האָט זי זיך געפּרייט, ראַיאַ, וואָס זי וועט שטאַרבן אונטער

---

* געמיינט סטאַלינס דענקמאָל.

אַ דאַך. זי האָט אַריינגערעדט אינעם מאַן און אים אויסגעמשלט וואָסער ווייב, זי וויל, ער זאָל זיך נעמען נאָך איר טויט. אים אויך אויסגעמשלט ווי ס׳זאָל אויסזען איר מצבה — אויב אים וועט געלונגען זיך איינצואָר־דענען, פאַרדינען. זי איז דעמאָלט אַלט געווען איינאונצוואַנציק יאָר, אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה.

איר מאַן, אַלעקסאַנדער, האָט זי געהאַלטן אויף זיינע הענט און אומ־אויפהערלעך כסדר נאָר איר אַריינגעהויכט און איבערגעחזרט פאַר איר די ווערטער:

„ראַיאַ, וועסט נישט שטאַרבן, ראַיאַ, וועסט נישט שטאַרבן, ראַיאַ, וועסט נישט שטאַרבן, דו וועסט נישט שטאַרבן!"

דרייסיק שעה, אָן איבעררייס, האָט ער איר געווידמעט נאָר די איינ־צלנע פראַזע — „ראַיאַ, ראַיאַ, וועסט נישט שטאַרבן"!

די ווערטער זענען איר אַריין אין אַלע קעמערלעך פון איר לייב, באַזעצט דעם גאַנצן גוף, ווי אַריינגעקלאַפּטע טשוועקעס. זי האָט שוין נישט געפילט איר צעהיצטן גוף, ווי נאָר ער וואָלט באַשטאַנען פון די ווערטער —

„ראַיאַ, ראַיאַ, דו וועסט נישט שטאַרבן, דו וועסט נישט שטאַרבן!"

נאָך דרייסיק שעה אַזוי האָט זי זיך אויפגעריסן פון איר געלעגער, צעעפנט די אויגן, און אים הויך אָפּגעענטפערט:

— „כ׳וועל נישט שטאַרבן, אַלעקסאַנדער, איך וועל נישט שטאַרבן!"

און זי איז געזונט געוואָרן. אַלעקסאַנדערן האָט מען צוגענומען אויפן פראָנט. זי איז אַריבער פון קאַלכאָז קיין סאַמאַרקאַנד. צוועלף פּלי־טים האָבן זיי געוווינט אין אַ קליינער קיביטקע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די טיפוס־עפּידעמיע. אין שטיבל איז כסדר געוואָרן גרוימער. יעדע פּאָר טעג האָט מען אָן אַנדערן צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין.

קייגנאיבער דער קיביטקע האָט געוווינט אַ פּוילישער ייד. פון די פּליטים־לאַגערניקעס. ער האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל, ער איז דאָרט באַגרעבער פון די מתים. ער האָט איר געהאַט דערציילט, אַז געוויינלעכע בירגער טראָגט מען צו דער קבורה אויף אַ פּשוט טראָגבעטל, נישט

איבערגעדעקט. דאַקעגן אָנגעזעענע בירגער, פון הויכע אַמטן, ווערן צו־געדעקט מיט אַ זיידענער קאָלדרע בעת מען טראָגט זיי צו דער קבורה.

ראַיאַ איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. די ניינטע פון זייער שטיבל. ווען מען האָט זי געברענגט אין שפּיטאָל אַריין, האָט זי גענומען ליאַרמען און רופן משהן דעם קברן, איר שכן, ער זאָל שוין צו איר קומען. ווען משה דער קברן איז צו איר געקומען, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און מיט אַ געוויין אים געבעטן:

— רב משה, טייערער, רב משה, זאָגט מיר צו, אַז מיך וועט מען אויך צודעקן מיט דער זיידענער קאָלדרעביים טראָגן צו קבורה. זאָגט מיר צו! מיט דער זיידענער קאָלדרע!

און ווען ער האָט עס איר צוגעזאָגט, האָט זי אויסגעהילכט אַ ווילד געלעכטער:

— איך בין גליקלעך! גליקלעך! מ׳עט מיך צודעקן מיט דער זיי־דענער קאָלדרע!

ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט איר רב משה דערציילט, אַז ער האָט דענצמאָל ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַלס דערוואַקסענער — גע־וויינט. דעמאָלט, ווען זי האָט געלאַכט און זיך געפרייט, אַז מ׳עט זי אי־בערדעקן מיט דער זיידענער קאָלדרע.

*

ס׳איז שוין צוויי מיטנגאַכט.

די אַנדערע צוויי חברטעס רעדן שוין גאָר ווינציק. ליאַליאַ ווייסט שוין אַז איר מאַן איז אומגעקומען אויפן פראָנט. ער איז געווען עלטער פון איר מיט צוויי יאָר. זי איז איצט פיראונצוואַנציק. דער מאַן איז געווען אַ בוי־אינזשעניר. פון אירע מאַנדל־אויגן מיט אַגרעס־גרינעם פאָספאָר־גלאַנץ לייכט עס אויפן קליינעם בילדל פון איר מאַן. פאַלן עטלעכע קדיש־טרערן אויפן בילדל.

עדיע איז עלטער פון זיי, זעקסאונצוואַנציק. האַלט זיך פאַר זייערס אַ מאַמע. ווען איר מאַן רעדט זי זעלטן. זי האָט מער אין זינען צו טרייסטן די חברטעס. זי איז געווען אַ טוערין אין אַן עקסטרעמער ציוניס־טישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אַלע דריי יונגע פרויען לערנען אין היגן אינסטיטוט. עדיע איז די איינציקע וואָס אַרבעט נאָך די לעקציעס. מיט איר פאַרדינסט טיילט זי זיך מיט זיי. זי אַרבעט אין אַ פּאָליקליניק. באַקומט אָפט פון די אוזבעקישע פּאַציענטן פּראָדוקטן־מתנות פאַר אַריינלאָזן זיי צו דער צייט צום דאָקטער.

*

ס׳איז זיי שוין קילבלעך, די דאַמען און די „מאַמע" טוליען זיי ביידן צו זיך. ס׳ווילט זיך רויכערן און ס׳איז נישטאָ קיין שוועבעלע. קיין מענטשן אין פּאַרק זענען שוין לאַנג נישטאָ. ס׳דרייט זיך אַרום אַ האַלב־אָפּגעריסענע פרוי. זעט אויס איינע פון די „נאַכטפייגל", פון דער אונטערוועלט. מיר בעטן ביי איר אַ שוועבעלע. זי קען גיין שאַפן אַ שוועבעלע. מ׳זאָל איר נאָר געבן צו פאַררויכערן. מיר גיבן איר אַ ביסל מאַכאָרקע און פינף רובל. אין פופצן מינוט אַרום קומט זי צוריק מיט אַ פאַררויכערטן פּאַפּיראָס. ס׳האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ווייל דאָרט האָט זי זיך באַדאַרפט אַמפּערן מיט עטלעכע „יאַטן", וועלכע ליגן דאָרט באַהאַלטן, און האָבן זיך געגרייט אונדז צו באַפאַלן, אַראָפּציִען פון אונדז ס׳אָנטועכץ. זי האָט ביי זיי קוים געפועלט אונדז צורו לאָזן.

מיר האָבן פאַררויכערט, און זיך אויפגעשטעלט אַהיימצוגיין.

אַ בענקשאַפט האָט פויל געפויזעט אין גוף, געריזלט, געבלאָנדזשעט. לייב־בענקשאַפט? נשמה־בענקשאַפט? גאָט־בענקשאַפט? זיי וואָלטן זיך אַצינד, מסתמא, געקאָנט אייניקן.

אָבער מ׳צעגייט זיך אַהיים — — —

פּאָסט־סקריפּטום:

אויפן צווייטן טאָג בין איך בייגעווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די לעטישע און ליטווישע פּליטים. מיט אַ רעדע איז אויך אַרויסגעטרעטן ר א י א. איר רעדע אין רוסיש האָט זי פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— „אַ האַרציקן דאַנק אונדזער גרויסן פירער סטאַלין, וועלכער האָט אונדז באַשאָנקען מיט אַ שעפעריש, פריידיק און גליקלעך לעבן! הוראַ, הוראַ, הוראַ!"

משה גראָסמאַן



משה גראָסמאַן נאָך דער באַפרייונג פון טורמע, אויגוסט 1945

אַ גריף צו אַ פידל

עס איז זייער וויכטיק וואָסערע שיך מ׳טראָגט אויף די פיס.

אויב גאַנצע שיך, אָדער גאָר שטיוול, מיט גראָבע, האַרטע זוילן און נאָך נישט אויסגעטרעטענע קנאַפּל — פילט מען זיך זייער גוט, זיכער, נאָך בעסער ווי מ׳וואָלט געהאַלטן אַ שטעקן. עס איז שיִער נישט ווי אַ שטיק געווער. דו גייסט פעסט, זיכער, מונטער, און פילסט — אַז טאָמער עפּעס־וואָס, טאָמער פאַרטשעפּעט דיך ווער, אַ כוליגאַן אָדער אַ הונט, יענעם אַ קאָפּע טון מיטן פוס אין זיינע וויכקייטן אַריין.

נאָר ביי מיר דעמאָלט איז עס נישט געווען אַזוי דער פאַל. איך האָב געטראָגן לייוונטענע לעטשלעך, אויף אַ לייוונטענער זויל. יעדער טראָט דיינער זינקט אין ליימיקן אָדער זאַמדיקן באָדן, און די קליינע שטיינדלעך אויפן וועג, יעדעס קערעלע פון אַ קערש אָדער פלוים קוועטשט זיך איַין אין פוסטריט, פאַרשאַפט ווייטיק. דו פילסט זיך פון אַזאַ מין גאַנג דער־שלאָגן און שלאַבעריק.

אויף אַ צוגאָב בין איך געווען נישט־לאַנג נאָכן טיפוס. געווען נאָך עטלעכע צוגאָבן: איך האָב אונטערגעהונגערט. די זון, אין אַזיע, איז שוין די הערשערין אַפילו אַנהייב אַפּריל. זי ברענט אויס די ערד, גליט אָן דעם שטויב, און וויל נאָר אַז דער מענטש זאָל זיך צעטריפן, אויסרינען מיטן שוויס. און נאָך מער שליטה האָט זי איבער אַן אָפּגעשוואַכטן גוף.

איך בין געגאַנגען פון אַלטשטאָט־פערטל אין דער נייער שטאָט אַריין. דאָ, אין אַלטשטאָט, זענען שמאָלע געסלעך. נידעריקע, ליימענע קיביט־קעס מיט בלינדע ווענט. אויף די דרויסנדיקע ווענטלעך טריקענען זיך „פלעצלעך״ פון אייזל־צואה, אויף צו הייצן. די דורכגייער דאָ גייען אַזוי פאַרטרוימט ווי די אייזעלעך, געבוי ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק, געמיט־לעך, אידיליש.

אַן אַנגעזען אָרט פאַרנעמט דער גרויסער ביכער־מאַגאַזין וואָס אויפן ראָג פון צוויי גאַסן. ביי די אַנדערע מאַגאַזינען שטייען רייען מענטשן, דאָרט שטופּט מען זיך, מ׳איז אויפגערעגט, מ׳באַליידיקט זיך קעגנזייטיק. אין יענע אָטשערעדס איז ביים מענטש דעמאָלט דער הויפּט־בעל־דעה — דער מאָגן. אַ דעספּאָט. נערוועזע באַוועגונגען, פאַרלאָפענע אויגן, בייזע ברומענישן: „נאַכאַל", „טשאָרט", „דוראַק", „כוליגאַן". — דאָרט באַקומט מען ברויט, מאַרמאַלאַד, קאַרטאָפל.

אַנדערש איז ביים מאַגאַזין פון ביכער. די זעלבע מענטשן, ווען זיי שטייען ביי דער וויטרינע פון ביכער־מאַגאַזין, זענען זיי שוין רויִקע, באַזאָכטע, רעדן שטיל, איידל, געדעמפּט.

אין די שויפענצטער ליגן גרויסע, אילוסטרירטע, גאָלד־געליישטע ביכער, פּאָרטרעטן און סקולפּטורן פון דענקער און פירער: פילפאַרביקע, קינסטלערישע אויפשריפטן, דיאַגראַמעס. ביי די פענצטער שטייט שול־יוגנט, און די ווינציקע עלטערע מענטשן וועלכע האָבן אַן אינטימע באַ־ציִונג צו געדרוקטע אותיות. די וועלכע גייען אַהיים אין גאַנצן צופרידענע ערשט דעמאָלט, ווען אין קיישל, אויף דעם ברויט, מאַרמאַלאַד, קאַרטאָפל — ליגט אַרויפגעלייגט — אַ בוך.

אינעווייניק, אין גרויסן מאַגאַזין, איז אַ שטילע, האַלב־יומטובדיקע שטימונג.

איך קוק זיך איין אין די ביכער־פּאָליצעס — נישטאָ קיין נייע ביכער. די זעלבע פּאָליטישע ליטעראַטור, דער עיקר — פון באַרימטע צוויי, וועמענס ביכער ס׳ווערן געדרוקט אין די מיליאָנען עקזעמפּלאַרן. דער ביכער־פאַרקויפער, דער טיפּישער מענטש אין די ברילן, וועמענס גרעסטע עמאָציע איז עפּעס אַן אַנטיקוואַר־בוך (און ווי געוויינלעך — אַ זון פונעם „עם הספר"), פילט זיך אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט. און ווי אַ שולדיקער פאַרענטפערט ער זיך, צעפירט באַדויערנדיק די הענט:

— ס׳דאַרפן אָנקומען נייע ביכער.

אויפן טיש אין אַ גאַבלאָטקע אונטערן גלאָז, זענען נאָך אַלץ געלעגן די צוויי בראָשורן וועלכע רעכענען זיך שוין פאַר אויסגעשעפּטע, און

קאָסטן דעריבער אַ ספּעציעלן, טייערן פּרייז: „דער רענעגאַט קאַוטסקי" און „ווי אַזוי צו היילן שילשול ביי זויגקינדער".

אין דער צווייטער גאַבלאָטקע איז שוין געלעגן עפּעס אַ נייעס, וואָס איז ביז איצט נישט געווען — גריפן צו פידלען. דאָס איזווירקלעך אַ נייעס. די לעצטע עטלעכע מלחמה־יאָרן איז מיר בכלל נישט אויסגעקומען צו זען אַ פידל, אָדער צו הערן מוזיק. אויב נישט רעכענען דעם ראַדיאָ־הילכער אויפן שטאָט־פּלעצל, קייגנאיבער דעם פּאַרצייטיש־וווּנדערלעכן, מיטלאַלטערלעכן „רעגיסטאַן" — האָב איך קיין מוזיק נישט געהערט. דער שלעכטער ראַדיאָ־הילכער שיילט סיי־ווי אָפּ יעדן מוזיק־קלאַנג פון זיין פרישקייט, לויטערקייט. די קלאַנגען ווערן לויז־צעפלאָסן, יעדער טאָן ווערט צערונען אין כאַרבלענדיקע וואַיעגישן פון בייזע באַסן. פון נגינה ווערט — קאָנסערוון־מוזיק.

דער גריף אין דער גאַבלאָטקע האָט דערמאָנט אין אַ ריינער, צאַרטער פידל. דערמאָנט טיילווייז אין יענע יאָרן, ווען דו האָסט געהערט און אויפגענומען מוזיק אין וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריום, פילהאַרמאָניע. דערמאָנט אין דער יוגנט־צייט, ווען דו האָסט זיך געלערנט פידל־שפילן. בעתן לערנען שפילן, האָסטו אויף דער פידל, דאָרט וווּ מ׳לענט אָן דעם קין — שטענדיק אונטערגעלייגט אַ ווייס־זיידן טיכעלע. איך קוק אויף דעם גריף און דערמאָן זיך אין האָנעגערס גאַמען וואָס כ׳האָב געשפּילט. אָבער נאָך מער גייט פּאַר מיר אויף דאָס ווייסע, זיידענע טיכעלע. און די ווייסקייט פון דעם טיכעלע דערפירט מיך צו אַ גאַר גראָבער מחשבה — צו אַ ווייס ליילעך. איך דערמאָן זיך, אַז שוין פיר יאָר צייט בין איך נישט געשלאָפן אויף קיין ווייס ליילעך, נישט רעכענענדיק די צייט אין שפּיטאָל. דאָרט, ווו כ׳בין געלעגן אין גרויס היץ, איז דאָך דאָס ליילעך געווען ביי מיר פאַררעכנט פאַר אַ זאַך אין וועלכן מ׳טראָגט אַראָפּ אין מתים־שטיבל.

איך קוק אויף דעם גריף וואָס ליגט אויסגעבעט אויף אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר, און זע גאָר אָט יענץ ווייסע, זיידענע טיכעלע; די פידל; און געדענק די דעמאָלטיקע נאַיווע מחשבות מיינע — אַז מיט מוזיק קען מען אויסלייזן די וועלט.

איך הייס מיר אַרויסגעבן אַ גריף. דער ביכער־פּאַרקויפער, וועלכער

קען מיך שוין פון פריערדיקע וויזיטן דאָ, שמייכלט צו מיר פריינטלעך, ווי אַן אָנגעהעריקער צו איין סעקטע:

— איר האָט אַ פידל אין דער היים? איר שפּילט?

איך שאָקל פאַרלעגן מיטן קאָפּ, אָבער אַזוי נישט־דעצידירט, אַז ס'איז שווער צו כאַפּן צי איך שאָקל אויף יאָ אָדער ניין.

ער נעמט אַרויס דעם גריף, שרייבט אויס אַ צעטעלע צו דער קאַסע. איך באַמערק דערווייל, אַז נאָענט פון דער גאַבלאָטקע ליגן אין אַ קליין שאַכטעלע קליינע, זילבערנע שטערנדלעך צו אָפּיצירן־עפּאָלעטן.

איך האָב שוין דעם גריף אין טאַש און גיי שנעל אַרויס פון מאַגאַזין.

אַ זוניקער פרילינג־טאָג אין דרויסן. איך הער אַצינד שפּילן די גאַמען פון יענע ווייטע יאָרן. מיר דאַכט זיך איצט אויס, אַז די זונשטראַלן זענען סמיטשיק־בויגנס, וועלכע שפּילן אויף אַ פידל וואָס ציט זיך פון סאַמאַרקאַנד ביז וואַרשע. דער שטח פאַרבייט זיך גיך אויף דער צייט, אויף די פאַרלאָפענע יאָרן פון דעם פעריאָד. באַלד פאַרמישט זיך אַלץ אין אַ שווינדל־טאַנץ פאַר די אויגן, ס'פאַלן זילבערנע שנייעלעך, קליינע עפּאָלעטן־שטערנדלעך, זון־שנייעלעך.

איך בין, זעט אויס, אָפּגעשוואַכט. די פיס וואַקלען זיך. איך שטעל פאַמעלעכע טריט און מיט דער האַנט דריק איך אויפן גריף אין טאַש.

די גאַס האָט זיך אירע וואָכעדיקע געשעענישן. אַן אוקראַיִנישער ייִד, וועלכער האָט דאָ אַביידל מיט לימאָנאַד און גאַז־וואַסער, וואַשט דאָרט אין ביידל די פּעסלעך, גיסט אַרויס אַ שעפל וואַסער — און ס'טרעפט אין גאַנצן אין מיר. אין דער ערשטער רגע דערשרעקט עס. דערנאָך דערפיל איך קילקייט אויפן לײַב. ס'פאַרטוישט זיך באַלד אין היץ — מסתמא פון דערשרעקן זיך, פון איבערגעראַשטקייט, כעס. צום ערגסטן איז אָבער מיט דעם וואַסער אויף די לעטשלעך. איצט זענען זיי שוין אין גאַנצן פּיטש־נאַס, אוממעגלעך צו שטעלן אַ טראָט. דערווייל אָבער שטעלן זיך אָפּ פאַרבייגייער, און איינער, אַ האַלב־אויסגעפּוצטער הפקר־יונג, וויל זיך וואַרפן אויף דעם אוקראַיִנישן ייִד, זיך אָננעמען מיין קריוודע. פאַרכאַפּ איך אים פאַר דער האַנט, וויל אים אַוועקשלעפּן. רייסט ער זיך אָפּ פון מיר און נעמט זידלען — מיך, הלמאי איך האָב נישט דער־

לאַנגט מיין באַליידיקער אין צורה אַריין, — אַז איך בין אַ שמאַטע, אַ וואָרעם, אַ פּחדן. ער שפּייט פאַר מיר אויס. טויכט אין מיר פּלוצים אויף אַ זייטיקער כּוח, אַן אומבאַקאַנטע כעס־ענערגיע — איך צי אויס די האַנט און דערלאַנג דעם יונגן פאַרשוין אַ קלאַפּ.

נעמט זיך פאַרפּלאָנטערן עפּעס אַ משונהדיקער אינצידענט: דער אוקראַיִנישער ייד זידלט מיך, ווייל זיך וואַרפן אויף מיר דערפאַר, ווייל איך האָב געוואַגט שלאָגן אַן אומשולדיקן מענטש. דער געשלאָגענער כאַפּט מיך פאַרן האַלדז, ווערגט מיך. אַ יונגע פרוי רייסט אים אַוועק זיינע הענט פון מיין האַלדז.

איך זיץ אויף אַ שוועל. אַלע זענען זיך שוין צעגאַנגען. מיין גרינע פלאַנעל־בלוזע איז צעריסן. די לעטשלעך זענען חלשותדיק נאַס. ס׳איז מיר רחמנותדיק. די יונגע פרוי קומט צוריק פון אַ זייטיק געסל. געמוזט, זעט אויס, באַגלייטן מיין אָנפאַלער, בעטן אים, דאַנקען. זי זעצט זיך צו מיר צו אויפן שוועל. ערשט אַצינד דערזע איך בולטער איר פּנים. זי רעדט נאָך אַ פאַרסאָפּעטע, אין אַ ווייכן רוסיש:

— גאָט מיט אייך, ווי פילט איר זיך?

איך זע אירע אויגן: מלא גוטסקייט. בענקשאַפט.

זי נעמט אַרויס נאָדל־פאָדעם און נייט מיר צו דאָס אָפּגעריסענע שטיק בלוזע. איך קוק אויף אירע פינגער ביים נייען. זי הייבט יעדעס מאָל אויף די אויגן און לאָזט זיי אַראָפּ, מסתמא כדי נישט צו ווייזן טרערן. זי זאָגט מיר שטיל:

— אָרעמינקער, שטאַרקט זיך.

איך וויל ווידער זען אירע אויגן. דערנאָך קוק איך ווידער אויף אירע פינגער, און פרעג ביי איר:

— אויף וואָסער אינסטרומענט שפּילט איר?

פלעמלט־אויף אַ שמייכל אין אירע אויגן, אַ גוטסקייט־פרעלוד.

— אויף קלאַוויר, יאָ?

— ניין, פידל. פון וואַנען ווייסט איר אַז איך שפּיל?

איך הייב זיך אויף פון שוועל. זי נעמט מיך אונטערן אָרעם אויף

צופירן אַהיים. ביים געזעגענען זיך נעם איך אַרויס דעם גריף פון טאַש און גיב עס איר אַוועק. —

— איר שפילט פידל?

איך שאָקל מיטן קאָפּ אַזוי, אַז זי קען נישט וויסן — יאָ צי ניין.

איך הער שפילן גאַמען. פאַר די אויגן פאַלן זוניקע, זילבערנע שנייע־לעך. פון זיי לייכטן אַרויס אַ פאָר וואַרעמע אויגן מלא גוטשאַפט און בענקשאַפט — פון אַ פרוי וואָס שפילט פידל — — —.

משה גראַסמאַן נאָכן צוריקקומען פון רוסלאַנד, לאָדזש, 1946

מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער, לאָדזש, 1946
פון רעכטס צו לינקס: ערשטע ריי: ש. קאַטשערגינסקי. א. וואַל, מ. גראָסמאַן, ל. פינקל
א. קאַגאַנאָווסקי, א. סוצקעווער, י. אַשענדאָרף
צווייטע ריי: מ. וואַלדמאַן, מ. קנאַפּהייס, ח. ל. פוקס, י. רובינשטיין, ב. קוטשער, י. גוטערמאַן,
יאַסני, אומבאַקאַנט, י. יאַנאַסאָוויטש, י. שפּיגל, א. זאַק



משה גראָסמאַן מיט זיין פרוי ראָזאַ אין שוועדן, 1947

קאַנוואַליען *

געווידמעט מיינע אומגעקומענע פאַניע און מאַיאַ

א

איך מוז אים אויסהערן און וועל אים אויסהערן. זיין בליק האָט געפונען אַ שנעלן קאָנטאַקט מיט מיין אינעווייניקסטן וועלטל. נאָך איי־דער איך האָב באַוויזן פעסטצושטעלן לאָגיש, אַז דער דאָזיקער מענטש שפּיגלט אָפּ מיין איך. אין זיינע אויגן פלעמלט עקסטאַז. אין אַזעלכע מינוטן רעדט מען נאָר אמתע רייד. יעדעס וואָרט זיינס באַרירט אַ קלאַ־וויש פון צער. ער הייבט אָן שטיל, פּאַמעלעך, באַמערקט נישט ווי זיין טאָן ווערט אַלץ העכער און געשווינדער.

איך מוז אים אויסהערן — ווייל ער רעדט מיינע אייגענע רייד.

ער הייבט אָן פון עפּעס אַ וויטן עניך, נאָר ער האָט, זעט אויס, אַ שייכות צו אַ לעצטער איבערלעבעניש.

— יאָ, אָרעמע יידישע קינדער פון דער דזשיקע־גאַס אין וואַרשע, האָבן זעלטן געזען בלומען. ביי אונדז אין שטוב האָב איך ווינטערצייט געפלעגט זען בלימעלעך פון אייז אויף די שויבן. ערב־פרילינג האָבן די פייכטע ווענט אין אונדזער שטוב אויפגעטאַיעט און געלע פלעקן האָבן אָנגענומען די צורה פון קראַנקע, פאַרוויינטע בלומען. געטריפט מיט טרערן־טראָפּנס. די פייכטקייט האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין די רויטע ציכלעך. ביים איבערציִען דאָס בעטגעוואַנט האָט מען געזען אויף זיי די

---

* פון בוך „היימישע געשטאַלטן", תל־אביב, סעפּטעמבער 1953.

זעלבע וואָס אויף דער וואַנט פאַרנעצטע, געלע פלעקן. אויך אין געשטאַלט פון קראַנקע, פאַרוויינטע בלומען.

ווען דער טאַטע, אַ קראַנקער, האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעהוסט, אויף זיין פּנים האָבן זיך געפאַרבט בולטער די רויטע אײַנדזעלעך, האָט די מאַמע פאַרבראָכן די פינגער און מיט אַ פינצטער קול אַריינגעקרעכצט אין אַ ווינקל:

„אוי, די שווינדזוכט־בלימעלעך צעבליִען זיך שוין אויף זיין פּנים"...

אָט וועגן אַזעלכע בלומען האָב איך דאָס געוווּסט אין מיינע קינדער־יאָרן.

ב

— ווען איך בין אַלט געווען בערך פינף און צוואַנציק יאָר, האָב איך זיך באַשטעלט אויף אַ ראַנדעוווּ מיט אַ מיידל, אין וועלכער איך בין געווען פאַרליבט מיט אַלע מיינע אָנגעזאַמלטע בענקשאַפטן.

עס איז געווען אין אַן ערב־פרילינג נאָך מיטאָג, ערב־פּסח. זי איז אָנגעקומען מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג. איך האָב זיך נאָר מיט איר באַגריסט און גאָרנישט מער געזאָגט. מיין געוויינלעכע באַרעדעוודיקייט האָט מיר דענסטמאָל צו גאָרנישט געניצט. ווען איך האָב פאַרט געפּרוּווט אַרויסברענגען עטלעכע ווערטער, האָבן זיי אונטערגעציטערט ווי אַ קלאַנג, בעת דעם פידלער געלונגט נישט פעסט צוצודריקן מיטן פינגער די סטרונע. איך האָב געקנייטשט אין האַנט דעם ניי־געקויפטן קאַפּעלוש, די הענטש־קעס. איך האָב געוואָלט אַז עס זאָל מיר געראָטן כאָטש אָנצוכאַפּן איין גאַנצן זאַץ מיט ווערטער און אים אַרויסשליידערן מיט איין מאָל, פריי און פליסיק, עס האָט זיך מיר אָבער נישט איינגעגעבן.

מיט דעם זעלבן מיידל האָב איך שוין געהאַט געאַרבעט זינט פיר יאָר אין איין ביוראָ, אָפט מאָל אין דעם זעלבן צימערל און אַפילו ביי איין טיש. ערשט נאָך מיט צוויי שעה פאַרן ראַנדעוווּ, האָבן מיר גערעדט צווישן זיך פריי, נישט געצווונגען, אָבער אַצינדער האָט עס זיך אונדז באַיין אופן נישט איינגעגעבן. צו דעם ראַנדעוווּ האָב איך זי באַשטעלט דורך

אַ בריוועלע, געשיקט דורך דער פּאָסט. איך האָב געשריבן, אַז איך האָב מיט איר צו רעדן אַ ווייטיק־ערנסטן ענין.

וואָס פּאַראַ שטייגער מיידל זי איז געווען? אַלע מענטשן זענען צו זיך זייער ענלעך, נאָך מער זענען צו זיך ענלעך — פּרויען, אַזוי האַלט, געווײנלעך, די וועלט, אָבער איר זאָלט דערין נישט גלייבן. גופים זענען צו זיך ענלעך, אָבער נישט קיין נשמות. און נישט יעדער גוף איז דאָך באַשאָנקען מיט אַ נשמה.

און אויב יעדע נשמה באַזונדער מוז פּריִער באַהויכט ווערן פון באַ־שעפּערס אָטעם, געוואַרעמט ווערן אין זיינע הענט, אין זיין בוזעם, האָט איר נשמה גאָט לאַנג באַהויכט און געוואַרעמט און געטוליעט. און אַזאַ אויסגעוואַרעמטע האָט זי גערוט אין אירע אויגן־ווינקלען, געניגונט אין איר קול, דעמאָלט ווען אירע רייד זענען געווען שעמעוודיקע, קינדערשע, ציטערנדיקע. און זיי זענען עס תמיד געווען.

זענען מיר דעריבער אַפילו געפעלן געוואָרן אירע זומער־שפּרענקע־לעך אויפן פּנים. נאָך מער פאַרליבט אין איר האָב איך זיך ערשט ווען איך האָב דערזען אַ צערעלע אין איר קליידל.

וואַרט, וואַרט, איך וועל אייך זאָגן גענוי — דאָס צערעלע איז ביי איר געווען אויפן לינקן אַרבל, שוין נאָענט צום אַקסל, פון פראָנט, און אַ ביסל זייטיק. עס איז געווען אַ טונקל קליידל, גראַנאַט, פון אַ ווייכן זייד. דאָס קליינטשיקע שטאָפּקעלע האָט מיר אַנטפּלעקט אינטימקייט, היימישקייט, נשמהדיקייט.

זי איז געווען מיט צוויי יאָר יִנגער פון מיר . זי האָט, דאַכט זיך, אַלעמען ליב געהאַט, אָבער ליב קריגן וועמען גאַנץ באַזונדער האָט איר אויסגעזען אַ ווייטע זאַך. זי האָט, מסתמא, וועגן ליבע נישט איין מאָל געחלומט, זיך געשאַפן איר פאָרשטעלונג ווי אַזוי עס וועט אויסזען איר באַשערטער, אָבער מיט דער ווירקלעכקייט האָט עס נישט צו טון. אַזעלכן באַגעגנט מען נישט. איז זי פול מיט ליבע צו בלומען, קושט זיי; האָט זי ליב קינדערלעך, קליינע הינטעלעך; האָט זי ליב היסטאָרישע העלדן און ליבע־קראַנקע פּרינצעסינס; זי האָט ליב איר מאַמע און שוועסטערן, די בילדער פונעם פאַרשטאָרבענעם פאָטער און ברודער; זי האָט ליב

אירע חברטעס, אירע קאָלעגן אין ביוראָ, האָט ליב קראַנקע און אָרעמע — אויב נאָר זיי זענען זויבערע — אָבער אַזוי? וועמען ליב קריגן ווי אַ באַשערטן?

בעת זי האָט באַקומען מיין בריוועלע צו קומען אויף אַ ראַנדעוווּ, איז זי, מסתמא, געווען שטאַרק איבערראַשט, נאָר זי איז געקומען. זי וועט דאָך נישט אָפּזאָגן אַ קאָלעגע מיט אים זיך צו טרעפן. במשך די פיר יאָר האָט זי דאָך באַדאַרפט ווי עס איז באַמערקן, אַז יעדע אויס־שטראַלונג פון איר בליק האָב איך אויפגעכאַפּט און אים ביי מיר פאַר־האַלטן; אַז יעדער איר וואָרט געווענדט צו מיר, האָב איך מער ווי גע־הערט.

הכלל — זי איז געקומען. געווען אַוודאי אויך נייגעריק צו זען און צו הערן ווי אַזוי דאָס קומט פאָר, וואָסערע רייד מען רעדט, ווי אַזוי עס קלינגט. זי איז אַלט געווען דרייאונצוואַנציק יאָר, אָבער זי איז נאָך געווען לגמרי אַ קינד. מיט דער תמימותדיקער ווייבערישער קינדישקייט, וואָס זעט די וועלט לויט די מעשהלעך פון דער גוווערנאַנטין און לויט די געפּייערטע געבורטסטאָגן אין איר היים, צוזאַמען מיט דער מאַמען, שוועסטערן און חברטעס.

שטייען מיר אַצינד אַזויביידע ביים ראָג און וואַרטן אויף אַ טראַמוויי, אַוועקצופאָרן אין אויאַזדאָווער פּאַרק. דאָרט, דאָרט, אויף דער לעשנאָ־גאַס, איז מען נאָך אַלץ אין דער סביבה וואָס דערמאָנט אין ביוראָ, אין רעכענונגען, אין שרייב־מאַשינען, אין וואָכנדיקע טאָגטעגלעכקייטן.

אין אויאַזדאָווער פּאַרק איז שטענדיקער יום־טוב. דאָרטן זענען די מענטשן אַנדערע און דיביימער זענען אַנדערע ווי דאָ, אויף דער לעשנע־גאַס.

אָנגעקומען אין פּאַרק, זענען מיר אַוועק אין אַ זייטיקער אַלייע. איך האָב געבענטשט דעמאָלט די ביימער פאַר זייער שטילן וויגן די צווייגן, פאַר זייער שאָקלען זיך אויף: „יאָ", „יאָ", „יאָ". זיי האָבן גע־פלאָכטן שאָטנדלעך פאַר אונדזערע טריט, באַהעלט מיט זון־אינדזעלעך, געשטיפּט און געהנדלט מיט אונדז. אָבער רעדן האָב איך נאָך אַלץ נישט

געקענט, אַלע ווערטער האָבן זיך ערגעץ פאַרשטעקט, פאַרהאַקט. איך האָב שוין געוואָלט פאַרלייגן צוריקצוגיין, וואָס שנעלער אַרויס פונעם פּאַרק, צוריקפאָרן און זיך אָפּגעזעגענען. באותו הרגע איז ווער אַרויסגעשפּרונ־גען ערגעץ פון אַ זייט און אונדז פאַרלאָפן דעם וועג. דאָס איז געווען אַ יונג, באָרוועס שיקסל, מיט בינטלעך בלומען אין אַ געפלאָכטן קײשעלע. אַ שמייכלענדיקע און אַרויספאָדערנדיקע לייגט זי מיר פאַר צו קויפן אַ בינטעלע פרישע בלומען, קאָנוואַליעס. מיין פּאַרטנערין האָט מיך אַ כאַפּ געטון פאַרן אָרעם:

— ווי וווּנדערבאַר! קאָנוואַליען! די ערשטע קאָנוואַליען! מיינע שעמעוודיקע, ווייסע קעפּעלעך! ליכטיקע קאָנוואַליען מיינע!!

איך האָב געקויפט אַזאַ בינטעלע און עס איר דערלאַנגט. זי האָט זיי אַ לייכטן קוש אָפּגעגלעט. אירע אויגן האָבן געשמייכלט גליק. פון נישט וויסן וואָס צו זאָגן, האָב איך, מעשה לערער, איר אויפגעקלערט:

— אויף יידיש הייסן קאָנוואַליען: מאַי־גלעקעלעך, אויף רוסיש הייסן זיי — לאַנדיש.

און מיין באַרעדעוודיקייט האָט גענומען שפּרודלען. איין וואָרט איז פאַרלאָפן דעם וועג אַ צווייטן, זיך איבערגעיאָגט, אַריבערגעשפּרונגען. איך האָב שוין גערעדט און גערעדט, געשמייכלט, געלאַכט, אַלץ אין מיר האָט זיך געפרייט און געזונגען.

ג

יעדעס יאָר ערב פּסח פאַר נאַכט, האָב איך אין אונדזער שטוב איר אַריינגעבראַכט אַ מתנה אַ בינטל קאָנוואַליען. איך דעמאָלט, ווען זי איז שוין געווען אַ מאַמע, ווען אונדזער טעכטערל איז שוין אַרומגעלאָפן אי־בער דער שטוב און זיך געשפּילט מיט זון־שטראַלן און דאָס גלאָזוואַרג אויף קרעדענס האָט אונטערגעציטערט פון איר הילכיק, קוועלנדיק גע־לעכטערל. בעת איך האָב איר דערלאַנגט דאָס בינטעלע קאָנוואַליען, האָט זי זיך דערמיט אַראָפּגעבויגן צום טעכטערל, אונדזביידן אַרומגע־נומען.

ד

ערב פרילינג. ערב פסח. יאָר ניינצן זעקס און פערציק. די לאָדזשער גאַסן זענען פול מיט יידן צוריקגעקומענע פון די פאַרשידנסטע לאַגערן. טייל זענען ערשט אויסגעשטיגן פון די וואַגאָנען, וואָס האָבן זיי געפירט וואָכן צייט פון די ווייטע, סיבירער שליאַכן. די צוריקגעקומענע, ס׳רוב נאָך אין וואַטענע פופייקעס און וואַטענע הויזן. זייערע בגדים, שיך, פונקט ווי זייערע פּנימער און אויגן, זענען אויסגעגעסן פון שטויב. זייערע בליקן זענען משונהדיק־איַליקע, אויפגעריסענע, נישטערנדיקע, בויערנ־דיקע. זיי זוכן, זיי זוכן! זיי זוכן זייערע געלאָזענע נאָענטסטע, זייערע פרויען און קינדער, זייערע מאַמעס און שוועסטערן. זיי קוקן זיך איַין אין יעדן פאַרבייגייער, זיי קוקן אויף די הייזער, זיי זוכן אויף דער ערד, זיי הייבן זייערע בליקן צו די הימלען — ווו זענען זייערע נאָענטסטע? זיי זוכן די אומגעקומענע, זייערע אייגענע. אַלע ייִדישע אויגן זענען דעמאָלט פרעגנדיקע און זוכנדיק — אפשר?! טאָמער?! ווו אַהינגעקומען?! ווו זענען זיי?! ווו זענען זיי?!

און איך בין אויך געווען איינער פון די דאָזיקע זוכנדיקע. איך האָב שוין געהאַט געוווסט, גיכער געאַנט, אַז מיין פרוי און טעכטערל זענען אומגעקומען. אין יאָר 1941 אָדער 1942. געגנוי — ווען, ווי אַזוי און ווו — ווייס איך נישט עד היום. זוך איך, קוק איך, ווו זענען זיי? אפשר? טאָמער? דאָך...

און אַזוי גיי איך דעמאָלט אַ לויפנדיקער איבער די לאָדזשער גאַסן און דערזע פלוצים אין אַן אויסשטעל־פענצטער —

ק אָ נ וו אַ ל י ע ן!

איך דערזע זיי! אָט דאָס זענען דאָס אירע אויגן! אָט דערזע איך דאָך איר שמייכל! אָט־אָט־דאָ איז זי דאָך! זי, זי! זי פאַרבאַהאַלט זיך אין די קאָנוואַליען!

ה

איך בין אַריין אין דעם בלומען־געוועלב. איך האָב געקויפט אַזאַ בינטעלע. איך בין גיך דערמיט געלאָפן אין פליטים־הויז, דאָרט איז ביי

מיין געלעגער געשטאַנען אַ שטול. איך האָב די קאָנוואַליען אַריינגע־שטעלט אין אַ גלאָז וואַסער און אַוועקגעשטעלט אויפן שטול.

איך האָב געקוקט אויף די שעמעוודיקע, ווייסע בלומען־קעפּלעך און געזען איר בליק, שמייכל, אָבער נישט לאַנג האָט דאָס געדויערט, איך האָב דערזען אָנגעצונדענע פייערלעך. אַוודאי, דאָס זענען די יאָרצייט־ליכט, איך זע דאָך! אָט גייט אַ פלאַם פון די בלומען, זיי ברענען, זיי ברענען, זיי פלאַקערן! איך שריי אויס איר נאָמען, איך וואַרף זיך קושן די פלאַמען, ווערן זיי קלענער די פלעמעלעך. עס טריפט פון זיי קליינע טראָפּנס פייער, ניין, עס זענען גאָר טרערן. זי שמייכלט און וויינט, זי וויינט און שמייכלט — קאָנוואַליען איז דאָך איר באַליבטסטע בלום, איר גליק, נאָר זי קען נישט פאַרגעסן דאָס טעכטערל. וויינט זי, וויינט. און די יאָרצייט־ליכט ברענען און טריפן.

קאָנוואַליען.

קאָנוואַליען!

משה גראָסמאַן, מיט זיין פרוי ראָזאַ און טאָכטער לאה
תל־אביב, 1956



משה גראָסמאַן, אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן, 1961

דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון משה גראָסמאַן

משה גראָסמאַן, געבוירן דעם 3טן אַפּריל 1904 אין קאָריוו (קוראָוו), לובלינער געגנט, פּוילן.

ווי אַ קינד, אין 1910, געקומען קיין וואַרשע. געלערנט אין חדר, ישיבה, אויף סעמינאַר־קורסן, און זיך געגרייט ווי אַן עקסטערן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1917, צוליבן הונגער, צוריקגעקומען מיט זיינע עלטערן קיין קאָריוו. אין עלטער פון 14 יאָר האָט ער שוין אין זיין היימשטעטל געגעבן פּריוואַטע לעקציעס אין ייִדיש, רוסיש און חשבון. אין 1920, נאָכן טויט פון זיין פאָטער, אַליין צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. געווען דאָרט אַ גאַסנהענדלער, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער און אַן אַרבעטער, און אין די אָוונטן זיך געלערנט, בעיקר, דורך אַליין־בילדונג. איז זינט 1921 געווען אַ מיטגליד פון דער פּוע״צ־אָרגאַניזאַציע, „יוגענד״, געאַרבעט אַ צייט ווי אַ געהילף אין סעקרעטאַריאַט פון וואַרשעווער אַרטיסטן־פאַראיין, געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ פּועלי־ציוניסטישן פאַרלאַג, סעקרעטאַר פון דער יוגנט־סעקציע ביים פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע, און זינט 1925, ביז האַרט פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע פון וואַרשע, ווען עס איז שוין דערשינען דער לעצטער נומער פון דער צייטונג, האָט ער געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון וואַרשעווער „היינט״.

משה גראָסמאַן האָט אָנגעהויבן שרייבן צו 14 יאָר. אונטערן פּסעוודאָנים גדולמאַן האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע קליינע הומאָריסטישע זאַכן אין באָנטשעס (אברהם ראָזענפעלד) הומאָריסטישן זשורנאַל „דער פויגל״. אין 1923 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע נאָוועלע א״נ „ברכה און קללה״, אין „וועלטשפּיגעל״, וואַרשע (רעד. א. ל. יאַקובאָוויטש). זינט דעמאָלט האָט ער געדרוקט זיינע אַרבעטן אין „יוגנט־פאָן״, „וועלטשפּיגעל״, „ליטעראַרישע בלעטער״, „וואָכנשריפט״, „פאָרמעסט״, „פריינד״, און „היינט״,

וואַרשע; „יידישע בילדער", ריגע־וואַרשע, „אַרבעטער־צייטונג", וואַרשע־לאָדזש א״אַ. אין 1931 איז דערשינען זיין ערשט בוך: „פלאַמען אין רויך", (ראָמאַן פון אַן אַרבעטער־סביבה) וואַרשע, 136 זייטן. שפּעטער: „האַמער אויף האַרפע", נאָוועלן, וואַרשע, 1933, 65 זייטן; „קאַרל מאַרקס" (ביי זיין שוועל), ביאָגראַפישער מאָנטאַזש־ראָמאַן, וואַרשע 1934, 288 זייטן. צווייטע אויפלאַגע, פאַרלאַג מ. ראַקאָווסקי, וואַרשע 1936, 261 זייטן. דאָס דאָזיקע ווערק איז אויך אַרויס אין אַ פּוילישער איבערזעצונג (איבערזעצער — ס. רעי), פאַרלאַג „זניטש", וואַרשע 1935, 240 ז׳; „דערוואַכונג", היסטאָריש־ביאָגראַפישער ראָמאַן וועגן ראָזאַ לוקסעמבורג, פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1937, 150 זייטן (דאָס דאָזיקע בוך איז פריער געווען געדרוקט אין המשכים אין „שיקאַגער קוריער" מיט אַ הקדמה, וואָס איז געוואָרן פאַרבאָטן דורך דער צענזור אין פּוילן). נאָכן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין אָקטאָבער 1939, האָט גראָסמאַן זיך געראַטעוועט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז אָבער דאָרט געווען אַרעסטירט, געוואָרן געפּייניקט דורך דער סאָוויעטישער מאַכט, און פאַרשיקט אין דאָרטיקע קאָנצענטראַציע־ און אַרבעטס־לאַגערן. נאָכן סוף פון דער מלחמה, אין 1945, צוריקגעקומען קיין פּוילן. האָט מיטגעאַרבעט אין „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, און געווען רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג", לאָדזש 1946, האָט אויך מיטרעדאַקטירט דאָס זאַמלבוך „יידישע שריפטן", אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין לאָדזש, 1946.

סוף 1946 האָט ער פאַרלאָזט פּוילן, און אַ קנאַפּ יאָר זיך אויפגעהאַלטן אין שוועדן. אין האַרבסט 1947 איז ער געקומען קיין פראַנקרייך, געווינט אין פּאַריז, וווּ ער איז געווען טעטיק אין אָרטיקן ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן לעבן. איז געווען גרינדער און איינער פון די אָנפירער פון פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן אין פּאַריז, פון פאַרבאַנד פון שרייבער־פּליטים, און פון ייִדישן פּען־קלוב. האָט מיטגעאַרבעט אין דער פּאַריזער ייִדישער פּרעסע: „אונזער שטימע", „אונזער וואָרט", „קיום" א״אַ. אונטער זיין נאָמען און אונטער די פּסעוודאָנימען: פּ. גרים, קאַרל גרים, ל. אַנגליסטער, פּ. אַמסטער, מ. גימל, מ. בן־יעקב, י. שבת, מ. פּאַזאַנט, לאה, מ. ראָזעס, מ. פּלינט און משה ישראלי, האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע אַר־

בעטן אין „צוקונפט״ און „פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, „פאָלקסבלאַט״, אורוגווײַ, „נײַע יידישע צײַטונג״, מינכען, און אין „דבר״, „הדור״, „הצופה״ אין תל־אביב.

אין 1948 איז גראָסמאַן געקומען קיין ניו־יאָרק ווי אַ דעלעגאַט צום אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. איז נאָכן קאָנגרעס צוריקגעפאָרן קיין פּאַריז. האָט דאָרט אַרויסגעגעבן „אין פאַרכישופטן לאַנד פון לעגענדאָרן דזשוגאַשווילי״ (מײַנע זיבן יאָר לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד), פּאַריז 1949, באַנד 1, 336 ז׳, באַנד 2, פּאַריז 1949, 318 זײַטן. איז אויך דערשינען אין אַ צווייטער אויפלאַגע, פּאַריז, 1950, און איז זייער גוט אויפגענומען געוואָרן דורך דער גאַנצער ייִדישער און העברעיִשער פרעסע. „...דאָס בוך („דזשוגאַשווילי״) איז בלי ספק אַ קלאַסיש בוך״ (יעקב גלאַטשטיין). „...אין זײַן שרײַבן איז דאָ די קלאָרקייט און פּשוטקייט פון אַן איש אמת. דאָס איז אַ הויכע מדרגה...״ (ש. ניגער). דאָס דאָזיקע וואָגיקע צוויי־בענדיקע ווערק איז אויך דערשינען אין העברעיִשער איבערזעצונג (איבערזעצער א. בן מאיר) ערשטער באַנד ת״א תשי״א), צווייטער באַנד (איבערזעצער י. חגי), ת״א 1951. אין מאַי 1954 האָט משה גראָסמאַן באַקומען פאַר זײַנע צוויי ביכער „דזשוגאַשווילי״ די ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון ד״ר ב. סוראָוויטש, ביים ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

אין 1950 איז מ. גראָסמאַן עולה געווען קיין מדינת ישראל, דאָרט זענען דערשינען „היימישע געשטאַלטן״, דערציילונגען, פּאָרטרעטן, מיניאַטורן, ת״א 1953, 317 זײַטן. „דער ווידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער״, פּאָליטישער ראָמאַן, ת״א 1955, 288 זײַטן.

אין 1951—1953 האָט מ. גראָסמאַן מיטרעדאַקטירט די צײַטונג פון מפא״י, „דאָס וואָרט״ (תחילת דרײַ מאָל אַ וואָך און דערנאָך טעגלעך), און דעם צוויי־וועכנטלעכן אילוסטרירטן זשורנאַל „יידישע בילדער״, ת״א 1951—1952. אין 1956 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין ת״א דעם חודש־זשורנאַל „היימיש״, וועלכן ער האָט רעדאַקטירט און פאַרעפנטלעכט אין אים זײַנע ליטעראַרישע און אינפאָרמאַטיווע אַרבעטן וועגן ייִדישן קולטור־

לעבן אין דער יִידישער וועלט.* איז באַטייליקט מיט אַ וויכטיקער אַרבעט וועגן וואַרשעווער „היינט" און באַנד 2 „פון נאָענטן עבר". אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יִידישן קולטור־קאָנגרעס, נ"י 1956, אַ גוט דאָקומענטירטע מאָנאָגראַפיע וועגן דער גרויסער וואַרשעווער טאָגצייטונג, זינט איר אַנטשטיין, ביז צום דערשיינען פון איר לעצטן נומער, אונטער דעם פייער פון די נאַצישע באָמבעס איבערן יִידישן וואַרשע. מ. ג. האָט אויך רעדאַקטירט דעם יזכור־בוך קאָריוו, ת"א 1955, 1150 זייטן. וווינט אין ת"א, אַרבעט מיט אין דער דאָרטיקער יידישער און העברעיִשער פרעסע, און איז געשעצט ווי אַ וויכטיקער ליטעראַט. „...משה גראָסמאַן איז אַ ליטעראַרישער טאַלאַנט וואָס מיר האָבן נישט קיין סך אַזעלכע... זיי ווייסן, ווי גרויס ס'איז דער פלאַם, ווי שאַרף דאָס אויג, און ווי גרויס עס איז די שילדערונגס־קראַפט פון דאָזיקן ווערק („דזשוגאַשווילי"), אָבער אַוודאי און אַוודאי ווייסט דאָס דער, וועלכער קען זיין גרויסן ביאָגראַפישן ראָמאַן „קאַרל מאַרקס"... שרייבט ד"ר ע. קאַרלבאַך.

משה גראָסמאַן איז נפטר געוואָרן אין ב' דחול המועד סוכות, 27 סעפּטעמבער 1961 אין תל־אביב.

וועגן זיינע ביכער האָבן פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען:

ש. ניגער, „טאָג", ניו־יאָרק, 24 יוני 1934 ; ד"ר ע. קאַרלבאַך, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 19 אַפּריל 1935 און „מעריב" ת"א 23 אפּריל 1954 ; י. ראַפּאָפּאָרט, „צוקונפט", נ"י, אויגוסט 1938 און „פרייע אַרבעטער שטימע", ניו־יאָרק, 11 פעב' 1954 ; א. מוקדוני, „מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, 14 יוני און 25 דעצ' 1949 ; ח. ש. קאַזשדאַן, „פּאָרויס", מעקסיקע, 1 יוני 1949 ; י. לעשטשינסקי, „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 10 יולי 1949 ; ד"ר א. באָרוויטש, „פּראָבלעמען", פּאַריז, יולי 1949 און „פרייע אַרבעטער שטימע", ניו־יאָרק, 11 נאָוו' 1949 ; ח. ליבערמאַן, „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 15 אויג' 1949 און 12 מאַי 1954 ; י. וואַרשאַווסקי, „פאָרווערטס", נ"י, 9 אָקט' 1949 און 31 יאַנ' 1950 ; ג. אַראָנסאָן, „צוקונפט", נ"י, יאַנ' 1951 ; א. לעיע־

* דער זשורנאַל „היימיש" איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון משה גראָסמאַן ביז 1961, דאָס יאָר פון זיין פּטירה.

לעס, „טאָג״, נ״י, 19 יאַנ׳ 1952 ; ד. פינסקי, „דאָס וואָרט״, ת״א, 15 יאַנ׳ 1953 און „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, נ״י, 8 יוני 1954 און י. יאַנאַסאָוויטש, „די נייע צייט״, ב״א, 12 מערץ 1954 און „די פרעסע״, ב״א, 29 אַפריל ; י. גלאַטשטיין, „אידישער קעמפער״, נ״י, 16 יולי 1954 ; ל. דאָמאַנקעוויטש, „אונזער וואָרט״, פּאַריז, נומ׳ 6 (2679) און 109 (2782) ; י. גוטהלף, „דבר״, ת״א, 16 דעצ׳ 1955 ; י. פּאַט, „דער וועקער״, 15 דעצ׳ 1955 ; יזכּור־בוך קאָריוו, ת״א 1955, ז״ז 813—814 ; ד״ר א. מוק־דוני, „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, 26 פעב׳ 1956 ; ש. ראָזשאַנסקי, „יידישע צייטונג״, ב״א, 7 פעב׳ 1954 ; ש. קאַטשערגינסקי, אָנדענק־בוך, ב״א, 1955, ז״ז 46—52 ; י. י. ראַפּאָפּאָרט, „די יידישע פּאָסט״, מעלבורן, 9 מערץ 1956 ; א. גאָרדין, „פרייע אַר־בעטער שטימע״, נ״י, 7 סעפּט׳ 1956 ; מ. רייניהאַרץ, „פּאָרויס״, מעקסיקע, אַפּריל 1956 ; י. יאַנאַסאָוויטש, „די פרעסע״, ב״א, 23 מאַי 1956 ; מ. וואַלדמאַן, „צוקונפט״, נ״י, פעב׳ 1956 ; מ. ראַוויטש, „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, 16 יולי 1956 ; ש. סלוצקי, אברהם רייזען־ביבליאָגראַפיע, נ״י, 1956, נומ׳ 4711 ; „ליטעראַרישע העפטן״, נומ׳ 53—54, (ל״אַ) לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, יאַנ׳־יוני 1957 ; מ. שמריהו, „מעריב״, ת״א, י״ט אָב תשי״ז ; יעקב גימל (גלאַנץ), „דער וועג״, מעקסיקע, 14 דעצ׳ 1957 ; אי. פעפער „אייניקייט״, מאָסקווע, 16 יאַנ׳ 1948 ; מ. יפה, „הבוקר״, ת״א, י״ז שבט תשי״ח ; מ. גינזבורג, „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאָל, 17 פעב׳ 1958 ; ש. ג. „אומר״, ת״א, י״א טבת, תשי״ח ; דיבון „אומר״, כ׳ כסלו תשי״ח.

(זיינוויל דיאַמאַנט, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, צווייטער באַנד).

אינהאַלט

	זייט
פאָרוואָרט	7

ישראל־מאָטיוון

דאָס שליסעלע און דער שליסל	11
אַ ניי מזרח־מעשׂהלע	32
וועגן איינער אַ געוויסער גאַס אין תּל־אביב	37
ער איז נייטיק — משיח	43
אומרו אין ירושלים	46
אַ חשק צו נגינה	49
נישט קיין מיליטערישער סאַלוט	51
טויזנט און איין נס	53
אַ שאָד וואָס איך גלייב נישט	59
לאָך נישט	61
מיינס און אונדזערס	65
די אַקטריסע	68
אוי, תּמיד דער שרייבער אין אים	71
אַ האַלבע שעה שפּאַציר צו וויטקייטן	75

געשטאַלטן און עפּיזאָדן

מאַטעלע מאַנצאַזש	83
מאיר מעכל	91
נתן מילשטיין	118
אַ קינדישער עפּיזאָד וועגן אַ לעבל ברויט	133
און דווקא ערב יום־כּיפּור	141
מיין לערער פון פראַנצייזיש	151
פּאַריז איז שיין און מיאוס	159

קאַרל מאַרקס

זייט

פראַגמענטן פון בוך ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס 167

דערוואַכונג

פראַגמענטן פון בוך ד ע ר ו ו אַ כ ו נ ג 191

אין פאַרכישופטן לאַנד

אונטערערדישע אוניווערסיטעטן 245

ראַיאָ 280

אַ גריף צו אַ פידל 287

קאָנוואַליען 296

דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון משה גראָסמאַן 305

ביכער פון משה גראָסמאַן ז״ל

פלאַמען אין רויך
ראָמאַן פון אַן אַרבעטער־סביבה
וואַרשע, 1931

האַמער אויף האַרפע
נאָוועלן
וואַרשע, 1933

קאַרל מאַרקס (ביי זיין שוועל)
ביאָגראַפישער מאָנטאַזש־ראָמאַן
וואַרשע, 1934
צווייטע אויפלאַגע. פאַרלאַג מאַרק ראַקאָווסקי, וואַרשע, 1936
אין פוילישער איבערזעצונג — ס. רעי, פאַרלאַג „זניטש״, וואַרשע, 1935

דערוואַכונג
היסטאָריש־ביאָגראַפישער ראָמאַן וועגן ראָזאַ לוקסעמבורג
פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, 1937

אין פאַרכישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי
באַנד 1 — 2, פאַריז, 1949
צווייטע אויפלאַגע, פאַריז, 1950
אין העברעישער איבערזעצונג :
1טער באַנד — א. בן־מאיר ; 2טער באַנד — י. חגיז
פאַרלאַג נ. טברסקי, ת־א, 1951

היימישע געשטאַלטן
תל־אביב, 1950

ווידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער
תל־אביב, 1955
אין העברעישער איבערזעצונג — נ. גינתון
פאַרלאַג נ. טברסקי, ת״א, 1957
אין ענגלישער איבערזעצונג : י. לאַסק.
פאַרלאַג „רחל״, תל־אביב, 1960

שטויב און אייביקייט
פון די פאַרבליבענע כתבים און פראַגמענטן פון דערשיינענע ווערק
משה גראָסמאַן־קאָמיטעט, קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ
תל־אביב, 1970